STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06521

BRODVEY UN TEL-AVIV

Chone Gottesfeld

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צו יוסף מפין

מיט טיפער פרײַנדשאַפֿט

[illegible]

בראָדוועי

תל אָביב

גלאַט אַזוי

חנא גאָטעספעלד
(טוביה שמייכעל)

בראָדוועי
און
תל אָביב

אַרויסגעגעבן פֿון חנא גאָטעספעלד בוך־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1951

BROADWAY AND TEL AVIV

by

CHONE GOTTESFELD

Copyright, 1951
by
CHONE GOTTESFELD
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A., by
Aber Press, Inc., 225 Varick Street, New York, N. Y.

חנא גאָטעספעלד

אינהאַלט:

בראָדוועי רופֿט מיך

הערט מיך אויס (אָנשטאָט אַן הקדמה) 11

בראָדוועי און סעקאָנד עוועניו 15

מיין ווייב איז באַגייסטערט 19

איך געזעגען זיך מיט סעקאָנד עוועניו 21

בראָדוועי זאָגט מיר צו אַ מיליאָן 23

מען איז מיך מקנא 26

ענגלאַנד קויפט מיין פּיעסע 29

איך הייס מעקינלי 33

אין לאָנדאָן 37

אין וואַרשע 39

איך בין שוין ווידער אויף בראָדוועי 45

אַ זיפּער מאַנופעקטשורער 48

די בראָדוועיער מנחם מענדעלס 52

איך קום אַהיים שיכור 55

איך גיי אויף דער עקידה 59

איך זאָג צו אַלעמען שטעלעס 61

אפשר ? 64

איך ווער אַ זינגער 66

איך פּאַטש אַ קריטיקער אין חלום 73

איך קלייב כאָריסטקעס 78

אַ דעבאַטע וועגן קונסט 80

מיין לאַנדספּרוי 83

אַ ריהוירסעל פאַר אַ געלט געבער 88

דער בלאָנדער מלאך 96

מיין ווייב טיילט שוין טיקעטס 102

עצות פון די געלט געבער 104

מ׳שמד׳ט די העלדען פון מיין פּיעסע 108

מיינע שכנים ביי אַ ריהוירסעל 113

ערשטע פאָרשטעלונג אין באָפאַלאָ 118

מיין פּיעסע געפעלט מיינע קרובים אין פּיטסבורג 124

באַרימטער שרייבער קומט פּיקסען מיין פּיעסע 130

דזשוליוס פּאַרליבט זיך דורכ׳ן טעלעפאָן 137

דער גרויסער קאָמיקער לאָמבאַרדי 141

מיין פּיעסע ווערט אויפגעפירט אין ניו־יאָרק 144

אַלע צייטונגען רייסען אַראָפּ מיין פּיעסע 149

מיין פּיעסע ווערט פּלוצלונג אַ „דערפאָלג“ 154

מיינע צוויי הינט 159

אַן אויטאָמאָביל פאָרט מיך איבער 163

קיין תל־אָביב פאָר איך

מיין רייזע קיין מדינת ישראל (אַנשטאָט אַן הקדמה) 169
איך פאָר מיט געראַטעוועטע אידען 173
די פּלייצע „אַמעריקע" 177
יציאת מצרים 180
אויף דער שיף „פּאַן יאָרק" 184
אַ פוס פון משיח׳ס פערדעל 187
איך און מיין פּלייצע 188
אין האָספּיטאָל 191
איינער פאָרט קיין וויען און איינער קיין ישראל 194
אַ חומש׳ל און אַ תהילימ׳ל 198
מען פאָרט אַריין קיין ישראל 201
אין חיפה 203
אַ פּאָליציימאַן אין חיפה 206
דער קאָסטאָם אינספּעקטאָר 209
דער צענזאָר פון מדינת ישראל 211
אין פּאַרלאַמענט 215
וואָס איך הער און זע אין תל אָביב 218
איך האָב ניט קיין מורא 220
אויף אַ „באָס" 222
אין באר שבע 224
דער גענעראַל וואָס האָט געגומען באר שבע 227
אין ירושלים 228
מיין קוזינע 232
ביים באַרבער 234
אין האָטעל עדן 237
ס׳איז גוט צו זיין אַ שרייבער אין ישראל 239
נחמיה, בן גוריון׳ס סעקרעטאַר 243
מיין אינטערוויו מיט פּרעמיער בן גוריון 248
דעבאַטע וועגען „גרינע" און „געלע" אין אַ שוץ קעלער אין תל אביב 254
איך קען ניט אַוועקפאָרען פון טבריה 260
דער זיגער 266
ישראל האָט אים איינגעלאַדען 269
פאַרענדיג אַהיים פון ישראל 271

גלאַט אַזוי

די היינטיגע גרינע 279
אַ נאַרישע כפרה 284
מען שטעלט אונז פאָר 287
איך האָב אַן אַפּאַרטמענט און זוך אַ רום 290
עקס־פּרעזידענט מענדעל 294
ער איז נישט קיין לייט 299
אַ לעזער גיט מיר אַ קאָמפּלימענט 304
ליבע אין אַ האָספּיטאַל 308
צוליב רוסלאַנד האָב איך זיך אויסגעלערענט שווימען 312
אַ העלד אויף אַ פּאָר מינוט 316

בראָדוועי רופט מיך

די גליקען פון אַ אידישען שרייבער

הערט מיך אויס!

ווען מיינע אַ פּיעסע וואָלט געווען אַן ערפאָלג אויף בראָדוועי, וואָלט מען געשטאַנען אַרום מיר מיט אויפגע־שטעלטע אויערן צו הערן וואָס איך זאָג.

ווען מיין פּיעסע וואָלט געווען אַן ערפאָלג אויף בראָד־וועי, וואָלט מען מיט מיר געהאַט אינטערוויוס און מען וואָלט וועגן מיר געשריבן און געשריבן. מען וואָלט וועגן מיר דערציילט ווי איך האָב אויסגעזען אַלס בייבי. איך האָב שוין דאַמאָלס אויסגעזען ווי אַ גרויסער טאַלאַנט. אויף מיין שפּיץ נעזעל האָט מען דערקענט, אַז איך וואַקס אַ זשעני. ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען חומש האָב איך געהאַלטען אַ דרשה, וואָס דער רבי האָט מיך אויסגעלערנט, אָבער איך האָב ניט געזאָגט וואָס דער רבי האָט מיך געלערנט צו זאָגן, נאָר איך האָב גערעדט מיינע אייגענע ווערטער. האָבן זיי געמיינט, אַז איך האָב פאַרגעסען די דרשה. אָבער איך האָב פּשוט ניט געוואָלט נאָכזאָגן ווי אַ פּאָפּוגיי וואָס מיין נאַרישער רבי האָט מיך אויסגעלערענט. איך האָב געזאָגט מיין אייגענע דרשה — אַ זשעני.

ווען איך בין געווען בר מצוה האָב איך דעם ערשטען טאָג שוין אויפגעהערט דאַווענען, ווייל איך האָב ניט גע־

וואָלט נאָכזאָגעץ די תפילות וואָס אַנדערע האָבען אָנגעשריבען. איך האָב שוין אַליין געשריבען תפילות, מיט זמירות, מיט שירים — אַ זשעני.

מען וואָלט געמאָלען בילדער פון מיר, ווי איך, דער זשעני, האָב אַמאָל געפּעדעלט מיט בענדלעך פון שיך, פאַרקויפט צייטונגען, געווען אַן אַגענט פון זינגער מאַשינען, געהאַט אַ קענדי סטאָר, און צו קיין זאַך ניט געטויגט; ווי איך, דער זשעני, בין געוואָרן די גרויסע באַרימטקייט איבער וועמען האָליוואוד שלאָגט זיך.

מען וואָלט באַשריבען ווי אַזוי איך, דער זשעני, זע אויס, ווי איך בין ברוגז ווען ס'איז אַ שלעכטער וועטער און שמייכעל ווען די זון באַווייזט זיך; ווי איך רעד ניט קיין סך, אָבער זאָג איך עפּעס איז דאָס ווי געוואויגען מיט גאָלד.

מען וואָלט געמאָלען מיין שרייב-טיש, ווי אַזוי איך האַלט איין האַנט אויפ'ן טיש און אַ פוס אויף אַ פוס ווען איך שרייב. מען וואָלט מיך געשילדערט ווי אַזוי איך שפּאַציר אַרום אַהין און צוריק ווען איך זוך אַ טעמע, ווען איך זוך שטימונג, און איך רויכער אויס אַ דרייסיג סיגאַרעטלעך און איך הוסט פון די סיגאַרעטלעך. מען וואָלט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט וועגען מיין טרייעשאַפט צו די סיגאַרעטלעך פון די צייטען נאָך ווען איך בין געווען אָרעם. איך וויל זיי ניט פאַרלאָזען און זיך נעמען צו סיגאַרען, ווי עס האָבען געטאָן אַלע אַנדערע, וועלכע האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט. ניט איך. איך בין ניט קיין פאַררעטער.

מען וואָלט אויך באַשריבען מיין ווייב, ווי זי העלפט

מיר קריגען באַגייסטערונג און שטימונג צום שרייבען. זי אַליין ענטפערט די טעלעפאָנס און בעט מען זאָל מיך, פאַר די קומענדיגע דריי חדשים, ניט רופען, ווייל איך בין זייער פאַרנומען, איך האַלט שויןביים אָנהויב פון צווייטען אַקט.

מען וואָלט זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט וועגען דעם ווי אַזוי איך האָב געשריבען מיין גרויסע ערפאָלגרייכע פּיעסע, ווי אַזוי איך האָב מיט איר געפּעדעלט. קיינער האָט זי ניט געוואָלט. מען האָט געלאַכט פון מיר. מען האָט מיך געהאַלטען פאַר אַ קרענק, ביז ס'איז געקומען דער געניאַלער פּראָדיוסער גמליאל און ער האָט זיך דערפרייט מיט דעם ווערק, דערזען מיין גרויסקייט, אויפגעפירט די פּיעסע און געמאַכט גליקליך זיך, דעם פּאַרפאַסער און די וועלט.

מיינע אַלטע פריינד וואָלטען מיר ניט פאַרגינען דעם ערפאָלג. אָבער אין די אויגען וואָלטען זיי מיך גע'חנפ'עט און הינטער די אויגען וואָלטען זיי זיך מיט מיר באַרימט און געזאָגט: „אָט דער גרויסער מענש איז מיינער אַ פּער־זענליכער פריינד. איך האָב אים אַמאָל געליהען אַ דאָלער און ער האָט ניט אָפּגעגעבען, און היינט איז ער אַזוי רייך, האָט אַ סעקרעטאַר און אַ סעקרעטאַריך, מיט צוויי אָטאָ־מאָבילען און מען קען צום אים ניט צוקומען אָהן אַן אַפּאָינטמענט”.

דאָס אַלעס וואָלט פּאַסירט ווען מיין פּיעסע וואָלט געווען אַן ערפאָלג אויף בראָדוועי. איז אָבער די פּיעסע ניט געווען קיין ערפאָלג, נאָר אַ דורכפאַל. איז קיינער שרייבט וועגען דעם ניט אַ וואָרט. קיינער פרעגט מיך אַפילו ניט: „וואָס איז געשען? פאַרוואָס איז די פּיעסע דורכ־

געפאַלען ?" איך האָב אַזויפיל צו דערציילען. מיין האַרץ איז פול. אָבער קיינער זאָגט מיר ניט אַ וואָרט. קיינעם אַרט עס ניט. מען דרייט אַוועק די קעפּ פון מיר. מען וויל מיך פאַר רחמנות ניט-אָנקוקען.

פריינד מיינע, וואו זייט איר? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אייך געטאָן? אמת, מענשען האָבען אין מיין פּיעסע פאַרלאָרען אַ פערטעל מיליאָן דאָלער. אָבער ביי יענע שפּילט דאָס ניט קיין ראָלע. וואָס זייט איר אויף מיר ברוגז? וואָס וואָלט איר געהאַט דערפון ווען איך וואָלט געווען אַ סוקסעס? איך וואָלט זיך געהאַלטען גרויס. איך וואָלט זיך געבלאָזען. איך וואָלט זיך געשעמט מיט אייך. איך וואָלט אייך ניט דערקענט. אַזוי בין איך איינער פון אייך, צוריק אויף סעקאָנד עוועניו, אַן אייגענער מענש, נעמט מיך אויף פריינדלעך, הערט זיך איין וואָס איך האָב צו דערציילען. הערט מיך אויס!

בראָדוועי און סעקאָנד עוועניו

בראָדוועי.

דאָס וואָרט בראָדוועי איז פאַר פילע אַ צויבער־וואָרט.

פאַראַן מענשען, ווען זיי האָבען אַ ביסעל צייט לויפען זיי אויף בראָדוועי, שטופען זיך אין ענגשאַפט, צאָלען פאַר זען אַ מואווי צוויי אָדער דריי מאָל אַזוי פיל ווי אין זייער נאָכבאַרשאַפט, אַבי אויף בראָדוועי.

פילע חלומ׳ען וועגען בראָדוועי, זעען זיך דאָרט אַלס פאָרפאָסערס, אַלס פּראָדיוסערס, אַלס אַקטיאָרען, אַלס ביזנעסלייט, אַבי דאָרט, דאָרט, אין דער גאַס, וועלכע ווערט יעדע נאַכט פאַרטונקען פון עלעקטרישער באַלייכטונג.

אַ קלייניגקייט בראָדוועי!

איך האָב קיינמאָל אַפילו ניט געטראַכט וועגען בראָדוועי. איך בין ניט פון די, וועלכע קענען גיין מיט די עלענבויגענס. איך קען זיך ניט שטופען. איך האָב פיינט ענגשאַפט, טומעל.

ביי מיר איז סעקאָנד עוועניו געווען אַ סך חשוב׳ער, ספּעציעל דער טייל סעקאָנד עוועניו, וואו עס האָט זיך געפינען „קאַפע ראָיאַל" און דאָס „פאָלקס־טעאַטער", אָדער ווי מען האָט עס אַמאָל גערופען דאָס „קונסט־טעאַטער".

ביי מיר איז יענער טעאַטער געווען וויכטיגער ווי אַלע בראָדוועי טעאַטערס, ווייל דאָרט האָט מען געשפּילט אַ טייל פון מיינע פּיעסען.

דאָס איז געווען מיט אַ צאָל יאָרען צוריק. אין יענעם טעאַטער האָט מען געשפּילט „מחותנים". ביי מיר איז יענע פּיעסע געווען ניט בלויז ליבער פון אַלע פּיעסען אין דער וועלט, ווייל זי איז געווען מיינע, נאָר זי איז מיר אויך געווען טייערער פון אַלע מיינע אַנדערע פּיעסען, ווייל איך האָב פון איר געהאַט מער צרות ווי פון מיינע אַלע

אַנדערע טעאַטער שטיק. אַלע טעאַטערס האָבען זיך אָפּגעזאָגט די פּיעסע צו שפּילען, און אויך אין דעם טעאַטער, וואָס איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו טעאַטער, האָט מען געשטימט וועגען דער פּיעסע דריי מאָל ביז מען האָט ענדליך באַשלאָסען, מיט אַ מאַיאָריטעט פון איין שטימע, צו שפּילען די פּיעסע. די, וועלכע האָבען געשטימט געגען, זיינען געוואָרען מיינע געגנער, און איך האָב אויך צוגעקראָגען אַלס מיינע שונאים יענע, וואָס האָבען געהאַט קליינע ראָלען. די כאָוויירים האָבען געזידעלט די פּיעסע, ווייל מען האָט דאָרט גערעדט וועגען דער רעוואָלוציע ניט אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואָלט. מיט יעדער פּיעסע מיינער וואָס מען האָט געשפּילט, פלעג איך פאַרגרעסערען די צאָל פון מיינע שונאים. אָבער מיינע „מחותנים” האָבען מיר געבראַכט מער שונאים ווי אַלע מיינע אַנדערע קאָמעדיעס. דערפאַר האָב איך זי מער ליב געהאַט.

ווען מען פלעגט שפּילען מיינע אַ קאָמעדיע האָב איך ליב געהאַט צו שטיין ביים טעאַטער און זען די מענשען, וועלכע גייען אַריין זען מיין פּיעסע. איך האָב געפילט ווי יעדען איינעם פון זיי צו באַגריסען און געבען אַ מתנה פאַר קומען זען מיין טעאַטער־שטיק. איך פלעג שטיין, אויסרויכערען אַ מאַסע סיגאַרעטלעך, פאַרברענען מיין סוט און קוקען פריינדליך אויף די, וועלכע גייען צו מיר אין טעאַטער און זיי ווינשען, אַז זיי זאָלען זיך אַמוזירען, זאָלען פילען גוט און לעבען לאַנג.

איינמאָל, בין איך אַזוי געשטאַנען ביים טעאַטער אין אַ רעגענדיגען אָווענט און געוואַרט אויף די טעאַטער־גייער. אָבער זיי זיינען ניט געגאַנגען, זיי זיינען ניט געקומען. איך האָב געקוקט אויפ'ן הימעל, צי לייטערט ער זיך אויס, אָבער דער הימעל איז געווען שטאַרק אין כעס, פאַרדעקט מיט שוואַרצע וואָלקענס און זיך ניט אינטערעסירט מיט אַ פאַרפאַסער, וועלכער בעט גאָט אויף אַ שיינעם וועטער, וואָס וויל אַז זיין פּיעסע, זיינע „מחותנים”, וועלכע האָט אַזוי פיל שונאים, זאָל ניט ווערען פאַרשעמט. עס רעגענט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, און מען זעט ניט אַ מענשען פאַר קיין רפואה.

פּלוצלונג זע איך, עס פאַרפאָרט אַ טעקסי, עס גייט אַרונטער אַ מאַן, באַצאָלט דעם דראַיווער און לאָזט זיך אַריין אין דער לאָבי פון טעאַטער. איך גיי אים נאָך. איך וויל זען ווי זעט אויס דער ליבער מענש, וואָס גייט אין אַזאַ שרעקליכען וועטער זען מיין פּיעסע. זאָל לעבען און גליקליך זיין דער טייערער מענש!

דער טייערער מענש, דער ליבער קאַסטימער מיינער, דרייט זיך אין דער לאָבי, קוקט אויף די בילדער, און ווי עס זעט אויס האָט ער ניט קיין חשק צו קויפען קיין בילעט, ווייל ער זעט ווייניג מענשען. ער וויל מסתמא ניט זיצען איינער אַליין אין טעאַטער. פּלוצלונג דערזעט ער מיך. ער לויפט צו צו מיר. ער קען מיך. ווער איז ער? אָ, יאָ! איך קען אים. ער איז דזשוליוס, אַן אַמעריקאַנער סאָנג־־שרייבער.

— העלאָו, מר. דזשוליוס!

— העלאָו, פּאַרפאָסער!

— איך וועל איך קריגען בילעטען. וויפיל דאַרפט איר? — פרעג איך אים.

— אַ דאַנק — זאָגט ער. — איך האָב געוואָלט אַליין קויפען. איך האָב געהערט, אַז עס איז זייער אַ גוטע זאַך, אָבער אַזוי ווי עס זייבען היינט ניטאָ קיין סך מענשען, וועל איך קומען אַן אַנדערש מאָל. איך האָב ליב צו זען אַ פּיעסע צוזאַמען מיט אַ גרויסען עולם.

— אַלע מאָל איז דאָ געפּאַקט — פאַרענטפער איך מיין פּיעסע — אָבער היינט איז אַזאָ וועטער. ביי אידען קויפט מען ניט קיין בילעטען פאָראויס ווי ביי די גוי׳אישע טעאַטערס. און אין קיין טעקסיס פאָרט מען דאָ ניט ווי אויף בראָדוועי. און אידען האַלטען ניט פון אַמברעלאָס. איז דערפאַר אַז עס איז אַ שלעכטער וועטער פוסטעוועט דער טעאַטער.

— ס׳איז טעריפיק, גוואַלדיג! — רופט אויס דער אַמעריקאַנער שרייבער — אַזאַ מענש ווי איר, האָט געדאַרפט זיין אויף בראָדוועי, ניט אויף סעקאַנד עווענין!

— איך האָב ליב סעקאַנד עווענין — זאָג איך אים — עס איז שטיל, ניט ענג.

— טעריפיק, גוואַלדיג! — שרייט אויס מיסטער דזשוליוס — אַזאַ מענש ווי איר אויף בראָדוועי וואָלט אַליין געוואָרען גליקליך און געמאַכט בראָדוועי גליקליך. אייערע אַ פּיעסע אויף ענגליש, אויף בראָד־וועי! טעריפיק!

— איך דאַרף ניט בראָדוועי — זאָג איך אים — איך קען ניט גליקליך מאַכען בראָדוועי. איך קען בלויז אַליין אומגליקליך ווערען. איך בין אַ איד, אַ מענש וואָס קרעכצט. בראָדוועי לאַכט פריי, הפקר׳דיג, און איך קרעכץ.

— „טעריפיק״, גוואַלדיג! — שרייט אויס דער סאָנג שרייבער, — בראָדוועי דאַרף איך האָבען! בראָדוועי לאַכט צו־פרעך. עס פעלט דאָרט אַ קרעכץ. בראָדוועי דאַרף האָבען אַ מענשען וואָס זאָל אויס־

שרייען: לאַך מיט אַ מאָס און מיט אַ טרער כאָטש אין איין אויג! איר זיינט עס דער מאַן! אייער קרעכץ וועט ראַטעווען בראָדוועי! איר וועט שרייבען די פּיעסען און איך די סאָנגס, און צוזאַמען וועלען מיר שטורמען בראָדוועי! איר וועט קרעכצען און איך וועל לאַכען. וואָס פאַר אַ קאָמבינייישאָן! נאַט אייך מיין אַדרעס. קומט מאָרגען צו מיר אין אָפיס! קומט! וואָס פאַר אַ קאָמבינייישאָן! אַ קרעכץ מיט געלעכטער! טעריפיק! קומט מאָרגען! בראָדוועי וואַרט אויף אייך!

מיין ווייב איז באַגייסטערט

ווען איך האָב דערציילט מיין ווייב, אַז דער אַמעריקאַנער סאָנג שרייבער דזשוליוס האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך אין אָפיס אויף בראָדוועי, אַז ער וויל מיט מיר צוזאַמען שרייבען פּיעסען פאַר׳ן אַמעריקאַנער טעאַטער, אַז ער האַלט מיך פאַר אַ גאַר אַ גרויסען טאַלאַנט, האָט זי געזאָגט, אַז פאַר איר איז דאָס ניט קיין איבערראַשונג, אַז זי האָט מיך שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ זשעני, ניט קיין נאָרמאַלען מענש, און אַז זי האָט געפילט, אַז מיין צייט וועט קומען און בראָדוועי וועט מיך רופען. זי האָט וועגען דעם גע׳חלומ׳ט. ענדליך איז איר חלום מקוים געוואָרען.

זי האָט פון גרויס באַגייסטערונג מיר ערקלערט, אַז זי גייט טאַקע באַלד זיך קויפען אַ נייע דרעס. זי האָט געזען אין אַ שאָו־ווינדאָו אַ דרעס, וועלכע איז איר שטאַרק געפעלען. זי האָט ניט געקויפט, ווייל עס האָט געקאָסט צו טייער. אָבער איצט, ווען בראָדוועי רופט מיך... זי גייט דאָס גלייך קויפען.

איך האָב געבעטען מיין ווייב זי זאָל וואַרטען מיט דער דרעס ביז מען וועט זען דעם רעזולטאַט. דערווייל האָט מען בלויז גערעדט. עס קען דאָך טרעפען, אַז פון אַלעס זאָל זיך אויסלאָזען אַ בוידעם. אפשר בין איך צו אומעטיג פאַר בראָדוועי?

מיין ווייב האָט מיר געענטפערט, אַז איך טויג בלויז צום שרייבען, אַז ס׳קומט צו פּראַקטישע זאַכען פאַרשטיי איך גאָר ניט. דער פאַקט וואָס אַן אַמעריקאַנער סאָנג־שרייבער איז געקומען צו מיר, ניט איך צו אים, ער בעט מיך צו שרייבען פאַר בראָדוועי, ניט איך האָב זיך געבעטען ביי אים, איז דאָס אַ זיכערע זאַך. מען קען אויף דעם חשבון

קויפען ניט בלויז אַ דרעס, נאָר אויך אַ פאָר־קאָוט. אָבער מיט׳ן פאָר־קאָוט וועט זי נאָך וואַרטען.

— דו גיי אויף בראָדוועי און איך גיי קויפען אַ דרעס — האָט זי געזאָגט ענטשלאָסען.

מיר זיינען ביידע געגאַנגען.

איך געזעגען זיך מיט סעקאָנד עוועניו

עס איז געווען אַ שיינער הערבסט־טאָג, אין אַ מאָנטאָג. איך האָב, אַן אויסגעפּוצטער, זיך געלאָזען אויף בראָדוועי. איך בין געגאַנגען אַהין דורך סעקאָנד עוועניו. איך האָב זיך געזעגענט מיט סעקאָנד עוועניו. איך האָב צו סעקאָנד עוועניו אַזוי געזאָגט:

„גוד־באַי, מיין ליבע סעקאָנד עוועניו, גוד־באַי! זיי געזונט, זיי מיר מוחל וואָס איך פאַרלאָז דיך! וואָס מיט מיר זאָל ניט פּאַסירען, ווי רייך איך זאָל ניט ווערען, איך פאַרזיכער דיר, אַז איך וועל דיך ניט פאַרגעסען. ווי קען מען דען דיך פאַרגעסען? דו האָסט קיינמאָל ניט געלאַכט פון מיר ווען דו האָסט מיך געזען אין דער גרעסטער אומגליקליכער קאָמישער סיטואַציע.

„ווען איך בין אַרויסגעקומען אַ פאַרצווייפעלטער פון אַ טעאַטער מיט אַ פּיעסע אונטער'ן אָרעם און דו האָסט געוואוסט, אַז דער טעאַטער אייגענטימער האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען ניט שרייבען און מיך געטרייסט, אַז אַלע גרויסע מענשען האָבען ניט געקענט שרייבען קיין פּיעסען. אברהם אבינו, האָט ער געזאָגט, האָט ניט געקענט שרייבען קיין פּיעסען; משה רבנו האָט ניט געשריבען קיין פּיעסען; נאַפּאָלעאָן האָט ניט געשריבען קיין פּיעסען; פּראָפעסאָר איינשטיין קען ניט שרייבען קיין פּיעסען. דו האָסט אַלעס געהערט און ניט געלאַכט פון מיר.

„ווען ביים שפּילען פון מיינס אַ פּיעסע איז געווען קאַלט אין טעאַטער און ווען ס'איז געקומען צום שלוס פון צווייטען אַקט, האָט זיך דער סטים אויפגעכאַפּט און גענומען געוואַלדעווען און איבערשרייען די אַקטיאָרען, האָסטו אַלעס געזען און געהערט און ניט געלאַכט פון מיר.

„ווען די טשעקלאַך, וועלכע איך האָב געקראָגען פאַר מיינע

ראַיעלטיס, זיינען צוריקגעקומען מיט דער אויפשריפט — „ניט געגוג געלד אין בענק״, האָסטו דאָס אַלעס געוואוסט און ניט געלאַכט.

„וועט בראָדוועי, וואָס לאַכט פון יעדען נאַרישען וויץ, ניט לאַכען פון מיר?

„ס׳איז מיר זייער שווער אָוועקצוגיין פון דיר, סעקאָנד עוועניו, אָבער איך מוז! איך האָב צוגעזאָגט דעם אַמעריקאַנער סאָנג־שרייבער, אַז איך וועל קומען צו אים. מיין ווייב איז זיך שוין אויף דעם חשבון געגאַנגען קויפען אַ נייע דרעס. איך מוז גיין! גוד באַי, סעקאָנד עוועניו, גוד באַי״!

בראָדוועי.

איך גיי. דער צוקונפטיגער שטערן, וועלכער דאַרף אָנהויבען שיינען אויף בראָדוועי, גייט. ער גייט פאַרטראַכט, פאַר׳חלומ׳ט. די גאַס איז געפאַקט מיט מענשען. עלענבויגענס שטויסען אים. דאָ גייט אַ דראַמאַ־טורג, וועמען בראָדוועי רופט. דרך ארץ! עלענבויגענס קלאַפּען אים. ניטאָ קיין דרך ארץ!

— מיסטער — שרייט איינער — פאַרוואָס זעט איר ניט וואו איר גייט? מען וועט אייך איבערפאָרען.

אָבער ער הערט ניט וואָס מען זאָגט אים. ער וויל ניט הערען. ער דאַרף ניט הערען. ער טראַכט. ער חלומ׳ט. ער האָט ניט קיין עלענבויגענס. ער קען זיך ניט שטופען. ער קען חלומ׳ען.

בראָדוועי זאָגט מיר צו אַ מיליאָן

אין אָפּיס פון דעם לידער־שרייבער.

אַ יונגערמאַן, אַן אָנגעשטעלטער, נעמט מיך אויף.

איך זאָג אים מיין נאָמען. ער באַגריסט מיך מיט אַ ליבליכען שמייכעל. ער ווייסט ווער איך בין. מיסטער דזשוליוס, זיין באָס, האָט אים געזאָגט, אַז איך דאַרף קומען און אַז איך בין אַ זשעני.

ער ערקלערט מיר, אַז זיין בעל־הבית, מר. דזשוליוס, איז איצט פאַרנומען. און איינרוימענדיג מיר אַ סוד זאָגט ער: „ער רעדט איצט מיט מעקס שאָבאָן, דער באַרימטער טעאַטער פּראָדיוסער".

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט וואַרטען, און דער יונגערמאַן האָט ווייטער גערעדט.

— מיט אַ שעה פריער — האָט ער געזאָגט — איז דאָ געווען דער באַרימטער בראָדוועי פּראָדיוסער סעם בּראַבאַן.

— זיי קומען אַלע אַהער, די גרויסע פּראָדיוסערס — האָט ער מיר ערקלערט.

— צוליב וואָס קומען זיי? — פרעג איך — זיי קויפען ביי אים פּיעסען?

— זיי קומען צו אים צוליב די האָרס־רעיסעס — ערקלערט ער מיר — זיי שפּילען צוזאַמען אויף פערדלעך. מען האַלט אים פאַר אַן עקספּערט. ער גיט זיי טיפּס אויף וועלכען פערדעל צו שפּילען. אָבער איר פאַרשטייט דאָך, אַז ווען ער רעדט שוין מיט זיי וועגען די פערדלעך, קען ער אויך אַ רעד טאָן וועגען אייערע פּיעסען. ער זאָגט, אַז איר האָט געניאַלע פּיעסען.

דער יונגערמאַן דערציילט מיר ווייטער, אַז ער אַליין איז אויך אַ שטיקעל זשעני. ער שרייבט סאָנגס. אָבער ער איז נאָך ניט אָנער־קענט. ער אַרבייט דאָ. ער גיט אַכטונג אויפ'ן אָפּיס. אָבער שטילערהייט

שרייבט ער סאָנגס. ער שטעלט זיך פאָר. זיין נאָמען איז רודאָלף. איין זשעני, זאָגט ער, דאַרף קענען דעם צווייטען.

רודאָלף ערקלערט מיר ווייטער, אַז זיין באָס, דער זשעני דזשוליוס, איז זייער אַ גוטער מענש, אַ ספּאָרט, געלד שפּילט ביי אים ניט קיין ראָלע. אָבער ווי יעדער זשעני איז ער זייער קאַפּריזנע. מען מוז איינ־שטימען מיט אים. ווען מען איז געגען אים שרייט ער, מאַכט געוואַלדען און לאָזט אייך ניט רעדען אַ וואָרט. איז זיין עצה צו מיר, אַז איך זאָל גלייך פון אָנפאַנג זיין איינשטימיג מיט אים, ווייל מיין אייגענע מיינונג וועט ער סיי ווי ניט הערען, ווייל ער שרייט. אַ חוץ דעם, אויב איך וועל ניט איינשטימען מיט אים קען ער מיך אַרויסוואַרפען אויך. ער האָט שוין ניט איינעם אַרויסגעוואָרפען פון דעם אָפיס, ווייל ער האָט ניט מיט אים איינגעשטימט.

מעקס שאַבאַן איז ענדליך אַוועקגעגאַנגען. רודאָלף האָט געמאָלדען זיין באָס, אַז איך בין דאָ. רודאָלף האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען אַריינגיין. „אָבער געדענקט", האָט ער מיר אָנגעזאָגט, „זייט מיט אים איינשטימיג. שאָקלט נאָך אויף אַלעס מיט'ן קאָפּ אויף יאָ."

ווען איך בין אַריינגעקומען אין זיין פּריוואַטען אָפיס האָט מר. דזשוליוס גערעדט אויף צוויי טעלעפאָנען.

ווינקענדיג צו מיר, איך זאָל זיך זעצען, האָט ער אויף איין טעלעפאָן געזאָגט אַזוי:

„אַט איז ערשט צו מיר אַריינגעקומען דער זשעני, ביי וועמען דזשאָרדזש קויפמאַן מעג פּוצען די שטיוועל. ער זעט אויס בלאַס. אַ שוואַכער קערפּער און אַ געזונטער גייסט".

אויפ'ן צווייטען טעלעפאָן האָט ער גערעדט וועגען נעמען פון פערדלעך, וועלכע זיינען יאָ און ניט אַריינגעקומען. און באַלד האָט ער ווידער גערעדט אויפ'ן ערשטען טעלעפאָן ערקלערענדיג, אַז ער איז זיכער, אז דער זשעני וועט דורך אים היינטיגס יאָהר מאַכען אַ מיליאָן דאָלער. ער איז „טעריפיק". נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט די צוויי טעלעפאָן געשפּרעכען האָט ער צו מיר געזאָגט, נעמענדיג פּאַפּיר און פּענסיל, אַז מיר מוזען באַשליסען ווי אונזער מיוזיקעל קאָמעדיע אָדער רעוויו זאָל הייסען.

„צוערשט", האָב איך פאָרגעשלאָגען, „לאָמיר אָנשרייבען אַ פּיעסע, דערנאָך דעם נאָמען".

ער האָט אויסגעשריען, אַז דאָס טויג ניט. אויף בראָדוועי פירט זיך גאַנץ אַנדערש. די פּיעסע קומט שפּעטער. צוערשט האָט מען דעם

נאָמען פון דער פּיעסע. דערנאָך פאַרקויפט מען די פּיעסע. מען נעמט אַ גוטען אַדוואַנס. דערנאָך שרייבט מען ערשט די פּיעסע.

איך האָב זיך דערמאָנט וואָס רודאָלף האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיין איינשטימיג, האָב איך איינגעשטימט.

ער האָט פאָרגעשלאָגען פאַרשידענע נעמען, ווי: „רויטער פעפער", „לאָך מיט'ן פולען מויל", „זיי ניט קיין נאַר".

איך האָב אויף אַלעס געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

ענדליך האָט ער אָ געשריי געטאָן: „אַי גאָט איט". זי וועט הייסען „דער פריילעכער אָווענט".

איך האָב צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

ער האָט מיך גראַטולירט וואָס מיר האָבען אַזאַ געלונגענעם נאָמען.

— „טעריפיק" — האָט ער אויסגערופען — ווער עס וועט וועלען האָבען אַ פריילעכען אָווענט וועט גיין זען דעם „פריילעכען אָווענט".

מיר זיינען צוגעפאָרען צו אַ לאָיער. דאָרט האָב איך אונטערגעשריבען עטליכע מאָל מיין נאָמען אויף אָ גרויסען קאָנטראַקט, אַז מיר זיינען שותפים פון דער פּיעסע „דער פריילעכער אָווענט", אַז איך קריג פון די ראָיעלטיס אַ פינפט חלק און ער קריגט פיר חלקים. מיר האָבען זיך געזעגענט.

ווען איך בין אַהיים געקומען און געצייגט מיין ווייב דעם גרויסען קאָנטראַקט פון דער פּיעסע „דער פריילעכער אָווענט" האָט זי מיר געצייגט די נייע דרעס, וועלכע זי האָט געקויפט אויף דעם חשבון פון דער פּיעסע.

מען איז מיך מקנא

אַלע מיינע באַקאַנטע ווייסען שוין, אַז איך בין אַ בראָדוועיער מענש, אַז איך שרייב אַ פּיעסע פאַר בראָדוועי. מיינע קרובים ווייסען, מיינע שכנים און שכנ׳טעס ווייסען, מיין גראָסערי־מאַן, מיין בוטשער, ווייסען, מיינע קאָלעגען שרייבער ווייסען. מען איז מיך מקנא. איך אַליין בין זיך אָבער ניט מקנא. איך ווייס דאָך דעם אמת; איך ווייס דאָך, אַז איך האָב דערווייל ניט מער ווי דעם נאָמען פון אַ פּיעסע; זי הייסט „דער פריילעכער אָווענט״, און דער נאָמען איז געגעבען גע־וואָרען פון מיין שותף, דזשוליוס. איך האָב בלויז צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. איך האָב נאָך ניט געשריבען אַ וואָרט. איך האָב אַפילו ניט קיין ברעקעל געדאַנק פאַר דעם. איך גיי בלויז אַרום ווי צוטומעלט. איך האָב מורא, אַז דאָס איז גאָר אַן אומגליק, ניט קיין גליק.

מיין ווייב פאָדערט פון מיר איך זאָל זיך אַוועקזעצען און שרייבען. זי וויל שוין זען ווי איך אַרבייט פאַר בראָדוועי. אָבער איך דערקלער איר, אַז איך פיל ניט ווי צו שרייבען, און אַז איך טאָר גאָר אָן מיין בראָדוועיער שותף ניט שרייבען. און מיין שותף שווייגט דערווייל. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיך רופען, און ער רופט ניט. מיין ווייב זאָגט, אַז איך זאָל אים רופען. „דו האָסט אַ קאָנטראַקט מיט אים, ביזט זיינער אַ שותף״, זאָגט זי, „האָסט אַ געשעפט, טאָ פרעג אים וואָס עס הערט זיך מיט׳ן געשעפט״. אָבער איך בין אַן עקשן; איך זאָג, אַז איך וועל ניט רופען; אויב ער דאַרף מיך, זאָל ער רופען.

ווען ס׳קלינגט דער טעלעפאָן, לויפט מיין ווייב ענטפערען. זי מיינט, אַז בראָדוועי רופט. אָבער ס׳לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. עס רופען קרובים.

אין אַ פרימאָרגען רופט אָפּ מיין שוועגערין און איך האָב גראָד

געענטפערט. מיין פרוי איז נאָך געשלאָפען. די שוועגערין פרעגט מיך צי ס'איז אמת, אַז איך האָב געקראָגען פינף טויזענט דאָלאַר אַן אַד־וועגס פאַר מיין פּיעסע. איך האָב, דערהערענדיג דאָס, געפילט ווי צו חלש'ן, און האָב איבערגעפרעגט: „וואָס זאָגסטו, וויפיל האָב איך געקראָגען? פינף טויזענט דאָלאַר?"

מיין פרוי האָט דערהערט, אַז מען רעדט וועגען בראָדוועי, איז זי אַרונטער פון בעט, אויסגעכאַפּט דעם טעלעפאָן און געענטפערט אַזוי:

„אַוודאי האָט ער געקראָגען. מיין מאַן וויל ניט אויסזאָגען. ער האָט מורא פאַר אַ „גוט אויג". איך האָב ניט קיין מורא. איך וויל, אַז אַלע זאָלען וויסען. דאָס איז נאָך גאָרנישט: דערנאָך קומט האָליוואוד! מיין מאַן איז איצט זייער פאַרנומען. ער שרייבט טאָג און נאַכט. עפּעס אַ קלייניגקייט, — בראָדוועי! איך לאָז אים ניט רעדען אויפ'ן טע־לעפאָן. ער ווייסט איצט ניט וואָס ער רעדט. בלויז די פּיעסע ליגט אים איצט אין קאָפּ. איך וועל פאַר דיר איבערגעבען אים דיין גליק־וואונש. אַ דאַנק, גוד־באַי!"

— גוואַלד! — רוף איך אויס — דו מאַכסט דאָך מיך אומגליקליך! מען וועט דאָך לויפען צו מיר נאָך הלוואות!

„זאָלען מענשען בעסער דיך האַלטען פאַר אַ קאַרגען און אַ רשע, איידער פאַר אַן אָרעמאַן", האָט זי ערקלערט.

***

איך קום אַריין אין קאַפעטעריע. צווישען מיינע קאָלעגען איז אַ טומעל וועגען מיר.

— גוט וואָס דו ביזט געקומען! — רופט אויס איינער פון מיינע קאָלעגען. — מען שפּאַרט זיך דאָ וועגען דיר. מ'זאָגט, אַז דו האָסט שוין געקראָגען אַן אַנבאָט פון האָליוואוד, און קאָלעגע שמואל איז, ווי שטענדיג, אַ פּעסימיסט, ער גלויבט ניט; ער זאָגט, אַז איידער מען האָט געשפּילט די פּיעסע וועט האָליוואוד ניט קויפען.

— שמואל איז גערעכט, — זאָג איך. — האָליוואוד ווייסט אַפילו ניט צי איך בין דאָ אויף דער וועלט. איך בין מיט בראָדוועי אויך נאָך ניט אַזוי זיכער.

— דאָס וויל ער אונז אָפּנאַרען, — האָט אויסגערופען דער דיכטער יונה. — ער האָט מורא, אַז מיר וועלען ביי אים לייען געלט. מיר דאַרפען

ניט דיין געלט. מיר דאַרפֿען ניט קיין טריפה׳נע געלט. בראָדוועיער געלט! טפו!

— און איך זאָג, — האָט אויסגערופען דער לעקטשורער יאָסעל, — אַז ווען איינער גייט אַוועק פון אונז צו די גויים אין אַ צייט ווען מען פאַרפאָלגט אַזוי אידען; ער גייט אַוועק פון אונזער פאַרפאָלגטען פאָלק צו זיינע פאַרפאָלגער, איז ער אַ פאַררעטער געגען אידישען פאָלק און מען דאַרף אים איגנאָרירען!

— און איך זאָג, — האָט אויסגערופען הירשעל דער דראַמאַטורג, — אַז ווען עמיצער גייט אַוועק צו די גויים, איז דאָס ניט קיין עוולה. ער מוז זיך ניט מוטשען ביי אונז. דאָס אידישע פאָלק קען זיך באַגיין אָן אים. אָט טראָג איך זיך אַרום מיט אַ פּיעסע שוין פינף יאָר צייט; קיין טעאַטער האָט עס ניט געוואָלט נעמען. נו, האָט דאָס אידישע פאָלק אפשר פּראָטעסטירט?

און זיך ווענדענדיג צו מיר, האָט ער אויסגערופען: „איך ווינש דיר ערפאָלג אויף בראָדוועי און בעט דיך: נעם מיך אויך אַהין אַריבער, און וואָס שנעלער!"

ענגלאַנד קויפט מיין פיעסע

אין אַ שיינעם פרימאָרגען קלינגט דער טעלעפאָן. מיין ווייב ענטפערט. זי רופט אויס מיט באַגייסטערונג: „חנא, בראַדוועי רופט דיך!"

„העלאָו! יאָ. איך וועל זיין אין צייט... יאָ... גוד־באַי!" — זאָג איך אויפ׳ן טעלעפאָן.

— ווער האָט מיט דיר גערעדט? — פרעגט מיין ווייב.

— דאָס האָט גערעדט מיין שותפ׳ס אַנגעשטעלטער, רודאָלף. ער פאַרלאַנגט איך זאָל זיין דאָרט עלף אַזייגער. ער זאָגט, אַז ס׳איז זייער וויכטיג.

— זייער וויכטיג! — ווידערהאָלט מיין פרוי. — אַז מען זאָגט דאָרט זייער וויכטיג איז זייער וויכטיג. ס׳איז ניט סעקאָנד עוועניו. גיי אַהין געזונטערהייט און עס זאָל זיין מיט מזל. גיב אויף דיר אַכטונג ווי דו גייסט. גיי ניט פאַרטראַכט. איצט טאָר מען דיך ניט איבערפאָרען!

***

אין דזשוליוס׳עס אָפיס. איך קום אַריין. רודאָלף באַגריסט מיך און זאָגט אַז מר. דזשוליוס קומט באַלד און מעלדעט מיר, אַז ס׳טומעלט זיך איצט מיט מיין „פריילעכן אָווענט". פראָדיוסערס רופען נאָכאַנאַנד אויפ׳ן טעלעפאָן. זיי ווילען וויסען איינצעלהייטען וועגען דער פיעסע. „איר זייט אין גוטע הענט", ערקלערט רודאָלף, „ער קען אַפילו פאַרקויפען די לבנה. אייער פיעסע איז פאַרזאָרגט".

רעדענדיג אַזוי, האָט רודאָלף אַרויסגענומען אַ ליד און געזאָגט: „דאָס האָב איך אָנגעשריבען היינט גאַנץ פרי ספּעציעל פאַר אייער „פריילעכן אָוועגט". איך וועל עס פאַר אייך זינגען, מיט דעם באַדינג,

אַז אייער שותף זאָל דערפון ניט וויסען. ער אַליין שרייבט לידער, און וויל ניט קיין קאָנקורענטען״. ער האָט פאַר מיר געזונגען דאָס ליד און אונטערגעטאַנצט.

איך בין ניט קיין מבין אויף לידלאַך, וואָס מען זינגט און מען טאַנצט דערביי. אפשר איז דאָס גוט, אפשר איז דאָס שלעכט. אָבער איך האָב געזאָגט, אַז ס׳איז גוט. צו וואָס זאָל איך זיך שוין מאַכען אַ שונא אויף בראָדוועי? איך בין נאָך צו־שוואַך דערפאַר.

רודאָלף האָט מיר געוואָלט זינגען נאָך אַ ליד. אָבער עס איז אָנגעקומען מיין שותף מיט אַ הויכען מאַן.

מיין שותף האָט מיר פאָרגעשטעלט דעם הויכען מאַן אַלס מר. טשערי, טעאַטער פראָדיוסער פון לאָנדאָן. פאָרשטעלענדיג מיך האָט ער אים געזאָגט: „דאָס איז דער זשעני, מיט וועמען איך האָב אָנגעשריבען דעם „פריילעכען אָוונט״. ער מאַכט „אַ וואַנע״ אַלע בראָדוועיער שרייבער. דאָס איז אַ נייער שטערן, וועלכער וועט פאַרטונקלען אַלע בראָדוועיער שטערנדלאַך״.

ער האָט אים אין דערזעלבער צייט ערקלערט, אַז ער קען אונזער פיעסע אונטער קיינע אומשטענדען ניט פאַרקויפען מיט׳ן רעכט פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען, ווייל ער האָט שוין דריי פראָדיוסערס צוגעזאָגט די רעכט פאַר אַמעריקע. ער קען אים בלויז פאַרקויפען פאַר ענגלאַנד.

— אָ קעי! — האָט דער פראָדיוסער אויסגערופען, — איך קויף די פיעסע. אָבער איך פאַרלאַנג דאָס רעכט פאַר ענגלאַנד מיט אַלע אירע קאָלאָניעס, פאַר דער גאַנצער אימפעריע. איך וויל אויך האָבען דאָס רעכט צו קענען ענדערען דעם נאָמען פון דער פיעסע אויב איך וועל געפינען פאַר נויטיג.

מיין שותף האָט געשריען: „ניין! דאָס רעכט צו ענדערען דעם נאָמען גיב איך ניט! אַזאַ נאָמען ענדערען״? מען האָט זיך וועגען דעם געקריגט אַ לאַנגע צייט און ענדליך האָט מיין שותף נאָכגעגעבען.

מיר זיינען דאַן אַוועק צו אַ לאָיער — מען האָט אונטערגעשריבען אַ קאָנטראַקט. דער פראָדיוסער האָט געגעבען אַן אַדוועגס. איך האָב אויף מיין חלק געקראָגען אַ הונדערטער. לויט ווי מען רעדט וועגען בראָדוועיער גליקען איז דאָס גאָר ניט קיין געלט, האָב איך געקלערט. אָבער אַזוי ווי איך האָב דערוויל נאָך גאָר ניט געשריבען, מער ווי אַ נאָמען פון אַ פיעסע האָב איך ניט, און דעם נאָמען וויל דער פראָדיוסער אויך ענדערען, איז דאָס אפשר ניט אַזוי שלעכט.

מיר זיינען דאָן אַוועק אין באַרימטען „מור׳ס רעסטאָראַן”. דאָרט האָבען מיר געגעסען סטעיקס און געטרונקען שנאַפּס און גרויסע גלעזער ביר.

טרינקענדיג שנאַפּס און אַ פּאָר גלעזער ביר, וואָס איך בין ניט געווען געוואוינט, האָט זיך מיר גענומען דרייען דער קאָפּ. איך האָב גערעדט ניט ווייניג נאַרישקייטען און מיין שותף האָט געשריען: „טעריפיק!”

פּלוצלונג איז אויסגעוואַקסען אַ פּובליסיטי־מאַן און מיר גענומען שטעלען פראַגען, ערקלערענדיג, אַז ער מוז וועגען מיר מאָרגען שרייבען אין דער פּרעסע. די וועלט וועט מאָרגען זיך דערוויסען וועגען מיר, אַז איך בין דער פּאַרפאָסער פון דעם „פריילעכען אָווענט”, האָט ער געזאָגט. ער האָט מיך ספּעציעל געפרעגט וועגען מיין קינדהייט. איך האָב אים געזאָגט, אַז אין מיין יוגענט האָב איך געלערענט ביי אַ מלמד, וועלכער איז געווען דער גרעסטער בעל כעסן אין שטעטעל. ער פלעגט אַ חוץ שלאָגען, אויך קנייפּען. איך האָב זיך אין מיין יוגענט אויסגעצייכענט מיט מער שאָקלען זיך ביים דאַווענען ווי אַלע אידישע קינדער.

מיין שותף האָט געזאָגט, אַז דאָס איז „טעריפיק”, און דער פּובלי־סיטי מאַן האָט אַלעס פאַרצייכענט.

איך בין אַהיים געקומען, אַ האַלב שיכור׳ער, געגעבען מיין ווייב דעם הונדערטער, איר דערציילט, אַז איך בין געווען אין מור׳ס רעס־טאָראַן, געזען דאָרט דזשים פּאַרלי, וויל ראָדזשערס (ער האָט נאָך דאַן געלעבט), און נאָך באַרימטע מענשען, און דער עיקר איז, אַז מאָרגען וועט אין דער ענגלישער פּרעסע זיין געשריבען וועגען מיר, וועגען מיין פּיעסע, וועגען מיין יוגענט.

מיין ווייב האָט גלייך געכאַפּט דעם טעלעפאָן.

— העלאָ פּעני! מאָרגען וועלען אַלע ענגלישע צייטונגען שרייבען וועגען מיין מאַן.

— העלאָ שיינדעלע! מאָרגען איז דער טאָג, ווען די ענגלישע צייטונגען וועלען שרייבען וועגען מיין מאַנ׳ס פּיעסע, וועלכע ווערט צווערשט געשפּילט אין לאָנדאָן און דערנאָך אין ניו יאָרק.

— העלאָ דבורה! קויף מאָרגען די ענגלישע מאָרגען־צייטונגען וועסטו לייענען וועגען מיין מאַן ווי באַרימט ער איז.

מאָרגען גאַנץ פרי האָט מיין ווייב געקויפט אַלע ענגלישע מאָרגען־צייטונגען און עס איז דאָרט ניט געווען קיין וואָרט וועגען מיר.

איך האָב זי געטרייסט, אַז ס׳וועט מסתמא זיין מיט אַ פּאָר טעג

שפּעטער. איך האָב געהאַט רעכט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין איין ענגלישער מאָרגען־צייטונג ערשינען דער פאָלגענדער נאָטיץ:

„דער לאָנדאָנער פּראָדיוסער טשערי האָט אָפּגעקויפט דאָס רעכט פאַר ענגלאַנד פון דער פּיעסע „דער פריילעכער אָוונט“, געשריבען פון דזשוליוס און מעקינלי. מעקינלי איז איינער פון די נייע שטערן אויף בראָדוועי. ווען ער איז געווען יונג האָט מען אים פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט אַלס אַ בעיז באָל שפּילער. מען האָט פון אים ערוואַרט, אַז ער זאָל ווערען אַ „בעיב רוטה“. אָבער ער האָט אין אַן עקסידענט צובראָכען אַ פוס און ער האָט דערפאַר אויפגעגעבען בעיזבאָל און פּראַיז־פאַיטינג און זיך גענומען צו דראַמאַטורגיע“.

ווען מיין ווייב האָט פאַר מיר איבערגעלייענט די נייעס בין איך געוואָרען אַן אויפגעקאָכטער. איך האָב גערופען דזשוליוס׳ען און אים געפרעגט: פאַרוואָס האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבען מעקינלי און געזאָגט וועגען מיר, אַז איך האָב זיך אויסגעבראָכען אַ פוס? פאַרוואָס קומט עס מיר? ער האָט ערקלערט, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרען געגען זיין ווילען. דער לאָנדאָנער פּראָדיוסער צוזאַמען מיט׳ן פּובליסיטי מאַן האָבען באַשלאָסען, אַז פאַר ענגלאַנד איז בעסער דער נאָמען מעקינלי און, אַז ס׳איז גוטע פּובליסיטי צו דערציילען, אַז דער פאַר־פאַסער האָט צובראָכען אַ פוס. ווען די פּיעסע וועט קומען אויף בראָדוועי, וועל איך קריגען צוריק מיין נאָמען מיט׳ן פוס.

מיין ווייב איז ניט געווען צופרידען פון דער געשיכטע און געזאָגט:

— ווען מ׳וועט מיך פרעגען; פון ווען אָן הייסט דיין מאַן מעקינלי, און ווען איז ער געווען אַן אַטלעט, וואָס זאָל איך ענטפערען?

— ענטפער זיי — האָב איך געזאָגט — אַז בראָדוועי קען פון אַ מענשען מאַכען אַלעס.

איך הייס מעקינלי

איך הייס מעקינלי, הייס איך. בראָדוועי האָט מיר אַזאַ נאָמען געגעבען. מיין ווייב איז אין אָנפאַנג ניט געווען צופרידען וואָס מען האָט מיר געביטען דעם נאָמען. זי האָט געזאָגט, אַז אויב מען האָט מיר שוין אַ נאָמען געגעבען נאָך אַן אַמעריקאַנער פּרעזידענט, האָט עס געמעגט זיין אַ פּרעזידענט, וועלכער האָט זיך אויסגעלעבט די יאָרען, ניט ווי פּרעזידענט מעקינלי, וועלכען מען האָט ערמאָרדעט. אָבער זי האָט, שפּעטער, געענדערט איר מיינונג. דער נאָמען געפעלט איר שוין. „דו וועסט זיין אַלראַיט, מעקינלי", זאָגט זי. „בראָדוועי וועט פון דיר מאַכען אַ לייט".

אַ שכנ'טע האָט מיך אַזוי באַגריסט: וואָס מאַכט איר, מר. מעק? (זי האָט דעם נייעם נאָמען שוין פאַרקירצט). ווי פילט איר אין געזונט, מר. מעק?

מיך שטעכט דער נאָמען. איך טראַכט, איך האָב נאָך גאָר ניט אויפגעטאָן אויף בראָדוועי. איך האָב געקראָגען בלויז אַ הונדערטער, אַן אַדוואַנס, האָט מען מיר שוין געביטען דעם נאָמען. וואָס וועט זיין, אַז איך וועל דאָרט האָבען אַ שטיקעל ערפאָלג? — וועט מען דאָך מיר בייטען די גאַנצע נשמה.

ווען איך גיי אין גאַס און איך הער ווי מען רופט איינעם מעק, קוק איך זיך אום. איך מיין, אַז מען רופט מיך.

איך האָב באַשלאָסען פּטור צו ווערען פון דעם נאָמען מעקינלי. נאָך אַלעמען, קען מען דאָך אויף מיר ניט אַרויפצווינגען אַ נאָמען וואָס איך וויל ניט. אויב איך מוז שוין בייטען מיין נאָמען אויף אַ גוי'אישען זאָל עס זיין אַן אַ מעק.

איך בין אַוועק צו מיין שותף דזשוליוס, אין זיין אָפיס. מיך האָט

אויפגענומען רודאָלף. ער האָט מיך, ווי שטענדיג, באַגריסט זייער פריינד־ליך. „וואָס מאַכט איר, מר. מעקינלי?״ האָט ער אויסגערופען און מיר דערציילט אַז ער ערוואַרט דזשוליוס׳ען יעדע מינוט.

אין אָפיס איז געזעסען אַ בלאָסער יונגערמאַן. ווען ער האָט דערהערט, אַז מען רופט מיך מעקינלי האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „ערלויבט מיר זיך צו באַקענען מיט אייך. איר זענט דאָך דער באַרימטער מעקינלי. איך האָב געלייענט אין צייטונג, אַז איר האָט געשריבען אַ פּיעסע צוזאַמען מיט דזשאַרדזש דזשוליוס און זי פאַרקויפט פאַר ענגלאַנד. איך ווינטש אייך גליק און איך וויל זיך פאַר אייך פאָרשטעלען. מיין נאָמען איז מעקגי.

— מעקגי? — זאָג איך — אויך אַ איד?

— יאָ, מאחינו בני ישראל... — זאָגט ער אין העברעאיש.

— און בראָדוועי האָט אייך געביטען דעם נאָמען אויף אַ מעק? — פרעג איך.

— חלילה — זאָגט ער — איך האָב געהייסען שמאַגאַרינסקי, אַ שווערער נאָמען. בראָדוועיער אידען פוילען זיך נאָכצוזאָגען אַזאַ נאָמען. האָב איך אים אַליין געענדערט אויף מעקגי. וואָס־זשע, געפעלט אייך ניט דער נאָמען?

— ניין, — זאָג איך, — מיר געפעלט ניט קיין נאָמען מיט מעק. איך האָב פיינט, אַז אַ איד הייסט מעק.

— טאָ פאַרוואָס הייסט איר מעקינלי? — פרעגט ער.

— אָט וועגען דעם איז פאַראַן אַ גאַנצע געשיכטע. — זאָג איך — איך האָף אין קורצען פּטור צו ווערען פון דעם נאָמען.

— איך דענק, אַז איר זענט גערעכט. — זאָגט ער — זייט איך האָב געענדערט מיין נאָמען פאַר מעק האָב איך ניט פאַרדינט מיט אַ ניקעל מער.

— איז וואָס איז אייער אַרבייט? — פרעג איך אים.

— איך שרייב.

— וואָס שרייבט איר?

— אויב איר זעט אַ גוטע סצענע אין אַ רעוויו, אין אַ מואווי, אין אַ פּיעסע, איז דאָס מיינס. איך שרייב פאַר אַ שרייבער, וועלכער שרייבט פאַר אַ שרייבער מיט אַ נאָמען. דער וואָס האָט אַ גרויסען נאָמען האָט אַליין דאָך ניט קיין צייט צו שרייבען. מען פאַרלייגט אים מיט אַרבייט, איז שרייב איך פאַר אים. איך בין אַן אַסיסטענט פון אַן אַסיסטענט שרייבער. איך וואָלט געוואָלט זיך אַרויפאַרבייטען אויף אַ

רעגעלען אַסיסטענט שרייבער, ווייל איך רעדען מיט דזשוליוס׳ן. אפשר קען ער מיך אָנשטעלען אים צו העלפען.

דאָ איז אָנגעקומען דזשוליוס. ער האָט מעקגי׳ן געבעטען צו וואַרטען און מיך אַריינגערופען אין זיין פּריוואַטען אָפיס און מיר ערקלערט, אַז ער האָט שוין אַ קעסט פאַר אונזער פּיעסע „דער פריילעכער אָוונט״, וועלכע וועט זיין אַ רעוויו און וועט הייסען „דאָס אַמעריקאַנישע פידעלע״. און פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל שרייבען סקעטשעס. ער האָט אַ פּאָר אייגענע און וועט קריגען נאָך פון אַנדערע. אָבער ער וויל אויך פון מיר. איך דאַרף דאָס מאַכען שנעל; אין אַ פּאָר טעג.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קען דאָס ניט מאַכען אַזוי שנעל, האָט ער געזאָגט: וואָס אַרט אייך? מיר וועלען דאָס סיי־ווי איבערמאַכען, אַז איר וועט דאָס ניט דערקענען. מען דאַרף אויף דעם ניט אַרבייטען לאַנג און שווער.

איך האָב אים דאַן ערקלערט, אַז איך וויל ניט הייסען מעקינלי. איך וויל אַן אַנדער נאָמען, אַן אַן מעק. האָט ער געזאָגט: וואָס אַרט אייך, דאָס איז בלויז געווען אַ צייטיגע פּובליסיטי. אין לאָנדאָן וועט ניט זיין קיין מעקינלי. לאָנדאָן האָט ניט ליב קיין צוויי נעמען אויף אַ פּיעסע. עס וועט דאָרט זיין בלויז איין נאָמען — דזשוליוס, און אַז די פּיעסע וועט קומען קיין ניו יאָרק, וועלען מיר אייך דאַן געבען אַ נייעם נאָמען.

***

ווען איך בין אַהיים געקומען און דערציילט מיין ווייב, אַז מען פאַרלאַנגט פון מיר סקעטשעס, וועלכע זאָלען געשריבען ווערען אויף איין פוס, אין אַ פּאָר טעג, האָט זי מיר געגעבען אַן עצה צו באַנוצען מיינע אַלטע סקעטשעס און זיך ניט דאַרפען דרייען קיין קאָפּ. אַלטער וויין איז בעסער, האָט זי געזאָגט.

איך האָב געפאָלגט, און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך דערלאַנגט מיין שותף דזשוליוס׳ן אַ פּאָר סקעטשעס און זיך מיט אים געזעגענט און אים געוואונשען ערפאָלג.

***

אַוועק אַ פּאָר טעג און אין די צייטונגען איז געדרוקט געוואָרען אַ נייעס, אַז דזשוליוס איז אַוועקגעפאָרען קיין לאָנדאָן מיט דער „אַמעריקאַנער פידעל״, מיין נאָמען מעקינלי איז שוין ניט דערמאָנט

געוואָרען. די מעשה געפעלט מיר ניט, האָט מיין ווייב געזאָגט, און געפאָדערט פון מיר איך זאָל זיך ניט לאָזען אָפּנאַרען פון בראָדוועי. „פאָר קיין לאָנדאָן״! — האָט זי באַפוילען.

„ווי אַזוי קען איך פאָרען?״ — האָט איך גע׳טענה׳ט — „אַז איך בין ניט געלאָדען. צווייטענס, קאָסט דאָס געלט. דריטענס, וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבען, ווען איך וועל אָנקומען אַהין און וועל זען אַ גרויסען דורכפאַל? ווי קען דען אַזאַ זאַך, וואָס מען מאַכט אין אַזאַ איילעניש, האָבען אַן ערפאָלג?

מיין ווייב האָט אויף מיינע אַלע פראַגען געענטפערט אַזוי:

1) וועגען ערפאָלג, קען מען ניט וויסען. גראָד אין איילעניש קען אַרויסקומען אַן ערפאָלג.

2) וועגען געלט אויף הוצאות דאַרף איך זיך ניט זאָרגען. זי גיט מיר געלט.

3) וועגען דעם וואָס עס פּאַסט ניט, אַז איך זאָל פאָרען קיין לאָנדאָן און אָנקומען צו אַ דורכפאַל, האָט זי אַזאַ עצה: איך זאָל פאָרען קיין גאַליציע, און מיין געבורטס־שטעטעל, און אויפ׳ן וועג פאָרענדיג זאָל איך זיך אַריינכאַפּען קיין לאָנדאָן. וועט זיין אַן ערפאָלג, בין איך געקומען צום ערפאָלג און פאָדערען אַ חלק; וועט ניט זיין קיין ערפאָלג, וועל איך פון דאָרט פאָרען אין מיין שטעטעל און זען מיינע קרובים.

אַזוי ווי איך האָב שטאַרק געוואָלט פאָרען אין מיין שטעטעל, האָב איך איר פאָרשלאָג אָנגענומען.

איך בין געפאָרען.

אין לאָנדאָן

איך בין אָנגעקומען קיין לאָנדאָן צו דער פּרעמיערע פון דעם „פידעלע״. איך בין צוגעקומען צום טעאַטער. מיין נאָמען מעקינלי איז ניטאָ. פאַראַן בלויז דער נאָמען פון איין פּראָפעסער און מיט גרויסע אותיות: דזשאָרדזש דזשוליוס.

ביים טעאַטער האָט איך באַגעגנט איינעם, וועלכער איז מיר געווען באַקאַנט, און דאָך האָב איך ניט געוואוסט ווער ער איז.

— שלום עליכם, מר. מעקינלי — האָט ער מיר געזאָגט אין אידיש. — איר דערקענט מיך ניט. דאָס בין איך, מעקגי.

איך האָב זיך דערמאָנט ווער ער איז און זיך מיט אים דערפריים. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געאַרבייט ביי דעם רעוויו. אָבער פון זיינע זאַכען איז געבליבען בלויז דאָס קעפּעל פון אַ סקעטש. ער וועט דערפאַר עפּעס קריגען, אויב עס וועט זיין אַן ערפאָלג. ער בעט גאָט עס זאָל זיין אַן ערפאָלג.

איך האָב געטראָפען מיין שותף דזשוליוס. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אין דעם „רעוויו״ בלויז איין סאָנג. אַלע אַנדערע זאַכען זיינען אַריינגעשטעלט און אָנגעשריבען געוואָרען פון די סטאַרס. פון מיינע זאַכען איז אַריין בלויז איין שורה: „גאָט איז גערעכט״. אויב עס וועט זיין אַן ערפאָלג, וועל איך קריגען ראָיעלטיס. איך דאַרף דערפאַר בעטען גאָט אויף אַן ערפאָלג.

**
*

אין טעאַטער. איך זיץ אין אַ באָקס צוזאַמען מיט דזשוליוס׳ן. דער פאָרהאַנג גייט אַרויף. מען זינגט, מען טאַנצט. איך בין ניט קיין גרויסער מבין אויף די זאַכען. איך האָב בלויז געזען ווי מעקגי קרימט זיך

און דזשוליוס זאָגט אין אידיש: „אַז גע׳הרג׳עט זאָלען ווערען די סטאַרס מיט זייערע סאָנגס און סקעטשעס!”

אין מיטען אַקט האָט זיך דזשוליוס אַרויסגערוקט פון באָקס. נאָך אים מעקגי. איך בין געבליבען אַליין. דער לאַנדאַנער מענעדזשער, טשערי, איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען מיר. די סטאַרס האָבען געזונגען אַ דועט. ווען זיי האָבען געענדיגט האָט דער מענעדזשער זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ פויסט אין דער לופט:

— איר האָט געשריבען דעם סאָנג?

— ניט איך. איך שרייב ניט קיין סאָנגס — האָט איך געענטפערט.

— דעם שרייבער פון דעם סאָנג מוז איך דערמאָרדען — האָט דער מענעדזשער געזאָגט און איז אַרויסגעלאָפען.

איך בין ווידער געבליבען אין באָקס. די סטאַרס, אַן „ער” און אַ „זי”, האָבען ווידער געזונגען אַ דועט. ער האָט געזונגען: „מיר זיינען געקומען פון אַמעריקע קיין ענגלאַנד, צו אייך!”

— איר האָט געמעגט דאָרט בלייבען! — האָט אויסגעשריען איי־נער פון עולם.

מעקגי איז אין דעם מאָמענט אַריין אין באָקס און מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע פון מיין שותף דזשוליוס. דאָס צעטעלע האָט זיך געלייענט אַזוי:

„ליבער שותף מיינער! דאָ וועט זיך היינט גיסען בלוט. די סטאַרס, דער מענעדזשער און פּאַרפאָסער וועלען זיך פּאַרמעסטען מיט זייער פיזישער קראַפט. אַזוי ווי איר זיינט דאָ אומשולדיק, אייערע סקעטשעס האָט מען ניט געשפּילט, איז פאַרוואָס זאָלט איר ליידען אומזיסט? מיין עצה איז, אַז איר זאָלט שנעל אַנטלויפען פון לאָנדאָן. פּאַקט איין אייערע זאַכען וואָס שנעלער און זאָל מען אייך אין לאָנדאָן ניט קענען געפינען”.

איך בין אין דער זעלבער נאַכט שוין געזעסען אויף דער טרעין, וועלכע האָט מיך געפירט אויפ׳ן וועג קיין פוילען, צו מיין ליב געבורטס־שטעטעל — סקאָלא.

אין וואַרשע

איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע (דאָס איז געווען אין יאָר 1936).
איך דריי זיך אַרום אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט ווי אַ פרעמדער. איך בין דאָ צום ערשטען מאָל. איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף׳ן וועג צו מיין געבורטס־שטעטעל. איך וויל דאָ אַ ביסעל פאַר־ברענגען, באַזוכען די היגע אידישע צייטונגען, די אידישע טעאַטערס.
איך בין אָבער ניט אויפגעלעגט זיך צו טרעפען מיט מענשען. איך פיל זיך ווי אַן אַנטלאָפענער. אויף סעקאָנד עוועניו האָב איך ניט ווייניג געליטען. בראָדוועי האָט מיך געבלאָפט, און פון לאָנדאָן בין איך אַנטלאָפען. ווען איך וואָלט אין לאָנדאָן געווען פאַרבליבען נאָך אַ ביסעל וואָלט איך אפשר געכאַפּט פעטש. פאַרוואָס איז מיר געקומען פעטש? אין דער רעוויו דאָרט האָב איך געהאַט איין שורה: „גאָט איז גערעכט!״ נו, קומט דערפאַר פעטש? ווען איך זאָל דאָס עמיצען דערציילען וועט מען מיר ניט גלויבען און מ׳וועט ניט סימפאַ־טיזירען מיט מיר. מענשען האָבען פיינט איינעם וואָס פאַלט דורך. אַפילו די מענשען, וועלכע זיינען מייסטענס אַליין אַ דורכפאַל, האָבען ליב צו רעדען נאָר מיט ערפאָלגרייכע מענשען.
מיין האַרץ איז פאַרביטערט, צעווייטיגט. פאַר מיר איז איצט נויטיג צו רעדען פאַר אַן אמת׳ן פריינד. וואו נעמט מען אַן אמת׳ן פריינד? ווען איך וואָלט דאָ געטראָפען מיין טאַטע־מאַמע! איך וואָלט זיך צוגעטוליעט צו זיי, און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצען. איך וואָלט געזאָגט:
— טאַטע, מאַמע מיינע, אַי האָב איך זיך געמוטשעט אין ניו יאָרק! איך האָב געוואָלט ווערען אַ שרייבער פון פּיעסען. איך האָב פאַרנאַכלעסיגט אַלעס און געטראַכט בלויז פון די העלדען פון די פּיעסען. מיינע קרובים האָבען געדענקט, אַז איך בין אַ משוגענער. איך רעד ניט צו דער זאַך. ווען מיר איז שוין געלונגען צו פאַרקויפען

אַ פּיעסע האָט מען זי געגומען פּיקסען און אויסשניידען פון איר שטיקער. יעדעס שטיקעל פון דער פּיעסע איז ביי מיר געווען ווי מען שניידט שטיקער פון מיין האַרצען.

טאַטע מיינער, איך בין געווען אויף בראָדוועי, דאָרט וואו מענשען ווערען רייך פון גאָר ניט. איך האָב געטאָן וואָס די מייסטע טוען דאָרטען. איך האָב נאָכגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ניט געהאַט קיין אייגענע מיינונג. איך האָב אויף אַלעס געזאָגט: יאָ! יאָ! יאָ!

מאַמע מיינע, איך קום פון לאָנדאָן, איך בין דאָרט געווען אַ שותף צו אַ „רעוויו״, וואָס אַנדערע האָבען געשריבען. איז עס דורכגעפאַלען, האָט מען מיך געוואָלט שלאָגען.

— דו ביזט געראָטען אין דיין טאַטען — וואָלט די מאַמע געזאָגט — ער פלעגט אויך ליידען ווי דו פאַר די זינד פון אַנדערע. ער האָט ניט געשריבען קיין פּיעסען. אָבער ער פלעגט זיך אונטערשרייבען אויף וועקסלען. יענער פלעגט קריגען דאָס געלד און עס אויסגעבען, און דיין טאַטע האָט געמוזט באַצאָלען.

דער טאַטע וואָלט געזאָגט: — וואָס קריכסטו אויף בראָדוועי, קיין לאָנדאָן? ביזט אַ איד, איז גענוג אַז אידען נאַרען דיך אָפּ, לאָז זיך דיך ניט אָפּנאַרען פון די גוים!

אָבער מיין טאַטע־מאַמע זיינען ניטאָ אין וואַרשע. זיי זיינען אין ערגעץ ניטאָ. זיי זיינען טויט.

איך זעץ זיך אַריין אין אַ דראָשקע און הייס זיך פירען אין דעם רעסטאָראַן „פּיקאַדילי״. דאָרט, האָט מען מיר געזאָגט, געפינען זיך שרייבער, אַקטיאָרען, פּונקט ווי אויף סעקאָנד עוועניו אין ניו יאָרק.

איך ליג אויסגעשטרעקט אין דער דראָשקע און באַשליס ביי זיך צו פאַרגעסען אין מיינע דורכפאַלען. נאָך אַלעמען זיינען מיינע דורכפאַלען ניט אָנגעשריבען אויף מיין פּנים. איך וועל זיך האַלטען שטאָלץ. איך וועל זיך בלאָזען. איך וועל רעדען ווי איינער וועלכער איז ערפאָלגרייך, וועט מען פאַר מיר האָבען דרך ארץ.

אין קאַפע הויז

איך קום אַריין אין „פּיקאַדילי״, זעץ זיך אַוועק, באַשטעל זיך עסען.

אַ שרייבער, אַ באַקאַנטער מיינער, דערנענטערט זיך צו מיין טיש. איך האָב זיך מיט אים באַקענט מיט יאָרען צוריק אין ניו יאָרק, וואו ער איז געקומען אויף אַ באַזוך.

— שלום עליכם! — רופט ער אויס העכסט פריינדליך — וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט ניו יאָרק? וואָס מאַכט סעקאָנד עוועניו?

— ניו יאָרק — ענטפער איך — איז ניו יאָרק, אַ גרויסע שטאָט, און סעקאָנד עוועניו איז פריילעך, לעבעדיג, סעקאָנד עוועניו!

— און וואָס מאַכט בראָדוועי? — פרעגט ער.

— בראָדוועי? — זאָג איך — דאָרט איז שוין גאָר פריילעך. דאָרט טאַנצט מען און מען הוליעט אין מיטען העלען טאָג! מענשען מאַכען דאָרט מיליאָנען. אַ קלייניגקייט בראָדוועי!

אין רעסטאָראַן האָט מען זיך באַלד געשושקעט וועגען מיר. מען האָט שנעל אויסגעפונען, אַז אַן אַמעריקאַנער שרייבער זיצט דאָ.

עס דערנעענטערט זיך צו מיר אַ הויכער מאַן, מיט צושויבערטע האָר, אָנגעטאָן אין אומגעלומפּערטע גרויסע שיך, מיט לאַנגע, ברייטע הענט און דערלאַנגט מיר אַ ברייטען שלום עליכם. ער זאָגט צו מיך אַזוי:

— איך בין ארנאָלד, דער ליטעראַרישער פרעס־אַגענט. איך קען אייער נאָמען. איך האַלט פון אייך, איר זיינט גרויס.

עס הויבען זיך אָן די זעלבע בלאָפס ווי אויף בראָדוועי, טראַכט איך, „טעריפיק!"

— איר האָט עפּעס פּיעסען? — פרעגט ער.

— יאָ, איין פּיעסע, „מחותנים" — זאָג איך (מיין ווייב האָט מיך ניט פרעגענדיג דאָס אריינגעוואָרפען אין מיין סעטשעל).

— „מחותנים!" — רופט ער אויס טשמאַטשקענדיג מיט די ליפען — איין קלייניגקייט. „מחותנים!"

איך קוק אויף אים פון אויבען אַראָפּ און טראַכט: דער בחור האָט געדאַרפט זיין אויף בראָדוועי. אַזוי בלאָפען! ער לויבט מיינע אַ פּיעסע, פון וועלכע ער האָט קיינמאָל אַפילו ניט געהערט.

— איר וואונדערט זיך פון וואַנען איך קען „מחותנים"? — רופט ער אויס — איך ווייס וועגען אַלע פּיעסען, וועלכע מען שפּילט אין ניו יאָרק. איך לייען די דאָרטיגע צייטונגען און אַחוץ דעם האָב איך דאָרט אַ פריינד, וועלכער שרייבט מיר אַלעס. מיין פריינד איז זייער באַגייסטערט פון אייערע „מחותנים".

איך פיל אים ווי צו זאָגען, אַז מיך האָט מען שוין גענוג אָפּגענאַרט אויף סעקאָנד עוועניו, אויף בראָדוועי, אָבער אין וואַרשע וועל איך זיך ניט לאָזען אָפּנאַרען. אָבער אַרנאָלד רעדט ווייטער: — מען וועט נעמען אַ טעאַטער פאַר אייך, אַ פּויליש טעאַטער — „נעוואשטשי" טעאַטער. מען וועט צוזאַמענשטעלען אַ טרופּע. זיגמונד טורקאָוו וועט

רעזשיסירען און שפּילען אין דער פּיעסע. אין דער טרופּע וועלען זיין דינה האַלפּערן, רחל האָלצער, באַזשיק, סטרוגאַטש און אַנדערע. און מען וועט שפּילען אייערע „מחותנים".

איך וויל אים זאָגען, אַז איך גלויב אים ניט אַ וואָרט.

אָבער ער דערלאַנגט מיר די האַנד און זאָגט: „איך לויף אַוועק מאַכען דאָס געשעפט. און איך בעט איך, זיצט דאָ! גייט ניט אַוועק! איך קום באַלד צוריק!"

ער איז אַוועק, און איך ווענד זיך צו מיין באַקאַנטען: — זאָג מיר, זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע ליגנערס אין וואַרשע ווי דער אַ?

— אַרנאָלד איז ניט קיין ליגנער — זאָגט מיין באַקאַנטער. — ער קען אַ מאָל זיך אַליין אָפּנאַרען, אָבער יענעם קיינמאָל ניט! ער איז אַן ערליכער מענש. ער אַרבייט ניט צוליב געלד. ער...

איך האָב ביי זיך באַשלאָסען, אַז דער באַקאַנטער מיינער איז אויך נישקשה פון אַ ליגנער און אַז עס עקזיסטירט שוין אַ פאַרשווערונג אין וואַרשע מיך אָפּצונאַרען. וואָרים ווי איז דאָס אַנדערש מעגליך? אויף סעקאַנד עווענין, ביז איך האָב פאַרקויפט אַ פּיעסע איז מיר אַרויס־געקראָכען די אויגען. און דאָ — איך זיץ דאָ פינף מינוט, מאַכט מען שוין אַ טעאַטער צוליב מיר.

עס האָט ניט געדויערט קיין פופצען מינוט און אַרנאָלד לויפט אַריין מיט נאָך אַ מאַן און אַן אַטעם שטעלט ער מיר אים פאָר:

— דאָס איז הערר קרעשטשאַ, דער בעל־הבית פון נאָוואָשטשי טעאַטער, וואו מען וועט שפּילען אייער פּיעסע.

איך שמייכעל. איך טראַכט ביי זיך: „פאַרוואָס מוז מען אין די טעאַטערס פון דער גאַנצער וועלט אָפּנאַרען?"

דער נייער טעאַטער בעל־הבית מאַכט פאַר מיר אַזאַ ערקלערונג:

— איך נעם דאָס טעאַטער ניט צוליב מאַכען געלד. איך בין גרייט פאַרלירען געלד, אַבי איך זאָל שפּילען פיינע פּיעסען.

אָט דאָס הייסט אַ ליגנער, טראַכט איך. אויף סעקאַנד עוועניו האָט מיר אַ טעאַטער מענעדזשער אָפען געזאָגט, אַז ער וויל אַ פּיעסע, אויף וועלכער די קריטיק זאָל זאָגען, אַז זי איז וואולגאַר. דער עולם, האָט ער געזאָגט, האָט ליב די פּיעסע, וואו מען רעדט וועגען פאַרבאָטענע זאַכען און ער האָט דאָס אויך ליב. און דאָ?

דער וואַרשעווער טעאַטער דירעקטאָר

ווען דער וואַרשעווער טעאַטער דירעקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל קריגען מיין פּיעסע, האָב איך שוין מער זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען און געזאָגט: — מיך האָט מען אין טעאַטער אַזוי פיל אָפּגענאַרט, אַז איך גלויב גאָר ניט. איך וועל מיט אייך וועגען מיין פּיעסע קיין איין וואָרט מער ניט רעדען, סיידען, איר וועט מיר געבען הונדערט דאָלאַר פאָראויס. אָבער דאָלאַרען, ניט קיין זלאָטעס.

איך בין געווען זיכער, אַז דער פאַרלאַנג וועט מאַכען אַן ענדע צו די וואַרשעווער ליגנערס. דער טעאַטער בעל הבית מיט׳ן פּרעס אַגענט וועלען אַנטלויפען. אין וואַרשע הונדערט דאָלאַר?

אָבער זיי האָבען זיך גאָר ניט דערשראָקען.

דער טעאַטער דירעקטאָר האָט רוהיג געעפענט זיין בייטעל, אַרויס־גענומען הונדערט דאָלאַר, מיר געגעבען, און געזאָגט: „גייענדיג אַהער האָב איך מיטגענומען דאָלאַרען אייך צו געבען. איך האָב מיטגענומען מער״.

איך בין געבליבען ווי פּריטשמעליעט.

אָבער דאָס איז ניט געווען די איינציגע איבערראַשונג.

דער רעזשיסער, זיגמונד טורקאָוו, האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל קומען יעדען טאָג צו פּראָבען. „טאָמער״, האָט ער געזאָגט, „פאָלט אייך עפּעס איין. אפשר געפעלט אייך עפּעס ניט. זיצט און העלפט מיר״.

אויף סעקאָנד עווענינג האָט מיר אַ טעאַטער דירעקטאָר אַ מאָל געזאָגט: „איך בעט אייך, קומט ניט צו פּראָבעס. איר מאַכט די אַקטיאָרען נערוועז״. און ער איז געווען גערעכט. איך האָב אַ מאָל ביי פּראָבען ניט דערקענט מיין פּיעסע און געמאַכט סקאַנדאַלען..

איך האָב דאַן געהאַט נאָך אַנדערע איבערראַשונגען:

נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער דריטער אַקט איז צו לאַנג. עס איז געווען נויטיג צו שניידען דעם דריטען אַקט. לויט מיין פּלאַן האָט מען געדאַרפט אויס־שניידען די מייסטע פּראָזע וואָס איז געזאָגט געוואָרען פון זיגמונד טורקאָוו, וועלכער איז געווען דער רעזשיסאָר און דער הויפּט שויי־שפּילער.

ווען איך האָב דאָס געגעבען טורקאָוו׳ען אָנצוהערען, האָט ער גע־זאָגט: „איר קענט אַפילו אויסשניידען מיין גאַנצע ראָלע פון דריטען אַקט, אַבי עס זאָל זיין גוט פאַר דער פּיעסע״.

איך וואָלט אַ מאָל געוואָלט דערלעבען צו זען אַזאַ סטאָר אין ניו יאָרק. אַ ניו יאָרקער סטאָר וואָלט בעסער געלאָזט פאַרמאַכען דעם טעאַטער מיט דער פּיעסע צוזאַמען, איידער אויסצושניידען ביי זיך אַ פּאָר שורות.

ווען איך בין געפאָרען אין מיין שטעטעל אַריין האָט דער מענעדזשער קרעשטשא צו מיר געזאָגט: — „נאָט אייך אַ ביסעל געלד פאָראויס. איר וועט דאָך דאַרפען צוטיילען אין שטעטעל".

אַזאַ ליבער מענעדזשער ווי דער קרעשטשא, אַזאַ ליבען, פּשוט'ען, גוטען, ערליכען פרעס־־אַגענט ווי אַרנאָלד, קען מען זיכער ניט געפינען אויף בראָדוועי, אָדער אויף סעקאָנד עוועניו. מען קען זיי שוין אין ערגיץ ניט געפינען. זיי זיינען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. דער רעזשיסאָר, זיגמונד טורקאָוו, גלויב איך, געפינט זיך איצט אין בראַזיל.

איך בין געווען אַזוי צופרידען פון דעם ווי מען באַהאַנדעלט אַ שרייבער אין וואַרשע, אַז איך האָב באַשלאָסען, אַז מער שרייב איך ניט קיין פּיעסען פאַר סעקאָנד עוועניו און בראָדוועי, נאָר פאַר וואַרשע.

***

ווען איך בין אַהיימגעקומען קיין ניו יאָרק האָט מיין ווייב מיר געלאָזען וויסען, אַז מען האָט מיך שוין עטליכע מאָל גערופען פון דזשוליוס'עס אָפיס אויף בראָדוועי.

איך האָב איר געענטפערט, אַז מער האָב איך ניט צו טאָן מיט בראָדוועי. איך שרייב בלויז פאַר וואַרשע.

— וואָס טויג דיר וואַרשע? — האָט זי געזאָגט — דאָרט זיינען פאַראַן בלויז זלאָטעס!

— איך וויל וואַרשע!

— איך וויל בראָדוועי!

— וואַרשע!

— בראָדוועי!

— וואַרשע!

— בראָדוועי!

איך בין שוין ווידער אויף בראָדוועי

אַ באַרימטער מענש, איך געדענק ניט ווער, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז בראָדוועי האָט אין זיך אַ געוואַלדיגען כח, מעג מען דאָרט צען מאָל דורכפאַלען, ציט עס אַהין, כדי נאָכאַמאָל דורכצופאַלען.

מיך ציט ניט אַהין. פאַרקערט. זייט איך בין אַהיימגעקומען פון איראָפּע האַס איך בראָדוועי. איך וויל אַפילו דעם נאָמען ניט הערען. גאַנץ אַנדערש איז מיין ווייב. אַי וואָלט זי געוואָלט איך זאָל ווערען אַ בראָדוועיער שרייבער! זי שווייגט ניט וועגען דעם. זי רופט דורכ׳ן טעלעפאָן; זי שרייבט בריף; זי קאָכט זיך; זי אַרבייט מעשים.

איינמאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, קלאַפּט מען ביי מיר אין טיר און — מיין אַלטער בראָדוועיער באַקאַנטער מעקגי, וועלכער האָט אַמאָל געהייסען שמאַגרינסקי, איז אַריינגעקומען. מיין ווייב נעמט תמיד אויף גוט געסט, בפרט נאָך איינעם, וועלכער קומט פון בראָדוועי. זי האָט אים אָנגעבאָטען משקה, קיכלעך, בלינצעס. ער האָט קיין זאַך ניט ענטזאָגט, און דערנאָך גערעדט וועגען זיינע גרויסע ערפאָלגען. ער שרייבט אין עטליכע אָפיסעס. ער האָט געקראָגען טויזענטער אַלס אַדוואַנסעס און ער פילט זיך זייער גליקליך.

מיין ווייב האָט געשלונגען יעדעס וואָרט און אויף מיר געקוקט ווי זי זאָל זאָגען: „שלומיאל, אומגליק, דו זעסט ביי לייט!״

ער האָט ערקלערט, אַז דזשוליוס וויל מיך זען און אַז איך דאַרף גלייך גיין זיך טרעפען מיט אים. מען טאָר דזשוליוס׳ן ניט אָפּזאָגען.

איך האָב געשוויגען.

מיין ווייב האָט מעקגי׳ן געהאָלפען מיך איבערעדן, אַז אויב דזשוליוס רופט טאָר איך ניט אָפּזאָגען.

מעקגי האָט מיך און מיין ווייב איינגעלאַדען אויף אַ קאַווע אין

„קאַפּע ראָיאַל". ער וויל אַ קוק טאָן אויף... די זשעניען, וועלכע קומען דאָרט אַריין און גייען נעבעך אונטער, האָט ער געזאָגט.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישעל אין „קאַפּע ראָיאַל". טרינקענדיג קאַווע האָט ער אָנגעוויזען אויף אַ טיש, וואו עס זיינען געזעסען אַ פּאָר אידישע אַקטיאָרען, און געזאָגט: „ווער ווייסט צי דאָ זיצען ניט עטליכע פּאָול מוניס?"

ער האָט אָנגעוויזען אויף אַן אַנדערען טיש, וואו עס זיינען געזעסען עטליכע שרייבער און געזאָגט: „דאָרט זיצען מסתמא אַ צוויי דריי אַניעלס!"

ער האָט זיך געווענדעט צו מיר און געזאָגט: — „הלואי האָב איך אייער טאַלאַנט! איך וואָלט פון בראָדוועי ניט אָפּגעטראָטען. לאָזט ניט אָפּ בראָדוועי! דאָרט ליגען אוצרות!

„מיינע ווערטער!" — האָט מיין ווייב געזאָגט.

צום שלוס האָט ער צוגערופען דעם וועיטער, אים באַצאָלט און אים געגעבען אַ טיפּ פון פינף דאָלאַר. דער וועיטער איז שיער ניט געפאַלען אין חלשות. מיין ווייב האָט אויף מיר אַ קוק געגעבען ווי איינער רעדט: „נו, דו זעסט וואָס בראָדוועי איז!"

ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס האָט מעקגי אָפּגעשטעלט אַ טעקסי און האָט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער האָט ניט ביי זיך זיין טייסטער מיט געלט. „גוואַלד, כ'האָב איבערגעטאָן מיין אַנצוג און איבערגעלאָזען מיין געלט!" — האָט ער געזאָגט.

— ס'איז ניט קיין אומגליק! — האָט מיין ווייב אויסגערופען — מיר וועלען אייך געבען, לייען.

איך האָב אַרויסגעכאַפּט צען דאָלאַר און אים געגעבען.

איידער ער האָט אוספייעט זאָגען אַ דאַנק, האָט מיין ווייב אַ זאָג געטאָן: — „אפשר איז דאָס ניט גענוג?" — און אים דערלאַנגט נאָך צען דאָלאַר.

ער האָט אַריינגעלעגט דאָס געלט אין קעשענע, איז אַריינגעשפּרונגען אין דער טעקסי, געזאָגט: „טענק יו!" און „גוד באַי" און זיך ווענדענדיג צו מיר האָט ער געזאָגט: „איך וועל אין אַ האַלבע שעה זיין ביי דזשוליוס'ען וועט איר דאָרט צוריקקריגען די צוואַנציג דאָלאַר! קומט צו דזשוליוס'ען".

מיין ווייב האָט ערקלערט, אַז זי איז זייער צופרידען וואָס זי האָט געהאַט אַ געלעגענהייט צו העלפען אַ בראָדוועיער מענשען מיט אַ פּאָר דאָלאַר. איך האָב איר געזאָגט, אַז ווען איך האָב איינגעשטעלט און

אים געליען צען דאָלאַר איז געווען גענוג. זי האָט מיר ניט געמוזט העלפען און אים געבען נאָך אַ צענערל.

— דו מיינסט אַז ער וועט ניט באַצאָלען? — האָט זי געפרעגט.

— איך זאָג ניט, אָבער —

— וואָס הייסט, אַ מענש פאַרדינט טויזענטער, לויט ווי ער האָט געזאָגט — זאָגט מיין ווייב.

— דו האָסט דען איבערגעציילט די טויזענטער? — פרעג איך.

— ניין, אָבער אַז אַ מענש גיט פינף דאָלאַר אַ טיפּ מוז ער דאָך זיין רייך — ערקלערט מיין ווייב.

זי האָט אַ ביסעל נאָכגעטראַכט און געזאָגט: „פונדעסטוועגען גיי צו דזשוליוס'ען. דו וועסט אים דאָרט טרעפען, מעקגי'ן. נעם אָפּ די צוואַנציג דאָלאַר. ער קען פאַרגעסען".

איך האָב אַ ביסעל נאָכגעטראַכט און געזאָגט: „איך גיי".

איך בין געגאַנגען.

אַ זיפּער מאַנופעקטשורער

ביי דזשוליוס׳ען אין אָפיס.

דזשוליוס האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט.

— ווען איך גלויב אין אַ מענשען — האָט ער געזאָגט — גיב איך ניט אויף מיין גלויבען אין אים ביז איך טויט אריין. איך גלויב שטאַרק אין אייך. איך מוז פון אייערער אַ פּיעסע מאַכען אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע. איר מוזט דורך מיר ווערען באַרימט. איך וועל נעמען אייער פּיעסע „ווען לעבט ער?” און וועל מאַכען, אַז מאַסען מענשען זאָלען דערפון לעבען גליקליך. אויב די פּיעסע איז אַ מאָל געווען גוט אָן מוזיק וועט זי זיין מיט מוזיק אַ סך בעסער. און היינט וואָס בראָדוועי קען טאָן. מען וועט פיקסען, דאָקטאָרען און איבערשרייבען און ענדערען. עס וועלען אַרבייטען מאַסען מענשען דערביי. עס וועט שטורמען!

— ערוואַרט איר דאָ מר. מעקגי? — פרעג איך אים.

— וועגען אים קען מען ניט וויסען צי ער וועט קומען צי ניט — זאָגט דזשוליוס — אויב ער האָט אַ פּאָר סענט וועט ער ניט קומען.

— ער האָט געלד — זאָג איך — ער האָט צוואַנציג דאָלאַר.

— צוואַנציג דאָלאַר? — פרעגט דזשוליוס — וואו האָט ער גע־נומען?

— איך האָב אים געליען — זאָג איך — און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דאָ זיין און מיר אָפּגעבען.

— קען ער דאָך שוין אָהער ניט קומען — זאָגט ער — פאַרוואָס האָט איר אים געליען?

— ער האָט פריער פאַר מיינע אויגען — זאָג איך — געגעבען דעם וועיטער פינף דאָלאַר אַ טיפּ.

— ער האָט אינוועסטעד פינף דאָלאַר צו קריגען צוואַנציג — ערקלערט דזשוליוס — ער איז אַ גרויסער געמבלער.

מען האָט דאָן געלאָזען וויסען דזשוליוס׳ען, אַז מר. קליין קומט.

— מר. קליין קומט — האָט דזשוליוס אויסגערופען באַגייסטערט און גענומען אַליין אָפּראַמען פון טיש — דאָס איז דער באַרימטער זיפּער מאַנופעקטשורער. איך בעט אייך, אַז איר זאָלט ניט ריידען ווען ער וועט זיין, דער גרויסער מר. קליין.

— איך וועל אַוועקגיין — זאָג איך — איך מוז ניט זען דעם גרויסען מר. קליין.

— אָ, ניין — זאָגט ער — איך מוז אייך האָבען. איר זיינט מיר מזלדיק. דער מר. קליין האָט מיר צוגעזאָגט אַ פּאָר מאָל מיך צו קומען באַזוכען און איז ניט געקומען. היינט אָבער, ווען איר זיינט דאָ, איז ער געקומען, אויף אייער מזל. איר ווייסט גאָר ניט ווער דער מר. קליין איז. טויזענטער זיינען ביי אים בלאָטע. ער קען אונז אַלעמען מאַכען גליקליך. איך דאַרף אייער הילף — אייערע פּיעסען און זיין געלד!

מר. קליין איז אַריינגעקומען.

— העלאָו מר. קליין, — רופט אויס דזשוליוס — העלאָו. ס׳איז ביי מיר אַ גרויסער כבוד אייך צו זען און אייך צו האָבען ביי מיר אין אָפיס. ווי פילט איר, וואָס מאַכט איר?

— איך פיל העפּי, איך פיל גוט, איך בין געזונט, איך בין שטאַרק — רופט אויס מר. קליין.

— האָלד איט! — האָט אויסגעשריען דזשוליוס — וואָס פאַר אַ ווערטער! וואָס פאַר אַ שורות! וואָס פאַר אַ סאָנג מען קען דערפון מאַכען!

דזשוליוס איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ טשער און אָנגעהויבען זינגען:

„איך פיל העפּי,
איך פיל גוט,
איך בין געזונט,
איך בין שטאַרק״.

איך האָב זיך אַוועקגערוקט אין אַ ווינקעל. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז אַ פרעמדע וועלט פאַר מיר.

— דאָס וועט זיין מיין נייער סאָנג — האָט געשריען דזשוליוס — וואַט עי סאָנג!

— איך האָב שוין געהאַט מיינעם אַ סאָנג אין דער מוזיקעל

קאָמעדי „מאַי דיר טשאַרלי״ — זאָגט מר. קליין — איך האָב אַ זאָג געטאָן אַ פּאָר שיינע ווערטער האָט אַ סאָנג־שרייבער געמאַכט אַ סאָנג דערפון. דער סאָנג האָט מיך געקאָסט אַ היבשע פּאָר דאָלאַר. די פּיעסע האָט מען געשפּילט בלויז צוויי טעג.

— איר וועט פון דעם סאָנג אָפּמאַכען דאָס געלט וואָס איר האָט דאָרט פאַרלוירען — זאָגט דזשוליוס — וואָט עי סאָנג!

— און ווער איז דער? — פרעגט מר. קליין אַנווייזענדיג אויף מיר.

— אַ, ער? — זאָגט דזשוליוס, — ער איז אַ אידישער שרייבער, שרייבט דזשואיש. ער לערענט זיך דאָ ווי מען שרייבט פאַר בראָדוועי. איך האָב אים געהייסען דאָ זיצען און פאַרשרייבען ווען איר זאָגט אַ קלוג וואָרט.

„איך האָב אַנומעלט ביי מיין סאָסייעטי געזאָגט — ערקלערט מר. קליין — ׳טשערמאַן, סיסטערס און בראָדערס. אַלע האַלטען לאַנגע רעדעס און גיבען ווייניג געלד. איך וועל האַלטען אַ קורצע רעדע: נאָט אייך אַ טשעק פון צען טויזענט דאָלאַר און זאָל עס נעמען דער רוח!׳ איז געפאַלען אַ גרויסער אַפּלאָוז״.

— „האָלד איט!״ האָט אויסגעשריען מר. דזשוליוס — וואָס פאַר אַ טייערע ווערטער! און זיך ווענדענדיג צו מיר האָט ער אויסגעשריען: „פאַרשרייבט די שיינע ווערטער״.

— איך וועל דאָס געדענקען אויף אויסווייניג — האָב איך געזאָגט.

— אָט די שיינע ווערטער וועלען אַריין אין מיין נייער פּיעסע — האָט אויסגערופען דזשוליוס — איך האָב אַ פּלעי, וואָס איז טעריפיק. דער נאָמען פון דער פּלעי איז מיר איינגעפאַלען קוקענדיג אויף אייך. דער נאָמען איז: „ווען לעבט ער?!״ וואָט עי נעים! דאָרט פּאַסט זיך אַריין דער סאָנג:

„איך פיל העפּפּי,
איך פיל גוט,
איך בין געזונט,
איך בין שטאַרק״.

וואָט עי סאָנג!

— דאָס וויכטיגסטע איז — זאָגט מר. קליין — אַז עס זאָל דאָרט זיין אַ גוטע ראָלע פאַר מיין פרענסיס׳ען. זי איז אַ קליינינקע מיט קליינע אייגעלעך. אָבער אַ פייער. זי ברענט אַ וועלט! זי דאַרף ברענען אַ

וועלט און אָפּרעדען אַ האַלבע פּיעסע. זי האָט ליב אַ סך צו רעדען.

— אָט דאָס דאַרפען מיר — זאָגט דזשוליוס — אַ קליין מיידעל, וועלכע זאָל פאַרדרייען גרויסע מענער די קעפּ, און זי זאָל רעדען אַ סך. אָט דאָס איז די פּיעסע. זאָל אייער פּרענסיס אַהער קומען. איך וויל מיט איר רעדען. איך וויל צופּאַסען די ראָלע פאַר איר אַזוי ווי מען פּיט אַ דרעס.

— גוד באַי, מר. דזשוליוס — האָט מר קליין געזאָגט — איך וועל שיקען פּרענסיס׳ען איר זאָלט איר צופּאַסען די ראָלע. גיט אַ מוטשע דעם קאָפּ, גיט אים אַ קוועטש און זאָל זיך אַרויסגליטשען אַ ראָלע וואָס זאָל זיין ווי פּוטער.

— האָלד איט! — האָט דזשוליוס אויסגעשריען און זיך ווענדענדיג צו מיר האָט ער אויסגערופען: — פאַרשרייב יעדעס וואָרט!

מר קליין איז אַוועק און דזשוליוס האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט: — וואָס פאַר אַ מזל׳דיגער מענש איר זיינט! מר. קליין איז געקומען, ווייל איר זיינט געוועזן. איך וואָלט געדאַרפט שפּילען פּערדלאַך בשותפות מיט אייך וואָלט איך געוואונען. איך בין ניט קיין גלויביגער, אָבער אין מזל גלויב איך. איך וויל אייך אָפּקויפען. איך וויל מיט אייך מאַכען אַ קאָנטראַקט, אַז אַלעס וואָס איר שרייבט פאַר די נעקסטע צען יאָר געהערט צו מיר, און מיט אַן „אָפּשאָן״ פאַר נאָך צען יאָר. איר האָט גרויס מזל!

— און וואָס איז געוועזן מיט לאָנדאָן? — פרעג איך — איך בין דאָרט געוועזן, און די פּיעסע איז געוועזן אַזאַ דורכפאַל.

— דאָרט זיינט איר ניט געוועזן שולדיג — האָט ער געזאָגט — אייער שורה „גאָט איז גערעכט!״ האָט געקראָגען אַ גרויסען אַפּלאָוז, דעם גרעסטען אַפּלאָוז!

די בראָדוועיער מנחם מענדעלס

איך זיץ ביי דזשוליוס׳ן אין אָפיס און ער רעדט מיט פייער, מיט באַגייסטערונג; ער קלאַפּט אין טיש צו באַווייזען, אַז ער וויל מיך גליקליך מאַכען און איך וויל ניט.

— אייער פּיעסע „ווען לעבט ער" איז אַ טויטע, — שרייט ער. — אַפילו ווען מען האָט זי געשפּילט איז זי געווען טויט. מען האָט זי געשפּילט אין אידיש. וואָס איז אידיש?

איך וויל עפּעס זאָגען, אָבער ער לאָזט ניט און ער שרייט:

— ביי מיר וועט אייער פּיעסע ווערען לעבעדיג. איך וועל נעמען דערצו אַזעלכע אַקטיאָרען וואָס קענען פון טויט מאַכען לעבעדיג. פאַר דער הויפּט־ראָלע וועל איך נעמען פּאָול מוני. ער האָט קיינמאָל ניט געשפּילט אין אַ מיוזיקעל קאָמעדי. ער וועט זיין אַ סענסאַציע. שטעלט אייך פאָר, פּאָול מוני אין דער הויפּט ראָלע! — טעריפיק! און אויב פּאָול מוני וועט ניט וועלען, ער איז אַ יחסן, נעמען מיר פרענק מאָרגאַן. יאָ, זאָגט אַליין, וואָלט מאָרגאַן געווען שלעכט אין דער ראָלע. האַ? און אויב ניט פרענק מאָרגאַן איז טשאַרלי ראָגעלס. ער וועט אויך זיין טעריפיק. און אויב ניט ראָגעלס, נעמען מיר סעם דזשאַפּע. ער איז אַ גאָר גוטער אַקטיאָר. און דאָס איז נאָך גאָר ניט. דערנאָך קומען די פרויען ראָלען. איך וואָלט גענומען דאָראָטי לאַמור — טעריפיק! שטעלט אייך פאָר, פּאָול מוני רעדט און דאָראָטי לאַמור זינגט. און אויב ניט דאָראָטי לאַמור איז ריטאַ העיוואָרט, און ווען העיוואָרט וויל ניט, איז מיצי גרין. איך פאָר קיין האָליוואָוד און ברענג זיי".

איך האָב עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזען איבערשלאָגען די רייד.

— איך וויים וואָס איר ווילט זאָגען, — האָט ער אויסגערופען. —

איר ווילט זאָגען, אַז איר ווילט ניט. ווייל איך ניט הערען אייער מיינונג; אַז אַ מענש וויל ניט האָבען קיין סוקסעס אויף בראָדוועי איז זיין מיינונג ניט קיין מיינונג, איז ער ניט ביים פולען זינען, איז ער ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע רייד. איך וועל פאַרהאַנדלען מיט אייער ווייב. איך האָב גערעדט מיט איר אַ פּאָר מאָל דורכ׳ן טעלעפאָן. זי איז פּראַקטיש. זי פאַרשטייט. זי וויל אַ סוקסעס.

מיר איז ענדליך געלונגען אַריינצוואַרפען אַ פּאָר ווערטער.

— איר זעט ביי מיר אויס ווי אַ מנחם מענדל, אַ בראָדוועיער מנחם מענדעל, — האָב איך געזאָגט.

ער איז געוואָרען נייגעריג צו וויסען וואָס איז אַזוינס מנחם מענדעל.

איך האָב אים ערקלערט, אַז מנחם מענדעל איז שלום-עליכמ׳ס אַ טיפּ, אַ איד אַזאַ, וועלכע האָט אַ רייכע פאַנטאַזיע און פליט מיט איר אין די הימלען. ער מיינט, אַז ער כאַפּט מלאכים און ער כאַפּט פליגען.

— טעריפיק! אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרגלייך צו מיר? — האָט ער געפרעגט.

— איר, — האָב איך אים געזאָגט, — האָט ערשט גענומען מיינע אַ אידישע פּיעסע און געמאַכט, אַז מען זאָל זי שפּילען אויף בראָדוועי מיט פּאָל מוני און דאָראָטי לאַמור. איז דאָס ניט מנחם מענדעל׳ס אַ פּלאַן? אָדער נעמען מיר דעם זיפּער-מאַנופעקטשורער קליין, וועלכער איז ביי אייך געוועזן, ער רעדט אידיאָטישע ווערטער און איר שרייט, אַז איר וועט פון זיי מאַכען סאָנגס...

ער האָט מיך ניט געלאָזען ריידען ווייטער. ער האָט איין פוס זיינעם אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקעל און גענומען שרייען:

— ווייסט איר ווער דער מיסטער קליין איז? גאַנץ בראָדוועי בוקט זיך פאַר אים!

— איז אָך און ווי צו בראָדוועי — האָב איך געזאָגט.

— אַזוי! בראָדוועי געפעלט אייך ניט! — האָט ער אויסגעשריען. — רופט מיר אָן נאָך אַ פּלאַץ אין דער וועלט, וואו מען שפּילט אַזוי פיל גוטע פּיעסען און אַזוי פיין טעאַטער, ווי אויף בראָדוועי?

— דאָס איז אמת, — זאָג איך, — אָבער —

— ניטאָ קיין אָבערס! — האָט ער אויסגעשריען. — בראָדוועי איז דער איינציגער פּלאַץ, וואו מען שפּילט אמת׳ע קונסט.

— אמת, — זאָג איך. — אָבער דער קליין אייערער —

— אָט דער מיסטער קליין מיינער — האָט ער אויסגערופען, — איז טאַקע אַן אידיאָט, אָבער אַ ליבער מענש. ווען ניט אַזעלכע ווי ער,

וואָלט דאָס טעאַטער ניט געקענט עקזיסטירען. ער ווייסט גאָר ניט, אָבער ער גיט געלט. ער גיט. די, וועלכע ווייסען, גיבען ניט.

— און וואָס איז מיט זיין געליבטער פרענסיס, וועלכע, ווי ער האָט געזאָגט, רעדט אַ סך און מען דאַרף איר געבען אַ ראָלע אַ סך צו רעדען? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס אַרט אייך די פרענסיס? — האָט ער געזאָגט. — מיר וועלען איר געבען אַ שטיקעל ראָלעכעל צו פאַרשטופען איר דעם פּיסק. מען הערט סאַי־ווי־סאַי ניט וואָס זי רעדט. זי האָט אַ הייזעריגע שטימע.

— דאָס איז ניט פאַר מיר, — האָב איך אים געזאָגט. — מען כאַפּט אַ מיסטער קליין, ער ווייסט גאָר ניט און מען נאַרט אים אָפּ און מען נעמט ביי אים געלט. מען זאָגט־צו אַ ראָלע פאַר פרענסיס'ען און מען נאַרט זי אָפּ, און מען נאַרט זיך, און מען נאַרט דעם עולם אָפּ...

— אָ, איר ווילט קעמפען פאַר דעם אמת?! — האָט דזשוליוס אויסגערופען. — וועל איך אייך עפּעס זאָגען: איך האָב געהאַט אַן אָנקעל אויף איסט בראָדוועי איז ער געווען אַ סאָציאַליסט. ער פלעגט זיך אָוועקשטעלען אויף די קאָרנערס און ריידען וועגען יושר, מענש־ליכקייט, ברידערליכקייט און אמת. איר ווייסט וואָס דער סוף זיינער איז געווען? ער איז געשטאָרבען אַ גרויסער קבצן. אָבער ער האָט זיך אָפּגעמוטשעט אַ היבש ביסעל יאָרען. דאָס איז געווען אויף איסט בראָדוועי. אויף בראָדוועי, אַז מען קעמפט פאַר'ן אמת, מוטשעט מען זיך ניט לאַנג. ווער עס גייט דאָ אַרום זוכען דעם אמת, פאַרט מען אים איבער.

צום שלוס האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט באַלד אָנהויבען אַרבייטען אויף מיין פּיעסע, צי איך וויל, צי ניט. ער מוז מאַכען פון מיר אַ לייט. פריער אָדער שפּעטער וועל איך אים דאַנקען.

איך קום אַהיים שיכור

אַרויסגייענדיג פון דזשוליוס׳עס אָפּיס, אויף בראָדוועי, האָב איך באַגעגענט מעקגי׳ן. ער האָט זיך געהוידעט אויף די פיס אַהין און צוריק. ער איז געווען אַ ביסעל שיכור׳לעך. ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט.

— פריינט מיינער! — האָט ער אויסגערופען, — לאָמיר אַריינגיין דאָ אין אַ באַר טרינקען ברודערשאַפט. מיר זיינען ביידע אויף צרות. בראָדוועי נאַרט אונז ביידע אָפּ. קום, ברודער!

איידער איך האָב אוספּייעט אים צו ענטפערן, האָט ער אַ געשריי געטאָן „נעלי, דאַרלינג!״ עס איז צוגעקומען אַ יונגע, בלאָנדע, שיינע מיידעל.

ער האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס דעם נייעם שטערן, וועלכע הויבט אָן שיינען אויף בראָדוועי.

זי האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, און מעקגי האָט מיך מיט איר אַ שלעפּ געטאָן און מיר זיינען אַלע געווען אין אַ באַר.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איך בין אַ גרינער אויף בראָדוועי. איך ווייס ניט פון קיין באַרס. עס האָט מיר ניט געפּאַסט אַרויסצוצייגען מיין גרינקייט, איבערהויפּט פאַר די אויגען פון אַ שיין, בלאָנד מיידעל.

מיר האָבען זיך אַלע דריי אַוועקגעזעצט און דער ווייטער איז צוגעקומען און געפרעגט וואָס מיר ווילען. זיי האָבען באַשטעלט געטראַנקען. איך האָב געזאָגט: „דאָס זעלבע!״ ביי מיר האָבען אַלע בראָנפּענס דעמזעלבען טעם.

טרינקענדיג האָט ער אַרומגענומען דאָס בלאָנדע מיידעל און געזאָגט:

„דאַרלינג, איצט איז דיין געלעגענהייט צו ווערען אַ סטאַר! אַט דער פריינט מיינער וועט באַלד האָבען אַ פּיעסע. ער קען דיר מאַכען אַ ראָלע, אַז דו זאָלסט איבערקערען בראָדוועי״.

די בלאָנדינקע האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מיר. דער וועיטער איז ווידער צוגעקומען. די בלאָנדינקע מיט מעקגי׳ן האָבען באַשטעלט אַ צווייטען טרונק. איך האָב געזאָגט, אַז פאַר מיר איז גענוג, אָבער די בלאָנדינקע האָט, געבענדיג מיר אַ גלעט, געזאָגט „אָ, ניין, דו מוזט טרינקען מיט אונז״.

נו, איז ווי אַזוי זאָגט מען ניין, ווען אַ שיין מיידעל קוקט אייך אין די אויגען אַריין און גלעט אייך. מיר האָבען צוזאַמען געטרונקען נאָך עטליכע גלעזלאַך.

מיר האָט זיך גענומען דרייען דער קאָפּ. מעקגי און די בלאָנדינקע האָבען מיך אַהיים געפירט אין אַ טעקסי.

ווען מיין ווייב האָט מיך דערזען אַריינקומען וואַקלענדיג זיך אויף די פיס און זעענדיג מיינע באַגלייטער, מעקגי און אַ בלאָנדע מיידעל, איז זי געבליבען שטיין אין אַ פּאָזע פון איינער, וואָס ווייסט ניט צי זאָל זי שרייען, צי זאָל זי זיך פרייען. זי האָט מיך קיינמאָל ניט געזען שיכּור, און דאָ בין איך אין דער באַגלייטונג פון אַ בלאָנדינקע, אַן אַקט־ריסע (מען האָט דערקענט, אַז ס׳איז אַן אַקטריסע).

— וואָס איז געשען? — פרעגט זי אַ ביסעל אין כּעס און אַ ביסעל נייגעריג.

איך האָב געענטפערט בלויז איין וואָרט: „בראָדוועי!״

דערהערענדיג בראָדוועי איז דער כּעס ביי איר אינגאַנצען פאַר־שוואונדען, און זי האָט אָנגעהויבען שמייכלען.

— ס׳טרעפט אַזעלכע זאַכען! — האָט זי געזאָגט.

איך האָב געקלערט וואָס צו זאָגען, אַז זי זאָל ווערען אין כּעס אויף בראָדוועי.

אַזוי שנעל ווי מעקגי און די בלאָנדינקע זיינען אַוועק האָב איך איר געזאָגט, אַז מעקגי האָט ניט באַצאָלט די פאָר דאָלאַר וואָס ער איז אונז שולדיג, און אַז ער איז אויף צרות, און אויב זי האַלט פון אים מיט בראָדוועי, זאָל זי אים צושיקען אַ פאָר דאָלאַר. ער וועט נע־מען.

מיין ווייב האָט געדענקט, אַז איך בין אין ניט קיין ניכטערען צושטאַנד און ווייס ניט וואָס איך רעד.

— דו ביסט שיכּור, — האָט זי געזאָגט. — לייג זיך שלאָפען!

— איך בין טאַקע שיכור, — האָב איך געזאָגט, — אָבער איך ווייס וואָס איך רעד. בראָדוועי איז אַ בלאָפערקע, בראָדוועי פאַרפירט מענשען. בראָדוועי איז אַן אומגליק!

— גיי שלאָפען! — האָט זי ווידערהאָלט.

— איך וויל דו זאָלסט וויסען, — האָב איך געזאָגט, — אַז איך האָב באַצאָלט פאַר דעם שנאַפּס, וואָס מיר דריי האָבען געטרונקען, אַז די בלאָנדינקע האָט זיך געשאַרט אַרום מיר, און אַז זי וויל איך זאָל פאַר איר שרייבען אַ ראָלע.

— טאָ שרייב פאַר איר אַ ראָלע, — האָט מיין וויב געזאָגט.

— איך בין ניט קיין בלאָפער! — האָב איך געשריען. — איך האָס בראָדוועי!

— גיי שלאָפען! — האָט זי געשריען.

איך בין באַלד איינגעשלאָפען. דער בראָנפען האָט אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. איך בין געשלאָפען ביז שפּעט אין דער פרי. דער טעלעפאָן קלינגט. מיין וויב ענטפערט. איך הער: „העלאָו! וואָס? טאַקע? מיר האָט ער ניט געזאָגט אַ וואָרט. ער איז אַהיים געקומען פון בראָדוועי שיכור פון גרויס גליק, און מען האָט פון אים ניט געקענט אַרויסקריגען אַ וואָרט. גוד באַי!"

— דאַרלינג, שלאָף ניט, דערצייל מיר. וואָס איז געשען? — האָט זי גערעדט צו מיר מיט אַ ליבליכער שטימע.

— איך ווייס גאָר ניט, — האָב איך איר געזאָגט.

דער טעלעפאָן קלינגט ווידער. מיין פרוי ענטפערט. איך הער:

„האַלאָ, וואַיאָלעט! אַ דאַנק! איך בין ערשט איצט געוואָר געוואָרען די נייעס. מיין מאַן איז אַהיים געקומען פון בראָדוועי שיכור. ער האָט מיר עפּעס געזאָגט, אָבער איך האָב אים ניט פאַרשטאַנען. אין וועלכער צייטונג איז דאָס דאָ? אָ, אין דער „טאַימס". אַ דאַנק! איך גיי שוין קויפען אַ „טאַימס". גוד באַי!"

זי איז, אָן אַן אָטעם, אַרונטערגעלאָפען, און זי איז אַרויפגעקומען מיט אַ „טאַימס" און מיט אַ געשריי: „ס'איז דאָ!"

איך האָב דאָרט איבערגעלייענט מיין נאָמען מיט דזשוליוס'עס נאָמען, אַז מיר האָבען צוזאַמען אָנגעשריבען אַ מיוזיקעל קאָמעדי מיט'ן נאָמען „ווען לעבט ער?"; אַז שוּבערט און נאָך אַ פּראָדיוסער זיינען פאַראינטערעסירט אין דער פּיעסע. מען קלערט וועגען קריגען איינעם פון די פאָלגענדע סטאַרס: פּאָול מוני, פרענק מאָרגאַן און דאָראָטי לאַמור. מר. פרענק קליין, וועלכער האָט אינוועסטעט אין איינציגע

פּיעסען אויף בראָדוועי איז אויך פאַראינטערעסירט אין דער פּיעסע״.

איך האָב געוואָלט ערקלערען, אַז דאָס איז גאָר ניט, אַז דאָס איז פּובליסיטי און קומט פון דער פאַנטאַזיע פון אַ בראָדוועיער מנחם מענדעל. אָבער מיין ווייב האָט מיך אַרומגענומען, מיך געקושט און געזאָגט: „איצט, דאַרלינג, ביסטו אויף בראָדוועי מיטביידע פיס! דו ביסט גרויס!״

איך גיי אויף דער עקידה

נאָכדעם ווי עס איז ערשינען אַ נאָטיץ אין דער „טאַימס״, אַז איך מיט דזשוליוס׳ן האָבען אָנגעשריבען אַ פּיעסע „ווען לעבט ער?״ איז געוואָרען לעבעדיג ביי מיר אין הויז. דער טעלעפאָן האָט נאָכאַנאַנד געקלונגען. קרובים און פריינט האָבען אויסגעפרעגט איינצעלהייטען. מיין ווייב האָט זיי געענטפערט און ערקלערט, אַז דאָס גליק מיינס איז זייער נאָענט. עס וועט ניט געדויערען לאַנג און מיין נאָמען וועט שיינען אויף אַ בראָדוועיער טעאַטער מיט עלעקטרישער באַלייכטונג.

אַ טייל קרובים האָבען דורכ׳ן טעלעפאָן געגעבען אָנצוהערען וועגען הלוואות. מיין ווייב האָט זיי ניט אָפּגעזאָגט. זי האָט געזאָגט, אַז זי אַלס ווייב איז אינטערעסירט, אַז איך זאָל העלפען מיינע קרובים, מיין אייגען בלוט און פלייש. אָבער ביז מען ווערט רייך אויף בראָדוועי דויערט אַ שטיקעל צייט און זיי וועלען מוזען האָבען אַ ביסעל געדולד, און וואַרטען.

אַ טייל פון מיינע קרובים זיינען געקומען אין הויז זען ווי איך זע אויס. איינע, אַ שוועגערין, האָט מיך באַטראַכט און געזאָגט: „קיין עין הרע! מען זעט, אַז בראָדוועי האָט אים פּאַסמאָקעוועט״. זי האָט זיך געווענדעט צו מיין ווייב און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל אַכטונג געבען אויף מיין דאַיעט, מיר ניט געבען קיין צופיל סטאַרטש, ווייל בראָדוועי האָט אַ טבע צו מאַכען מענשען פעט.

אַ צווייטע שוועגערין איז געקומען מיט דריי קינדער און צו זיי געזאָגט: „איר זעט אייער אָנקעל, קוקט אים גוט אָן! מען וועט באַלד שפּילען זיין פּיעסע אויף בראָדוועי!״ און זיך ווענדענדיג צו איר אינגסטען קינד האָט זי געזאָגט: „אַז דו, יאַנקעלע, וועסט זיין אַ גוט קינד און יעדען אין דער פרי עסען סיריעל וועסטו אויך שרייבען פּיעסען״.

אײן קוזינע מײַנע האָט פון מיר געפאָדערט איך זאָל איר שיקען װײַניגסטענס אַ דאָזען טיקעטס פאַר דער פּרעמיערע פון מײַן „װען לעבט ער?" זי װיל מאַכען אַן אָװאַציע, שרײַען „אָטאָר" און אַזױ װײַטער.

מײַן װײַב האָט פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל נעמען מײַן אידישע פּיעסע, זי גלײַך אָװעקטראָגען צו דזשוליוס'ן און זי איבערגעבען אין זײַנע הענט. איך דאַרף ניט װאַרטען אויף קײן כבוד. אַז מײַן נאָמען איז געװען אין דער „טאַימס" איז גענוג כבוד.

איך האָב איר געזאָגט, אַז איך טאָר זיך ניט אײַלען.

אין מיטען פון אונזער געשפּרעך האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. מײַן װײַב האָט געענטפערט. זי האָט גערעדט מיט גרויס באַגײַסטערונג:

„העלאָ, מר. דזשוליוס, װאָס מאַכט איר? מײַן מאַן איז שוין גע־גאַנגען מיט דער פּיעסע צו אײַך. ער איז ערשט אַװעקגעגאַנגען. עס איז געװען זײער אַ פײַנער נאָטיץ אין דער „טאַימס". אַ גרויסען דאַנק אײַך. װער האָט אײַך געזאָגט, אַז מײַן מאַן װיל ניט קײן סוקסעס? ער װיל שוין גאָר. ער װאָלט אַפילו ניט געװען דאַגעגען װען מען רופט אים קײן האָליװאָוד. אװדאי איז ער אַ שלומיאל. װען ער װאָלט ניט געװען קײן שלומיאל װאָלט ער דאָך ניט געװען קײן שרײַבער. מען דאַרף אים פּושען, זאָל אַלע מאָל זײַן נאָמען זײַן אין דער „טאַימס". דאָס װעט אים אונטערגעבען קוראַזש. מען דאַרף אים גאָר ניט פרעגען, נאָר פּושען. אַ דאַנק. גוד־באַי!"

— דו טו נאָר װאָס איך הײס, — האָט מײַן װײַב געזאָגט, — און עס װעט דיר זײַן גוט.

זי האָט מיר דערלאַנגט מײַן פּיעסע „װען לעבט ער?". איך האָב זי אַרײַנגעלײגט אין קעשענע און זיך געלאָזען צו בראָדװעי.

אויפ'ן װעג גײענדיג האָב איך זיך אַלע מאָל אַ טאַפּ געטאָן בײַ דער קעשענע, װאו מײַן פּיעסע איז געלעגען, און זיך דערמאָנט אָן אברהם אָבינו, װעלכער האָט געפירט זײַן זון צו דער עקידה. ער, האָב איך געטראַכט, האָט געפירט יצחק'ן צו גאָט, האָט ער מסתמא געהאַט גרויס האָפנונג, אַז גאָט װעט אים צוריקגעבען זײַן זון אַ גאַנצען. אָבער איך פיר מײַן קינד, מײַן פּיעסע צו גוים. זײ װעלען עס קוילען אָן רחמנות.

איך זאָג צו אַלעמען שטעלעס

ווען מיר ווערט קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרץ ציט עס מיך צו סעקאָנד עוועניו, צו קאַפע „ראָיאַל". דאָרט טרעף איך מיינע אייגענע. זיי האַסן מיך און האָבן מיך ליב. זיי לאַכן פון מיר און נעמען זיך אָן מיין קריוודע. זיי האַלטן ניט פון מיר און זיי וועלן מיך לויבן ביז אין הימעל אַריין אויף מיינעם אַ באַנקעט אָדער לויה.

איך בין אַריין אין קאַפע „ראָיאַל".

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישעל, וואו עס זיינען געזעסן דער דיכטער יונה און דער דראַמאַטורג הירשעל.

— איך האָב געמיינט, אַז דו שעמסט זיך שוין מיט אונז, און דו וועסט זיך מער פאַר אונז ניט באַווייזן, — האָט באַמערקט דער דיכטער יונה.

— דערווייל מעג איך נאָך רעדן מיט אידן, — האָב איך איראָניש געענטפערט.

עס איז צוגעקומען דער וועיטער הערמאַן, מיך גאָר פריינדליך באַגריסט און מיך געבעטען איך זאָל ווידער ברענגען יענעם מאַן פון בראָדוועי.

— ווער איז יענער מאַן? — האָט הירשעל געפרעגט.

דער וועיטער הערמאַן האָט דערציילט, אַז יענער מאַן האָט מיט מיר דאָ געהאַט בלויז אַ קאַווע און אים געגעבן פינף דאָלאַר אַ טיפּ. ער האָט אַ וואָרף־געטאָן די פינף דאָלאַר ווי אַ ניקעל.

— אויב דו קענסט זיך מיט אַזעלכע לייט, — האָט אויסגערופען יונה, — דאַרפסטו אים ברענגען אָפט אַהער און זאָל ער שטיצן די אידישע ליטעראַטור, אידישע קונסט.

— מיר האָבן ניט קיין מעצענאַטען, — האָט הירשעל זיך באַ־קלאָגט, — איז אַז דו גייסט שוין צו די גוים ברענג אונז אַ מעצענאַט.

איך האָב געפּילט ווי צו זאָגען, אַז דער בראָדוועיער, וועלכער האָט געגעבען פינף דאָלאַר אַ טיפּ, קומט אָפּט אויף סעקאָנד עוועניו זוכען הלוואות, און אַז זיין פינף דאָלאַר טיפּ האָט מיך געקאָסט צוואַנציג דאָלאַר. אָבער איך האָב זיי דאָס ניט געזאָגט, ווייל זיי וואָלטען מיר דאָס ניט געגלויבט. איך האָב אָנשטאָט דעם זיי פאַרשפּראָכען אים צו ברענגען.

עס איז צוגעקומען אַ יונגע אַקטריסע און מיך העפליך געבעטען, איך זאָל צוגיין צו איר טישעל. זי האָט מיט מיר צו רעדען עפּעס וויכטיגעס. איך האָב איינגעשטימט. זי האָט געבעטען אַנטשולדיגונג ביי מיינע קאָלעגען, מיך לייכט אָנגענומען אונטער'ן אָרעם און מיך צוגעפירט צו איר טישעל.

ביי איר טישעל זיינען געזעסען נאָך אַן אַקטריסע, אַן עלטערע, און אַן אַקטיאָר, אויך ניט קיין יונגער.

אַלע דריי האָבען אויסגעדריקט זייער וואונש צו שפּילען אויף בראָדוועי. דער אַקטיאָר האָט דערציילט, אַז ער האָט שוין געשפּילט אויף בראָדוועי. די פּיעסע, אין וועלכער ער האָט געשפּילט, האָט זיך געהאַלטען בלויז צוויי טעג. אָבער ער גלויבט, אַז מיין פּיעסע וועט זיין אַ גרויסער ערפאָלג, און אַזוי ווי עס איז אַ אידישע פּיעסע וועט מען אים זיכער דאַרפען. ער קען גוט שפּילען אַ אידישען טאַטען. ער פאַרמאָגט דעם אמת־אידישען קרעכץ. און טאָמער פאַרפאַלגען אים די גויים (אין דער פּיעסע), וועט ער קענען געבען אַ קרעכץ, וואָס זאָל רירען הערצער. ער קען אויך זיך גוט גאָרגלען ווי אַ חזן, טאָמער דאַרף מען אַ חזן. ער האָט זיך פאַר מיר שטאַרק געלויבט, פּונקט ווי איך האָב אַ גאַר גרויסע מאַכט צו געבען דזשאָבס.

די עלטערע אַקטריסע האָט ערקלערט, אַז זי קען גוט שפּילען אַ אידישע מאַמע. זי קען רעדען האַרציג, איר אידישער אַקצענט איז ווייך און באַ'טעמ'ט. זי קען גוט וויינען און מאַכען יענעם וויינען, און רייסען הערצער.

די יונגע אַקטריסע האָט געזאָגט, אַז זי וויל שפּילען אַ העלדין, וועלכע ווערט פאַרפירט און מען האָט אויף איר רחמנות און מען ראַטעוועט זי. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט שוין גערעדט מיט מיין ווייב, און מיין ווייב האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט קריגען די סטאַר־ראָלע אין מיין פּיעסע.

איך האָב געפּילט ווי צו זאָגען, אַז מיין פּיעסע האָב איך נאָך אין אידיש, און זי ליגט נאָך ביי מיר אין קעשענע, און ווער ווייס וואָס ס'קען

נאָך פּאַסירען. אָבער מען האָט מיר ניט געגעבען קיין מעגליכקייט עפּעס צו זאָגען.

— עס איז אין אייערע הענט אויב איך זאָל קריגען אַ גוטע ראָלע און ווערען אַ סטאַר אויף בראָדוועי, — האָט די יונגע אַקטריסע געזאָגט מיר דריקענדיג וואַרעם די האַנט.

— אַ שרייבער אויף בראָדוועי האָט אַ גרויסע דעה. ניט נאָר אין אייער פּיעסע, נאָר אויך אין אַן אַנדערענ׳ס אַ פּיעסע קענט איר מיר געבען אַ גוטע ראָלע. אייך פּראָפּאָסער קען פּועל׳ען ביים צווייטען, — האָט זי געזאָגט מיך האַלטענדיג ליבליך ביי דער האַנט.

זי האָט מיך געמאַכט אַזוי וויכטיג, אַז איך האָב ניט געקענט מיטאַמאָל טאָן אַזאַ פּאַל אַרונטער און זאָגען, אַז איך קען גאָרניט טאָן. און ווער ווייס: אפשר קען איך טאַקע עפּעס טאָן? אפשר ווייס איך אַליין ניט מיין מאַכט?

איך האָב צוגעזאָגט, אַז איך וועל טאָן אַלעס מעגליכעס.

איך האָב זיך מיט זיי געזעגענט. די יונגע אַקטריסע האָט מיך צוריקגעפירט צום טישעל פון די שרייבער און מיר געדריקט די האַנט זיך געזעגענדיג און געזאָגט: „איך ווינש אייך פון טיפסטען האַרצען דעם גרעסטען ערפאָלג. איר פאַרדינט עס! און פאַרגעסט ניט אָן מיר!" זי האָט מיר נאָכאַמאָל וואַרעם געדריקט די האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען.

— אָט דאָס איז, אַז מען ווערט באַרימט, — האָט געזאָגט דער דיכטער יונה. — זי האָט אים ניט אָפּגעלאָזען די האַנט. בראָדוועי!

איך האָב זיך געזעגענט מיט מיינע קאָלעגען און ערקלערט, אַז איך מוז אַוועקגיין.

— פאַרגעסט ניט צו ברענגען אַהער דעם בראָדוועיער מעצענאַט! — האָט מיר הירשעל נאָכגעשריען.

אפשר?

איך בין אַריינגעקומען צו דזשוליוס׳ען אין אָפיס. עס זיינען דאָרט געווען אַ חוץ אים, — מעקגי, רודאָלף, מר. קליין און אַ קליין מיידעל, מיט קליינע אייגעלעך.

דאָס מיידעל האָט געזונגען. איך האָב שטילערהייט, ניט צו שטערן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל און זיך צוגעהערט צום געזאַנג.

זי האָט זינגענדיג זיך געוואָרפען אַהין און אַהער. אויף מיר האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ קליין חזיר׳על, וואָס מען האָט אָפּגעפּאַרעט און עס קוויטשעט.

דזשוליוס און קליין האָבען שטאַרק אַפּלאָדירט. די אַנדערע האָבען אויך אַפּלאָדירט. איך האָב ניט געהאַט קיין חשק דאָס צו טאָן. אָבער דזשוליוס האָט אויף מיר געגעבען אַ קוק, און איך האָב געגעבען אַ פּאָר פּעטשלעך מיט די הענט.

דזשוליוס האָט אויסגערופען, אַז איר זינגען איז „טעריפיק! סענ־סעישאָנאַל!"

מר. קליין האָט איר געגעבען אַ קניפּ און אַ קוש און געזאָגט: „פּרענסיס דאַרלינג, טאַנץ. זאָלען זיי זען וואָס דו קענסט!"

פּרענסיס האָט זיך ניט געלאָזט בעטען. זי האָט געטאַנצט, געוואָרפען מיט די פיסלאַך, און מר. קליין האָט אויסגעזען גאָר באַגייסטערט. ווען זי האָט אויפגעהויבען אַ פיסעל, האָט זיך זיין בייכעל געגעבען אַ וויג.

ווען זי האָט געענדיגט, האָט דזשוליוס אויסגעשריען, אַז ער פאַרשטייט ניט פאַרוואָס די בראָדוועיער פּראָדיוסערס האָבען ביז איצט ניט אויסגעכאַפּט פּרענסיס׳ן. „זיי זיינען אידיאָטען! אידיאָטען!"

פּרענסיס האָט דערפאַר געגעבען אַ קוש דזשוליוס׳ען.

דזשוליוס איז געוואָרען נאָך מער באַגייסטערט און אויסגערופען, אַז ער וועט טאָן אַלעס מעגליכעס אויפצופירען שנעל זיין פּיעסע מיט פּרענסיס׳ען אַלס סטאַר.

— ווען איך דאַרף בעטלען וועל איך גיין בעטלען כדי צו האָבען פּרענסיס׳ען אַלס סטאַר! — האָט ער געשריען.

— דו וועסט ניט דאַרפען בעטלען. דיין וואונש וועט ערפילט ווערען! — האָט אויסגערופען מר. קליין.

פּרענסיס האָט דערפאַר געגעבען עטליכע קושען קליינ׳ען.

דזשוליוס, אַ באַגייסטערטער, האָט געגעבען אַ קוש פּרענסיס׳ן אין שטערען און אויסגערופען: „טעריפיק! גיט אונז נאָך אַ סאָנג!״

זי האָט געזונגען.

איז דער צייט, וואָס זי האָט געזונגען האָב איך באַטראַכט פּרענסיס׳ען, קליינ׳ען, און דזשוליוס׳ען. זי, אַ קליין מיידעלע, מיט קליינע אייגעלעך, מיט אַ שוואַך שטימעלע, זי וויל אַנדערש ניט ווי ווערען אַ סטאַר; מר. קליין: ער האָט אַ קליינעם שטערען, אַ גרויסען פּליך און גאָר אַ גרויס בייכעל. ער האָט די גאָר גרויסע דעה, אַז ער וויל ווערט מען אַ סטאַר און אַ פּראָדיוסער. דזשוליוס — פול מיט ענערגיע, מיט אַ סך אַמביציעס: ער וויל ווערען אַ שרייבער, אַ פּראָדיוסער, אַ האָליוואוד דירעקטאָר, אַ „ביג שאָט״! דורך דער פּרענסיס און דעם מר. קליין קען ער קריכען אויף דעם לייטער פון סוקסעס. און איך? איך שלעפּ זיך נאָך פון הינטען. ווער בין איך? און אפשר? איך האָב שוין מענשען צוגעזאָגט דזשאָבס. אפשר?

זי ענדיגט איר זינגען. דזשוליוס שרייט „בראַוואָ!״

מעקגי און רודאָלף שלעפּען זיך אויך נאָך מיט אַ בראַוואָ. איך פּאַטש מיט די הענט. אפשר? אפשר וועל איך דורך דעם אויך ווערען אַ שטיקעל קנאַקער? אפשר?

פּרענסיס זעצט זיך אַוועק אויפ׳ן שויס פון מר. קליין, גלעט אים דאָס פּליכל, קוקט אויף אַלעמען, באַמערקט מיך זיצענדיג אין אַ ווינקעל, פרעגט דזשוליוס׳ען ווער איך בין.

ער שטעלט מיך פאָר אין איילעניש און זאָגט אַביסעל שטילער: „ער שרייבט אין דזשואיש״.

זי האָט פאַרקרימט איר נעזעל.

מר. קליין און פּרענסיס געזעגענען זיך, לאָזען זיך גיין. דזשוליוס טוט זיך אָן דעם מאַנטעל זיי צו באַגלייטען. איך זאָג אים, אַז איך האָב געבראַכט מיין פּיעסע.

ער שרייט אויס: „רעד צו מיר איצט ניט! דו זעסט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען!״

איך ווער אַ זינגער

איך זיץ אין דזשוליוס׳עס אָפיס מיט מיין אידישער פּיעסע אין קעשענע. דזשוליוס איז אַוועק באַגלייטען מיסטער קליינ׳ען און פרענ־סיס׳ן, און זאַמט זיך. צווישען מעקגי׳ן און רודאָלפ׳ן אַנטוויקעלט זיך אַ דעבאַטע וועגען דעם וויפיל מר. קליין פאַרמאָגט.

רודאָלף זאָגט, אַז לויט ווי ער האָט געהערט פאַרמאָגט מר. קליין אַ דריי מיליאָן דאָלאַר. מעקגי איז ניט צופרידען מיט דער סומע. ער גלויבט, אַז מר. קליין פאַרמאָגט פון אַכט ביז צען מיליאָן, און אפשר מער. אַ מענש וואָס פאַרמאָגט בלויז דריי מיליאָן איז היינט אַן אָרימאַן — ערקלערט ער.

זיי אַרגומענטירען, און איך פיל, אַז איך פּאַס זיך דאָ ניט אַריין. איך קען זיך ניט אַריינמישען. איך ווייס ניט וויפיל דער מר. קליין פאַרמאָגט. ביי מיר איז ער, לויט זיין שכל צוזאַמען מיט זיין פרענסיס׳ן, ניט ווערט קיין איין פּעני.

זיי ווילען זיך וועטען. רודאָלף זאָגט, אַז מען זאָל איינלייגען ביי מיר צו צענערלעך, קעש.

מעקגי ערקלערט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט אַ צענערעל קעש, וואָלט ער דאָ ניט געזעסען און דעבאַטירט וועגען מר. קליינ׳ס מיליאָנען.

מיין פּיעסע, דוכט זיך מיר, קען ניט פאַרטראָגען די גאַנצע דעבאַטע. זי שפּאַרט זיך אַרויס פון קעשענע, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויס־פּאַלען און אַנטלויפען. ווען מיין פּיעסע וואָלט געקאָנט רעדען וואָלט זי מיר מסתמא געזאָגט אַזוי:

— וואו קריכסטו, וואו? וואָס טויג דיר בראָדוועי? דו האָסט אפשר ניט געהאַט גענוג כבוד פון מיר אויף סעקאָנד עוועניו? מיך האָבען געשפּילט מאָריס שוואַרץ, פּאָול מוני, איזידאָר קעשיר, חנה אַפּעל, בערטאַ גערסטין, מאַרק שווייד! — אַ שלעכטער קעסט? גלויב מיר, אַז דו וועסט קיין בעסערע אַקטיאָרען ניט קריגען.

אָבער אַ פּיעסע קען ניט רעדען. שווייגט זי און וויל אַרויספאַלען פון קעשענע.

די דעבאַטע וועגען קליינ'ס מיליאָנען ווערט פאַרטגעזעצט, און וואָלט נאָך אָנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט, ווען עס וואָלט ניט אָנגעקומען דזשוליוס. ווען דזשוליוס קומט אַריין אין אָפיס, רעדט ער, און ניט קיין אַנדערער. ווען דזשוליוס איז אין אַ גוטער שטימונג, זיינען אַלע אין אַ גוטער שטימונג; טאָמער איז ער אין אַ שלעכטער שטימונג, זיינען אַלע שלעכט געשטימט.

דזשוליוס איז איצט אין אַ גוטער שטימונג. ער איז אַריינגעקומען אַ פריילי‌כער, מיר געגעבען אַ קלאַפּ אין פּלייצע, גענומען ביי מיר מיין פּיעסע און געזאָגט, אַז עס וועט זיין „טעריפיק".

אויף אַלעמענ'ס פּנימ'ער האָבען זיך באַוויזען שמייכלען. אַלע האָבען געפילט, אַז דזשוליוס האָט געבראַכט גוטע נייעס, און זיינען געוועען נייגעריג.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דזשוליוס האָט דערציילט וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען אין דער לעצטער שעה, פאַרברענגענדיג מיט מר. קליין.

דער מר. קליין, האָט ער געזאָגט, איז אַ גרויסער ספּאָרט, אַ גוטער ברודער און ניט קיין יאָלד. ער גיט געלט, אָבער ער דאַרף פריער וויסען אויף וואָס. די פּרענסיס איז אַ טייערע מיידעל און איז קלוג ווי דער טאָג. זי האָט אַזוי רעדענדיג אַרומגענומען מר. קליין, דערציילט ער, אים געגעבען אַ קוש און געזאָגט: „פּאָפּ, אויב דו ווילסט איך זאָל ווערען אַ סטאַר, דאַרפסטו זאָגען דזשוליוס'ן וויפיל געלט דו ווילסט אים געבען. אַ מיוזיקעל פּראָדאַקשאָן קאָסט אַ סך געלט". זי איז אַ ממזר'קע! האָט מר. קליין געענטפערט קורץ און שאַרף: „ביי מיר איז געלט גאָר ניט. פופציג טויזענד דאָלאַר איז ביי מיר אַ שפּיי. אָבער ווען איך גיב אַפילו איין דאָלאַר, דאַרף איך קריגען אַ רעסיט און וויסען פאַרוואָס דאָס איז. צו הערען אַ גאַנצע פּיעסע האָב איך ניט קיין „פּעישענט". איידער איך גיב געלט, וויל איך וויסען דעם אָנהויב פון דער פּיעסע, וואָס עס קומט פאָר ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף. איך האַלט, אַז אויב דער אָנהויב איז גוט, איז אַלעס גוט. געפעלט מיר דער אָנהויב, גיב איך געלט".

„טאָקע?" האָט געשאָקעלט מעקגי מיט'ן קאָפּ אַ באַגייסטערטער.

„יאָ", דערציילט דזשוליוס ווייטער, „די פּרענסיס, די ממזר'קע, האָט מיר געגעבען אַ שטורך, איך זאָל גלייך דערציילען דעם אָנהויב פון דער

פיעסע. אָבער איך האָב זיך ניט געאיילט. איך האָב דען אַן אָנהויב? האָב איך אים אָפּגעלעגט ביז מיטוואָך אָווענט, ביין אַזייגער, וועל איך פאַר אים אַ שפּיל־טאָל דעם אָנהויב. עס איז נאָך צוויי טעג צייט ביז מיטוואָך. מיר קענען ביז דעמאָלט מאַכען אַן אָנהויב, וואָס זאָל קנאַקען.

מיר האָבען אַלע געשוויגען. דזשוליוס האָט אויך אַ ווילע געשוויגען און דערנאָך אויסגערופען:

„העלפּט מיר טראַכטען און געפינען אַן אָנהויב פון אַ פּיעסע, וואָס זאָל דעם מר. קליין פּריטשמעליען. וואָס מיר דאַרפען איז בלויז אַן אָנהויב. טראַכט! העלפט מיר טראַכטען! מיר מוזען דעם מר. קליין געבען אַ זעץ אין קאָפּ אַריין!"

אַכט שטערענס האָבען זיך פאַרקנייטשט און געטראַכט. איך ווייס ניט וואָס זיי האָבען געטראַכט. איך האָב געטראַכט: וואָס טו איך דאָ?

דזשוליוס האָט אויסגעטאָן דאָס רעקעל, כדי עס זאָל אים זיין לייכטער צו טראַכטען. ער טראַכט בעסער אָן אַ רעקעל.

עס זיינען אַוועק אַ פינף מינוט און דזשוליוס איז אויפגעשפרונגען אויסרופענדיג: „אַי גאַד איט" (איך האָב עס!).

ער האָט זיך באַלד צוריקגעזעצט, ערקלערענדיג, אַז ער האָט געהאַט עפּעס. אָבער ער איז נאָך ניט צופרידען מיט דעם.

די שטערענס האָבען זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט.

עס איז אַוועק נאָך אַ דריי מינוט און דזשוליוס איז ווידער אויפגעשפרונגען און אַ געשריי געטאָן: „אַי גאַד איט!" דאָס מאָל האָט ער געשריען מיט אַן אָקטאַווע העכער און מען האָט געפילט, אַז דאָס מאָל האָט ער עס ריכטיג. ער האָט ערקלערט באַגייסטערט:

אַזוי ווי אין דער פּיעסע איז איינער פון די הויפּט־העלדען אַ דיכטער, אַ פאַרפאַסער, אַ זשעני, וואוינט דער זשעני, ווי די מייסטע זשעניען, אויף גריניטש ווילעדזש. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף, וועט מען זען אַ יריד פון ביכער און בילדער. און אַזוי ווי ער, דזשוליוס, האָט אַ פאַרטיגען סאָנג, ווי מען פאַרקויפט ביכער און בילדער, וועט זיך דאָס שטאַרק אַריינפּאַסען.

ער האָט גלייך אָנגעהויבען זינגען דעם סאָנג:

קויפט ביכער, בילדער נייע,
קויפט, קונים, ליבע, געטרייע,
קויפט די ביכער, גיכער,
גאָר די חכמה איז אין ביכער

און די בילדער זיינען פרייע,
קויפט, קונים, ליבע, געטרייע
עס קומט אַליין באַלד דער פאַרפאַסער,
ער זינגט פאַר פייער און וואַסער.
ער איז דער גוואַלדיגסטער טאַלאַנט
אין ניו יאָרק און אין גאַנצען לאַנד.

מעקגי האָט זיך שטאַרק באַגייסטערט פאַר דעם סאָנג.

„איך שטעל זיך פאָר", האָט מעקגי געזאָגט. „עס עפענט זיך אויף דער פאָרהאַנג, קוקען אַרויס שיינע כאָריסטקעס מיט ביכלעך און בילדער אין די הענט און זינגען:

קויפט ביכער, בילדער נייע,
קויפט, קונים, ליבע, געטרייע,
קופט די ביכער, גיכער, גיכער.

ס'איז טעריפיק!"

דזשוליוס, דערזעענדיג ווי מעקגי איז באַגייסטערט, איז ער אַרויפּ־געשפּרונגען אויף אַ טיש און אויסגערופען:

„עס איז איצט מיין גליקליכסטער מאָמענט. איר מוזט מיר העלפען. אַלע וועלען גליקליך ווערען. איך ווער אַ פּראָדיוסער, און איר וועט קריגען אַ חלק. איך דאַרף ניט קיין שובערט מיט קיין מעקס גאָרדאָן. איך בין אַליין אַ פּראָדיוסער. אַליין! לאָמיר איינשטודירען דעם סאָנג. אַלע זאָלען מיר אים זינגען מיטוואָך, פאַר דעם פּראָדיוסער. אַנו, לאָמיר זינגען אַלע: מעקגי, רודאָלף און מיר אַלע:

„קויפט ביכער, בילדער נייע,
קויפט, קונים, ליבע, געטרייע,
קויפט ביכער, גיכער, גיכער."

אַלע האָבען געזונגען; איך — אויך. איך בין אָנגעשטעקט געוואָרען פון דער באַגייסטערונג. אפשר?

מיין שטימע איז געפעלען דזשוליוס'ן.

ער האָט געפאָדערט איך זאָל זינגען אַליין.

איך האָב געפּאָלגט.

דזשוליוס האָט גענומען איינשטודירען מיט אונז דעם סאָנג. איך האָב אָנגעהויבען. די אַנדערע זיינען נאָכגעקומען און מיר האָבען דאַן געזונגען צוזאַמען.

דזשוליוס האָט אונז אויפגעפאָדערט, אַז מיר זאָלען זיך גוט אויס־לערנען זינגען אין דערהיים און קומען מיטוואָך און מאַכען אַ גוטע פּראָבע און דאַן שפּילען פאַר דעם מיסטער קליין. מ׳מוז אים פּריטשמע־ליען. געפעלט אים דער סאָנג, ווערען אַלע גליקליך. אַלע.

***

ווען איך בין אַהיים געקומען האָב איך פאַר מיין ווייב געזונגען:

קויפט ביכער, בילדער נייע,
קויפט, קונים, ליבע, געטרייע,
קויפט די ביכער, גיכער, גיכער.

מיין ווייב איז געוואָרען באַגייסטערט. וואָס דען, האָט זי געזאָגט, בראָדוועי זאָל לעבען! בראָדוועי!

זי האָט שנעל זיך אויסגעלערענט דעם סאָנג און געזונגען אַ גאַנצע נאַכט.

„קויפט ביכער, בילדער נייע.״

***

מיטוואָך. איך בין אַ גאַנצען טאָג ביי דזשוליוס׳ן אין אָפיס. מיר מאַכען פּראָבעס. דזשוליוס איז באַגייסטערט. ער האָט ענטדעקט אין מיר אַ נייעם טאַלאַנט, אַ זינגער, אַן אַקטיאָר. איר, זאָגט ער, וועט זינגען, שפּילען אין דער פּיעסע. ער אַליין וועט אויך שפּילען, און מעקגי וועט אויך שפּילען. אַ מענש, האָט ער געזאָגט, דאַרף קענען אַלעס: שרייבען, זינגען, עקטען, רעזשיסירען און פּראָדיוסען.

אין אָוונט האָט דזשוליוס געבראַכט צו זיך אַ היבש ביסעל פריינד, וועלכע זאָלען אַפּלאָדירען, ווען מיר וועלען זינגען פאַר מר. קליין.

אין דער באַשטימטער שטונדע, ניין אַזייגער, ווען מר. קליין האָט געדאַרפט קומען, האָט געקלונגען דער טעלעפאָן.

מען וויל דזשוליוס'ן. עס איז פון מר. קליין.

דזשוליוס ענטפערט:

— העלאָ! וואָס?! ניט גלויבליך... שוידערליך, שרעקליך... אַזוי! אַזאַ פאַסקודסטווע. האָט זי אין דער ערד! אַזוי! אַזוי! טעריבל! גוד־באַי.

דזשוליוס הענגט אויף דעם רעסיווער און מיר זען, אַז ער איז בלאַס ווי די וואַנט.

קיינער וואָגט ניט צו פרעגען, וואָס דאָ איז געשען. מיר וואַרטען אַ פאָר מינוט. ענדליך, ער רעדט. ער דערציילט: מיסטער קליין וועט ניט קומען. די פאַסקודסטווע, די פרענסיס, האָט אים פאַרראַטען מיט אַן אַנדערען. ער איז צובראָכען, דער אידיאָט. ער מיינט, אַז ער וועט אַזאַ מציאה מער ניט קריגען. אויף ווען מען מוז זיך פאַרלאָזען מיט אַ פיעסע. ווער עס האָט די מיליאָנען! אַזאַ גאַרניט! געוואַלד! אַזאַ פיעסע מיט אַזאַ סאָנג! ווערט דער אידיאָט ברוגז מיט פרענסיס'ן, איז ניטאָ קיין פיעסע. וואָס פאַר אַ פאַסקודנע וועלט דאָס איז!

אַלע זיינען זיך ביסלעכווייז צוגאַנגען. מיר האָט ער איינגערוימט אין אויער אַריין, אַז איך מוז מיט אים בלייבען אַליין.

ווען איך בין מיט אים געבליבען אַליין, האָט ער זיך צוּוויינט און געזאָגט:

„איך בין אומגליקליך. איך בין פאַרלוירען!"

„די וועלט איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען", האָב איך אים געטרייסט.

„ביי איך איז דאָס גאַרניט", האָט ער געקלאָגט. „פאַר מיר איז די וועלט אונטערגעגאַנגען. איך מוז ווערען אַ פראָדיוסער. צו זיין אַ שרייבער איז ביי מיר ניט אַזוי וויכטיג, ווי אַ פראָדיוסער. אויב איך ווער ניט קיין פראָדיוסער, לוינט זיך מיר ניט דאָס גאַנצע לעבען. פאַרוואָס זאָלען אַלע גאַרנישטען ווערען פראָדיוסערס, און איך, מיט ענערגיע פון צען פראָדיוסערס, דאַרף זיך פלאָגען? פאַרוואָס?"

איך וויל אַהיים גיין. ער לאָזט מיך ניט. אפשר האָב איך פאַרט אַן עצה, זאָגט ער, אפשר קען איך איינעם וואָס האָט געלט און וויל שנעל רייך־ווערען; וויל אינוועסטען אויף בראָדוועי; אפשר האָב איך אַ רייכען קרוב, אַ רייכען פריינט.

„איך קען זיך בלויז מיט קבצנים", ערקלער איך אים.

ער האָט אַביסעל נאָכגעטראַכט און איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי:

„אַי גאַד איט!"

„וואָס?"

„מיט אַב. קאַהאַן קענט איר זיך גוט?"

„יאָ."

„טאָ רעדט מיט אים. זאָל ער אינוועסטען אויף בראָדוועי".

איך האָב אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

איך פּאַטש אַ קריטיקער אין חלום

אויס בראָדוועי.

בראָדוועי האָט פאַרגעסען אָן מיר. מען רופט מיך מער ניט אַהין. איך וואָלט בראָדוועי אויך פאַרגעסען. אָבער אַנדערע דערמאָנען מיך. מיין ווייב דערמאָנט מיך, סעקאָנד עוועניו דערמאָנט מיך.

מיין ווייב זאָגט מיט אַ קרעכץ: „פאַראַן, ביי לייטען, מענשען, אַז ווען בראָדוועי רופט זיי, איז וואויל צו זיי. און דו, האָסט דאָרט גלאָט פאַר־לוירען אומזיסט צייט!"

אויף סעקאָנד עוועניו פרעגט מען זיך: „נו, וואָס איז געוואָרען פון בראָדוועי? מיר האָבען דאָך געמיינט, אַז דו וועסט שוין אַן עושר".

איינמאָל, זיצענדיג אין קאָפע־הויז מיט׳ן דיכטער יונה, מאַכט ער צו מיר: „דו דאַרפסט ביי זיך ניט זיין אַזוי געפאַלען. מילא. דאָס גליק האָט פאַר דיר געגעבען אַ בליץ און איז אויסגעלאָשען געוואָרען. מילא".

זאָג איך אים: „דו האָסט אַ טעות. מיך אַרט דאָס ניט, מיך —"

זאָגט ער: „וואָס דאַרפסטו לייקענען? עס טוט וויי. מיך אַליין אַרט עס אויך. איך האָב געהאָפט, אַז דו וועסט ווערען רייך, אַ מיליאָנער. און אַזוי ווי דו ביזט אַ גוטער מענש, אַ אידישער מענש, וועסטו עפענען אַ אידיש טעאַטער און דו וועסט אויפפירען מיינע אַ פּיעסע, וועלכע קיינער וויל ניט אויפפירען. דו וואָלסט דורך דעם עפּעס אויפגעטאָן פאַר די אידען, פאַר דער וועלט, פאַר דער קונסט. נעמסטו און פאַרלאָזט בראָדוועי".

איך האָב געהאַלטען, אַז דאָס אידישע פאָלק קען זיך באַגיין אָן יונה׳ס פּיעסע. אָבער די אידעע צו האָבען אַן אייגען טעאַטער איז

מיר געפעלען. אַ אידיש טעאַטער און מיט גענוג געלט עס אויס־צוהאַלטען! ניט זיין אָפּהענגיג פון בענעפיטס! אָבער איך האָב וועגען דעם געטראַכט בלויז איין מינוט. איך האָב זיך געשעמט וועגען דעם צו טראַכטען לענגער. אַזעלכע חלומות פּאַסען פאַר יונה׳ן, ניט פאַר מיר.

אָבער דער גאָט פון חלומות קען מיט מענשען טאָן וואָס ער וויל. און איין נאַכט חלום׳ט זיך מיר, אַז איך בין רייך געוואָרען פון בראָדוועי. איך האָב אַן אייגען אידיש טעאַטער, פיר דאָרט אויף אַ קאָמעדיע פון דעם שרייבער קלמן, די פּיעסע איז אַ גרויסער ערפאָלג. מען לאַכט אָן אַן אויפהער. דאָס טעאַטער איז געפּאַקט. איך פיל זיך גליקליך. איך האָב באַוויזען, אַז עס זיינען פאַראַן גוטע אידישע פּיעסען און אַז עס איז פאַראַן אַן עולם דערפאַר. אָבער איין קריטיקער, יואל, האָט זיך אַרויפ־געוואָרפען אויף דער פּיעסע און געריסען שטיקער. „פע!" האָט ער געשריבען, „שאַנדע! פאַרוואָס לאַכט איר? אין דער צייט ווען אידען לײַדען אַזוי פיל, לאַכט איר. שעמט אייך!"

איך טרעף זיך מיט דעם קריטיקער און איך רוף אים מיט די ערגסטע נעמען. „זויערע לימענע, וואָס איר זיינט!" זאָג איך אים. „פאַרוואָס פאַרגינט איר ניט מענשען צו לאַכען? אַז איר האָט אַ תשעה באָב פּנים, ווילט איר, אַז אַלע מענשען זאָלען וויינען? מ׳דאַרף אייך צוברעכען הענט און פיס!"

איך האָב געשריען פון שלאָף. מיין ווייב האָט מיך אויפגעוועקט, מיך געפרעגט וואָס איך שריי. איך האָב איר דערציילט, אַז מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט, אַז איך בין רייך, האָב אַ טעאַטער, און האַלט אין פּאַטשען דעם קריטיקער יואל.

„ווען דו וואָלסט געווען אַן ערפאָלג אויף בראָדוועי וואָלטען טאַקע די אַלע זאַכען געקאָנט מקוים ווערען!" האָט זי געזאָגט, „אָבער וואָס קען מען טאָן? עס פעלט דאָס שטיקעלע מזל".

***

איינמאָל, איך קום אַהיים, מיין ווייב דערציילט מיר, אַז דזשוליוס האָט מיך גערופען דורכ׳ן טעלעפאָן. ער זאָגט, אַז ער דאַרף מיך האָבען נויטיג.

„גיי", האָט זי געזאָגט, „און עס זאָל זיין מיט גליק. אפשר וועט נאָך דיין חלום מקוים ווערען און דו וועסט פּאַטשען דעם קריטיקער יואל".

(זי האָט געהאַט אַ שנאה צו יענעם קריטיקער פאַר אַרונטעררייסן מיינע אַ פּיעסע.)

איך האָב זיך מיט איר ניט געשפּאַרט. איך בין געגאַנגען. איך בין געווען צופרידען. איך פלעג אַהין תמיד גיין אַ ניט־צופרידענער. אָבער ניט דאָס מאָל. איצט פעלט מיר בראָדוועי. איך דאַרף עס צוליב סעקאַנד עווניו. אַז איך זאָג דאָרטען: „איך דאַרף היינט גיין אויף בראָדוועי", האָט מען פאַר מיר דרך ארץ. עס פעלט מיר דער כבוד וואָס איך האָב געקראָגען ווען מען האָט געמיינט, אַז איך בין אויף בראָדוועי.

***

איך בין געקומען אין דזשוליוס׳עס אָפיס. איך האָב אים געטראָפען אין אַ זייער גוטער שטימונג.

„מיך פרייט דיך צו זען", האָט ער אויסגערופען. איך האָב אַ גאָלדענעם פּלאַן פאַר דיין פּיעסע. איך וויל דו זאָלסט וויסען דערפון. מענשען, האָט ער געשריען, ווערען רייך אויף בראָדוועי איבער נאַכט. די, וועלכע האָבען דאָ בלויז אַ שטיקעל סוקסעס, ברענגט מען קיין האָליוואָוד און זיי קריגען דאָרטען טויזענטער פאַר גאָר ניט טאָן. זיי דרייען זיך דאָרט אַרום, שפּילען ליבעס און נעמען געלט. קענען מיר דען דאָס ניט טאָן?"

„האָליוואָוד!" האָט ער אויסגעשריען, „האָליוואָוד! האָליוואָוד! האָליוואָוד! האָליוואָוד!"

איך האָב עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט ניט געלאָזט רעדען. ווען ער דערמאָנט האָליוואָוד ווערט ער אַזוי באַגייסטערט, אַז ער רעדט אָן אַן אויפהער און קען זיך ניט אָפּשטעלען.

„וואָס איז דער גרעסטער סוקסעס אויף בראָדוועי און אין האָלי־וואָוד?", האָט ער געפרעגט און געענטפערט: „סעקס! מיידלעך! נקבות! אויב מען האָט שיינע מיידלעך אין אַ פּיעסע איז דאָס אַ סוקסעס. אויב מען האָט אַ גוטע סטאָרי אין דער פּיעסע וועגען מיידלעך איז דאָס אַן ערפאָלג. אויב מען קען זיך מיט אַ שיין מיידעל און זי קען זיך מיט אַ רייכען מאַן איז שוין גוט! סעקס! סעקס!"

ער האָט זיך אָפּגערוט אַביסעל, זיך פאַררויכערט זיין אויסגע־לאָשענעם סיגאַר, און פאָרטגעזעצט:

„נעם דיין פּיעסע. זי איז אַ גוטע פּיעסע. דער חסרון איז וואָס זי איז צו גוט פאַר בראָדוועי. וועלען מיר זי שוין פּיקסען, אַז זי זאָל זיין ניט אַזוי גוט. ערגער מאַכען אַ פּיעסע איז זייער לייכט. איך האָב סאָנגס וואָס קיינער וויל ניט קויפען פאַר דערזועלבער אורזאַך, ווייל זיי זיינען צו גוט. וועלען מיר זיי אויך אַ ביסעל קאַליע מאַכען. זיי זאָלען ווערען ערגער. דערנאָך וועלען מיר אויסמישען מיינע סאָנגס מיט דיין פּיעסע און מיט סעקס און ס'וועט זיין גוט פאַר בראָדוועי. קומט די וויכטיגסטע פראַגע: געלט. אויפצופירען אַזאַ פּיעסע דאַרף קאָסטען הונדערט פופציג טויזענט דאָלאַר. אָבער איך דאַרף פאַר דעם די ערשטע פופציג טויזענט דאָלאַר פאַר'ן אָנהויב. די אַנדערע פופציג טויזענט איז פיל לייכטער צו קריגען און די דריטע פופציג טויזענט איז שוין גאָר לייכט. איז ווי קריגט מען די ערשטע פופציג טויזענט דאָלאַר? האָב איך אַ פּלאַן דערפאַר. ער איז טעריפיק. סעקס! סעקס! סעקס! מיידלעך! מיידלעך! מיידלעך! איך וואונדער זיך ווי אַזוי מיר איז איינגעפאַלען אַזאַ פּלאַן. פאַר דעם פּלאַן אַליין בין איך ווערט די הונדערט פופציג טויזענט דאָלאַר וואָס איך דאַרף פאַר דער אויפפירונג. און איך וויל זיי קריגען".

ער האָט זיך אָפּגערוט אַ ביסעל, פאַררויכערט אויפסניי זיין פאַרלאָשענעם סיגאַר און פאָרטגעזעצט:

„איך האָב שוין גענומען אַ טעאַטער, וועלכער שטייט ליידיג. איך האָב אים געדונגען אויף עטליכע טעג צייט און האָב אַנאָנסירט פאַר „שאָו-גוירלס" (כאָריסטקעס). פון מאָרגען אָן וועלען קומען יעדען טאָג הונדערטער מיידלעך, מיר זאָלען פון זיי אויסקלייבען פאַר אונזער פּיעסע. דו דאַרפסט קומען און מיר העלפען קלייבען. אַ פאַרפאַסער האָט אַ רעכט צו זאָגען, וועלכע מיידלעך ער וויל פאַר זיין פּיעסע. אויפ'ן סטעידזש וועלען זיך אויסשטעלען נאַקעטע מיידלעך, שיינע פּיסלעך. עס איז אָנגענעם פאַר'ן אויג. מענשען קומען קוקען אויף דעם. עס קומען סוויטהאַרטס. עס קומען נייגעריגע. מען מאַכט מיט זיי אַפּאָינטמענטס. עס ווערען דאָרט געבוירען נייע ליבעס. עס קומען אַזעלכע, וועלכע זיינען רייך. אויף זיי דאַרף מען וואַרפען אַן אויג. פון זיי דאַרף מען קריגען די ערשטע פופציג טויזענט דאָלאַר. מיידלעך! סעקס! טעריפיק!"

און וואָס איז מיט די מיידלעך אַליין? פרעג איך, „זיי קומען זוכען שטעלעס און מען נאַרט זיי אָפּ. עס איז דאָך ניטאָ גאָר ניט. ניט קיין געלט און ניט קיין פּיעסע".

„די מיידלעך לאָז צו מיר", ערקלערט ער, „צוליב די מיידלעך

וועלען מיר האָבען אַ פּיעסע מיט געלט. מיר נעמען די אַדרעסען פון די מיידלעך, וועלכע געפעלען אונז און דערנאָך, ווען מיר דאַרפען זיי פאַר דער פּיעסע, רופען מיר זיי. דערווייל האָבען מיר אַדרעסען פון שיינע מיידלעך, דערווייל מאַכען רייכע מענשען מיט זיי אַפּאָינטמענטס, דערווייל טומעלט זיך. בראָדוועי האָט ליב, אַז מען טומעלט. טעריפיק!"

איך קלייב כּאָריסטיקעס

איך בין געקומען אין טעאַטער זען ווי מען קלייבט מיידלעך. עס איז געווען אין אַ פּרימאָרגען. אויף דעם סטעידזש זיינען אַרויפגעקומען אַכט־ניינטעל נאַקעטע מיידלעך. זיי זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט און געשמייכלט. מענער, מייסטענס פּעטע, מיט סיגאַרען אין מויל, זיינען געזעסען און געקוקט. די אויגען זיינען זיי שיער אַרויסגעקראָכען קוקענדיג. מאַנכע האָבען גענוצט פאַרגרעסערונגס גלעזער. איך האָב געקוקט אַנדערש. איך האָב געקוקט ווי אַ מבין. איך דאַרף זאָגען מבינות. איך האָב געזען אויף דער בינע פופציג פּיסלעך מיט אַמאָל. מיר האָט געשווינדעלט פאַר די אויגען. איך האָב ניט געזען קיין אונטער־שיד. ביי מיר האָבען אַלע פּיסלעך אויסגעזען שיין. יעדע פאָר פּיס האָט געהאַט איר באַזונדערען חן. מען האָט פאַר מיר אַלע מאָל דורכ־געפירט אַן אַנדער מיידעל. יעדעס מיידעל האָט צו מיר געגעבען אַ שמייכעל, ווי זי זאָל זאָגען: „זיי ניט קיין רשע. זאָג, אַז איך בין אַלראַיט". איך האָב אויף אַלע געזאָגט: „אָ קעי".

מען האָט אַזוי געקליבען מיידלעך אַ גאַנצען פּרימאָרגען. נאָכ־מיטאָג איז געווען אַ צווייטע זיצונג. ווען איך בין געקומען צו דער צווייטער זיצונג האָט מיך דזשוליוס אָפּגעשטעלט און געזאָגט באַגייס־טערט, אַז ער האָט פאַר מיר איצט אַ פיל וויכטיגערע אַרבייט ווי צו זאָגען מבינות אויף די מיידלעך. ביי אים אין אָפּיס זיצען איצט צוויי רייכע מענשען, מיט צוויי כּאָריסטקעס, מיט וועלכע זיי האָבען זיך באַקענט טאָקע דאָ. ער דאַרף פאַר זיי זינגען אַ סאָנג פון דער פּיעסע. אָבער ער האָט דערווייל ניט קיין צייט. ער דאַרף קלייבען מיידלעך, און אַחוץ דעם איז בעסער מען זאָל זיי לאָזען אַליין. אָבער כדי זיי זאָלען זיך ניט לאַנגווייל'ען זאָל איך שנעל קויפען אַ באַטעל שנאַפּס און

סענדוויטשעס און אַ טעשעל קאַרטען צו שפּילען דזשין־ראַמי, און זיי דאָס ברענגען אין אָפיס.

ער האָט מיר דערלאַנגט געלט און געזאָגט: „דו וועסט מיט דעם טאָן אַ וויכטיגע אַרבייט פאַר דער פּיעסע״.

ער האָט דאָס שנעל אָפּגעזאָגט און איז אַוועק.

מיר איז געווען זייער אומאַנגענעם צו ווערען אַ שיק־באַי פון דזשוליוס׳ען, אָדער פון די צוויי רייכע מענשען מיט די צוויי מיידלעך, וועלכע איך קען אָפילו ניט. פּאַסט דאָס פאַר אַ פּאַרפאַסער? אָבער איך האָב ניט געהאַט אָפילו קיין מעגליכקייט דאָס אָפּצוזאָגען. דזשוליוס איז שוין ניט געווען לעבען מיר. און איך האָב געקלערט: פאַר וועמען שעם איך זיך? סעקאַנד עוועניו זעט דאָך דאָס ניט.

איך האָב ערפילט מיין שליחות. איך בין געקומען אָנגעלאָדען מיט שנאַפּס און סענדוויטשעס און אַ טעשעל קאַרטען. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר. מען האָט זיך ניט געאיילט צו עפענען. ענדליך האָט איינער געפרעגט מיט כעס: „ווער איז דאָס?״ איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז אַ שליח פון דזשוליוס׳ען, וועלכער האָט געבראַכט שנאַפּס, סענד־וויטשעס און קאַרטען.

אַ שטיקעל טיר האָט זיך געעפענט. אַ מענערישע האַנט, מיט אַ גרויסען דימענטענעם רינג אויף אַ פינגער, האָט ביי מיר אַלעס אויסגעכאַפּט, אויסגערופען „דעם איט!״, און די טיר האָט זיך שנעל פאַרמאַכט.

אַ דעבאַטע וועגן קונסט

איך בין אַריינגעקומען אין „קאַפע ראָיאַל". פילע אויגען האָבען מיך מיט אַ מאָל אָנגעקוקט. מען האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף איינעם, וועלכער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט, וועלכער האָט באַוויזען אַ גרויסע העלדישקייט, אָדער ער האָט געוואונען „דאָס גרויסע געווינס".

פון עטליכע טישלעך האָט מען מיך באַגריסט, צו מיר געשמייכעלט, און מיך מיט די אויגען איינגעלאַדען צו זיצען מיט זיי. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם טישעל, וואו עס איז געזעסען דער דיכטער יונה און דער דראַמאַטורג הירשעל.

— נו, ווי געפעלען דיר די בראָדוועיער כאַריסטקעס ? — פרעגט דער דיכטער יונה.

— ווי אַזוי ווייסטו, אַז איך זע בראַדוועיער כאַריסטקעס ? — פרעג איך פאַרוואונדערט.

— מען ווייסט. די וועלט ווייסט — זאָגט יונה.

— דיין ווייב איז דאָ געוועזן — ערקלערט הירשעל.

— אָ, מיין ווייב איז דאָ געוועזן און דערציילט ? — פרעג איך.

— נאָך ווי דערציילט, אַנאָנסירט, פראָקלאַמירט — זאָגט הירשעל — זי האָט מיט שטאָלץ געלאָזט וויסען, אַז איר מאַן קלייבט בראָדוועיער כאַריסטקעס, אַז ער זאָגט מבינות, וועלכע ס'איז אַ שיינע. זאָגט ער יאָ, איז יאָ, זאָגט ער ניין, איז ניין. און די כאַריסטקעס שמייכלען צו אים. און, מערקווירדיג, זי איז ניט געוועזן אייפערזיכטיג. ווען דאָס וואָלט פאַסירט מיט מיר, וואָלט מיין ווייב מיך פון אייפערזוכט אויפגעגעסען.

— און איך — רופט אויס יונה — בין אַ, מענש וואָס איז קיינעם ניט מקנא אַ חוץ דעם וואָס שרייבט אָן אַ גוט ליד. אָבער מיט דעם וואָס דו קלייבסט כּאַריסטקעס בין איך דיך מקנא. איך וואָלט זיך פאַר דעם גוט אויסגעטויגט. איך בין אַ גרויסער מבין.

— יאָ — זאָגט הירשעל — דו ביזט אַ מבין, דיר וואָלטען אַלע געפעלען, דו וואָלסט אַלע מינוט זיך שטערבליך פאַרליבט אין אַן אַנדערע.

— איז וואָס? — זאָגט יונה — פון יעדער נייער ליבע וואָלט געבוירען געוואָרען אַ ניי ליד. דער דיכטער דאַרף ליבען, ליידען, דענקען, ווען ניט ווערט פון אים אַ שטיק אייז.

— פון די ליבעס מיט די בראָדוועיער כּאַריסטקעס — ערקלערט הירשעל — ווערען ניט געבוירען קיין לידער, נאָר אומגליק, שנאה. איך האָב אַ רייכען לאַנדסמאַן מיינעם האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ בראָד־וועיער כּאַריסטקע, האָט זי ביי אים צוגענומען דאָס האַרץ מיט׳ן געלט, מיט׳ן געזונט. רעד מיט אים וועסטו הערען. שילט ער זיי!

— מיינונגען פון רייכע מענשען אינטערעסירען מיך ניט — ער־קלערט יונה — וואָס וויסט אַ רייכער מענש פון ליבע? ער קויפט דאָך ליבע פאַר געלט, ווי מען קויפט הערינג. אָבער ווען אַ שיינע כּאַריסטקע פאַרליבט זיך אין מיר איז דאָך עס ניט צוליב מיין געלט, נאָר צוליב קונסט. זי פאַרליבט זיך אין מיין פּאָעזיע. אַזאַ מיידעל איז דאָך אַן אמת׳ע קינסטלערין. פאַרוואָס ווילען אָט די שייניקע מיידלעך זינגען, אָדער טאַנצען אויף דער בינע? — קונסט. זיי זיינען קינסט־לערינס.

— וואָס פאַר אַ קינסטלערינס! — רופט אויס הירשעל — זיי ווילען טאַנצען, כדי צו ציגען זייערע שיינע פיסלעך, כדי אַ מיליאָנער, אַן אידיאָט, זאָל זיך אין זיי פאַרליבען און זיי זאָלען ביי אים צאַפּען געלט. דאָס איז זייער אַמביציע.

— דו ביסט אַ טרוקענער מענש, אַ פּראָזאַאיקער! — שרייט אויס דער דיכטער יונה — דו באַליידיגסט די קונסט! צו זאָגען אויף קינסטלערינס, אַז זיי ווילען חתונה האָבען מיט מיליאָנערען? שעם זיך!

— יאָ, — זאָגט הירשעל — זייער ענדציל איז צו קריגען אַלימאָני פון זייערע קרבנות. זיי ווילען אַפילו ניט זיין לאַנג פאַרהייראַט. אַלימאָני ווילען זיי!

— גוואַלד! — האָט אויסגעשריען יונה און זיך געווענדעט צו מיר נאָך הילף — פאַרוואָס שווייגסטו אים? דו ביסט דאָך אויף בראָדוועי. דו זעסט דאָך די קינסטלערינס. וואָס הייסט ער זאָגט, אַז זיי ווילען אַלימאָני!

איך האָב ערקלערט, אַז איך בין נאָך ניט גענוג לאַנג אויף בראָדוועי אַרויסצוזאָגען וועגען דעם אַ מיינונג.

מיין לאַנדספרוי

אויף בראָדוועי.

איך קום אַריין אין טעאַטער, וואו מען קלייבט כאַריסטקעס פאַר מיין פּיעסע. איך זעץ זיך אַוועק אין אָרקעסטער און קוק. דזשוליוס איז אויף דער בינע. ער לויפט, ער רעדט. אָט אַנאָנסירט ער, אַז מאָרגען וועלען פאַרקומען אָדישאַנס. מען וועט אויסהערען זינגערינס און פאַרשידענע אַנדערע טאַלאַנטען. עס טומעלט, אַגענטען גייען אַריין און אַרויס. איך זיץ ווי אַ מחותן אין אָרקעסטער און קוק.

עס קומט צו מיר אַ פרוי און קוקט אויף מיר. זי זעט מיר אויס באַקאַנט. אָבער איך קען זיך ניט דערמאָנען ווער זי איז.

— ענטשולדיגט — זאָגט זי — זענט איר ניט פון סקאַלא, שמואל׳ס זון, משה׳ס אייניקעל?

— יאָ, — זאָג איך.

— שלום עליכם — זאָגט זי — איך בין דאָך דבורה, באַשע חוה׳ס, שמשון עליס, אייער לאַנדספרוי.

איך האָב זיך מיט איר שטאַרק דערפרייט. איך קען זי זייער גוט פון דער אַלטער היים. מיר דוכט זיך, אַז איך בין אין איר אַמאָל געווען פאַרליבט און זי האָט דערפון ניט געוואוסט (אין דער אַלטער היים זיינען דעמאָלסט געווען אַ סך אַזעלכע ליבעס). איך פרעג זי אויס, וואָס זי מאַכט און צו וואָס זי איז געקומען אַהער. זי רופט צו אַ מיידעל, שטעלט זי מיר פאָר אַלס איר טאָכטער, זאָגט, אַז זי קען גוט זינגען, זי וויל אַז מען זאָל זי דאָ אויסהערען, און אויב איך קען עפּעס טאָן פאַר איר וועל איך פאַר איר מסתמא טאָן. זי קען מיך פאַר אַ גוטען מענשען.

— וואָס הייסט צי איך קען עפּעס טאָן? — זאָג איך — איך בין

דאָ דער גלאַוונער מאַכער. איך בין דער פּאַרפאַסער פון דער פּיעסע.

— איר זענט דער פּאַרפאַסער פון דער פּיעסע?! — רופט זי אויס מיט שמחה — לאַנג לעבען זאָלט איר! הערסט, סילוועניו, דו זעסט וואָס פאַר אַ גרויסען לאַנדסמאַן איך האָב, ער איז דער פּאַרפאַסער!

די טאָכטער אירע האָט מיר געשענקט אַ פיינעם שמייכעל, אַ שמייכעל, וואָס אַ שיין יונג מיידעל שענקט צו אַ וויכטיגען מענשען.

— סילוועניו — האָט מיין לאַנדספרוי אויסגערופען צו איר טאָכטער — מיין חלום צו זען דיך אַלס סטאַר וועט מקוים ווערען! אַז מיין לאַנדסמאַן איז דער פּאַרפאַסער האָסטו ניט וואָס צו זאָרגען!

דזשוליוס איז צוגעקומען. איך האָב אים פאָרגעשטעלט מיין לאַנדס־פרוי און איר טאָכטער. איך האָב אים געזאָגט, אַז די טאָכטער קען פיין זינגען, און די מאַמע אירע איז מיין בעסטע פריינדין, און אַז —

ער האָט מיר איבערגעשלאָגען מיינע רייד מיט אַ געשריי:

— אַהאַ, דו ווילסט אַ טובה! פול! ווייל זי איז דיין פריינדין וועט זי זינגען אין דער פּיעסע. ניין! ניין! מיר האָבען שוין גענוג זינגערינס.

— איך מיין, אַז מיר זאָלען אויסהערען ווי זי זינגט — זאָג איך.

— מיר האָבען אויף דער ליסטע שוין גענוג זינגערינס, מיר האָבען ניט קיין צייט — האָט ער געשריען און זיך ווענדענדיג צו מיין לאַנדספרוי האָט ער מיט נאָך אַ העכערען טאָן אויסגעשריען:

— גוד־באַי, מיסעס! — מיר האָבען ניט קיין צייט און מיר דאַרפען ניט קיין זינגערינס!

מיין לאַנדספרוי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט גרויס סימפּאַטיע און געזאָגט: „גוד באַי!"

איר טאָכטער האָט געגעבען אַ מאָדנעם קוק אויף איר מאַמען, ווי זי זאָל זאָגען: „דיינע לאַנדסלייט!"

די צוויי פרויען זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט און האָבען נאָך געהאַט אַ מעגליכקייט צו הערען ווי דזשוליוס האָט געשריען אויף מיר: „וואָס ברענגסטו מיר זינגערינס? מיר דאַרפען געלט־געבערס, ניט קיין זינגערינס! ער ברענגט מיר לאַנדספרויען. פון זיי וועלען מיר געהאָלפען ווערען?

איך האָב אַ ווילע געשוויגען. עס האָט מיר צו פיל וויי געטאָן איך זאָל קענען ריידען. ווען איך האָב געזען, אַז מיין לאַנדספרוי און

איר טא̈כטער זיינען שוין אַוועק, הא̈ב איך אים געזא̈גט: — און וואָס איז געווא̈רען מיט די צוויי מענער, וועלכע זיינען געזעסען מיט צוויי כּא̈ריסטקעס אין דיין א̈פיס און איך הא̈ב זיי געברא̈כט סענדוויטשעס מיט שנא̈פּס, מיט קא̈רטען?

— דערוויל איז גא̈ר ניט מיט גא̈ר ניט — הא̈ט ער מיר ער־קלערט — אַזוי שנעל כּא̈פּט מען א̈ יא̈לד, וואָס גיט געלט פאַר א̈ פּיעסע? מען דא̈רף שווער א̈רבייטען. זיי הא̈בען א̈פּגעגעסען די סענד־וויטשעס, אויסגעטרונקען דעם שנא̈פּס, א̈פּגעקושט די מיידלעך, און מען זעט זיי ניט און ניט די מיידלעך. אפשר וועלען זיי נא̈ך קומען? אפשר ניט? א̈בער די הילף קומט גא̈ר פון אַן אַנדער פּלאַץ, ניט פון די כּא̈ריסטקעס. פון מעקגי.

— מעקגי? — פרעג איך — דער וואָס לויפט א̈רום זוכען הלוואות?

— יא̈ — זא̈גט ער — מעקגי איז איצט מיין גרעסטע הא̈פענונג, די איינציגע הא̈פנונג פון אונזער פּיעסע. איך ערווא̈רט אים דא̈ יעדע מינוט. ער איז א̈ גרויסער מענש דער מעקגי! ער איז טעריפיק!

— מעקגי? — פרעג איך איבער.

— יא̈, מעקגי — זא̈גט ער — איז היינט א̈ וויכטיגער מענש. ער איז זייער פעהיג. ער קען ברא̈דוועי. ער ווייסט, אַז שרייבען א̈ פּיעסע איז גא̈ר ניט. קען מען אַליין ניט שרייבען, קריגט מען איינעם וואָס קען שרייבען, דער עיקר איז צו פאַרקויפען א̈ פּיעסע, צו קריגען א̈ יא̈לד, וואָס וויל פאַרלירען געלט אין א̈ פּיעסע. מעקגי פאַרשטייט עס. איך באַוואונדער אים. ער איז טעריפיק. ער איז איצט דער סא̈שעל מענעדזשער פון מר. טרא̈פּ, ביי וועמען פופציג טויזענט דא̈לאַר איז ווי ביי מיר צו געבען א̈ שפּיי. ער איז מר. טרא̈פּ׳ס עצה־געבער. ער קען אַ סך טא̈ן.

אין מיטען געשפּרעך איז א̈נגעקומען מעקגי.

— העלא̈ו, מיין פריינד מעקגי! — הא̈ט דזשוליוס אויסגערופען מיט א̈ ליבליכען טא̈ן — וואָס מא̈כסטו? וואָס הערט זיך? און וואָס מא̈כט מר. טרא̈פּ?

— א̈ דאַנק. מר. טרא̈פּ איז א̈לרא̈יט — ענטפערט מעקגי — און מא̈רגען צוויי אַזייגער בייטא̈ג קומט ער צו אייך אין א̈פיס. איך הא̈ב אים געהייסען זיך באַקענען מיט אייך, און ער טוט וואָס איך הייס.

— א̈ דאַנק, א̈ גרויסען דאַנק! — זא̈גט דזשוליוס — איך הא̈ב ערשט דא̈ גערעדט וועגען דיר. איך הא̈ב אים געזא̈גט וואָס פאַר א̈

גרויסער מענש דו ביסט. ער וואונדערט זיך. ער געדענקט דיך נאָך ווען דו ביסט געווען אַן אָרימאַן. טאָ דערציייל אים ווי דו ביסט געוואָרען דער סאָשעל מענעדזשער פון מר. טראָפּ. זאָל ער הערען ווי מען קען זיך אַרויפאַרבייטען ווען מען האָט שכל. דערציייל אים.

— דאָס איז מיר אָנגעקומען זייער לייכט — ערקלערט מעקגי — איך בין געגאַנגען צו אַ מיטינג פון אַן אינסטיטושאַן. איך האָב דאָרט געהאָפט צו טרעפען איינעם, ביי וועלכען איך וועל כאַפּען אַ גמילת חסד. איך קום צום מיטינג שטייט אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ מאַן און האַלט אַ רעדע. עס קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט וואָס ער רעדט. צום שלוס האָט ער דערלאַנגט אַ גרויסען טשעק און געקראָגען אַ גרויסען אַפּלאָוז. אַזוי ווי איך האָב מיין באַקאַנטען, וועלכען איך האָב געזוכט, ניט געפונען, פאַלט מיר איין זיך צו באַקענען מיט'ן מאַן, וואָס האָט געהאַלטען אַ נאַרישע רעדע און געגעבען אַ גרויסען טשעק. איך פרעג זיך נאָר ווער ער איז. זאָגט מען מיר, אַז דאָס איז דער רייכער מר. טראָפּ. גיי איך צו אים און שטעל זיך פאָר און זאָג אים: „מר. טראָפּ. אייער רעדע איז מיר שטאַרק געפעלען. אַ בריליאַנטענע רעדע! ביי אַזאַ מענשען ווי איר וואָלט איך געוואָלט אַרבייטען. פרעגט ער מיך, וואָס איך קען. זאָג איך אים: „וואָס קען איך ניט? איך קען שרייבען פּיעסען, פּובליסיטי, האַלטען רעדעס, לערנען יענעם ווי צו ריידען. איך קען צוועלף שפּראַכען, אַ חוץ לאַטיין און גריכיש. איך קען יענעם העלפען קריגען כבוד. איך קען זיך מיט אַלע רעפּאָרטערס פון די צייטונגען. איך בין אַ בראָדוועיער מענש". זאָגט ער צו מיר: „קומט אין מיין אָפיס מאָרגען". בין איך געקומען אין זיין אָפיס און אין אַ פערטעל שעה אַרום בין איך שוין געווען אָנגעשטעלט אַלס סאָשעל מענעדזשער און אים שוין געגעבען עצות. און איך דאַרף מער ניט אַרומלויפען זוכען אַ גמילת חסד.

— און וואָס איז מיט חובות? — פרעג איך — דו באַצאָלסט חובות?

— ניין — האָט דזשוליוס אויסגעשריען — איך לאָז אים ניט צאָלען קיין חובות. ווען ער זאָל באַצאָלען זיינע חובות וועט ער אומגליקליך ווערען.

— איז אין וואָס־זשע באַשטייט דיין אַרבייט? — פרעג איך מעקגי'ן.

— איך לערען אים האַלטען ספּיטשעס — ערקלערט מעקגי — אָט לערען איך אים איצט האַלטען אַ ספּיטש פאַר אַ בית יתומים. די רעדע דאַרף זיין אַ טרויעריגע. ס'איז דאָך וועגען יתומים. לערען איך אים ווי צו ריידען מיט האַרץ, מיט וויי־טאָג, מיט אַ קרעכץ. קען ער

ניט קרעכצען. עס גייט אים צו גוט. ער האָט שוין פאַרגעסען ווי צו קרעכצען.

— זאָל ער אינוועסטען געלט אין פּיעסען אויף בראַדוועי וועט ער שוין קרעכצען — זאָגט דזשוליוס — דער קרעכץ וועט ביי אים אַרויסקומען נאַטירליך.

— אָט אויף דעם אַרבייט איך — זאָגט מעקגי — אָט צוליב דעם ברענג איך אים צו דיר מאָרגען. ער וועט שוין ביי מיר קרעכצען.

אַ ריהוירסעל פאַר אַ געלט געבער

איך קום אַריין אין דזשוליוס׳עס אָפיס. איך הער דזשוליוס׳עס שטימע. צוזאַמען מיט אים זיינען מעקגי און רודאָלף.

— העלאָו! דו ביסט געקומען אין צייט, — ערקלערט דזשוליוס. — מיר האַלטען דאָ אַ קאָנפערענץ. מיר פּלאַנען איצט אויס די סטראַטעגיק ווי אויפצונעמען דעם מיליאָנער מר. טראָפּ, ווען ער וועט קומען אַהער. ער דאַרף דאָ באַלד זיין. ער קומט פונקט צוויי אַזייגער, ווי מעקגי האָט פאַרזיכערט. מיר האָבען איצט דאָ אַ מין ריהוירסעל. מיר פּילען דאָ אַלע, אַז פון אים, פון מר. טראָפּ, איז אָפּהענגיג דער שיקזאַל פון אַ פּיעסע, פון אַ בראָדוועיער סוקסעס. גיט ער אַ זאָג דעם גאָלדענעם „יאָ״, ווערען מיר אַלע גליקליך, שפּילט מען „ווען לעבט ער?״ מיט געזאַנג, טענץ, און פּראַכט, און גלאַנץ, און הונדערטע מענשען וועלען מאַכען דערפון אַ פיין לעבען. גיט ער אַ זאָג דעם ביטערען „ניין״, איז זייער שלעכט. איז דאַרפען מיר אַזוי האַנדלען, ער זאָל זאָגען „יאָ״. טאָ הערט: אַזוי שנעל ווי מר. טראָפּ קומט אַריין, וועט מיך מעקגי פאַר אים טאָן אַ שטעל פאָר מיט אַ פּאָר פיינע ווערטער, און איך וועל אים אַדרעסירען. עס דאַרפען רעדען בלויז צוויי מענשען: איך און מר. טראָפּ. איך וועל רעדען „טעריפיק״. איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזען. אייער אַרבייט וועט באַשטיין פון קוקען אויף אים און מיר מיט ליבליכע אויגען. אייער פּנים דאַרף אויסדריקען פרייד. עס דאַרף ווי זאָגען, אַז איר זיינט זיך מחיה, וואָס ער געפינט זיך דאָ און וואָס איר הערט מיך רעדען. פריינדליכע פּנים׳ער ברענגען אַריין אין אַ גוטער שטימונג. זאָלט איר זיצען, קוקען אויף אונז פריינדליך און שווייגען. בלויז ווען ער זאָגט אַ וויץ זאָלט איר לאַכען. יעדער מענש, בפרט אַ רייכער מענש, האָט ליב, אַז מען לאַכט פון זיינע וויצען.

ווען איך וועל רעדען זאָלט איר מיר צושאָקלען מיט׳ן קאָפּ. יעדער מענש, בפרט איך, האָב ליב, אַז מען שאָקלט מיר צו מיט׳ן קאָפּ.

דזשוליוס האָט זיך פאַררויכערט זיין פאַרלאָשענעם סיגאַר און מיר מיט רודאָלפ׳ן געצייגט וואו צו זיצען.

— אָט־אָ־דאָ דאַרפט איר זיצען אין אַ ווינקעל, מען זאָל אייך ניט אַרויסזען, — האָט ער ערקלערט. — איך וואָלט אייך אינגאַנצען אַרויסגעשיקט פון דאַנען פאַר דער צייט, וואָס מר. טראָפּ וועט דאָ זיין. אָבער איך דאַרף אייך דאָ האָבען, איז שפּילט אייערע ראָלען ווי גוטע שוישפּילער: קוקט מיט פריינדליכע אויגען, שווייגט קלוג, שאָקעלט מיט די קעפּ, ווען איך וועל רעדען, און לאַכט הויך, געשמאַק, ווען מר. טראָפּ וועט זאָגען אַ וויץ.

צוויי אַזייגער

פיר פאָר אויגען זיינען געווענדעט צו דער טיר, דורך וועלכער מר. טראָפּ דאַרף אַריינקומען. אָבער די טיר רירט זיך ניט.

פינף מינוט נאָך צוויי

דזשוליוס שטעלט זיך אויף, קוקט צו דער טיר, קוקט אויף אונז, וואַרשיינליך צו זען ווי אַזוי מיר זיצען. זיינע אויגען דריקען אויס צופרידענהייט פון אונזערע פּאָזיציעס. ער הוסט זיך אויס, מאַכט זיך גרייט פאַר דער רעדע, וואָס ער וועט האַלטען פאַר מר. טראָפּ.

פופצען מינוט נאָך צוויי

די טיר האָט זיך נאָך אַלץ ניט געעפענט.

דזשוליוס דרייט זיך אַרום איבער׳ן צימער מיט אַן אויסגעלאָשענעם סיגאַר. מען זעט, אַז ער איז נערוועז.

האַלב נאָך דריי

אויף אַלעמענ׳ס פּנים׳ער איז אויסגעדריקט אַ פראַגע־צייכען, וואָס מיינט: „וואָס קען דאָ זיין, וואָס מר. טראָפּ איז נאָך ניטאָ?״

דזשוליוס ערקלערט פילאָזאָפיש, אַז מיר לעבען אין אַ פאַסקודנער וועלט, אַז ס׳איז ניט גוט, וואָס די וועלט איז איינגעטיילט אין צוויי קלאַסען: אָרימע און רייכע, און אַז די אָרימע דאַרפען זיין אָפּהענגיג פון די רייכע. וואָס טוט מען, אַז מר. טראָפּ האָט אינגאַנצען פאַרגעסען,

אַז ער דאַרף אַהער קומען? ס׳גייט אים עפּעס אין לעבען? איז צוליב אים, איין מענש, איז אויס פּיעסע, אויס סוקסעס, אויס גליק!

דריי פערטעל נאָך צוויי

דזשוליוס קוקט אויף מעקגי׳ן. ער נעמט אים דורך מיט זיינע אויגען.

מעקגי קען ניט אויסהאַלטען פון דזשוליוס׳עס שטעכיגע אויגען, און ער ערקלערט:

— איך מיינט דאָך, אַז מר. טראַפּ איז אַ מענש, וואָס האַלט ניט קיין וואָרט. ניין! ביי אים איז אַ וואָרט אַ וואָרט. אָבער ער איז אַ פאַרנומענער מענש. ער האָט אַ סך אַפּאָינטמענטס. האָט ער מסתמא געמאַכט אַ טעות. אַנשטאָט צו גיין פריער אַהער, איז ער געגאַנגען ערגעץ אַנדערש. וועט ער קומען אַהער שפּעטער. ער וועט זיכער קומען. ערגעץ אַנדערש. וועט ער קומען אַהער שפּעטער. ער וועט זיכער קומען.

דריי אַזייגער

דזשוליוס איז שטאַרק אויפגערעגט. ער שפּאַנט ביז צו דער טיר. גיט אַ קוק אויף דער טיר און שפּאַנט צוריק ביז צו מעקגי׳ן. טוט אַ קוק אויף מעקגי׳ן און שפּאַנט ווידער צוריק צו דער טיר. אַזוי אַ פּאָר מאָל.

מעקגי הויבט זיך אויף, שפּאַנט אויך איבער׳ן צימער, ביז צו דער טיר און צוריק.

ביידע שפּאַנען איבער׳ן צימער.

איך און רודאָלף זיצען, רירען זיך ניט, קוקען איינער אויפ׳ן צווייטען. וואָס ער טראַכט ווייס איך ניט. איך טראַכט: מיר ביידע זיינען ניט קיין וויכטיגע מענשען. ווען מיר וואָלטען געווען וויכטיג, וואָלטען מיר אויך געשפּאַנט...

צען מינוט נאָך דריי

דזשוליוס שטייט ביים פענסטער, קוקט אַרויס. מיר זעען ניט זיין פּנים. פּלוצלונג טוט ער זיך אַ דריי־אויס צו אונז און רופט־אויס: „איך האָב פיינט אַ ליגנער!"

פופצען מינוט נאָך דריי

די טיר עפענט זיך ברייט. אַכט אויגען קוקען צו דער טיר. עס קומען אַריין צוויי מענער. איינער אַ הויכער, דער צווייטער אַ קליינינקער. דער קליינינקער האַלט אַ הויכען טראָמבאָן.

דזשוליוס ווערט ווילד. זיינע אויגען שפּריצען ווי מיט פייער. אָט, דוכט זיך, נעמט ער זיי ביידען אָן און וואַרפט זיי אַרויס. אָבער איידער ער אוספּייעט עפּעס צו זאָגען, ערקלערט דער הויכער, אַז זיי זיינען ביידע אַ „טיעם". דער קליינינקער שפּילט שוין אויפ'ן טראָמבאָן. דער הויכער טאַנצט.

דזשוליוס בלייבט אַ ווײַלע ווי געפּלעפט. ער איז ווי פאַרלוירען. דער טראָמבאָן לאָזט זיך הערען אַלץ העכער און העכער. דזשוליוס שרייט אויס: „סטאָפּ איט!"

— הערט־אויף! — שרייט אויך מעקגי.

דער הויכער מאַכט אַן ערקלערונג:

— מיר ווילען איר זאָלט אונז אויסהערען. מיר קומען פון ווייט. מיר זיינען געווען אין טעאַטער, וואו מען גיט אַדישאַנס. קיינער האָט אונז ניט געוואָלט הערען. מען האָט אונז געשיקט אַהער צו מר. דזשוליוס.

— מיר ווילען אייך ניט הערען! — שרייט דזשוליוס.

— מיר האָבען איצט ניט קיין צייט! — שרייט מעקגי.

— שפּיל! — האָט דער הויכער געגעבען אַ באַפעל צום קליינינקען. — שפּיל שטאַרק!

דער קליינינקער האָט פאַרטגעזעצט זיין שפּילען.

— סטאָפּ איט! — שרייט אויס דזשוליוס, — סטאָפּ איט! ווען ניט באַגיי איך אַ מאָרד!

— סטאָפּ איט! — בעט מעקגי.

— קוואַיעט! — האָט אויסגערופען דער טענצער. — ווער עס וועט אונז, קינסטלער, שטערען, קריגט אַ זעץ אין מאָרדע!

דער טענצער האָט אויסגעזען ווי איינער, וואָס קען געבען אַ גוטען קלאַפּ.

דער טראָמבאָן האָט זיך צולאָזען אויף די העכסטע טענער, דער טענצער האָט געטאַנצט און אונטערגעזונגען.

דזשוליוס האָט זיך געווענדעט צו אונז מיט אַן אַפּיל, זאָגענדיג: „מיין גאַנץ לעבען האָס איך מענשען, וועלכע שפּילען אויף טראָמבאָנס. העלפט מיר זיי אַרויסוואַרפען!"

דער טענצער האָט זיך אויסגעטאָן דאָס רעקעל און געזאָגט: „קאָם־אָן!" דו האָסט פיינט מוזיק. אַזאַ מענשען וויל איך צופּראַסקען!"

דזשוליוס האָט אָנגעפּאַנגען זיך אויסטאָן דאָס רעקעל. אָבער אַ קוק־טוענדיג אויף אונז, און זעענדיג, אַז מיר רירען זיך ניט פון אָרט, האָט ער זיך צוריק אָנגעטאָן דאָס רעקעל און געזאָגט, אַז ער וויל ניט פאַרגיסען קיין בלוט.

מעקגי האָט זיך גערוקט נענטער צו דער טיר. ער האָט מסתמא געוואָלט זיין נאָענט צו אַן אַרויסגאַנג, אין פאַל עס אַנטוויקעלט זיך אַ געשלעג.

רודאָלף האָט געקוקט מיט סימפּאַטיע אויף דעם טענצער און ספּעציעל אויף דעם טראָמבאָן־שפּילער. עס האָט אויסגעזען, אַז אים געפעלט ער.

מיר איז געפעלען די סיטואַציע: מען וואַרט אויף אַ מיליאָנער, אויף אַ געלט־געבער, און סע קומט אַ טראָמבאָן־שפּילער.

דער טראָמבאָן האָט זיך געלאָזט הערען אַלץ העכער און העכער. דזשוליוס האָט זיך געלאָזען צו דער טיר, אויסרופענדיג: „איך אַנט־לויף!"

דער טענצער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און אויס־גערופען: „קיינער וועט ניט אַרויסגיין!" ער האָט אין דערזעלבער צייט באַפוילען דעם טראָמבאָן־שפּילער צו שפּילען שטאַרקער.

דזשוליוס האָט זיך געלאָזען צום טעלעפאָן רופען די פּאָליציי. „העלאָ, העלאָ!" האָט ער געשריען. „העלאָ, פּאָליס־העדקוואָדערס!" ער האָט אַזוי שנעל ניט געקראָגען קיין ענטפער. דער טענצער האָט זיך שטאַרק צוזונגען. דער קליינינקער האָט געאַרבייט אויף דער טראָמבאָן מיט אַלע כחות.

אינמיטען טומעל האָט זיך געעפענט די טיר און עס האָט זיך אַריינגעלאָזען אַ גרויסער בויך. נאָכ'ן בויך האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ גרויסער קאָפּ מיט אַ קליינעם שטערן.

— העלאָ, מר. טראָפּ, — האָט מעקגי אויסגערופען, לויפענדיג אים אַנטקעגען, שיעור נישט פאַלענדיג.

דזשוליוס האָט אַרונטערגעוואָרפען דעם רעסיווער פון טעלעפאָן און אויסגעזען ווי איינער, וואָס וואָלט זיך מחיה געווען ווען אַ גרוב וואָלט זיך פלוצלונג געעפענט און ער פאַלט אין אים אַריין. איך און רודאָלף האָבען זיך גאָרניט פאַרלוירען. מיר האָבען געקוקט מיט פריינדליכע אויגען, אַזוי ווי מען האָט אונז אָנגעזאָגט. דער טראָמבאָן־שפּילער האָט

זיך אויך גאָרניט פאַרלוירען, און זיין טראָמבאָן האָט זיך צולאָזען אויף די העכסטע טענער.

— אַי, פיין! — האָט מר. טראַפּ אויסגערופען צום טראָמבאָן־שפּילער. — איר שפּילט פיין!

— העלאָו, מר. טראַפּ, — האָט דזשוליוס אויסגערופען, קומענדיג אַביסעל צו זיך. — ערלויבט מיר אייך זיך פאָרצושטעלען. מיין —

— שאַראַפּ, קוואַיעט! — האָט אויסגערופען דער טענצער. — אָט־דער מאַן פאַרשטייט מוזיק, און איר זייט אַ גאָרניט און שטערט!

— שטערט ניט! — האָט אויסגערופען מר. טראַפּ. — דער מאַן שפּילט זייער גוט. שפּילט ווייטער!

דער טראָמבאָן־שפּילער האָט אַן ערמוטיגטער און באַגייסטערטער געאַרבייט אויפ׳ן טראָמבאָן מיט נייע כחות און געוואָרפען מיט זיין קאָפּ אַהין און צוריק.

מר. טראַפּ האָט נאָכגעברומט און צוגעקלאַפּט מיט׳ן פוס.

איך האָב באַטראַכט דעם מר. טראַפּ. עס האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען זיינע פילע באַטאָנס און פינס, וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיין ברוסט און אויף זיינע לאַפּעס. דאָס זיינען וואַרשיינליך געווען פון אָרגאַניזאַציעס און קלאָבס, פון וועלכע ער איז אַ מיטגליד. אָדער ער גיט זיי נדבות. עס האָט געצויגען אויפמערקזאַמקייט זיין שניפּס, וועלכער איז געווען ברייט און פון פאַרשיידענע קאָלירען. אָבער די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגען זיין קאַרק. די פעטקייט פון זיין קאַרק איז געווען אויסערגעוויינליך און האָט פאַרטונקעלט זיין גרויסען בויך. אַז מען האָט געקוקט אויף זיין קאַרק האָט זיין בויך ניט אויסגעזען אַזוי גרויס ווי ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט.

— וואונדערבאַר! — האָט אויסגערופען מר. טראַפּ, און זיין בויך און קאַרק האָבען זיך אַ הוידע געטאָן, קלאַפּענדיג דעם טראָמבאָן־שפּילער אין פּלייצע.

— מאַרוועלאָס! — האָט אויסגעשריען דזשוליוס און געגעבען דעם טראָמבאָן־שפּילער אַ ליבליכען קניפּ אין בעקעל.

— בראַוואָ! — האָט געשריען מעקגי.

— איך האָב זייער ליב אַ טראָמבאָן, — האָט געזאָגט מר. טראַפּ. — איך האָב אַליין אויף דעם געשפּילט, ווען איך בין געווען אין מיליטער.

— עס איז אַ וואונדערבאַרער אינסטרומענט! — האָט אויסגערופען דזשוליוס באַגייסטערט. — איך האָב דאָס בעסער ליב פון אַלע מוזי־קאַלישע כלים!

מר. טראַפּ האָט געבעטען דעם טראָמבאָן־שפּילער ער זאָל אים געבען דעם טראָמבאָן אויף אַ ווײַלע. ער וויל זען צי געדענקט ער נאָך.

דער טראָמבאָן־שפּילער האָט געזאָגט, אַז ער גיט ניט אַרויס זיין טראָמבאָן פון האַנט.

דזשוליוס האָט דעם שפּילער אַרײַנגעשטופּט אַ פּאָר דאָלאַר אין האַנט, און מר. טראַפּ האָט געקראָגען דעם טראָמבאָן און גענומען שפּילען.

אַלע האָבען געקלאַפּט: בראַוואָ! אַ חוץ דער טראָמבאָן־שפּילער מיט׳ן טענצער.

— איר זיינט דאָך אַ גוואַלדיגער שפּילער! — האָט אויסגערופען דזשוליוס.

— ווען איך וועל אַמאָל פאַרלירען מיין געלט, וועל איך ווערען אַ טראָמבאָן־שפּילער, — האָט מר. טראַפּ געזאָגט איראַניש.

דזשוליוס האָט זיך צולאַכט פון דעם וויץ און צו אונז אַ מאַך געטאָן מיט די אויגען, ווי איינער זאָגט: „וואָס שווייגט איר?״

מיר האָבען מיט אונזער געלעכטער אַביסעל זיך פאַרשפּעטיגט. אָבער מיר האָבען געלאַכט: כאַ־כאַ־כאַ!

מר. טראַפּ האָט געשפּילט נאָך אַ מיליטערישען נומער.

מיר האָבען ווידער אַפּלאָדירט.

פּלוצלונג האָט זיך מר. טראַפּ געטאָן אַ כאַפּ, האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגערעל און אויסגערופען: „איך בין זייער שפּעט. איך האָב אַן אַפּאָינטמענט אויף פיר אַזייגער. איך מוז לויפען. איך דאַנק אייך זייער פאַר דער אויפנאַמע, מיינע ליבע פריינד. קיין בעסערע אויפנאַמע ווי מיך צו באַגריסען מיט אַ טראָמבאָן, וואָס איך האָב אַזוי ליב, האָט איר ניט געקענט אויסטראַכטען. איך דאַנק אייך האַרציג. איך סימפּאַטיזיר שטאַרק מיט אייער טשאַריטי אינסטיטוציע. איך ווינש אייך גליק און פּראָגרעס. איר זאָלט העלפען די אומגליקליכע קריפּעלס צו ווערען געזונט און שטאַרק. איך וועל מאָרגען צושיקען אַ טשעק פאַר אייער פיינער טשאַריטי אינסטיטוציע. זאָל מיך מעקגי מאָרגען דערמאָנען. איך דאַנק אייך נאָכאַמאָל, ספּעציעל דעם טראָמבאָן שפּילער. גוד באַי!״

ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט און איז שנעל אַוועק.

דזשוליוס איז געבליבען ווי געפּלעפּט. ער האָט פאַר אַ מינוט צייט פאַרלאָרען דאָס לשון.

דער טראָמבאָן־שפּילער האָט אויסגערופען: „און איצט וועל איך פאַר אייך שפּילען מיין בעסטען נומער!״

ער האָט אָנגעהויבען שפּילען.

דזשוליוס האָט זיך אָן ווערטער אַרויסגעוואָרפען אויף דעם טראָמבאָן שפּילער. ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַלז און צוזאַמען מיט אים געעפענט די טיר. ביידע זיינען אַרויסגעפאַלען. דער טענצער האָט זיך געלאָזען נאָך זיי. מען האָט געהערט ווי זיי קאַטשען זיך פון די טרעפּ.

מעקגי האָט זיך געווענדעט צו אונז זאָגענדיג: — „עס וועט זיין אַלראַיט. אַז מען שלאָגט זיך איז אַ סימן, אַז די פּיעסע וועט זיין אַ גרויסער סוקסעס".

דער בלאָנדער מלאך

איך קום אַריין אין „קאַפּע ראַיאַל״. איך טרעף דאָרט מר. טראַפּ׳ן, נעלי׳ן און מעקגי׳ן. דער וועיטער, הערמאַן, דרייט זיך אַרום זיי. זיינע אויגען פלאַמען. מיט די אַנדערע טישען אינטערעסירט ער זיך ניט. פאַר די אַנדערע האָט ער ניט קיין צייט. ביי דעם טישעל זיצט מעקגי, וועלכער האָט אים אַמאָל געגעבען פינף דאָלאַר אַ טיפּ. ער האָט אויף אים לאַנג געוואַרט און זיך דערוואַרט.

אַזוי שנעל ווי איך בין אַריינגעקומען האָט מיך מעקגי צוגערופען און מיך פאָרגעשטעלט פאַר מר. טראַפּ. פאַר נעלי׳ן האָט ער מיך ניט געדאַרפט פאָרשטעלען. איך האָב זי געקענט פון פריער: אַ שיינע בלאָנדינקע, מעקגי׳ס אַ גוטע פריינדין, אָדער געליבטע, וועלכע האָפט מיט זיין הילף צו ווערען אַ סטאַר.

— מר. טראַפּ, באַקענט זיך מיט אַ גרויסען מענשען, — האָט מעקגי געזאָגט וועגען מיר. — דאָס איז דער, וועלכער איז געזעסען ביי דזשוליוס׳ען, ווען איר האָט געשפּילט אויפ׳ן טראַמבאָן. ער איז פון אייער שפּילען געוועזן ענטציקט. ער איז אַ גרויסער מבין. ער איז אַ שרייבער. ער שרייבט צוזאַמען מיט דזשוליוס׳ען די פּיעסע, וועגען וועלכער מיר האָבען גערעדט. ער איז איינער פון די גאָר גרויסע, אַ זשעניע!

איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז איך בין ניט פון די גאָר גרויסע. פאַראַן אַ סך גרעסערע זשעניען פון מיר. אָבער מעקגי האָט ניט געוואָלט איך זאָל רעדען. ער האָט מורא געהאַט, אַז מיינע ווערטער קענען אים קאַליע מאַכען. ער האָט מיר איבערגעשלאָגען, זאָגענדיג: זאָל נעלי זאָגען צי זאָג איך אַ ליגען.

— אמת, — האָט נעלי געזאָגט עדות. — דזשוליוס זאָגט וועגען אים, אַז ער איז „טעריפיק״.

מר. טראַפּ האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט און דערנאָך געפרעגט: —

ווען איר שרייבט טראַכט איר לאַנג מיט אייער קאָפּ, צי איר גיט בלויז אַ קוועטש מיט אייער שטערן און ס׳פאַלען אַרויס געדאַנקען?

— אי ער טראַכט לאַנג, אי ער קוועטשט מיט׳ן שטערן, — האָט מעקגי פאַר מיר געענטפערט.

מר. טראָפּ האָט מיך ווידער באַטראַכט און געזאָגט:

— איר זעט אויס ערנסט, מיט ניט אויסגעשלאָפענע אויגען, מיט אַ ברייטען שטערן ווי אַ זשעניע דאַרף אויסזען. איז וויל איך אייך בעטען: קוועטשט אויס מיט אייער שטערן עפּעס אַ גוטען סאָנג פאַר נעלי׳ן.

נעלי האָט אויס דאַנקבאַרקייט פאַר די גוטע ווערטער אים אַ גלעט געטאָן אין באַק.

— בלאָנדער מלאך! — האָט מר. טראָפּ אויסגערופען באַגייס־טערט — בלאָנדער מלאך! — און איר געגעבען אַ גלעט אין קאָפּ אָנרירענדיג איינע פון אירע שיינע קעמעלעך.

עס האָט אַריינגעשפּאַנט אַ מאַן פון נידעריגען וואוקס, אָן אַ העט, אָן אַ מאַנטעל און אָן אַ נעקטאַי. ער האָט געשפּאַנט שטאָלץ, פריילין און אַביסעל געדרייט מיט׳ן קאָפּ. ער האָט צו אַ פּאָר פון זיינע פריינד געזאָגט גוט־ברודעריש: — „העלאָו, באַנדיטען, העלאָו האָלדאפּניקעס!“

— ווער איז דער? — האָט מר. טראָפּ געפרעגט.

— דאָס איז אַ גרויסער מאָלער, אַ געניאַלער מאָלער, איינער פון די גרעסטע — האָט מעקגי ערקלערט מיט זיכערקייט, כאָטש ער זעט יענעם צום ערשטען מאָל און ווייסט גאָר ניט וועגען אים.

— און פאַרוואָס גייט ער אַזוי אָרעם אָנגעטאָן? — האָט טראָפּ געפרעגט.

— ער מאָלט מייסטענס אָרעמע לאַנדשאַפטען, אָרעמע מענשען, טוט ער זיך אַליין אויך אָן אָרעם, אַז ער זאָל זיי ניט מאַכען פילען שלעכט — האָט מעקגי ערקלערט — און ווען ער דאַרף מאָלען אַ רייכע לאַנדשאַפט, אָדער אַ פּאָרטרעט פון אַ רייכען, פּוצט ער זיך אויס.

— זייער אינטערעסאַנט! — האָט מר. טראָפּ אויסגערופען.

עס איז אַריינגעקומען אַן עלטערער מאַן, אַן אַמאָליגער מענעדזשער פון אַ אידישען טעאַטער.

— דאָס איז גאָר אַ גרויסער שוישפּילער — האָט מעקגי ערקלערט — ער איז בעסער ווי דזשאָן באַרימאָר.

— אַזוי! — האָט מר. טראָפּ אויסגערופען פאַרוואונדערט.

עס איז אַריינגעקומען אַ הויכער מאַן מיט דעם מאַנטעל זיינעם

אויפגעהאָנגען אויף די אַקסלען און געזאָגט: — „גיט מיר זעכצען ביליאָן דאָלאַר". מען האָט אים געגעבען אַ ניקעל. ער האָט געזאָגט: „אַ דאַנק אייך פאַר די פופצען ביליאָן", און איז אַוועקגעגאַנגען.

— ער איז אַמאָל געווען אַ גרויסער וויסענשאַפטסמאַן, אַן איינשטיין — האָט מעקגי געזאָגט.

— אַזוי! — האָט טראַפּ אויסגערופען — די אַלע זשעניען ווערען אויף דער עלטער משוגע — און זיך ווענדענדיג צו נעלי'ן האָט ער געזאָגט: — וואָס טויג דיר צו ווערען אַ זשעני? דו זעסט דאָך דעם סוף.

ווען ער האָט געפּילט, אַז ער האָט שוין געזען גענוג זשעניען, האָט מר. טראַפּ צוגערופען דעם ווייטער, באַצאָלט דעם ביל, זיך געזעגענט און איז אַוועק מיט נעלי'ן.

מעקגי איז פאַרבליבען אַ ווײַלע מיט מיר, צו געבען טראַפּ'ן אַ געלעגענהייט אַליין אַהיים צו פירען נעלי'ן, און אויך כדי אַביסעל צו רעדען מיט מיר.

— מיין אַרבייט ווי צו באַקענען טראַפּ'ן מיט נעלי'ן איז געווען אַ מייסטער אַרבייט — האָט מעקגי ערקלערט — זיי קענען זיך ערשט אַ שעה צייט און ער רופט זי שוין „בלאָנדער מלאך". מען קען זיך אויף נעלי'ן פאַרלאָזען. זי איז קלוג ווי דער טאָג. אמת, דער מיסטער טראַפּ איז אַ האַרטע נוס. אָבער איך, מיט נעלי'ן און מיט דזשוליוס'ען, וועלען די נוס צוקנאַקען.

***

אין אַ פּאָר טעג אַרום רופט מיך דזשוליוס אויפ'ן טעלעפאָן און זאָגט מיר, אַז מר. טראַפּ און נעלי זיינען ביי אים אין אָפיס און ער וויל, איך זאָל דאָרט אויך זיין. איך זאָל גלייך צוקומען.

איך בין געגאַנגען.

ווען איך בין געקומען אין דזשוליוס'עס אָפיס, האָב איך דאָרט געטראָפען אַ חוץ דזשוליוס'ען, מר. טראַפּ'ען און נעלי'ן, אויך מעקגי'ן און רודאָלפ'ן.

דזשוליוס האָט געזונגען אַ סאָנג. אַלע האָבען אַרויסגעוויזען באַגייסטערונג, אַ חוץ מר. טראַפּ. מיר אַלע האָבען אַפּלאָדירט, אַ חוץ מר. טראַפּ.

ווען דער סאָנג האָט זיך געענדיגט, האָט מר. טראַפּ זיך געווענדעט צו נעלי'ן: — „קום, דאַרלינג, לאָמיר ערגעץ גיין. איך בין מיד פון הערען סאָנגס".

נעלי האָט ערקלערט, אַז זי וויל נאָך דאָ זיין אַביסעל. „האָב אַביסעלע געדולד צוליב מיר", האָט זי אים געבעטען.

— וואָס וועל איך ניט טאָן צוליב דיר, — האָט ער געזאָגט.

דזשוליוס, הערענדיג אַז מר. טראַפּ איילט זיך אַוועקצוגיין, האָט ער אָנגעהויבען רעדען מער דירעקט צום פּונקט:

— איך וויל, מר. טראַפּ, איר זאָלט הערען די ענדערונגען וועלכע איך וויל מאַכען אין דער פּיעסע צוליב נעלי'ן — האָט ער געזאָגט. — אויב זי שפּילט די הויפּט ראָלע דאַרף דער העלד, דער דיכטער, ניט קרענקען, ווי אין אָריגינאַל. ער מוז זיין געזונט און שטאַרק, ווייל אַזאַ מיידעל ווי נעלי וועט זיך אין אַ קראַנקען ניט פאַרליבען. זי האָט ליב אַז מען איז געזונט.

— געוויס — זאָגט מר. טראַפּ — איך האָב אין מיינעם אַ ספּיטש לעצטע וואָך געזאָגט, אַז ווען מענשען זאָלען אָפּהיטען זייער געזונט, וואָלטען זיי קיינמאָל ניט קראַנק געווען.

— זייער גוט געזאָגט — זאָגט דזשוליוס — און נאָך אַ וויכטיגע זאַך — ערקלערט ער ווייטער — עס מוז געמאַכט ווערען אַ גרויסע ענדערונג אין דעם אויפטריט פון נעלי'ן. זי קומט אַריין פינף מינוט נאָכדעם ווי דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, טויג ניט די סצענע. דאָס איז צו־פרי. מען מוז דאָס איבערשרייבען, אַז זי זאָל אַריינקומען צוואַנציג מינוט שפּעטער.

— איך וויל — האָט נעלי געזאָגט — אַז איידער איך קום אַרויף, זאָל מען וועגען מיר ריידען אַז איך קום, אַז איך גיי, אַז איך פאָר, אַז איך בין דאָ.

— הערט אויס, מיסטער טראַפּ — רופט אויס דזשוליוס — לאָמיר רעדען אָפען. נעלי איז אַ גרויסער טאַלאַנט. זי האָט אַ גרויסע צוקונפט אין האָליוואוד.

— ווער וויל דען, אַז זי זאָל אַוועקפאָרען קיין האָליוואוד? — זאָגט טראַפּ — איך וויל זי זאָל זיין דאָ.

— איך פאָר נאָך ניט — זאָגט נעלי — איך וויל פריער שפּילען אויף בראָדוועי און זיין מיט דיר אַ פּאָר יאָר.

— עס דערמאָנט מיך אין מיינעם אַ ספּיטש — זאָגט טראַפּ — איך האָב אויסגערופען: „זייט נאָך ניט געזונט, איך פאָר נאָך ניט", איז אויסגעבראָכען אַ שטאַרקער געלעכטער. איך ווייס ניט. איך גיב זיך אַמאָל עפּעס אַ זאָג, לאַכט מען. איך ווייס אַליין ניט אַז עס איז אַ

וויץ און עס איז אַ גוטער וויץ. נעלי, דו מוזט קומען הערען מיינעם אַ ספּיטש.

— איך ווייס — זאָגט דזשוליוס — אַז איר זיינט אַ גוטער רעדנער. מעקגי האָט דאָס מיר געזאָגט. אָבער פּונקט אַזוי ווי איר האָט ליב צו רעדען, אַזוי האָט נעלי ליב צו שפּילען טעאַטער. דאָס איז איר גאַנץ לעבען.

— איך האָב וועגען דעם נאָכגעטראַכט — זאָגט טראַפּ — ביי מיר צו געבען הונדערט טויזענט דאָלאַר פאַר אויפפירען אַ פּיעסע איז ווי אויפצועסען אַ בייגעל.

— מיר ווייסען דאָס — זאָגט דזשוליוס.

— איך בין דאָך אָבער ניט קיין יאָלד — זאָגט טראַפּ — אַז זי וועט ווערען אַ סטאַר וועט זי זיך אַרומשלעפּען מיט דעם סטאַר עקטאָר, איז מיר וועט עס ווי טאָן. איך בין אַ מענש וואָס ווערט דזשעלעס. איז צו וואָס זאָל איך עס טאָן? וואָס איז מיר שלעכט, אַז זי איז ניט קיין סטאַר?

— הער אויס, טייערער — האָט נעלי אויסגערופען אויפגערעגט און מיט אויגען פול מיט טרערען — אויב איך וועל ניט שפּילען קיין טעאַטער, וועל איך לאַנג ניט לעבען. איך מוז שפּילען. אָן טעאַטער וויל איך ניט לעבען! איך —

— מיין טייערע געליבטע — האָט טראַפּ אויסגערופען — מיין שיין לעבען, מיין בלאָנדער מלאך!

— האָלד איט! — האָט אויסגעשריען דזשוליוס — „בלאָנדער מלאך". וואָס פאַר אַ נאָמען! ערלויבט מיר צו נוצען דעם נאָמען פאַר מיין פּיעסע. אַזאַ נאָמען! ווי אַזוי איז אייך איינגעפאַלען אַזאַ גאָלדענער נאָמען? אַ גוטער נאָמען איז דאָך בעסער פון אַ פּיעסע. פאַר אַזאַ נאָמען וואָלט האָליוואוד באַצאָלט אפשר הונדערט טויזענט דאָלאַר. אַזאַ נאָמען!

— איך גראַטוליר אייך מר. טראַפּ פאַר אויסטראַכטען אַזאַ וואונדער־באַרען נאָמען — האָט אויסגערופען מעקגי.

— לאָז מיך דיך קושען פאַר דעם געלונגענעם נאָמען! — האָט אויסגערופען נעלי, און זיך אים אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן האַלז. — ליבער, טייערער, שיינער, קלוגער, חכם!

— איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי דאָס איז אַרויסגעקומען פון מיין מויל — האָט טראַפּ אָנגעהויבען ערקלערען האַלב צוטומעלט — ס'האָט

זיך ביי מיר אַרויסגעגליטשט פון מויל, פון זיך אַליין. אַז איך הויב אָן רעדען, גייען חכמות פון מיין מויל.

— ספּיטש! — האָט מעקגי אויסגערופען.

— ספּיטש! — האָבען אַלע אַנדערע געשריען — ספּיטש!

— רעד, טייערער! — האָט נעלי געבעטען.

— ליידיס ענד דזשענטעלמען — האָט טראָפּ אָנגעהויבען — איך האָב אַ סך מזל. אַז עס פאַלט מיר עפּעס איין, איז דאָס גוט. עס קומען פון מיין מויל תמיד אַרויס גוטע זאַכען. איך גיב עפּעס אַזוי אַ זאָג און עס איז אַ גוטער וויץ. איך האָב אַמאָל מיינע אַ פירמע אַ נאָמען געגעבען טראָפּיקוס קאָמפּאַני, איז דאָס דער גרעסטער סוקסעס. אַ פּיעסע מיט מיין נאָמען איז אַ זיכערער סוקסעס, און איך מוז שוין אין דעם זיין דער גרעסטער שער האָלדער. טראָפּ׳ס אַ נאָמען! „בלאָנדער מלאך״. וואָס פאַר אַ נאָמען!

— ווי אַזוי איז איך איינגעפאַלען אַזאַ גוטע אידעע, אַזאַ שיינער, אַזאַ גאָלדענער נאָמען? דערציילט אונז — האָט געבעטען דזשוליוס.

— עס איז געווען אַזוי — האָט מר. טראָפּ ערקלערט — איך בין געזעסען און געקוקט אויף נעלי׳ס גאָלדענע האָר און געזען, אַז זי איז בלאָנד. איך האָב אַ זאָג־געטאָן: טייערע, שיינע בלאָנדינקע. האָב איך געקוקט אויף אירע בלויע אויגען, האָב איך געזען, אַז זי איז אַ מלאך, אַ שיינער מלאך — האָב איך אַ זאָג געטאָן: מלאך! דערנאָך האָב איך אַ זאָג געטאָן צוזאַמען: „בלאָנדער מלאך!״

— מיין גרויסער זשעני! חכם! — האָט נעלי אויסגערופען באַגייסטערט.

מיין ווייב טיילט שוין טיקעטס

אין אַ פרימאָרגען. איך האָב זיך פאַרשלאָפּען. מיין פרוי וועקט מיך.

— דו שלאָפסט און דיין סוקסעס וואַקסט — זאָגט זי — דיין פּיעסע איז אַ גוואַלדיגער ערפאָלג.

— מיין פּיעסע אין אַן ערפאָלג? — פרעג איך. — וואו, וואָס, ווער, ווען?

— דיין פּיעסע איז אַ גוואַלדיגער היט אין בוטשער סטאָר — ערקלערט זי מיר. — איך קום ערשט פון בוטשער. איך האָב דאָרט דערציילט, אַז דיין פּיעסע הייסט דער „בלאָנדער מלאך". איז פרעג שוין ניט וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן. „אַ גאָלדענער נאָמען!" האָט איין פרוי געזאָגט. „איך וואָלט שוין געוואָלט קויפען טיקעטס פאַר דער שאָו", האָט אַ צווייטע פרוי געזאָגט. און דער בוטשער? איז ער געווען באַגייסטערט!

— ווי אַזוי ווייסט ער צו זיין באַגייסטערט? פון וואָס איז דאָ באַגייסטערט צו ווערען? — פרעג איך.

— דער בוטשער ווייסט ניט? — זאָגט מיין ווייב — ער ווייסט שוין גאָר. ער האָט געזאָגט, אַז דער נאָמען איז ווערט אַ פאָרטשון. אַ קלייניגקייט „בלאָנדער מלאך"! האָב איך אים איינגערוימט אַ סוד, אַז די פּיעסע האָט אַזאַ נאָמען, ווייל אַ שיינע בלאָנדינקע איז די העלדין, דער סטאָר פון דער פּיעסע. האָט ער געזאָגט, אַז מען שטויסט זיך גלייך אָן, אַז „בלאָנדער מלאך" מיינט אַ בלאָנדע, שיינע נקבה, און דערפאַר איז דאָך דאָס אַזאַ גוטער אָנציהענדער נאָמען. מען וועט לויפען זען דעם בלאָנדען מלאך, די בלאָנדינקע הייסט עס.

— אַזוי — זאָג איך — דאָס האָט דער בוטשער אַליין געזאָגט.

— ער האָט ניט בלויז דאָס געזאָגט — ערקלערט מיין ווייב — נאָר ער האָט מיר אויך געגעבען די בעסטע טשיקען, מיר געדרעכענט אַ סך ביליגער און ערקלערט: „דאָס גיב איך אייך אַזוי ביליג צוליב דעם פּראָפעסאָר פון „בלאָנדען מלאך" און איך וויל, אַז ווען מען וועט שפּילען די פּיעסע זאָל איך קריגען צוויי טיקעטס פריי. עס איז ניט צוליב דעם געלט. איך קען, דאַנקען גאָט, אַפּאָרדען צו באַצאָלען, אָבער איך וויל דאָס צוליב כבוד. איך וויל זיך באַרימען, אַז מיינער אַ קאָסטימער, וועמעס פּיעסע מען שפּילט אויף בראָדוועי, האָט מיר צוגעשיקט פרייע בילעטען. האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, צוגעזאָגט. פאַרוואָס ניט? מען וועט קענען ביי אים אַריינשטעלען אַ פּאָסטער פון דיין פּיעסע. זיי זיכער, אַז ער וועט דיין פּאָסטער אויפהענגען איבער אַלע אַנדערע פּאָסטערס. דער „בלאָנדער מלאך" וועט אַלעמען פאַרדעקען. ער איז ווערט צוויי טיקעטס.

— טו מיר אַ טובה און טייל נאָך ניט קיין טיקעטס — בעט איך זי.

— איך גיב ניט קיין טיקעטס אַלעמען — זאָגט זי — וועמען איך גיב איז דאָס נויטיג. איך האָב, למשל, צוגעזאָגט צוויי טיקעטס צום גראָסערימאַן, צוויי טיקעטס צום לאָנדרימאַן. מיין פריינדין גאָסי האָב איך צוגעזאָגט צוויי טיקעטס. זי האָט עס ביי מיר זיכער פאַרדינט. ווען זי האָט אַ פּאָוקער געים ביי זיך אין הויז רופט זי מיך די ערשטע. איך האָב אין גאַנצען אפשר צוגעזאָגט צוואַנציג טיקעטס.

— פאָלג מיך און זאָג קיינעם ניט צו קיין טיקעטס — זאָג איך — ווער ווייסט וואָס ס'קען זיך אויסלאָזען פון דער גאַנצער געשיכטע. דער „בלאָנדער מלאך" קען נאָך ווערען רויט און געל און בלוי.

— אַז דו גלויבסט ניט אין בראָדוועי איז שווער מיט דיר צו רעדען — זאָגט זי — מענשען ווערען דאָרט גליקליך איבער נאַכט. דו עס בעסער אָפּ ברעקפעסט און כאַפּ זיך אַריבער צו דזשוליוס'ן. דו ביסט שוין דאָרט ניט געוועזען אַ פּאָר טעג. און ברענג אַהיים גוטע נייעס.

עצות פון די געלט געבער

ווען איך בין אַריינגעקומען אין דזשוליוס׳עס אָפיס, האָב איך אים געטראָפען אין אַ זייער גוטער שטימונג.

— זייט דו ביסט דאָ געווען האָבען פּאַסירט גרויסע זאַכען — האָט ער געזאָגט — אַלעס גייט איצט שנעל. דער מיסטער טראָפּ האָט פיינט אַז מען גייט פּאַוואָליע. ער האָט שוין אָרגאַניזירט „די בלאָנד ענדזשעל אינקאָרפּאָרעיטעד״, מיט אַ סטאָק פון הונדערט פופציג טויזענט דאָלאַר. ער האָט פּאַרקויפט שערס פאַר פופציג טויזענט דאָלאַר צו צוויי פון זיינע בעסטע פריינד. זיי האָבען געוואָלט נאָך שערס, האָט ער ניט געוואָלט געבען. ער וויל די איבעריגע שערס פאַר זיך אַליין. איך אַליין האָב געוואָלט קויפען אַ ביסעל שערס. איך גלויב שטאַרק אין דעם סוקסעס פון „בלאָנדען מלאך״. וויל ער ניט פאַרקויפען. ער וועט זיין אייגענעם טאַטען מער ניט פאַרקויפען, זאָגט ער. וואָס זאָגסטו וועגען דעם?

— איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען — זאָג איך.

— אַז דו דאַרפסט גאָר ניט זאָגען — ערקלערט ער — דו קוק, זע און שוויַיג. איך וועל שוין רעדען פאַר דיר. יאָ, עס זיינען פאַראַן פּאַפּירען, וועלכע דו דאַרפסט אונטערשרייבען. דאָס איז אַ קאָנטראַקט מיט דער „בלאָנד ענדזשעל אינקאָרפּאָרעיטעד״. שרייב אונטער די פּאַפּירען און אָט האָסטו אַ טשעק פון הונדערט דאָלאַר, אַן אַדוועַנס.

איך האָב גענומען לייענען דעם קאָנטראַקט, האָט ער געזאָגט: „דו האָסט ניט וואָס צו לייענען. דו קריגסט אַ פינפטעל פון די ראָיאַלטיס וואָס מיר קריגען ביידע. אַז ס׳וועט זיין אַ מיליאָן דאָלאַר ראָיאַלטיס, וועל איך קריגען אַכט הונדערט טויזענט און די צוויי הונדערט טויזענט. צופרידען?

— צופרידען — האָב איך געענטפערט אונטערשרייבענדיג דעם קאָנטראַקט — פאַר מיר איז גענוג צוויי הונדערט טויזענט.

דזשוליוס האָט מיר ווייטער ערקלערט, אַז פון איצט אָן דאַרף מען אַרבייטען זייער ענערגיש. מען דאַרף מאַכען אַ גרינדליכע אָפּע־ראַציע אויף דער פּיעסע. מען דאַרף מאַכען, אַז עס זאָל זיין גוט פאַר בראָדוועי. דאָס וויכטיגסטע איז, אַז עס זאָל געפעלען די געלט געבער, מר. טראָפּ און זיינע צוויי שותפים. זיי קומען באַלד אַהער און זיי וועלען זאָגען זייערע מיינונגען. זיי וועלען געבען עצות ווי צו פיקסען די פּיעסע. זייערע עצות זיינען זייער וויכטיג.

— זיי וועלען געבען עצות? — פרעג איך — זיי? וואָס וויסען זיי?

— זיי וויסען אַלעס — זאָגט דזשוליוס — און זיי זיינען אַלעס. אָן זיי איז ניטאָ קיין פּיעסע. אַז זיי וועט געפעלען די פּיעסע, מעג זי אַפילו ניט געפעלען דער קריטיק, וועט מען די פּיעסע שפּילען אויף צו להכעיס די קריטיקער און דעם עולם. וואָס איז, עס פעלט זיי געלט? פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי ניט — זאָג איך.

— עס איז ניט וויכטיג, אַז דו זאָלסט עס פאַרשטיין — זאָגט ער — וויכטיג איז, אַז איינער פון אונז צוויי זאָל פאַרשטיין. און איך בין דער איינער.

אין מיטען אונזער געשפּרעך איז אָנגעקומען מר. טראָפּ און זיינע צוויי פריינד, די שער־האָלדערס פון „דער בלאָנד ענדזשעל אינקאָר־פּאָרעיטעד".

מען האָט מיר די צוויי שותפים פאָרגעשטעלט אַלס מר. קאַרפּ און מר. לאַקס.

מר. טראָפּ האָט אָפיציעל געעפענט די קאָנפערענץ.

„דזשענטעלמען", האָט ער געזאָגט, „די קאָנפערענץ פון „די בלאָנד ענדזשעל אינקאָרפּאָרעיטעד" איז אָפען. יעדער איינער געזעצליכער מיטגליד פון דער קאָמפּאַני וועט קריגען דאָס וואָרט צו זאָגען זיין מיינונג, וואָס ער דענקט, וואָס ער וויל עס זאָל זיין אין אונזער „בלאָנדער מלאך".

דער ערשטער רעדנער איז געווען מר. קאַרפּ. ער האָט געזאָגט:

„איך האַלט, אַז אין דער פּיעסע טאָר ניט זיין קיין זאַך וואָס זאָל דערמאָנען אָן אידען. עס טאָר ניט זיין קיין אידישער כאַראַקטער, קיין אידיש ווערטעל, קיין אידישער וויץ, קיין אידיש דריידעל, קיין אידישער מאַך מיט דער האַנט, קיין אידישער אוי, קיין אידישער נאָמען. איך וועל אייך ערקלערען די אורזאַכען. די מייסטע וואָס קומען

אין טעאַטער זיינען אידען. פאַרוואָס? ווייל אַ אידען איז ביטער אויפ׳ן האַרצען, אַנטלויפט ער אין טעאַטער זיך צו אַמוזירען, צו פאַרגעסען אָן די צרות. אַ גוי האָט ניט קיין צרות, דאַרף ער ניט קיין טעאַטער. איז אַז אַ איד זיצט אין טעאַטער וויל ער זיך ווייגלען. ער וויל צוויי שעה צייט פאַרגעסען אַז ער איז אַ איד. צו וואָס זאָלען מיר אים דערמאָנען?

איך האָב זיך געמאָלדען צום וואָרט. איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז מיין פיעסע איז פון אָנהויב ביז׳ן סוף פול מיט אידען. וואָס מען זאָל ניט טאָן צו שמד׳ן די פיעסע וועט ניט העלפען. דער איד וועט אַרויס־קריכען פון הינטער אַ בעט און שרייען: „גוואַלד, איך בין דאָ! איך לעב! שמע־ישראל!“ אָבער אַזוי שנעל ווי דזשוליוס האָט געזען, אַז איך מעלד זיך צום וואָרט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „דאָ קריגען דאָס וואָרט בלויז שערהאָלדערס פון דער „בלאָנד ענדזשעל אינקאָרפּאָרעיטעד!“

דער נעקסטער רעדנער איז געווען מר. לאָקס.

ער האָט ערקלערט, אַז ער איז איינשטימיג מיט די ווערטער פון מר. קאַרפּ, אַז מען דאַרף די פיעסע גוט אויסקלינען, אַרויסנעמען אַלעס וואָס דערמאָנט אָן אידען.

ער האָט ווייטער ערקלערט, אַז דאָס וויכטיגסטע וואָס די פּיעסע דאַרף איז מיידלעך, שיינע מיידלעך, שיינע פּנים׳ער, שיינע פיגורען און שיינע פיסלעך.

„יאָ, פיסלעך!“ האָט ער אויסגערופען. „אַז מען קומט זען אַ מיוזיקעל קאָמעדי קוקט מען אויף די מיידלעך פון קאָפּ ביז די פיס, און ביי די פיס בלייבט מען שטיין, און אַז ס׳געפעלט ווערט מען באַ־גייסטערט. עס אינטערעסירט מער ניט וואָס מען זינגט און וואָס מען זאָגט. מען איז פאַרנומען מיט קוקען אויף די פיסלעך. איך ווייס דאָס פון ערפאַרונג. איך גיי אָפט זען מיוזיקעלס. אַנו, פרעגט מיך איך זאָל אייך דערציילען וואָס איך האָב געזען. איך געדענק גאָר ניט. אָבער די פיסלעך געדענק איך. אַי געדענק איך! איך געדענק אַפילו יעדען חן־גריבעלע פון מאָנכע פיסלעך. זיי טאַנצען, די פיסלעך. זיי פליען, זיי לויפען, זיי שפּרינגען, זיי וואַרפען זיך. אָט זיינען זיי דאָ און אָט זיינען זיי דאָרט. און די אויגען לויפען נאָך און ווערען פאַרלוירען אין אַ ים פון פיס. אָט, אָט גיט זיך אַ פיסעל אַ הויב אין דער לופטען און טוט אַ בלישטש, און עס געפעלט שטאַרק. מען קען זיך דערפון ניט אָפּרייסען. מען וויל מיט דעם פליען צוזאַמען. אָבער ס׳טוט זיך אַ וואַרף און ס׳איז שוין פאַרביטען געוואָרען מיט אַן אַנדער פּיסעל. דאָס אַנדערע

פּיסעל איז אויך ניט אַוועקצומאַכען מיט דער האַנט. ס׳איז אויסגעטאָקט. האַלט מען אַן אויג אויף דעם צווייטען פּיסעל. אָבער דאָס איז שוין אויך ניטאָ. דאָס איז פאַרביטען געוואָרען אויף אַן אַנדערער, ניט אַזאַ שיין פּיסעל. פאַרדריסט עס. מ׳בענקט נאָך יענע צוויי פּיסלעך. אָבער פּלוצלינג — דאָס ערשטע פּיסעל אין ווידער דאָ. פילט מען ווי עס צו באַגריסען און זאָגען: העלאָו, וואָס מאַכסטו, דאַרלינג? ווער קען דאָס פאַרגעסען?!״

מר. טראָפּ האָט געהאַלטען די לענגסטע רעדע. ער האָט איבער־געזאָגט אַ ספּיטש, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר אַ בית־יתומים.

„איך האָב דאָרט אין מיין רעדע טיף געקרעכצט״, האָט ער געזאָגט. „אַז מען רעדט פאַר יתומים, דאַרף מען קרעכצען, און מיין קרעכצען האָט געמאַכט אַ גרויסען סוקסעס. אָבער אין אַ מיוזיקעל דאַרף מען ניט קרעכצען, נאָר לאַכען, לאַכען אָן אויפהער. איז די צרה מיט׳ן עולם, אַז ער ווייס ניט ווען צו לאַכען. אַז ער הערט אַן אַנדערען לאַכען, לאַכט ער אויך. אַליין וויל קיינער ניט לאַכען. האָב איך אַ פּלאַן ווי אָנצוזאָגען דעם עולם ווען צו לאַכען. מיר וועלען אַוועקזעצען אונזערע עטליכע מענשען אין פאַרשידענע ווינקלען פון טעאַטער מיט קליינע פאָנאָגראַפס, וועלכע וועלען האָבען לאַף־רעקאָרדס. אונזערע מענשען וועלען ביי דעם פּאַסענדען מאָמענט געבען אַ דריי דעם פאָנאָגראַף און מען וועט הערען אַ גרויס געלעכטער פאַר אַ מינוט צייט. דער עולם וועט שוין העלפען לאַכען. טאָמער וועלען זיי אַלץ ניט וועלען לאַכען, קען מען אָן דעם עולם אויך אויסקומען. די רעקאָרדס וועלען געבען גענוג געלעכטער. און אַזוי וועט אונזער פּיעסע קריגען אַ נאָמען אַלס די גרעסטע לאַף־קאָמעדיע״.

דזשוליוס איז אויפגעשפּרונגען, דערלאַנגט מר. טראָפּ די האַנט און אויסגערופען: „איר זייט גרויס, איר זייט קלוג, איר זייט געניאַל! איר זייט אַ סוקסעס אין ביזנעס, איר זייט אַ היט ביי יתומים און איר זייט דער גרעסטער פּראָדיוסער פון אַלע צייטען.

מ׳שמד׳ט די העלדען פון מיין פּיעסע

אין דזשוליוס׳עס אָפיס טומעלט זיך. מען קלייבט אַ רעזשיסאָר פאַר מיין פּיעסע „דער בלאָנדער מלאך״. עס קומען יונגע, אַלטע, קאָנסערוואַטיווע און מאָדערנע רעזשיסאָרען. דזשוליוס רעדט מיט זיי, שטעלט זיי פראַגען. די דריי געלט־געבערס: מר. טראָפּ, מר. לאַקס און מר. קאַרפּ, זיינען אַנוועזענד. די ערשטע צוויי הערען, שווייגען און באַוואונדערען דזשוליוס׳ען ווי אַזוי ער פרעגט אויס. זיי קוקען אויף אים מיט מינעס, וואָס זאָגען: „אַט דאָס איז אַ קאָפּ!״ דער לעצטער, מר. קאַרפּ, מישט זיך אָפּט אַריין מיט אַ פראַגע. ער שטעלט יעדען איינעם דיזעלבע פראַגע: „וואָס וועט איר טאָן מיט די אידישע כאַראַקטערס פון דער פּיעסע?״

— אַי, ווען איך וואָלט געקענט דעם מר. קאַרפּ אַרונטערוואַרפען פון אַלע טרעפּ! — זאָגט מיר מר. דזשוליוס שטילערהייט — אַזאַ נודניק! וואָס מישט ער זיך?

אָבער ער וועט אים גאָר ניט זאָגען. געגען אַ געלט־געבער קען מען ניט זאָגען אַ וואָרט. אַפּילו ווען ער וואָלט אים געזאָגט, וואָלט עס אויך גאָרניט געהאָלפען. מר. קאַרפּ איז ניט פון די מענשען, וועלכע קענען זיצען און שווייגען. ער איז ווי קוועקזילבער, ער קען ניט זיצען אויף איין אָרט און ער קען ניט האַלטען לאַנג פאַרמאַכט דאָס מויל.

ווען איר קוקט אָן מר. קאַרפּ צום ערשטען מאָל, פילט איר, אַז ווען איר וועט זיך מיט אים נעענטער באַקענען, וועט איר אים פיינט קריגען. אַ קליין אידעל, מיט אַ פּנים פון אַן אויסגעווייקטען הערינג, מיט אַ דאַרען האַלז, און אַ גאָרגעל מיט אַ קנאָפּ, וועלכער וואַרפט זיך ווען ער רעדט.

פון דער ערשטער מינוט, ווען מען האָט אונז באַקאַנט, האָבען מיר

זיךביידע שוין פיינט געקראָגען. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן פון אויבען אַראָפּ, ווי עס קוקט אַן אַלראַיטניק אויף איינעם, וואָס איז ניט פון זיין קלאַס. איך האָב אויף אים געקוקט ווי אויף אַ טשיקאַווער, ניט סימפּאַטישער בריאה. ער האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ דאַרער ישיבה־בחור נאָך אַ תענית, וואָס קען ניט מאַכען קיין פריינדליכע מינע.

וואָס לענגער איך האָב זיך צו אים צוגעקוקט אַלץ מער האָב איך איינגעזען, אַז מיין שנאה צו אים איז באַרעכטיגט.

איין געשפּרעך זיינעם מיט אַ רעזשיסאָר וועגען מיין פּיעסע איז מיר פאַרבליבען אין זכרון.

עס איז אַריינגעקומען צו דזשוליוס׳ן אַ הויכער מאַן, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ געזונט, רויט פּנים, מיט אַ טשופּרינע האָר, מיט וואָנצעס אַלאַ מאַקסים גאָרקי, אָנגעטאָן אין אַ רוסישען פּעלץ. מען האָט אין אים גלייך דערקענט אַ רוס פון דור־דורות.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס איוואַן איוואַנאָוויטש פּראָפּאָוו, רעזשיסאָר. אויף מר. קאַרפּ׳ס שמאָלען פּנים האָט זיך באַוויזען אַ ברייטער שמייכעל ווי ער זאָל זאָגען: „אָט דער מאַן געפעלט מיר. מיט אים איז מען זיכער, אַז ער איז ניט קיין איד”. און מר. קאַרפּ איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, זיין העלזעל האָט זיך אויסגעשטרעקט ווי ביי אַ האָן, ווען ער קרייט, אַרויפצוקוקען צום הויכען רוס, און איידער דזשוליוס האָט געהאַט אַ מעגליכקייט עפּעס צו זאָגען, האָט ער שוין גערעגענט מיט ווערטער:

— מר. פּראָפּאָוו — האָט מר. קאַרפּ אויסגערופען — מען זעט גלייך, אַז איר זייט אַ גרויסער רעזשיסאָר, פון די מאָסקווער, פון די גרויסע. איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכען, אַז די פּיעסע „דער בלאָנדער מלאך” איז געשריבען געוואָרען אָריגינעל אין אידיש. יאָ, אין אידיש.

— אינטערעסאַנט — ענטפערט דער רוסישער רעזשיסאָר.

— פאַראַן דאָרט אַ סך אידישע כאַראַקטערען — זאָגט קאַרפּ — יאָ, אַ סך.

— טאָקע? — פרעגט איבער מר. פּראָפּאָוו.

— יאָ, — זאָגט קאַרפּ — נאָך ווי אידיש, און אידישע וויצען זיינען דאָרט דאָ!

— אידישע וויצען! — רופט אויס דער רוסישער רעזשיסאָר באַגייסטערט — דאָס איז זייער גוט. דער אידישער וויץ איז דער בעסטער וויץ.

— וואָס מיינט איר? — פרעגט אים איבער מר. קאַרפּ און דער קנאָפּ פון זיין גאָרגעל הויבט אָן אַרומשפּאַצירען אַהין און צוריק — וואָס מיינט איר?

— איך וועל זיך באַמיהען — זאָגט דער רוסישער רעזשיסאָר — די אידישע כאַראַקטערען אַרויסצוברענגען קלאָר און דייטליך.

— וואָס?! — שרייט אויס מר. קאַרפּ — איר וועט אידישע כאַראַקטערען?...

— איר מיינט — זאָגט מר. פּראָפּאָוו — אַז איך פאַרשטיי ניט קיין אידישע כאַראַקטערען? האָט איר אַ טעות. איך האָב זיך אַפילו אויסגעלערענט אידיש, ווייל איך דענק, אַז אַ רעזשיסאָר אויף בראָדוועי דאַרף קענען אידיש. די בעסטע טעאָטער־באַזוכער זיינען אידען. זיי פאַרדינען, אַז מען זאָל זיי קענען און פאַרשטיין.

— מיר זוכען אַ רעזשיסאָר, וואָס זאָל דאָס אידישע פון דער פּיעסע אַרויסנעמען מיט׳ן וואָרצעל — ערקלערט מר. קאַרפּ — און איר...

אויב איר ווילט אַ פּיעסע אָן אידען, איז צו וואָס דאַרפט איר נעמען אַ אידישע פּיעסע און פון דאָרט אַרויסוואַרפען די אידען? נעמט אַ פּיעסע וואו עס זיינען נישטאָ קיין אידען — האָט דער רוסישער רעזשיסאָר געפרעגט אַ גערעכטע פראַגע.

מר. קאַרפּ האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ער האָט אַ קוק געטאָן צו דזשוליוס׳ען נאָך הילף. דזשוליוס האָט אויך דעם אויך אפשר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. און אַפילו ווען ער וואָלט יאָ געוואוסט וואָלט ער אים מסתמא אויך ניט געהאָלפען. יענער לאָזט קיינעם ניט ריידען, זאָל ער אַליין ענטפערען אויף פראַגען, האָט דזשוליוס וואַרשיינליך געטראַכט.

עס האָט געהערשט אַ שטילשווייגען פאַר אַ ווײַלע און ווען דער רוסישער רעזשיסאָר האָט געזען, אַז מען ענטפערט אים ניט, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— איך וואַרף ניט אַרויס קיין אידען, איך בין אַ אידען־פריינד.

— וועלען מיר קריגען אַ רעזשיסאָר, וואָס וועט ניט מורא האָבען אַרויסצוואַרפען אידען! — האָט קאַרפּ געענטפערט בייז.

מר. קאַרפּ האָט אויסגעפּירט. ער האָט געקראָגען אַ רעזשיסאָר מיט׳ן נאָמען טעראַנאָ, וועמעס אידישער נאָמען איז טענענבוים, און ער האָט אָן רחמנות באַהאַנדעלט די אידען פון מיין פּיעסע. ער האָט

זיי ניט אַרויסגעוואָרפען, אָבער ער האָט זיי גע'שמד'ט. צוזאַמען מיט דזשוליוס'ען און מעקגי'ן האָט ער זיי געפירט צו דער שמד.

מען האָט מיך צו דער צערעמאָניע ניט צוגעלאָזען. עס איז געזינטער פאַר מיר, האָבען זיי געזאָגט, איך זאָל ניט זען, וואָס מען טוט מיט מיין פיעסע. אָבער איך פלעג זיך טרעפען מיט מעקגי'ן און ער האָט מיר אָפּגעבען אַ גרוס, ווי עס האַלט מיט די העלדען פון מיין פיעסע.

איין טאָג האָט ער מיר דערציילט, אַז דעם הויפּט־העלד פון מיין פיעסע, אַ אידישען דיכטער, האָט מען געמאַכט פאַר אַ גוי און עס גייט אים איצט גאָר גוט. אי ער האָט מער טאַלאַנט, אי מער מזל. מען שעצט אים בעסער אָפּ. ער איז איצט אַ זשעני, שרייבט, זינגט, טאַנצט, שפּילט, און רעזשיסירט, און פון זיין שרייבען מאַכט ער אַ פאַרמעגען. דער גוי'אישער גאַט באַצאָלט בעסער. האָליוואוד וויל אים. ער האָט שוין אַ ווילאַ. פריער אַלס אַ אידישער פּאָעט ביי מיר האָט ער ניט געקענט מאַכען קיין לעבען. ער האָט אָנגעשריבען אַ פּיעסע, האָט מען זי ביי אים ניט געוואָלט קויפען, און מען האָט פון אים חוזק געמאַכט. וואָס פאַר אַן אונטערשייד!

אַ צווייטען טאָג האָט ער מיר געבראַכט אַ גרוס, אַז מיינער אַ צווייטער העלד, אַ אידישער קצב, איז געוואָרען אַ גלח. ער האָט זיך גאָר שטאַרק אַרויפגעאַרבייט. פריער פלעגט ער האָבען צו טאָן מיט ווייבער, קושינערקעס. זיי פלעגען זיך מיט אים דינגען און אויפעסען דאָס האַרץ, און ער פלעגט זיי שילטען. איצט איז ער אַ גלח. יונגע, שיינע פרויען קומען זיך פאַר אים מתודה זיין אויף זייערע זינד. אַמאָל בלייבט ער אַליין מיט אַ ווייבעל און ער ווערט פאַרפירט פון דער זינדעריו. אָבער ער איז אַ גלח. ער דאַרף זיך ניט מתודה זיין. ער בעט אַליין גאָט ער זאָל אים מוחל זיין. וואָס פאַר אַן אונטערשייד!

אַ דריטען טאָג האָט ער מיר אָפּגעגעבען אַ גרוס פון מיינס אַ העלדין, וועלכע האָט פריער זיך געליבט מיט דעם אָרימען אידישען דיכטער און זי האָט אים געדאַרפט אויסהאַלטען. איצט איז זי אַ שפּאַנישע זינגערין און מענער ליגען ביי אירע פיס. זי באָדט זיך אין גאָלד. וואָס פאַר אַן אונטערשייד!

אַ פערטען טאָג האָט ער מיר געבראַכט אַ גרוס פון מיינס אַ העלד, אַ אידישען קענדי סטאָרקיפּער, וואָס זוכט אַ קאַסטימער פאַר זיין קענדי־סטאָרקע. ווי שטאַרק ער האָט זיך אַרויפגעאַרבייט ער איז געוואָרען אַ מעקסיקאַנער און אַ מאַגנאַט, און ווען דער פאַרהאַנג הויבט

זיך אויף, קומט ער אָן אין אַן עראָפּלאַן אויף לאַ־גוואַרדיע עירפילד, רעדט שפּאַניש און זינגט אַ ליבעס ליד.

יעדען טאָג האָט מיר מעקגי אָפּגעגעבען אַן אַנדער גרוס פון מיינס אַ העלד.

יעדער העלד מיינער האָט זיך אַרויפגעאַרבייט אין דער פּיעסע. קיינער פון זיי, איז, חלילה, ניט געבליבען אָן פּרנסה, ווי אין אַ אידישער פּיעסע.

מיינע שכנים ביי א ריהווירסעל

אין די טעאַטער־נייעס פון די ענגלישע צייטונגען איז פאַרעפענט־ליכט געוואָרען, אַז מיין פּיעסע „דער בלאָנדער מלאך" האָט געקראָגען אַלס סטאַר די באַרימטע אַקטריסע מיצי וואַיס, דירעקט פון האָליוואוד.

מיין פרוי איז מיט דער נייעס אַרומגעלאָפען פון איין שכנה צו דער צווייטער. מיין טעלעפאָן האָט ניט גערוט אַ מינוט. איך האָב געהערט ווי מיין ווייב האָט דורכ'ן טעלעפאָן איבערגעזאָגט פאַר פאַרשידענע קרובים אירע לויב־געזאַנגען וועגען מיצי וואַיס. „זי איז שוין איינמאָל אַן אַקטריסע", האָט זי געזאָגט. „איר האָט זי געדאַרפט זען אין דער מואווי „רעגען און ליבע". איר שמייכעל, אירע באַוועגונגען. זי איז אַ דאַרלינג".

איך אַליין בין ביי מיין ווייב גאָר חשוב געוואָרען. אַז מיין פּיעסע האָט אַזאַ אַקטריסע פאַר אַ שוישפּילערין, בין איך ניט אַבי־ווער, האָט זי געזאָגט, דאַרף מען פאַר מיר דרך ארץ האָבען. אַז איך האָב געוואָלט גיין אין גראָסערי קויפען גראָסערי־זאַכען פאַר'ן הויז, האָט זי ניט געלאָזען. „ס'פּאַסט ניט", האָט זי געזאָגט, „אַז אַזאַ גרויסער מענש ווי דו זאָל גיין אין גראָסערי".

דער כבוד וואָס איך האָב געקראָגען זייט אַ לאַנגער צייט אויף סעקאָנד עווענוי צוליב בראָדוועי איז פאַרשטאַרקט געוואָרען. מיינע באַקאַנטע, אַפילו אַזעלכע, וועלכע שמייכלען קיינמאָל ניט, האָבען צו מיר געשמייכעלט.

איין אידישער טעאַטער־מענעדזשער, מר. דרעה, וועלכער קוקט תמיד אויף אידישע שרייבער פון אויבען־אַראָפּ, האָט מיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „איך הער, אַז מיצי וואַיס שפּילט אין אייער פּיעסע. אייער

סוקסעס איז געזיכערט. טאָמער האָט איר עפּעס אַ פּיעסעלע פאַר מיר קענט איר ברענגען. ווען איך וויל, קען איך זיך אַרונטערלאָזן און שפּילן ליטעראַטור״.

דזשוליוס האָט מיך גערופן און מיר געלאָזן וויסן, אַז די ריהוירסעלס פון „בלאָנדען מלאך״ הויבן זיך אָן, אַז אַלעס איז „טעריפיק״, און ער בעט מיך איך זאָל קומען צו די פּראָבן און שעפּן נחת.

איך בין געקומען צו אַ פּראָבע.

די פּראָבן זיינען געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילן: בייטאָג האָט מען שטודירט די פּראָזע און אין אָוונט — געזאַנג און טענץ.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דער פּראָזע, צו אַ פּאָר סצענעס פון ערשטן אַקט, וועלכע זיינען פּראָבירט געוואָרן. מיר איז געווען שווער צו געפינען דאָרט מיינס אַ וואָרט. פון די כאַראַקטערן איז אָפּגערעדט. זיי זיינען צו מיר געווען ווי גאַנץ פרעמדע מענטשן, וועלכע איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן ניט באַגעגנט.

ביי די פּראָבן איז געזעסן אַ „געג־שרייבער״. דאָס איז אַ מין וויצן־איינשפּריצער. אַזאַ סאָרט באַשעפעניש האָב איך באַגעגנט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן.

מען האָט פּראָבירט. די אַקטיאָרן האָבן גערעדט זייערע ראָלן. פּלוצלונג איז דער „געג־שרייבער״ אָדער וויצן־איינשפּריצער, אויפגעשפּרונגען, געגעבן אַ געשריי: „איך האָב עס!״ און ער האָט אַריינגעשפּריצט אַ וויץ.

אין אָוונט איז געווען דער ריהוירסעל פון געזאַנג און טענץ. דאָס האָב איך געקענט צוזען מיט גאָר אַ לייכט האַרץ. דאָרט האָב איך ניט געהאַט קיין שום חלק.

מען האָט מיט די געזאַנגס־פּראָבן געוואַרט אויף נעלי׳ן. זי האָט זיך פאַרשפּעטיגט. מר. טראַפּ איז געווען זייער נערוועז. „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין מענש?״ האָט ער געזאָגט. „צו דער ערשטער פּראָבע איז זי שוין צו־שפּעט. איך וויל זי זאָל ביטען מיצי וואַיס. איך וויל זי זאָל אַרבייטען שווער״.

דזשוליוס האָט אים געפּרוּווט טרייסטען. אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזן. „זי איז אַ שיכור׳טע״. האָט ער געזאָגט. „ס׳וועט פון איר ניט זיין קיין לייט. וואָס איך טו ניט פאַר איר און ס׳איז אַרויסגעוואָרפן״. דזשוליוס האָט אים געטרייסט, אַז אַלע גרויסע טאַלאַנטען האָבן ליב צו שיכור׳ען.

אינמיטען געשפּרעך איז אָנגעקומען נעלי פאַרשנאָשקעט און געזאָגט צו טראַפּ׳ען: „דו אַלטער תרח מיט׳ן גרויסען בויך! וואָס זיצסטו און וואַרטסט אויף מיר? איך קען דיך ניט אָנקוקען!"

מר. טראַפּ האָט פאַרביסען די ליפּען, זיך אַ גלעט געגעבען זיין פּליך און געזאָגט: „גיי שוין שפּילען, דאַרלינג. לאָ׳מיך הערען דיין זיסע שטימע".

אַביסעל שפּעטער איז אַריינגעפאַלען מעקגי מיט פאַרפּלאָמטע באַקען.

„דו ליגנער, דו שיכור!" איז אים דזשוליוס באַפאַלען. „דו נעמסט אַוועק נעלי׳ן צו שיכור׳ען. פון דער ערשטער פּראָבע האָסטו זי צו־גענומען. דו מאַכסט מיך אומגליקליך. מר. טראַפּ איז אין כעס. מר. טראַפּ האָט שיער געוויינט. און זי האָט מר. טראַפּ׳ען שרעקליך באַליידיגט. ער האָט געשוויגען, דער אידיאָט. אָבער וואָס טו איך, אַז ער ווערט אין כעס, ווערט ברוגז מיט נעלי׳ן און מיט דער פּיעסע? — איז אויס „בלאָנדער מלאך".

מעקגי האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זען, אַז נעלי זאָל איבערבעטען טראַפּ׳ען און זיין גוט צו אים.

— דאָס וועט מיך קאָסטען געזונט, — האָט מעקגי געזאָגט, — איך האָב זייער ליב נעלי׳ן. איך קען ניט זען ווי זי גיט אַ קוש דעם מר. טראַפּ. אָבער איך וועל איר אַליין זאָגען: „קוש אים, קוש אים. ס׳איז צוליב דער פּיעסע!"

עס האָבען זיך אָנגעהויבען די געזאַנג־נומערען.

אַלע געלט־געבער זיינען געזעסען אין אָרקעסטער און זיך צוגע־הערט. באַזונדערס אויפמערקזאַם האָט זיך צוגעהערט צום געזאַנג מר. קאַרפּ. פלוצלונג האָט ער זיך געגעבען אַ בויג, דער קנאָפּ פון זיין גאָרגעל האָט זיך געוואָרפען, און ער האָט דזשוליוס׳ען געזאָגט, אַז ער האָט מורא, אַז די מעלאָדיע פון דעם סאָנג קלינגט אים אידיש. עס דערמאָנט אין דער תפילה „ונתנה תוקף". דזשוליוס האָט אים באַרואיגט. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז די מעלאָדיע איז ניט אידיש. זי איז גע׳גנב׳עט פון אַן איטאַליענישער אָפּערע.

— איטאַליעניש איז אָלראַיט, — האָט מר. קאַרפּ געזאָגט באַרואיגט, און דער קנאָפּ פון זיין גאָרגעל האָט זיך צוריק אָפּגעשטעלט אויף זיין באַשטימטען פּלאַץ.

צום שלוס זיינען פאָרבירט געוואָרען די טאַנץ־נומערען.

אַלע געלט־געבער האָבען ניט אַרונטערגעלאָזען קיין אויג פון די

טאַנץ־נומערן. באַזונדערס אויפמערקזאַם איז געווען מר. לאַקס. ער האָט ניט אַרונטערגעלאָזן זיין אויג פון די פיסלעך. ענדליך האָט ער זיך געווענדעט צו מר. דזשוליוס׳ן און געפרעגט אויף איין טענצערין צי זי איז פאַרהייראַט.

— אַ טענצערין איז ניט פאַרהייראַט — האָט אים דזשוליוס געזאָגט

— און אויב זי איז יאָ פאַרהייראַט איז זי אויך ניט פאַרהייראַט אַלע הונדערט פּראָצענט. איך וועל אייך שוין מיט איר באַקענען.

**
*

דעם דריטען אָווענט פון דער פּראָבע האָט איך דערזען, אַז אין אָרקעסטער זיצט מיין ווייב, איר שוועגערין וויאָלעט, אַ פּאָר שכנ׳טעס און אויך מיין בוטשער איז דאָ.

מען האָט פּרובירט געזאַנגס נומערן. מיינע שכנים זיינען געווען באַגייסטערט. מיין שוועגערין וואַיאָלעט האָט נאָכגעזונגען די סאָנגס.

— אָט דאָס הייסט געזונגען — האָט געזאָגט דער בוטשער — ס׳איז יונג, ס׳האָט אַ שטימע, ניט אַזוי ווי ביי אונז אידען.

מיין ווייב האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבען מיצי וואַיס׳עס מאַמע און מיט איר פאַרפירט אַ געשפּרעך.

מיינע שכנים האָבען זיך געשושקעט וועגען מיין ווייב:

„זי רעדט מיט מיצי וואַיס׳עס מאַמע. אָט דאָס הייסט כבוד!"

מיין ווייב האָט מיך צוגערופען, מיך פאַרגעשטעלט. „אָט דאָס איז מיין מאַן, דער פּראָפעסער פון „בלאָנדער מלאך", האָט מיין ווייב געזאָגט, „און אָט דאָס איז מרס. עטעל וואַיס, די מאַמע פון דער באַרימטער סטאַר".

די מאַמע האָט מיר זייער וואַרים באַגריסט, געזאָגט, אַז איך צייג אַרויס גרויס טאַלאַנט אין דער פּיעסע און זיך באַקלאָגט, אַז איר טאָכטער האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן. מען האָט די בעסטע פּראָזע אָוועקגעגעבען צו אַן אַנדער אַקטריסע, וועלכע קען, לויט איר מיינונג, גאָר ניט שפּילען. זי האָט מיך געבעטען איך זאָל עפּעס טאָן און פאַרגרעסערן איר טאָכטער׳ס ראָלע, ווייל איר טאָכטער ליידט שרעקליך. זי וויינט אין דער היים מיט ביטערע טרערן. עס פּאַסט איר ניט צו זאָגען דאָ, אָבער אין דער היים באַנעצט זי די קישענס מיט טרערן. איך האָב געפילט ווי צו זאָגען, אַז ס׳איז ניט מיין שולד, אַז איך האָב

ניט קיין דעה. אָבער מיין ווייב האָט אויסגעכאַפּט און פאַר מיר ערקלערט, אַז איך וועל שוין זען, אַז מיצי׳ס ראָלע זאָל פאַרגרעסערט ווערען.

אַהיים פון ריהוירסעל ביז איך געפאָרען מיט דער סאָבוועי צוזאַמען מיט מיין ווייב און שכנים. מיין שוועגערין האָט נאָכגעזונגען די סאָנגס און די שכנים האָבען אונטערגעברומט.

ווען מיין ווייב האָט אָנגעהויבען רעדען אידיש האָט דער בוטשער זי אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „רעדט ענגליש! אַז מען פאָרט פון אַ ריהוירסעל פון אַ פּיעסע אויף בראָדוועי פּאַסט ניט צו רעדען אידיש! ס׳איז ניט שיין!״

ערשטע פאָרשטעלונג אין באָפאַלאָ

שוין איבער דריי וואָכען, אַז מען פּראָבירט מיין פּיעסע און די שטימונג צווישען די אַקטיאָרען איז ניט קיין גוטע. מען שושקעט זיך.

דער רעזשיסאָר זאָגט שטילערהייט, אַז ער האַלט, אַז די פּיעסע וועט זיין אַ שרעקליכער דורכפאַל. ער גיט אָן אורזאַכען. ער זאָגט, אַז די מעשה פון דער פּיעסע איז ניט פאַרבונדען מיט דער מוזיק, מיט די סאָנגס. די פּראָבען, זאָגט ער, טויגען ניט, ווייל דזשוליוס לאָזט ניט פּראָבירען; ער נעמט אַוועק צייט. ער שטעלט אָפּ די פּראָבעס אין מיטען און האַלט רעדעס. ספּעציעל רעדט ער פאַר פייער און פאַר וואַסער, ווען עס קומען אַריין די געלט־געבער — טראַפּ, קאַרפּ און לאַקס. ער נעמט איבער די קאָמאַנדע פון רעזשיסירען, צייגט אַלעמען ווי צו שפּילען. ער אַליין זינגט, טאַנצט און שפּרינגט. ער מאַכט אַן ערפּאָלג ביי די געלט־געבער, אָבער ער קוילעט אַוועק צייט.

מר. פּאַרקער, אַ סאָנג־שרייבער, וועלכער האָט געהאָלפען דזשוליוס'ען שרייבען די סאָנגס, ערקלערט, אַז אויב מען וועט ניט באַצייטענס קריגען אַ שרייבער צו פיקסען די פּיעסע, איז פאַרלוירען די גאַנצע מי און געלט. ער האַלט, אַז דזשוליוס וויל אַלעס טאָן אַליין; ער וויל, אַז אין אַלעס זאָל זיין זיין קאָפּ, זיין אידעע, אָבער ער האָט, נעבאַך, אַ שוואַכען קאָפּ.

די לופט איז פול מיט פּולווער. עס דוכט זיך, אַז אָט אָט און עס וועט עפּעס אויסשיסען. מאַנכע זוכען אַ מעגליכקייט צו רעדען מיט דזשוליוס'ען און אים געבען צו פאַרשטיין די לאַגע. אָבער מען קען אים ניט כאַפּען פאַר אַ מינוט ווען ער איז רוהיג. אָדער ער לויפט, אָדער ער שרייט, אָדער ער רעדט. אַז מען קריגט אַמאָל אַ מעגליכקייט אַריינצוּוואָרפען אַ וואָרט, שלאָגט ער איבער די רייד און ער רעדט.

עס איז שוין ביי ענדע פון דער פערטער וואָך פון דער פּראָבע. מען דאַרף שוין אַרויספאָרען אויפ׳ן ראָוד שפּילען (אײדער מען שפּילט אויף בראָדוועי, שפּילט מען פריער די פּיעסע אין אַנדערע שטעט). דזשוליוס ווערט אַביסעל נערוועז. ער לאָזט אַן אַנדערען אויך אַמאָל רעדען אַ וואָרט. און פּלוצלונג — ער רופט קאָנפערענצען פון אַקטיאָרען, פריינד, דעם רעזשיסאָר, מיך, זיינע העלפערס.

ער ערקלערט, אַז אַזוי ווי מען דאַרף שוין אַרויספאָרען שפּילען אין באַפאַלאָ, וויל ער הערען אַלעמענ׳ס מיינונג, וואָס יעדער דענקט וועגען דער פּיעסע. יעדער, האָט ער געזאָגט, זאָל אָפען אַרויסזאָגען זיין מיינונג וואָס ער דענקט, ווייל איצט איז נאָך צייט. מען הויבט שוין אָן שפּילען. יעדענ׳ס מיינונג און עצה איז ווילקאָמען. „רעדט, פריינט, וואָס איר ווילט״, האָט ער געזאָגט. „איר קענט רעדען געגען דער פּיעסע, געגען מיר פּערזענליך. רעדט, רעדט!״

מר. פּאַרקער האָט דער ערשטער געהאַט דאָס וואָרט. ער האָט ערקלערט, אַז נאָך זיין מיינונג האָט די פּיעסע פילע חסרונות. מען קען זי אפשר נאָך ראַטעווען, ווען מען זאָל אויפ׳ן וועג מיטנעמען אַ פּאַכמאַן, וועלכער זאָל פיקסען די פּיעסע און קיינער זאָל אים ניט שטערען. ער זאָל זיין דער פולשטענדיגער באַלעבאָס. אויב דאָס וועט ניט געטאָן ווערען, איז אַ שאָד דאָס געלט, די מי און די צייט, וואָס די פּיעסע קאָסט.

מר. פּאַרקער האָט געוואָלט נאָך ווייטער רעדען. אָבער דזשוליוס האָט אים איבערגעשלאָגען, אויסרופענדיג:

— דאָס רעדט ער אַזוי, דער גאָרניט, ווייל ער איז ברוגז פאַרוואָס איך אַדווערטאַי־ז ניט זיין נאָמען. ער וויל פּובליסיטי; ער וויל זען זיין נאָמען אַלס סאָנג־שרייבער מיט גרויסע אותיות. איך ערקלער, אַז ער קען גאָר ניט, ער ווייסט גאָר ניט און זיין מיינונג איז ניט וויכטיג.

— ווער נאָך וויל זאָגען אַ מיינונג? — האָט דזשוליוס געפרעגט.

מיצי וואָיס האָט גענומען דאָס וואָרט און ערקלערט, אַז זי שטימט איין מיט יעדען וואָרט, וואָס מר. פּאַרקער האָט געזאָגט.

דזשוליוס האָט אויסגעשריען, אַז אויב איר געפעלט ניט די פּיעסע זאָל זי רעזיגנירען. מען וועט קריגען אַזאַ „פּאַצעצע״ ווי זי.

מיצי האָט ערקלערט, אַז זי גיט גלייך אַריין איר רעזיגנאַציע, וואָס דאָס מיינט, אַז אין צוויי וואָכען אַרום וועט אַן אַנדערע דאַרפען שפּילען אויף איר פּלאַץ.

— ווער נאָך וויל אַ וואָרט? — האָט דזשוליוס געפרעגט.

אַלע האָבען געשוויגען.

דזשוליוס האָט געהאַלטען די שלוס־רעדע און געזאָגט:

— ווי איך פאַרשטיי, געפעלט ניט די אַקטיאָרען „דער בלאָנדער מלאך". אָט דאָס גיט מיר מוט; אָט דאָס באַפעסטיגט מיין איבער־צייגונג, אַז מיר האָבען אַ גרויסען סוקסעס. ווען אַ פיעסע געפעלט ניט די אַקטיאָרען, איז זי דער גרעסטער ערפאָלג — הורראַ!

***

אין באָפאָלאָ. איך דריי זיך אַרום אין שטאָט. אַ פיינער וועטער. איך פיל זיך גוט־געשטימט. איך טראַכט, אַז דערווייל איז ניט שלעכט. איך פאָר אַרום מיט אַקטיאָרען. איך האָב ליב צו רייזען. הלואי פאָרט מען מיט דער פיעסע אַ יאָר צייט. מיינע אויסגאַבען באַצאָלט מען. די צרה איז, וואָס צו־לאַנג וועט מען מיט אַזאַ פיעסע ניט קענען פאָרען. אָבער דערוויל איז גוט. וועט די פיעסע זיין אַן ערפאָלג, וועל איך דאָך קריגען ראָיאַלטיס; וועט די פיעסע דורכפאַלען, וועט דאָך מיך שטאַרק ניט ווי טאָן. מיין פיעסע איז שוין לאַנג געשטאָרבען. דאָס וואָס איז געבליבען אין דער פיעסע פאַרדינט דאָך ניט צו לעבען. ווען די פיעסע זאָל זיין אַן ערפאָלג, וואָלט דאָס מיר אפשר גאָר געערגערט, וואָס אַזאַ טשעפּוכאַ איז אַ סוקסעס.

איך שטיי ביים טעאַטער. עס הענגען בילדער פון אַקטיאָרען און אַקטריסעס. דזשוליוס׳עס אַ גרויס בילד אין דער מיט און נאָך אַ גרעסערע בילד אויבען. זיין נאָמען איז איבעראַל — אַלס פאַרפאַסער פון דער פיעסע, פון די ליריקס, פון דער מוזיק, אַלס שוישפּילער, אַלס אַסיסטענט דירעקטאָר, אַלס פּראָדיוסער, און מיט גאָר גרויסע אותיות: „דזשוליוס׳עס פּראָדאָקשאָן".

מיר דוכט זיך, אַז ווען ער וואָלט געהאַט די מאַכט, וואָלט ער אויף אַלע ווענט פון אַלע הייזער געהאַט עלעקטריק סאַינס, וועלכע זאָלען זיך אויסלעשען און אָנצינדען מיט דעם נאָמען דזשוליוס.

מען מאַכט אין טעאַטער די לעצטע פּראָבע. דזשוליוס שטעלט אָפּ די פּראָבע אין מיטען און האַלט אַ רעדע פאַר די שוישפּילער.

— מיינע ליבע פריינד, ברידער, שוועסטער און קאָלעגען — זאָגט ער — דער שיקזאַל פון „בלאָנדען מלאך" ליגט איצט אין אייערע הענט, איר קענט אַריינדרינגען אין די הערצער פון פּובליקום, אַז זיי זאָלען זאָגען, אַז עס איז טעריפיק. איר קענט זאָגען אַ וויץ אַזוי, אַז

דער עולם זאָל שיסען פון געלעכטער. איר קענט מאַכען דעם „בלאָנדען מלאך" פאַר דער גרעסטער מיוזיקעל קאָמעדיע, איר קענט! איר קענט! און איר וועט! איר וועט! איר וועט!

אין אָוועגט איידער דער פאָרהאַנג פון ערשטען אַקט גייט אויף, קומט אַרויס דזשוליוס אויף דער בינע און אַדרעסירט דעם עולם.

— ליבעס פובליקום — זאָגט ער. — איר וועט איצט זען איינע פון די מערקווירדיגסטע פיעסען. עס איז ניט ווי די אַנדערע מוזיקאַלישע פיעסען, וועלכע מאַכען אייך לאַכען פון נאַרישקייטען. יעדער וויץ, יעדעם וואָרט איז פון סאָציאַלער וויכטיגקייט. יעדער סאָנג איז פון אַ וועלטליכער באַדייטונג. אויב איר זעט אַן אַלטען מאַן, שטעלט דאָס פאַר אַ געשיכטע פון אַלטקייט, איר זעט אין אים אייער זיידען, אייער עלטער זיידען, דורות פון אונזערע עלטערן. איר זעט אַ יונגע מיידעל, שטעלט דאָס פאַר די יוגענד, אונזער יוגענד מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות. אין דער פיעסע ליגט מיין נשמה. דאָס איז אַ טייל פון מיין איך. דאָס איז אינגאַנצען איך. אויב אייך זאָל ניט געפעלען די פיעסע, די מוזיק, די ליריקס, די רעזשי, דאָס שפּילען, באַשולדיגט מיך, מיך, בלויז מיך. קרייציגט מיך פאַר דעם. איך נעם אויף זיך די גאַנצע שולד. איך מאַך אויף דעם אויפמערקזאַם ספּעציעל די קריטיקער. אויב אייך געפעלט ניט די פיעסע, שיסט אייערע קוילען אין מיר. איך אַליין בין שולדיג. איך וויל ניט צונעמען צופיל פון אייער צייט, פון דער טייערער צייט, פון אייער ווערטפולער צייט אין וועלכער איר וועט זען די בעסטע פיעסע, די בעסטע מיוזיקעל קאָמעדיע פאַר די לעצטע פופציג יאָר.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז געגעבען געוואָרען אַ באַנקעט פאַר די שוישפּילער. מען האָט געהוליעט ביז אין ווייסען טאָג אַריין, טרינקענדיג שאַמפּאַניער.

דעם באַנקעט האָט געעפענט דזשוליוס מיט אַ רעדע. ער האָט ערקלערט, אַז דער באַנקעט איז אַראַנזשירט געוואָרען צו פייערען דעם ערפאָלג פון „בלאָנדען מלאך". — עס איז געווען דער גרעסטער ערפאָלג, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב געזען אין די אויגען פון פובליקום ווי צופרידען זיי זיינען געווען. זיי איז דאָס אַזוי שטאַרק געפעלען, אַז זיי האָבען געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיגען און דערפאַר האָבען זיי ביי דער ענדע ניט אַפּלאָדירט. די געלעכטערס, — האָט ער געזאָגט — זיינען ניט געווען פון די הילכענדיגע געלעכטערס, וואָס מען הערט ביי די ביליגע מיוזיקעל קאָמעדיעס; עס איז געווען פון

די פיינערע, טיפע, שטילע געלעכטערס, וועלכע מען לאַכט אין זיך אַריין, און מען הערט ניט.

ער האָט גראַטולירט די געלט־געבער, מר. טראַפּ, מר. לאַקס און מר. קאַרפּ. זיי האָבען דורך זייער געלט געהאָלפען געבען אַ גוטע פּיעסע און זיי וועלען איצט פון דער פּיעסע נאָך רייכער ווערען, און ער פאַרגינט זיי דאָס מיט׳ן גאַנצען הארצען, האָט ער ערקלערט.

מר. טראַפּ האָט צוליב דעם ערפאָלג פון דער פּיעסע זיך אַזוי אָנגעשיכור׳ט, אַז ער איז אַרומגערינגעלט פון כאָריסטקעס, אַוועק־געפאַלען אויפ׳ן פלאָר און זיך ניט געוואָלט אויפהויבען.

— אָט דאָ וויל איך שטאַרבען, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל שטאַרבען אויף אַ באַנקעט פאַר דעם „בלאָנדען מלאך". איך וויל ניט שטאַרבען ווי אַ פּאַסקודניאַק! לאָזט מיך שטאַרבען ווי אַ פּראָדיוסער, ביי די פיסלעך פון כאָריסטקעס.

אַ צווייטער פּראָדיוסער, מר. לאַקס, האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון זאַל מיט אַ טענצערקע אין מיטען דזשוליוס׳עס רעדע.

אַ דריטער פּראָדיוסער, מר. קאַרפּ, איז געזעסען אַרומגענומען פון אַ כאָריסטקע, געדעדט אידיש און געזונגען „כל נדרי". די כאָריסטקע איז געווען אַן אירישע. זי האָט אים געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ „סאָנג", האָט ער איר געזאָגט, אַז דעם „סאָנג" זינגט מען נאָכדעם ווי מען זינדיגט אַ סך. אַז גאָט הערט דעם „סאָנג" איז ער מוחל אַלע זינד.

— דאַרלינג, — האָט זי געזאָגט, — לערען מיך אויס דעם „סאָנג". איך מוז דאָס קענען זינגען צוליב מיינע גרויסע זינד.

פאַרטאָג האָט מען אויף דער שמחה אַריינגעבראַכט די באָפאָלאָ׳ער צייטונגען און דאָרט איז שוין געווען געדרוקט אַ קריטיק איבער׳ן „בלאָנדען מלאך".

איין צייטונג האָט געשריבען:

„דער „בלאָנדער מלאך" איז זייער אַ שוואַכער מלאך. ער האָט ניט קיין שטאַרקע פליגלען. ער וועט ווייט ניט קענען פליען. ער וועט מסתמא ביז ניו יאָרק ניט קענען דערפליען, נעבעך!"

אַ צווייטע צייטונג האָט געשריבען אַזוי:

„מיר האָבען געוואָלט אַרונטעררייסען דעם שרייבער פון דער פּיעסע, דעם שרייבער פון דער מוזיק, פון די ליריקס, און דעם רעזשיסאָר, אָבער מר. דזשוליוס האָט אין אַ רעדע ביי דער פאָרשטעלונג אויף זיך גענומען די שולד פאַר׳ן שרייבען די פּראָזע, די מיוזיק, די ליריקס און אָפילו פאָר דער רעזשי. זאָגען מיר צו אים אַזוי: „מר. דזשוליוס,

איר זענט זייער אַ מוטיגער מענש; מיט אייער מוט וואָלט איר אַ סך געקענט אויפטאָן אויף אַנדערע געביטען, אָבער שרייבען לאָזט אַנדערע. צו שרייבען אַ פּיעסע דאַרף מען אַ חוץ מוט האָבען כאָטש אַ ביסעל טאַלאַנט. און איר האָט בלויז מוט; טאַלאַנט האָט איר גאָרניט, טאַקע גאָר ניט".

דזשוליוס האָט איבערלייענדיג די קריטיק ערקלערט, אַז „אַלע פּיעסען וועלכע די באָפאָלאָ'ער קריטיקער האָבען געלויבט, זיינען דורכ־געפאַלען אין אַנדערע שטעט; און אַלע פּיעסען, וואָס באָפאָלאָ האָט אַרונטערגעריסען זיינען געווען די גרעסטע ערפאָלגען. עס איז דערפאַר זייער גוט, וואָס די באָפאָלאָ'ער קריטיקער געפעלט ניט דער „בלאָנדער מלאך". דאָס — האָט ער געזאָגט, — איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר האָבען אַ גרויסען ערפאָלג, און דאָס וועט באַוויזען ווערען אין דער נעקסטער שטאָט, וואו מיר פאָרען שפּילען — פּיטסבורג. די פּיטסבורגער קריטיקער פאַרשטייען, און זיי וועלען די פּיעסע לויבען ביז אין די הימעל אַריין. מיר פייפען אויף באָפאָלאָ!"

מיין פיעסע געפעלט מיינע קרובים
אין פיטסבורג

פיטסבורג.

פיטסבורג איז די צווייטע שטאָדט אויף דער פּראָווינץ, וואו מען פירט אויף מיין פיעסע „דער בלאָנדער מלאך".

איך קום צו דער פּרעמיערע פון דער פיעסע אין פיטסבורג. איך האָב דאָרט אַ סך קרובים, פון מיין צד און מיין ווייב'ס צד. איך פאַר־פאָר צו מיין טאַנטע דוואָשע. איך טרעף דאָרט מיין ווייב. זי איז שוין דאָרט דאָ צוויי טעג. זי דערציילט מיר, אַז זי איז שוין געווען ביים טעאַטער, געזען די פּאָסטערס, געזען דזשוליוס'עס אַ גרויס בילד, געזען ווי גרויס ער אַדווערטייזט זיך. מיין נאָמען, זאָגט זי, איז אויך דאָ, אָבער מיט זייער קליינע אותיות. מען דאַרף האָבן גוטע אויגען דאָס צו געפינען. אָבער עס אַרט זי ניט, אַבי עס זאָל זיין אַ סוקסעס, זאָגט זי.

עס קומט אַריין בערטא, מיין ווייב'ס קוזינע. „העלאָו חנא!" זאָגט זי. „וואָס מאַכסטו, ווי פילסטו אין געזונט? אַז מען דערלעבט אַזאַ נחת — אַ פיעסע אויף דער ענגלישער בינע! זאָל איך דאָס וועלען אָנשרייבען, קען איך? איז דאַרפסטו זיין געזונט, האָבען כח זיך צו פרייען און אויס־צוהאַלטען דעם סוקסעס".

מיינע אַ צווייטע קוזינע, לואיזע, קומט מיך באַגריסען. זי צוקושט זיך מיט מיר און זאָגט: „מיין מאַן סטאַפּט היינט פריער פון דער אַרבייט צוליב דיר. ער זאָגט, אַז דער טאָג פון דער ערעפענונג פון דיין פיעסע איז ביי אים אַ יום טוב. מיר וועלען, פאַרשטייט זיך, זען דיין פיעסע אַפילו ווען מיר זאָלען דאַרפען באַצאָלען פאַר טיקעטס. אָבער

אויב עס איז מעגליך וואָלטען מיר געוואָלט קריגען אַביסעל פרייע בילעטען פאַר אונזערע פריינד. מיר ווילען, אַז זיי זאָלען זען אונזער קוזינ׳ס פּיעסע״.

מיין אָנקעל בעריש קומט אַריין, דערלאַנגט מיר די האַנט און זאָגט: „העלאָו! שלום עליכם! וואָס מאַכסטו, חנא! איך געדענק דיך נאָך, איך בעט איבער דיין כבוד, ווען דו ביזט געגאַנגען מיט׳ן העמדעל איבער׳ן קעפּעל, ווען דיין מאַמע איז דיר נאָכגעלאָפען דיר אויסשנייצען דאָס נעזעל און דו האָסט זיך ניט געלאָזען. איך וויל קריגען פון דיר פרייע בילעטען ניט בלויז פאַר מיר און פאַר מיין טאָכטער, וועגען דעם דאַרף מען דאָך ניט רעדען. אָבער אויך פאַר אַ פּאָר פון מיינע ברידער פון מיין סאָסייעטי. איך קריג אַמאָל פון זיי אַ טובה. ספּעציעל מוז איך האָבען טיקעטס פאַר דעם פּרעזידענט און דעם סעקרעטאַר. איך האָב זיי אַ סך דערציילט וועגען דיר און זיי ווילען זען דיין פּלעי״.

מיין טאַנטע דוואָשע, וועלכע האָט ליב צו לאַכען נאָכדעם ווי זי זאָגט אָפּ עטליכע ווערטער, האָט אַזוי געזאָגט: „אַוודאי וועט ער אייך געבען פרייע בילעטען — כאַ, כאַ, כאַ! פאַרוואָס זאָל ער ניט געבען? עס קאָסט אים דען געלט — כאַ, כאַ, כאַ! איך גיי קיינמאָל ניט אין ענגלישען טעאַטער. אָבער חנא׳ס פּיעסע וועל איך גיין זען. אַז מען באַצאָלט ניט דערפאַר — כאַ, כאַ, כאַ!״

איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז איך ווייס ניט צי איך וועל קריגען אומזיסטע טיקעטס, ווייל איך האָב אין טעאַטער ניט קיין גרויסע דעה. אָבער מיין ווייב האָט מיר איבערגעשלאָגען די רייד און ערקלערט, אַז ס׳וועלען זיין פרייע טיקעטס פאַר אַלע קרובים מיט די פריינד. זי האָט זיך געטראָפען מיט מעקגי, וועלכער מאַכט די פּובליסיטי פאַר דער פּיעסע, און ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט איר געבען פּעסעס איבערצופּאַקען דאָס טעאַטער ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג.

מיין ווייב האָט ווייטער ערקלערט, אַז די אַלע וואָס ווילען קריגען פרייע טיקעטס דאַרפען העלפען מאַכען די פּיעסע פאַר אַ גרויסען ערפאָלג. זיי וועלען דאַרפען לאַכען און אַפּלאָדירען. זי וועט זיי שוין זאָגען ווען. מיין אָנקעל בעריש האָט ערקלערט, אַז ער וועט ברייננען אין טעאַטער זיינעם אַ ברודער פון דער סאָסייעטי, אַ גראָסערי מאַן. ער האָט אַ פּאָר געזונטע לאַפּעס און ער קען גוט פּאַטשען מיט די הענט, אַפּלאָדירען פאַר הונדערט מענשען.

מיין ווייב האָט מיך שטילערהייט געפרעגט ווי עס איז געווען אין באָפאָלאָ. איך האָב איר ערקלערט, אַז קיין ערגערען דורכפאַל ווי דער

„בלאָנדער מלאך״ האָט געקראָגען אין באָפּאָלאָ איז גאָר ניט מעגליך. זי האָט דערויף געענטפערט, אַז ווען זי וואָלט געווען אין באָפּאָלאָ, וואָלט די פּיעסע זיכער געווען אַ סוקסעס. מען טאָר זיך ביי אַ נייער פּיעסע ניט פאַרלאָזען אויף פרעמדע לאַכערס, האָט זי געזאָגט. מען מוז האָבען אייגענע לאַכערס.

***

אין טעאַטער.

איך און דזשוליוס און מעקגי זיצען אין אַ באָקס. מר. טראָפּ, קאַרפּ און לאָקס זיצען אין אַ צווייטער באָקס. מיין ווייב זיצט מיט מיינע קרובים אין אָרקעסטער. דער פאָרהאַנג דאַרף באַלד אַרויפגיין. איך און דזשוליוס שווייגען. וואָס דזשוליוס טראַכט ווייס איך ניט. איך טראַכט וועגען דעם וואָס דזשוליוס שווייגט. איך האָב נאָך ניט געזען דזשוליוס׳ען ניט רעדען.

דער פאָרהאַנג גייט אויף. איר הערט, דוכט זיך, ווי עס קלאַפּט מיין זייגערל און דזשוליוסעס האַרץ. אַזוי נערוועז האָב איך אים נאָך קיינמאָל ניט געזען. עס קומען אַרויס די כאַריסטקעס. זיי זינגען, זיי טאַנצען. די שוישפּילער באַווייזען זיך. די האַנדלונג הויבט זיך אָן. מען הערט געלעכטערס, שטאַרקע געלעכטערס. די געלעכטערס קומען פון איין ווינקעל, פון דאָרט, וואו עס זיצען מיינע קרובים. איין שטאַרקען געלעכטער דערקען איך. דאָס איז מיין ווייב׳ס געלעכטער. זי קען זייער גוט לאַכען. איר הער נאָך אַ געלעכטער וואָס איז מיר באַקאַנט. איך דערקען עס. עס איז מיין טאַנטע דוואָשע׳ס געלעכטער. די צוויי געלעכטערס קאָנקורירען איינער מיט׳ן צווייטען. אָט איז מיין ווייב׳ס געלעכטער שטאַרקער און אָט זיגט די טאַנטע דוואָשע. איר געלעכטער איז מעכטיגער.

דזשוליוס ווערט באַגייסטערט. ער שפּרינגט אין באָקס.

— איר הערט געלעכטערס? — זאָגט ער — דאָ איז ניט באָפּאָלאָ. דאָרט האָבען זיי ניט געוואָלט לאַכען, כאָטש גיב זיי אַ קרענק!

די געלעכטערס ווערען שטאַרקער און שטאַרקער. אָט קומען אַפּלאָזען וואָס האַלטען אָן לאַנג. זיי הערען כמעט ניט אויף.

— הערט אָן אַפּלאָז! — שרייט דזשוליוס — עס שטורעמט!

דער קאָמיקער זאָגט אַ וויץ און עס ברעכען אויס כוואַליעס פון געלעכטערס. דזשוליוס באַטייליגט זיך אין לאַכען. ער קען אויך גוט

לאַכען. דריי גאַלעכטערס הערען זיך צום שטאַרקסטען: מיין ווייב׳ס, דער טאַנטע דוואָשע׳ס און דזשוליוס׳עס.

— לעבען זאָל דאָס פּובליקום פון פּיטסבורג! — רופט אויס דזשוליוס העכסט באַגייסטערט, און עס דוכט זיך, אַז אָט וואַרפט ער זיך אַרויס פון באָקס אויף די העלזער פון עולם און קושט זיי.

דער ערשטער אַקט ענדיגט זיך מיט אַ שטאַרקען אַפּלאָדז. ווען אַלע האָבען שוין אויפגעהערט פּאַטשען האָט זיך נאָך געהערט אַ שטאַרקע פּאַטשעריי פון איין פּאָר הענט. אפשר איז דאָס געווען פון דעם גראָסערימאַן, וואָס מיין אָנקעל בעריש האָט געבראַכט אין טעאַטער.

דזשוליוס האָט אַריבערגעשריען פון זיין באָקס צו דער באָקס, וואו עס זיינען געזעסען מר. טראָפּ, מר. לאָקס און מר. קאַרפּ, אויסרופענדיג: „נו, ווער איז גערעכט? אַז איך האָב געשריען, אַז די פּיעסע איז „טעריפיק״, האָט מען מיך געהאַלטען פאַר אַ משוגע׳נעם. האָב איך ניט געזאָגט, אַז אין פּיטסבורג וועט זיין די פּיעסע אַ היט? אַלע געלעכטערס זיינען אויף די פּלעצער, וואו איך האָב זיי ערוואַרטעט. דאָסזעלבע איז מיט די אַפּלאָדזען״.

אַזוי רעדענדיג איז ער אַריבער אין דער אַנדערער באָקס און פאָרטגעזעצט: „יעדער אַפּלאָדז איז געקומען אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ, ווי איך האָב אָנגעצייכענט און פאָראויסגעזאָגט. מען קען זען, אַז דער עולם עסט אויף די פּיעסע, ער שלינגט זי״.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט אַ טייל פון עולם אַרויסגייענדיג געזאָגט זייערע מיינונגען וועגען דער פּיעסע. די מייסטע האָבען גערעדט שטיל. אָבער מיינע קרובים האָבען גערעדט גאַנץ הויך, געשריען.

— דאָס איז די בעסטע פּיעסע וואָס איך האָב געזען! — האָט געשריען מיין קוזינע לואיזע.

— אויב אייך געפעלט ניט די פּלעי, מעג מען אייך שיקען אין אַ משוגעים הויז — האָט געשריען אַ צווייטע קרובה מיינע, אַלס ענטפער צו אַ פרוי, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין גוטע מיינונג וועגען דער פּיעסע.

— איך וועל שיקען אַלע מיינע פריינט זעען די פּיעסע — האָט געשריען מיין אָנקעל בעריש. — דאָס איז די בעסטע און גרעסטע סוקסעספולע פּלעי. זי וועט אין ניו יאָרק לויפען אַ גאַנצען סיזאָן!

— איר הערט ווערטער! — האָט אויסגעשריען דזשוליוס גייענדיג מיט טראָפּ, לאָקס, קאַרפּ, מעקגי און איך. — אַזוי רעדען זיי אַלע! דאָס איז דער גרעסטער סוקסעס!

מיין קוזינע בערטא איז צוגעלאָפען צו מיר, איז מיר אַרויפגעפאַלען

אויפ׳ן האַלז און אויסגערופען: „קאַזין מיינער, אַלע אונזערע קרובים זיינען שטאָלץ מיט דיר. דו האָסט אָנגעשריבען די גרעסטע פּלעי, די בעסטע!״

„ער האָט אָנגעשריבען!״ — האָט זיך דזשוליוס צולאַכט, און זיך ווענדענדיג צו מר. טראַפּ האָט ער געזאָגט: — „שיין וואָלטען מיר אויסגעקוקט, ווען די פּיעסע וואָלט געבליבען ווי ער האָט אָנגעשריבען. מען וואָלט אונז געשלאָגען!״

מיר זיינען דערנאָך אַלע געגאַנגען טרינקען קאַווע. קיין באַנקעט ווי אין באַפאַלאָ איז שוין ניט געווען. מר. טראַפּ האָט ערקלערט, אַז מער וועט ער ניט זיין קיין יאָלד און מאַכען אַ באַנקעט פאַראויס. קודם וויל ער זען דעם סוקסעס. דערנאָך וועט ער געבען אַ באַנקעט. אַלע זיינען אַהיים געגאַנגען. איך און מעקגי זיינען געגאַנגען צו דזשוליוס׳ען אין האָטעל, וואַרטענדיג דאָרט אויף די מאָרגען צייטונגען. ער וויל מיר זאָלען זיין מיט אים ווען ער וועט לייענען די קריטיקען אויף דער פּיעסע.

וואַרטענדיג אויף די צייטונגען, האָט דזשוליוס אַליין גערעדט. מיר האָבען געשוויגען. ער האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז די קריטיקען וועלען זיין זייער גינסטיגע, ווייל די פּיעסע פאַרדינט עס. ער האָט גערעדט וועגען דעם וואָס ער קען דאָס פּובליקום און אַז יעדער וויץ, וועלכען ער האָט אַריינגעבראַכט, האָט אויסגעשאָסען.

מ׳האָט אַריינגעבראַכט דעם „פּיטסבורגער רעקאָרד״.

„לייען הויך!״ — האָט דזשוליוס געזאָגט צו מעקגי׳ן.

מעקגי האָט געלייענט:

„אין דעם „בלאָנדען מלאך״ איז אַריינגעלייגט געוואָרען אַ סך געלט אויף דעקאָראַציעס, אויף קאָסטיומען. אָבער שכל איז דאָרט גאָר ניט אַריינגעלייגט געוואָרען, אַבסאָלוט גאָר ניט. עס איז די נאַרישסטע פּיעסע וואָס מיר האָבען געזען זייט אַ לאַנגער צייט.

„ווען מיר זאָלען אייך וועלען איבערגעבען דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע, קענען מיר ניט. אורזאַך, מיר האָבען ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָרט קומט פאָר פונקט ווי מיר פאַרשטייען ניט פאַרוואָס מען האָט די פּיעסע געבראַכט קיין פּיטסבורג, נאָכדעם ווי זי איז אַזוי שטאַרק דורכגעפאַלען אין באַפאַלאָ!״

„גענוג!״ — האָט דזשוליוס געזאָגט. — „כ׳וויל מער ניט הערען וואָס עס שרייבט אַן אַנטיסעמיט. ער קריטיקירט ניט, ער באַליידיגט. ווער קען זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון אַן אַנטיסעמיט? ער וויל ניט, אַז אידען זאָלען שרייבען פּיעסען. איר וועט זען, אַז די „פּיטס-

בורגער טאַימס״ וועט אונז גאַנץ אַנדערש באַהאַנדלען. די „טאַימס״ איז אַ ליבעראַלע צייטונג״.

מען האָט אַריינגעבראַכט די „פּיטסבורגער טאַימס״. דזשוליוס האָט צוגענומען די צייטונג, אַריינגעקוקט אַ ווײַלע, אַרויסגעוואָרפען די צייטונג דורכ׳ן פענסטער און אויסגעשריען: „פּאַסקודניאַק! פּאַגראָמשטשיק! ער מאַכט פשוט אַ פּאָגראָם אויף דער פּיעסע״.

ער האָט זיך געווענדעט דאַן צו מיר און געזאָגט: „דאָס איז אין גאַנצען דיין שולד, דיין פּיעסע. דו האָסט מיך פאַרפירט אין אַ בלאָטע. צו וואָס האָב איך עס געדאַרפט? וועגען די סאָנגס זאָגט מען ניט אַ וואָרט. מען טשעפּעט ניט די סאָנגס. בלויז די פּלעי, ווייל ס׳איז אַ אידישע פּיעסע. וויפיל מיר האָבען ניט געשניטען — ס׳האָט ניט געהאָלפען. דער איד איז דאָרט געבליבען! איך ווייס ניט וואָס איך וועל טאָן, אַז מר. טראָפּ וועט איבערלייענען די קריטיקען. ער קען אַפילו ניט גוט לייענען. אָבער מען וועט אים שוין לייענען. וואָס וועל איך אים זאָגען? וואָס זאָל איך אים זאָגען?

— אַ גוטע נאַכט — האָב איך געזאָגט, און בין אַנטלאָפען.

באַרימטער שרייבער קומט פיקסען מיין פיעסע

מיינע קרובים אין פיטסבורג זיינען שטאַרק באַגייסטערט פון מיין פיעסע „דער בלאַנדער מלאך". זיי האָבען די קריטיקען פון דער פיעסע ניט געלייענט.

— דיינע סאָנגס — זאָגט מיר מיין קוזינע בערטאַ — זיינען אַ גוואַלד!

מיין טאַנטע דוואָשע׳ן זיינען שטאַרק געפעלען געוואָרען די טענץ. ספעציעל איז איר געפעלען געוואָרען איין טענצער, וועלכער האָט געטאַנצט אויף איין פוס.

— אַז דו קענסט אויסטראַכטען אַזעלכע טענץ — זאָגט מיר די טאַנטע דוואָשע — האָסטו אַ גרויסען קאָפּ! הלוואַי וואָלט דיין טאַטע געלעבט און געזען וואָס זיין זון קען, וואָלט ער געהאַט גרויס נחת!

די איינציגע, וועלכע האָט געשוויגען און ניט אַנטייל גענומען אין דער באַגייסטערונג, איז געווען מיין ווייב. זי האָט געלייענט די קריטיקען.

דזשוליוס האָט מיך גערופען דורכ׳ן טעלעפאָן. ער האָט זיך אַנט־שולדיגט וואָס ער איז נעכטען געווען אין כעס אויף מיר און מיך געבעטען צו קומען צו אים. ער קען איצט ניט זיין אַליין. ער וויל רעדען מיט מיר. ער מוז רעדען מיט מיר. ער האָט וואָס צו רעדען. עס איז זייער וויכטיג — האָט ער געזאָגט.

איך בין געגאַנגען.

איך האָב דזשוליוס׳ען געטראָפען אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט מיך פריינדליך אויפגענומען און מיר ערקלערט, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי שטאַרק איבערצייגט ווי איצט, אַז די פיעסע איז אַ

גרויסער סוקסעס. דער פאַקט וואָס די קריטיקען זיינען אַזעלכע בייזע, איז אַ באַווייז, אַז עס איז אַן ערפאָלגרייכע פיעסע. אין דער געשיכטע פון טעאַטער, האָט ער געזאָגט, זיינען אַלע סוקסעספולע פיעסען שטאַרק אַרונטערגעריסען געוואָרען פון דער קריטיק, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט „אייביס איריש ראָוז" און אַנדערע זייער סוקסעספולע פיעסען.

אינמיטען אונזער געשפרעך איז אָנגעקומען מר. טראַפּ.

ער איז אַריינגעקומען זייער צוטראָגען און כמעט וויינענדיג געזאָגט:

— איך האָב געלייענט די קריטיקען. עס טוט מיר שטאַרק ווי. מיך אַרט ניט וואָס איך האָב פאַרלאָרען געלט. מיך אַרט וואָס די פיעסע איז אַ „פלאָפּ". איך האָב קיינמאָל קיין דורכפאַל ניט געהאַט. איך קען אַ דורכפאַל ניט פאַרטראָגען. איך האָב געהערט, אַז עס זיינען פאַראַן שרייבער-דאָקטוירים, וועלכע קענען פיקסען פיעסען. איז ראַטעוועט, ברענגט אַ דאָקטאָר, צוויי דאָקטוירים, צוואַנציג דאָקטוירים. זאָלען זיי מאַכען אַן אָפּערייִשאַן אויף דער פיעסע. זאָלען זיי איר געבען אַן איינשפריצונג. זאָלען זיי זי נעמען אין אַ האָספּיטאַל, אַבי ראַטעווען!

דזשוליוס האָט ערקלערט, אַז די פיעסע איז געזונט און שטאַרק. קראַנק זיינען בלויז די פּיטסבורגער קריטיקער, וועלכע פאַרשטייען אַ קרענק, ניט קיין פּיעסע. דאָס וועט באַווייזען דער עולם, ווען די פּיעסע געפעלט. זיי וועלען קומען מיט יעדען טאָג אַלץ מער און מער. דאָס טעאַטער וועט שטורעמען פון געלעכטער. די קריטיקער וועלען בלייבען אידיאָטען.

מר. טראַפּ האָט ערקלערט, אַז ער וועט וואַרטען נאָך אַ טאָג צו זען וואָס עס וועט זאָגען דער באָקס־אָפיס, צי די איינגאַמען וואַקסען. אויב די ביזנעס וועט זיין גוט, איז אַלראַיט; ווען ניט, וועט מען מוזען ברענגען דאָקטוירים, ספּעציאַליסטען.

די נעקסטע פאָרשטעלונג האָט מר. טראַפּ'ען איבערצייגט, אַז די פּיעסע איז אַ געפערליכער חולה. די איינגאַמען זיינען געווען שוואַך. קיין געלעכטערס האָט מען ניט געהערט און קיין „אַפּלאָוז'ן" זיינען אויך נישט געווען.

מר. טראַפּ האָט געפאָדערט מ'זאָל ברענגען דאָקטוירים. דזשוליוס איז געווען געגען. מר. טראַפּ האָט אָבער געסטראַשעט מיט „פאַרמאַכען" די פּיעסע. דזשוליוס האָט זיך אונטערגעגעבען.

— איך ברענג אייך — האָט דזשוליוס געזאָגט — דעם גרעסטען שרייבער פון ניו־יאָרק, דעם באַרימטען מר. שטיינמאַן. דאָס איז דער גרעסטער עקספּערט. ער וועט וועלען אַ סך געלט. אָבער ער איז ווערט.

ער איז אַ שטאָלצער מענש. ער רעדט ניט מיט קיין פּשוט'ע מענשען — נאָר מיט שרייבער.

— אַז איך וויל מיט אים גאָר ניט רעדען — זאָגט טראָפּ — איך וויל ער זאָל פיקסען די פּיעסע און געלט וועט ער קריגען וויפיל ער וויל. איך קען ניט, איך וויל ניט און איך טאָר ניט האָבען קיין דורכפאַל.

***

מר. שטיינמאַן איז אָנגעקומען אין אָוועגט, אַ פּאָר מינוט פאַר דער פאָרשטעלונג. דזשוליוס האָט אים אַריינגעפירט אין אַ באָקס פון טעאַטער און אים איבערגעלאָזט אַליין.

— קיינער טאָר צו אים ניט אַריינגיין אין באָקס — האָט דזשוליוס ערקלערט — און קיינער טאָר צו אים ניט רעדען, ווייל ער וועט ניט ענטפערען.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז מר. שטיינמאַן געגאַנגען צו זיך אין האָטעל, וואו דזשוליוס האָט אים באַשטעלט אַ צימער. נאָך אים איז געגאַנגען דזשוליוס און איך. דזשוליוס האָט מיך מיטגענומען. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף מיך אַלס אַן עדות צו הערען וואָס שטיינמאַן וועט רעדען מיט אים.

גייענדיג צום האָטעל, האָט מר. שטיינמאַן גערעדט וועגען וועטער, וועגען דער מלחמה (ס'איז דעמאָלט נאָך געווען די מלחמה). וועגען דער פּיעסע האָט ער ניט געזאָגט אַ וואָרט.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין זיין צימער, האָט מר. שטיינמאַן אונז געבעטען זיצען, אונז דערלאַנגט סיגאַרען און נאָך אַ קליינער פויזע האָט ער געזאָגט:

— איך האָב מיט אינטערעס געזען אייער פּיעסע.

— עס האָט, הייסט עס, אייך פאַראינטערעסירט — האָט דזשוליוס אויסגערופען מיט באַגייסטערונג.

— מיך האָט אינטערעסירט איין סצענע — האָט שטיינמאַן געזאָגט — די סצענע ווי דער דיכטער טענה'ט זיך אויס מיט'ן טעאַטער מענעדזשער (דאָס איז געווען די איינציגע סצענע מיינע, וועלכע דזשוליוס האָט פאַרנאַכלעסיגט קאַליע צו מאַכען).

— דאָס איז אַ גוואַלדיגע סצענע! — רופט אויס דזשוליוס.

— דאָס איז די בעסט־אָנגעשריבענע סצענע אין דער פּיעסע — ערקלערט שטיינמאַן.

— אָט די סצענע האָב איך אָנגעשריבען אין פינף מינוט צייט — רופט אויס דזשוליוס — זאָל ער זאָגען (צייגט ער אָן אויף מיר). ער איז געווען דערביי ווען איך האָב זי אָנגעשריבען.

— יאָ, דאָס איז אַ גוטע סצענע — זאָגט שטיינמאַן — אָבער איין שוואַלב קען ניט מאַכען קיין זומער. די אַנדערע סצענעס זיינען שוואַך.

— וואָס הייסט שוואַך? — שרייט דזשוליוס — איך האָב שווער געאַרבייט. אַ יאָר צייט האָב איך דאַרויף געאַרבייט.

— מיר טוט לייד — זאָגט שטיינמאַן — ס׳איז אייך ניט געלונגען. ס׳טרעפען אַזעלכע זאַכען ביי די גרעסטע שרייבער.

— און וואָס איז מיט די סאָנגס? — פרעגט דזשוליוס — איר וועט דאָך ניט זאָגען, אַז די סאָנגס זיינען שוואַך?

— די סאָנגס — זאָגט שטיינמאַן — זיינען ליידער אויך ניט גוט. אָבער דאָס איז ניט אַזוי וויכטיג. מ׳נעמט אַרויס איין סאָנג און מען שטעלט אַריין אַ צווייטען. דער עיקר איז די פּיעסע. און איר האָט ניט קיין פּיעסע, ניט קיין כאַראַקטערען, ניט קיין דיאַלאָג. איך ווייס ניט ווער ס׳איז שולדיג.

— שולדיג איז ער — צייגט אָן דזשוליוס אויף מיר — איך האָב אים געזאָגט, אַז מען דאַרף אַ סך זאַכען ענדערען, און ער האָט ניט געלאָזט. אָבער איך גלויב, אַז איר מיט מיר צוזאַמען וועט דאָס קענען פיקסען.

— ניין — זאָגט שטיינמאַן — ס׳איז ניטאָ וואָס צו פיקסען. מיין עצה איז, אַז מען זאָל גלייך פאַרמאַכען די פּיעסע און פאַרגעסען אָן איר. געשטאָרבען — באַגראָבען! מען פאַרגעסט אָן גרויסע מענשען — מעג מען אָן אַ פּיעסע, אַ שלעכטע פּיעסע אַוודאי פאַרגעסען.

— איך בין ניט איינשטימיג מיט אייך — שרייט דזשוליוס — איך האַלט, אַז נאָכדעם ווי מען וועט זי פיקסען, וועט זי זיין דער גרעסטער סוקסעס. זי וועט זיין טעריפיק!

— אַנטשולדיגט, מיט דעם וואָס איר שרייט, ווערט ניט די פּיעסע בעסער — זאָגט שטיינמאַן שוין אַביסעל שטרענגער.

— איך האָב דאָך אַ רעכט צו מיין מיינונג — שרייט דזשוליוס.

— יאָ — זאָגט שטיינמאַן — איר קענט זאָגען אייער מיינונג. אָבער געשיקט האָט מען נאָך מיר הערען מיין מיינונג. איז גיט איבער אייערע מענשען, אַז איך זאָג, אַז מען זאָל די פּיעסע פאַרמאַכען. אַ גוטע נאַכט! איך וועל אייך שוין צושיקען אַ ביל פאַר מיינע עקספּענסעס. אַ גוטע נאַכט!

איך בין צוזאַמען מיט דזשוליוס׳ען אַרויסגעגאַנגען. איך האָב געוואָלט גיין אַהיים. אָבער דזשוליוס האָט ניט געלאָזט. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף מיך האָבען מיט זיך. ער גייט געבען טראַפּ׳ען אַ באַריכט און ער מוז מיך האָבען אַלס עדות.

ביי טראַפּ׳ען האָבען מיר געטראָפען מר. קאַרפּ, מר. לאַקס, מעקגי, נעלי און אַ פּאַר אַקטיאָרען. אַלע האָבען געוואַרט צו הערען וואָס עס האָט געזאָגט מר. שטיינמאַן.

— וואָס הערט זיך? — האָט מר. טראַפּ געפרעגט, ווען מיר זיינען אַריינגעקומען.

— שיקט נאָך שאַמפּעין! מאַכט אַ באַנקעט! — האָט דזשוליוס אויסגערופען.

— ער וויל פּיקסען די פּיעסע? — פרעגט טראַפּ.

— וואָס פאַר אַ פּיקסען? — זאָגט דזשוליוס — ער זאָגט, אַז מ׳דאַרף ניט פּיקסען! אין ניו יאָרק וועט די פּיעסע זיין אַ סענסיישאַן. ער זאָגט, אַז מיר זאָלען פּייפען אויף באָפאַלאָ מיט פּיטסבורג צוזאַמען. די קריטיקער דאָ ווייסען גאָר נישט. עס איז אַ פּיעסע פון ניו־יאָרקער לעבען, פאַרשטייען זיי נעבעך נישט, הלוואַי, זאָגט ער, איז ער אַ שותף צו די פּראָפּיטען וואָס די פּיעסע וועט מאַכען. ער האָט ביי מיר געוואָלט אָפּקויפען מיינע ראָיאַלטיס. ער האָט מיר געוואָלט געבען צוואַנציג טויזענט דאָלער קעש.

— איך וואָלט גענומען — זאָגט מעקגי.

— און איך וואָלט קיין פופציג טויזענט ניט גענומען — זאָגט דזשוליוס — אַז שטיינמאַן וויל געבען צוואַנציג טויזענט דאָלאַר, איז דאָס ווערט אַ סך מער, ער וואַרפט זיך ניט מיט קיין געלט.

— שאַמפּעין! — האָט טראַפּ אַ געשריי געטאָן — זאָל מען ברענגען שאַמפּעין! זאָל זיין פריילעך!

מעקגי איז געוואָרען ביזי אויפ׳ן טעלעפאָן און מ׳האָט געבראַכט שאַמפּעין, מען האָט געטרונקען. אַ סך זיינען געוואָרען שיכור.

— הוררא פאַר׳ן „בלאַנדען מלאך!״ — האָט דזשוליוס געשריען.

— הוררא פאַר נעלי׳ן און שטיינמאַנען! — האָט געשריען טראַפּ.

— זאָל מען ברענגען אַהער שטיינמאַנען! — האָט געפאָדערט נעלי — לאָמיך הערען וואָס ער זאָגט.

— שטיינמאַן שלאָפט שוין — זאָגט דזשוליוס — ער גייט פרי שלאָפען.

— זאָל מען אים אויפוועקען — זאָגט טראָפּ — צוליב אים איז די גאַנצע שמחה.

— איך קענט דאָס ניט טאָן — שרייט דזשוליוס — ס'איז דאָך עפּעס מר. שטיינמאַן, וואָס הייסט איר וועט אים אויפוועקען?

— איך הייס אים אויפוועקען! ער וואוינט דאָך אין אונזער האָטעל, מעקגי, גיי ברענג אים! האָט טראָפּ באַפוילען.

— איך הייס ניט! — שרייט דזשוליוס — ער דאַרף אויפשטיין פרי.

— איך הייס אויפוועקען — שרייט טראָפּ.

מעקגי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט און אין אַ צען־פופצען מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט שטיינמאַנ'ען.

— דאָס איז מר. שטיינמאַן, דער גרויסער מר. שטיינמאַן! — האָט דזשוליוס אויסגערופען — און דאָס זיינען פּשוטע וואוילע מענשען, זיי ווילען אייך קענען, איך האָב זיי געבעטען אייך ניט צו שטערען, אָבער זיי ווילען אייך קענען.

— און מיר ווילען הערען אייער מיינונג וועגען דער פּיעסע — האָט געזאָגט מר. טראָפּ.

— מיין מיינונג — זאָגט שטיינמאַן — האָב איך שוין איבער־געגעבען צו דזשוליוס'ן.

— און איך — זאָגט דזשוליוס — האָב זיי איבערגעגעבען אַלעס וואָס איר האָט געזאָגט, און זיי זיינען אַלע זייער צופרידען, זייער צופרידען.

— איר זייט מוטיקע מענשען — זאָגט מר. שטיינמאַן — אַזוי דאַרף זיין, פאַרגעסען אָן די טויטע...

— און טראַכטען פון די לעבעדיגע — זאָגט דזשוליוס — אַזוי דאַרף זיין, טרינקען דאַרף מען, לאָמיר זיין געזונט, טרינקט מר. שטיינמאַן, מיר ווילען אייך ניט אויפהאַלטען, איר דאַרפט אויפשטיין פרי, טרינקט מיט אונז, טרינקט!

— מיר זיינען אייך זייער דאַנקבאַר — זאָגט טראָפּ — איר האָט ניט געהייסען פיקסען די פּיעסע.

— צו וואָס אַרויסוואַרפען געלט! — זאָגט דזשוליוס — מר. שטיינ־מאַן, איר האָט די מענשען איינגעשפּאָרט אַ פאַרמעגען, לאָמיר זיין געזונט!

— הורעי פאַר מר. שטיינמאַן! הורעי! געזונט זאָל זיין מר. שטיינ־מאַן — האָבען אַלע געשריען.

— איר זאָלט אַלע זיין געזונט און פריילעך — זאָגט מר. שטיינמאַן — אַזוי לאַנג ווי מ׳לעבט, קען מען אַלעס איבערלעבען, מוט! מוט! מוט!

— איך דאַנק אייך מר. שטיינמאַן, איך דאַנק אייך אין נאָמען פון אַלע — האָט דזשוליוס אויסגערופען, און איך אַפּעליר צו אַלעמען, ניט צו פאַרנעמען פיל צייט ביי מר. שטיינמאַן, זיין צייט איז טייער!

— איך דאַנק אייך מר. דזשוליוס — האָט שטיינמאַן געזאָגט — איך דאַנק אייך אַלע, עס האָט מיך זייער געפרייט מיט אייך זיך צו באַקענען, אַ גוטע נאַכט! גוד־באַי!

ווען שטיינמאַן איז אַוועק האָט דזשוליוס פרייער אָפּגעאָטעמט, און אָנגעהויבען זינגען אַ סאָנג פון זיין פּיעסע.

דזשוליוס פּאַרליבט זיך דורכ׳ן טעלעפאָן

דער טאָג פון דער ערעפנונג פון מיין פּיעסע אין ניו יאָרק איז שוין באַשטימט. בלויז איין וואָך ביז צו דער פּרעמיערע. אויף אַ וואַנט פון אַ גרויסען בראָדוועיער טעאַטער הענגט שוין אַ סאַין: „נעקסטען מיטוואָך הויבט מען אָן שפּילען די מיוזיקעל קאָמעדיע „דער בלאָנדער מלאך״.

דזשוליוס רעדט וועגען דעם אין אַ זייער אָפּטימיסטישען טאָן. „עס וועט זיין טעריפיק״, זאָגט ער, „די פּיעסע וועט מען שפּילען צוויי און אפשר דריי יאָר״. ער רופט די אַקטיאָרען צו נייע ריהוירסעלס. „די פּיעסע״, זאָגט ער, מוז פּראָבירט ווערען צוויי מאָל אַ טאָג ביז צו דער פּרעמיערע, כדי מען זאָל זי האַלטען וואַרעם״.

דעם ערשטען ריהוירסעל האָט דזשוליוס געעפענט מיט אַ רעדע. „גלויבט אינ׳ם ערפאָלג פון „בלאָנדען מלאך״! „גלויבט! גלויבט! מיט וועמען איר רעדט און וואו איר קומט: אין גאַס, אין פּאַרק, אין רעס־טאָראַן, אין דער היים, זאָגט, אַז מיר האָבען די ערפאָלגרייכסטע פּיעסע. שרייט סוקסעס, סוקסעס און, עס וועט זיין אַ סוקסעס״.

עס זיינען אַוועק צוויי טעג פון רעהוירסעלס. איך בין געקומען רע־געלמעסיג צו די פּראָבען. איך בין געוועזען באַפריינדעט מיט די שוי־שפּילער און עס איז מיר געוועזען אינטערעסאַנט מיט זיי צו פאַרברענגען. הלוואי, האָב איך געטראַכט, האַלטען אָן די פּראָבען וואָס לענגער. די אַקטיאָרען האָבען שטילערהייט חוזק געמאַכט פון דער פּיעסע און פון דזשוליוס׳ען, און דאָך האָבען זיי אין גאַנצען ניט אויפגעגעבען די האָפ־נונג. עס איז דאָך פּרנסה. יעדער איינער דערציילט וועגען פּיעסען,

פון וועלכע קיינער האָט ניט געהאַלטען, און זיי זיינען געוועזן גרויסע ערפאָלגען.

דעם דריטען טאָג פון ריהורירסעל, אין אַ פרימאָרגען, איך קום אין טעאַטער, זאָגט מען מיר, אַז היינט פרי ווערט ניט פּראָבירט, ווייל דזשוליוס איז פאַרנומען. אָבער וואָס הייסט דזשוליוס איז פאַרנומען? איז דען ביי אים פאַראַן אַ וויכטיגערע אַרבייט ווי די פּראָבען פון דער פּיעסע?

איך לויף אַוועק צו דזשוליוס׳ען אין אָפיס. איך טרעף אים איינער אַליין, אַרומשפּאַצירען אין צימער אַהין און צוריק.

— וואָס איז נייעס? — פרעג איך.

— גרויסע נייעס — זאָגט ער — סענסאַציאָנעלע נייעס. איך בין פאַרליבט.

— וואָס? — פרעג איך — ווען? ווי אַזוי?

— דאָס האָט פּאַסירט זייער שנעל — זאָגט ער — דאָס האָט פּאַסירט ווען איך האָב גערעדט אויפ׳ן טעלעפאָן.

— וואָס?

יאָ, יאָ — דערקלערט ער — און אָט זיצט זי אין צווייטען צימער, מיין שיינהייט, מיין דאַרלינג, מיין נשמה. זי זיצט דאָרט און טייפּט מיינעם אַ מאַנוסקריפּט. זי איז טעריפיק. יאָ, איך האָב זיך מיט איר באַקענט דורכ׳ן טעלעפאָן.

— דורכ׳ן טעלעפאָן?

— יאָ — זאָגט ער — יאָ. עס קלינגט ביי מיר דער טעלעפאָן. איך ענטפער העלאָו און וויל זאָגען, אַז איך בין ביזי, ענטפערט מיר אַ שטימע: „העלאָו!" דאָס איז געוועזן אַזוי ווי אַ געזאַנג, ניט קיין פּשוט׳ער העלאָו, און זי פרעגט מיך צי איך דאַרף אַ סטענאָגראַפערקע. האָב איך אַ געשריי געטאָן, אַז איך דאַרף. פרעגט מיך די געטליכע שטימע, צי זי זאָל קומען מאָרגען אין דער פרי. האָב איך אַ געשריי געטען: „קומט, אַי לאָוו יו!" איצט איז זי דאָ אין צווייטען צימער. וואו זי זיצט דאַרף מען ניט קיין עלעקטריק און ניט קיין זון. פון אירע אויגען ווערט דאָס צימער באַגאָסען מיט ליכט און איך האָב דאָס דערקענט אַן איר שטימע. איך האָב אַ וואונדערבאַרען אויער. אַנטשולדיגט. איך גיי איצט גלייך אַריין צו איר און איך וויל איר זאָגען, אַז איך מוז מיט איר חתונה האָבען פאַר דער פּרעמיערע.

ער איז אַריין אין צווייטען צימער. איך האָב ניט געהערט וואָס זיי רעדען. אָבער איך האָב געהערט ווי ער זינגט. ער איז באַלד צוריק

אַרויסגעקומען צו מיר און געזאָגט: אַנטשולדיגט מיר וואָס איך האָב אייך געלאָזען אַליין. דאָס זיינען ביי מיר מיינע הייליגסטע און שענסטע מאָמענטען. איך האָב איצט פאַרפאַסט דעם בעסטען סאָנג פון מיין לע־בען. ערקלערענדיג איר זיך אין ליבע, האָב איך אָנגעשריבען דעם בעסטען סאָנג. איך האָב איר געגעבען אַ קוש און עס זיינען ביי מיר אָנגעשריבען געוואָרען די שענסטע ווערטער".

ער איז ווידער צוריק אַריין אין צווייטען צימער, זיך געזאָמט אַ ווײלע און איז אַרויסגעקומען מיט אַ שיין מיידעל, אַ שאטענקע. ער האָט זי פאַר מיר פאַרגעשטעלט: „דאָס איז מיין סוויטהאַרט, לאילא! ווי שיין זי איז זעט איר דאָך און איך האָב זי שוין באַזונגען אין מיין ניי ליד. אָבער זי איז אויך געבילדעט, געלערענט און קלוג. ספּעציעל איז זי קלוג. זי ווייסט, זי פאַרשטייט. זי קען געבען עצות. איך נעם זי צו אַ ריהוירסעל און מיט איר מיינונג וועלען מיר זיך רעכענען. גאָט האָט זי מיר אַרונטערגעשיקט. לאילא, וואו ביסטו געווען ביז איצט? שמייכעל ניט צו אים, נאָר צו מיר. איך בין אייפערזיכטיג. לאילא דאַרלינג! לאילא!"

מיר זיינען צוזאַמען געגאַנגען צו דעם ריהוירסעל. נאָך די פּראָבען זיינען מיר, איך, דזשוליוס און לאילא, געגאַנגען אין „לינדיס" רעסטאָראַן אויף נאַכטמאָל. זי האָט זיך אַנטזאָגט צו רעדען וועגען דער פּיעסע ביז נאָכ'ן עסען. ווען מיר האָבען שוין געהאַלטען ביי דער קאָווע האָט לאַילא ערקלערט, אַז אין דער פּיעסע זיינען פאַראַן גוטע זאַכען. אָבער נאָך איר מיינונג דאַרף מען נאָך מאַכען ענדערונגען.

ווען אַן אַנדערער וואָלט אים אַזוי געזאָגט, וואָלט דזשוליוס געוואָלדעוועט. אָבער לאַילא'ן האָט ער געלאָזען ווייטער רעדען.

— איינע פון די הויפּט חסרונות האָט לאַילאַ געזאָגט — איז וואָס דער הויפּט קאָמיקער האָט פאַלשע ציין און ווען ער זאָגט אַ וויץ ווערען ביי אים לויז די ציין.

— טעריפיק! — האָט דזשוליוס געשריען — וואָס פאַר אַן אויג זי האָט! וואָס פאַר אַן אויער!

— ווען — האָט זי געזאָגט — ווען אויף דעם פּלאַץ פון דעם קאָמיקער לעמעל וואָלט געשפּילט אַזאַ קאָמיקער ווי קוני לאָמבאַרדי, וואָלט די פּיעסע געווען פיל בעסער.

— טעריפיק! — האָט דזשוליוס געשריען — קוני לאָמבאַרדי! פאַר וואָס איז דאָס מיר ניט איינגעפאַלען? מיר מוזען קריגען לאָמ־באַרדי'ן!

ער האָט אָפּגערופען די „עקוויטי" (אַן אַקטיאָרען יוניאָן). מען האָט אים געזאָגט, אַז לאָמבאַרדי שפּילט איצט אין פילאַדעלפיע.

— מיר פאָרען באַלד קיין פילאַדעלפיע! — האָט ער אויסגערופען.

— און וואָס איז מיט די ריהוירסעלס? — פרעג איך.

— אויס ריהוירסעלס, אויס פּרעמיערע — האָט ער געזאָגט — מיר מוזען האָבען לאָמבאַרדי'ן. דאָס איז דאָך דער בעסטער קאָמיקער. ער דאַרף ניט קיין פּיעסע. ער גייט אַרויף אויף דער בינע, גיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, לאַכט דער עולם. איז צו וואָס דאַרף איך זיך זאָרגען, צי אַ וויץ וועט אַריבערגיין צום עולם, צי ניט, אַז איך האָב לאָמבאַרדי'ן? און וועמעס אידעע איז דאָס? לאַילאַ'ס. לאַילאַ, איך וועל ניט טאָן קיין זאַך אָן דיר! לאַילאַ, זיי מיט מיר שטענדיג, לאַילאַ, דו ביסט טעריפיק! לאַילאַ, פאַרלאָז מיך ניט! לאַילאַ!

ער האָט געלאָזט וויסען מר. טראָפּ'ען, אַז די פּרעמיערע פון דער פּיעסע איז אָפּגעלייגט, אַז ער מוז פאַר דער פּלעי קריגען דעם גרעסטען קאָמיקער פון דער וועלט, קוני לאָמבאַרדי, און אַז ער פאָרט קיין פילאַדעלפיע.

מר. טראָפּ האָט איינגעשטימט.

איך, דזשוליוס און לאַילאַ זיינען געפאָרען קיין פילאַדעלפיע.

דער גרויסער קאָמיקער לאָמבאַרדי

אין פּילאַדעלפּיע. איך זע שפּילען דעם קאָמיקער קוני לאָמבאַרדי אין פֿאַרשידענע קאָמישע, נאַרישע זאַכען. אָבער אַפּילו אין די נאַרישע זאַכען שיינט אַרויס זיין טאַלאַנט.

נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָט אונז דער קאָמיקער איינגעלאַדען צו גיין מיט אים אין אַ נאַיט קלאָב. עס זיינען מיט אים מיטגעגאַנגען נאָך אַנדערע אַקטיאָרען און כאָריסטקעס.

מיר האָבען באַזוכט עטליכט נאַיט קלאָבס. איבעראַל האָט מען פֿאַרגעשטעלט דעם קאָמיקער לאָמבאַרדי, און ער האָט געקראָגען אַ גרויסע אָוואַציע. איבעראַל האָט מען געטרונקען משקה. איך האָב מיט׳ן טרינקען ניט געקענט מיטהאַלטען. זיי האָבען באַשטעלט איין טרונק נאָך דעם צווייטען. איך האָב מיינע גלעזלעך אָוועקגערוקט פֿון זיך. לאַילאַ פֿלעגט מיין גלעזעל צורוקען צו זיך און עס אויסליידיגען צוזאַמען מיט איר גלעזעל.

איבעראַל האָט דער קאָמיקער לאָמבארדי געוואָלט באַצאָלען פֿאַר׳ן ביל. אָבער דער באָס פֿון קלאָב האָט צוגענומען דעם ביל און האָט אַליין באַצאָלט דערפֿאַר.

אין דריטען נאַיט קלאָב זיינען כמעט אַלע געווען שיכור. צום מייסטען שיכור איז געווען לאָמבאַרדי. ער האָט מיך אַרומגענומען און אָנגעהויבען וויינען און רעדען אידיש.

— מיין נאָמען איז פּייטעלסאָן, ניט לאָמבאַרדי — האָט ער געזאָגט.

— מיין טאַטע, יודעל פּייטעלסאָן, איז געווען אַ טייערער טאַטע. וואָס האָב איך געדאַרפֿט בייטען זיין נאָמען? איז פּייטעלסאָן ניט שענער ווי לאָמבאַרדי! לאָמבאַרדי, פּגר׳ן זאָלסטו!

— לחיים! — האָט ער אויסגעשריען — איך האָב אין דער ערד אַלע גויים, לחיים! לעבען זאָל פּייטעלסאָן!

ער האָט מיך ווידער אַרומגענומען און געזאָגט:

— ניט בלויז דעם נאָמען האָט מען מיר פאַרביטען, נאָר אויך מיין נשמה. איך האָב איצט אַ גוי'אישע, טריפה'נע נשמה, בין אַרומ־געריינגעלט פון שיקסעס. אַ כאַלעריע אויף זיי! איך שפּיל אַלס שפּאַניער, פראַנצויז. קען איך דען זיין אַ שפּאַניער, צו אַ פראַנצויז? ווען מען גיט מיר שפּילען פאַר אַ אידען! איך בין דאָך אַ מאָגולעסקאָ. מיין טאַטע האָט געזאָגט, אַז איך האָב אַזאַ טאַלאַנט ווי זיגמונד מאָגו־לעסקאָ. אַי, ווען מען גיט מיר שפּילען אַ אידישע ראָלע. ווען מען גיט מיר צו זינגען אַ אידישען סאָנג, וואָלט איך דאָך געזונגען ווי מאָגולעסקאָ. ווען איך וואָלט אַ זינג געטאָן: „כבקרת רועה עדרו".

ער איז אַרויף אויף דער בינע און מיט געוויין גענומען זינגען: „כבקרת רועה עדרו, מעביר צאנו תחת שבטו".

אַלע האָבען אים אַפּלאָדירט.

ער האָט פאַרטגעזעצט.

ביי אַלעמען האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען.

— וויינט גויים! אַ כאַלעריע זאָל אייך טרעפען. איר האָט וועגען וואָס צו וויינען! — האָט ער אויסגערופען און געזונגען מיט גרויס געפיל: „כבקרת רועה עדרו".

אַלע האָבען געוויינט.

לאַילאַ האָט זיך צוואוויינט אויף אַ קול און נאָכגעזונגען: „קאַפּאַרעס"!

— קאַפּאַרעס! — האָט געשריען דזשוליוס.

— גוי, כאַמולע וואָס דו ביסט! — האָט לאַמבאַרדי געשריען צו דזשוליוס'ען — מילא לאַילאַ זאָגט כפּרות, איז זי אַ שיקסע. אָבער דו, אַ איד, ביסט ניט קראַנק צו וויסען, אַז כפּרות שלאָגט מען יום כפּור און אַז דאָס איז כבקרת. גוואַלד, כבקרת רועה עדרו.

ער האָט זיך ניט געקענט מער האַלטען אויף די פיס. מיר האָבען אים אַרויסגעטראָגען, אַריינגעזעצט אין דזשוליוס'עס אַ מאַשין און אים אַהיים געפירט.

אין דער מאַשין פאַרענדיג האָט ער געשריען: „גיט מיר צו שפּילען אַ אידען וואָס זאָל זינגען „כבקרת", וועל איך מאַכען די גויים וויינען. בראָדוועי דאַרף וויינען. אַ אידישער קאָמיקער דאַרף מאַכען די גויים צו וויינען. ניט צו לאַכען. וויינען זאָלען זיי! אַ כאַלעריע אויף זיי! כבקרת רועה עדרו!"

— קאַפּאַרעס! האָט אים דזשוליוס נאָכגעשריען.

— כבקרת, ניט קיין קאַפּאַרעס, אַ כאַלעריע אויף דיר — האָט

געשריען דער קאָמיקער לאָמבאַרדי — לערען דיך אויס אידיש און גיי ניט מיט קיין שיקסעס. זיי וועלען דיך פאַרפירען אין דער ערד אַריין.

— מיין לאַילאַ איז אַ טייערע שיקסעל. זי האָט אַ אידישען קאָפּ — האָט גע'טענה'ט דזשוליוס.

— גלויב איר ניט — האָט געשריען לאָמבאַרדי — זי איז זיכער אַן אַנטיסעמיטקע פּונקט ווי מיין שיקסע. כבקרת רועה עדרו!

מיר האָבען אים אַריינגעטראָגען אין זיין האָטעל צימער. גיין האָט ער ניט געקענט. מיר האָבען אים אַוועקגעלייגט אויף אַ בעט און ער האָט ווייטער געזונגען: „כבקרת רועה עדרו!"

איך בין אַוועק פון אים און זיין „כבקרת" האָט מיך פאַרפאָלגט אַ לאַנגע צייט. ער האָט אַזוי געזונגען, אַז עס איז שווער געווען צו פאַרגעסען. עס איז ביי אים ארויסגעקומען ווי אַ קלאָג־ליד פון אומגליקליכע קינדער, וועלכע קלאָגען, וואָס מען האָט זיי מיט געוואַלט אַוועקגעריסען פון זייער מאַמען.

אָט דאָס קלאָג־ליד זינגט אָפט דער אַמעריקאַנער קאָמיקער לאָמבאַרדי, זאָגט מען מיר, בלויז ווען ער איז שיכור.

מיין פיעסע ווערט אויפגעפירט אין ניו יאָרק

דער קאָמיקער לאָמבאַרדי האָט אָנגענומען דעם אָנבאָט צו שפּילען אין מיין פּיעסע „דער בלאָנדער מלאך". אָבער מ׳מוז צוליב אים ענדערען די גאַנצע פּיעסע. מ׳דאַרף פאַר אים מאַכען נייע סצענעס. מען דאַרף מאַכען, אַז די גאַנצע האַנדלונג זאָל זיך דרייען אַרום אים. איידער ער קומט אַרויף אויף דער בינע דאַרף מען רעדען וועגען אים, זאָגען, אַז ער פאָרט, ער גייט, ער קומט. ווען ער קומט אַרויף אויף דער בינע דאַרפען די אַנדערע רעדען בלויז צוליב דעם, אַז ער זאָל ענטפערען מיט אַ וויץ. ווען ער גייט אַרונטער פון דער בינע, דאַרף מען אַלץ רעדען וועגען אים, זאָגען, אַז אָן אים איז שלעכט, ביטער, זויער, אַז מען וויל אים באַלד זען צוריק, אַז מען בענקט נאָך אים.

דאָס צו מאַכען איז ניט לייכט אַפילו פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלען שרייבער. היינט אַז דאָס דאַרף טאָן דזשוליוס, וועלכער האָט פיינט צו ענדערען אַפילו איין וואָרט, וואָס אַן אַנדערער האָט אָנגעשריבען, און ער רעדט זיך איין, אַז ס׳איז זיינס.

דזשוליוס האָט ענדליך באַשלאָסען צו קריגען אַ שרייבער, וואָס זאָל אים העלפען. ער וויל גוט באַצאָלען (מיט טראָפּ׳ס געלט). עס קומען שרייבער, באָטען אָן צו פאַרקויפען זייער פען, ווילען העלפען שרייבען. דזשוליוס אינטערוויוט זיי. זייערע מיינונגען געפעלען אים ניט. ווער עס האָט אַ מיינונג, וואָס שטימט ניט מיט זיינער, איז ער ביי אים ניט קיין שרייבער.

ענדליך איז צו אים געקומען אַ שרייבער, וועלכער איז דזשוליוס׳ען שטאַרק געפעלען. מר. קינג איז זיין נאָמען. אין דער ערשטער מינוט,

וואָס מר. קינג איז אַריינגעקומען אין דזשוליוס׳עס אָפיס, האָט ער אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק.

ווען מר. קינג איז אַריינגעקומען, האָט ער געזאָגט מיט אַ ליבליכען שמייכעל צו דזשוליוס׳ען: „קען איך זען דעם באַרימטען מר. דזשוליוס?״

— דאָס רעדט צו אייך דזשוליוס — האָט אים דזשוליוס געענטפערט.

— איר זענט מר. דזשוליוס! — האָט קינג אויסגערופען באַגייס־טערט — ס׳פרייט מיך זייער אייך צו קענען. איך האָב געזען אין פּיטסבורג אייער „בלאָנדען מלאך״. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע פּיעסע. און היינט די סאָנגס! יעדער סאָנג וועט זיין אַ זיכערער „היט״ אין ניו יאָרק.

— זיצט, נעמט אַ סיגאַר — האָט אים דזשוליוס אָנגעבאָטען.

מר. קינג האָט זיך אַוועקגעזעצט, פאַררויכערט אַ סיגאַר און אים ערקלערט, אַז זיין נאָמען איז קינג און ער איז אַ שרייבער. ער איז געקומען העלפען אַרבייטען אויף דעם „בלאָנדען מלאך״. אָבער ער ווייסט ניט וואָס מען קען דאָ טאָן, אַז יעדע סצענע איז וואונדערבאַר. ס׳וועט זיין שווער צו ענדערען.

— איר פאַרשטייט, איר ווייסט, איר זייט אַ גרויסער שרייבער, איר וועט מיט מיר אַרבייטען — האָט דזשוליוס ערקלערט. — איך האָב, דערזעענדיג אייך, באַלד דערפילט אַז איר זייט דער מענש וואָס וועט קאָנען מיט מיר אַרבייטען. עס וועט זיין פאַר מיר אַ פאַרגעניגען מיט אייך צו אַרבייטען.

— ביי מיר איז ניט די פראַגע פון געלט — האָט קינג ערקלערט. — עס איז ביי מיר אַ כבוד צו אַרבייטען מיט אייך. איך וויל פון אייך לערנען.

— איר׳ט קריגען גוט באַצאָלט, — האָט דזשוליוס געזאָגט. — אונז פעלט ניט קיין געלט. וואָס מיר דאַרפען איז אַ קלוגען שרייבער און איר זיינט עס.

עס זיינען דערנאָך פאָרגעקומען קאָנפערענצען צווישען דזשוליוס׳ען און מר. קינג וועגען מאַכען די ענדערונגען. דזשוליוס האָט אים פאַר־געלייענט איין סצענע נאָך דער צווייטער, און מר. קינג האָט געשריען, אַז די סצענעס זיינען געניאַל. דזשוליוס האָט געזונגען אַ סאָנג פון דער פּיעסע און מר. קינג האָט נאָכגעזונגען.

מען וואָלט אַזוי וואָכען לאַנג פאַרבראַכט אָן שום פאָרטשריט. אָבער דער קאָמיקער לאָמבאַרדי האָט דאקוטשעט. ער האָט געשטעלט פראַגעס וואו מען האַלט. ער האָט געוואָלט מען זאָל זיך צוויילען. דזשוליוס

האָט באַשלאָסען, אַז מען מוז ענדליך עפּעס טאָן. איינמאָל, ווען דזשוליוס מיט קינג׳ן זיינען געזעסען צוזאַמען און געטראַכט, געשוויגען און געטראַכט, געגרוביצערט און געטראַכט, האָט דזשוליוס אַ געשריי געטאָן: „אַי גאָט איט!״

מר קינג האָט אַוועקגעלייגט זיין סיגאַר און זיך געמאַכט גרייט צו הערען. דזשוליוס האָט אויסגערופען מיט באַגייסטערונג: „דאָס איז טעריפיק! איך האָב אַ פּלאַן ווי מען זאָל די פּיעסע ניט טשעפּען, כמעט ניט ענדערען און לאַמבאַרדי זאָל זיין צופרידען״.

— אָ, ווען מען קען דאָס מאַכען! — האָט אויסגערופען קינג.

— זייער לייכט, — האָט געזאָגט דזשוליוס. — מיר וועלען אַריינ־שטעלען אין דער פּיעסע אַלע קאָמישע „היט״־סצענעס, וואָס לאַמבאַרדי שפּילט אין וואָדעוויל. מיר וועלען זיך פאַרשפּאָרען דרייען אַ קאָפּ מיט שרייבען נייע סצענעס, און ער וועט זיין העכסט צופרידען, ווייל ער וועט ניט דאַרפען לערנען קיין נייע זאַכען.

— טעריפיק! — האָט קינג אויסגערופען מיט דזשוליוס לשון, — טעריפיק! טעריפיק!

מען האָט אַריינגעדרייט לאַמבאַרדי׳ס אַלטע סצענעס אין דער פּיעסע. מען האָט געלייענט פאַר לאַמבאַרדי׳ן און ער איז געווען זייער צופרידען.

— אַלטער ווייַן איז בעסער ווי נייער — האָט לאַמבאַרדי געזאָגט. — מיט אַ נייעם וויץ איז מען קיינמאָל ניט זיכער צי ער וועט געפעלען דעם עולם.

***

מען האָט אָנגעהויבען מאַכען די פּראָבען פאַר דער פּרעמיערע אין ניו יאָרק, און די אַקטיאָרען זיינען געוואָרען אומרוהיג. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די קריטיק וועט אַרונטעררייסען די פּיעסע צוליב די אַלטע וויצען און אַלטע טריקס. מיט וועלכע לאַמבאַרדי באַנוצט זיך. אָבער יעדער האָט מורא צו רעדען מיט דזשוליוס׳ען. ער לאָזט צו זיך ניט רעדען וועגען דעם.

די טעג צו דער פּרעמיערע דערנענטערען זיך, און די אַקטיאָרען ווערען אַלץ אומרוהיגער. זיי רעדען מיט לאַילאַ׳ן. זיי ערקלערען איר די לאַגע. זי איז מיט זיי איינפאַרשטאַנען. זיי בעטען איר צו ערקלערען דזשוליוס׳ן, אַז מען מוז די פּיעסע ענדערען, אַז מען מוז לאַמבאַרדי׳ן געבען אַנדערע סצענעס, נייע, ווען ניט וועט זיין שלעכט. לאַילאַ ערקלערט זיי, אַז די לעצטע צייט איז שווער צו רעדען מיט דזשוליוס׳ען

וועגען אַזעלכע זאַכען. ער שרייט. זי ראָט צו רעדען מיט קינג'ן, אפשר וועט ער ביי אים פועל'ן. ער איז איצט נאָענט צו דזשוליוס'ען. זיי ערקלערען איר, אַז קינג איז אַ מענש וואָס וועגען אַלץ שאָקעלט ער נאָך מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. ער זאָגט קיינמאָל ניט ניין. מען קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזען. זי מוז דאָס אַליין טוען. זי וועט דורך דעם ראַטעווען אַ פּיעסע, פון וועלכער עס הענגען אָפּ די פּרנסות פון מאַסען מענשען. זי פאַרשפּרעכט זיי, צו רעדען מיט אים נאָך היינט, נאָך דער פּראָבע.

נאָך דער פּראָבע. מען זעט ווי לאַילאַ רעדט מיט אים. מען הערט ווי דזשוליוס שרייט. זי שוויגט אויך ניט. די אַקטיאָרען שטייען פון דער ווייטענס, האָפען, אַז עס וועט עפּעס פּאַסירען צו גונסטען דער פּיעסע. ענדליך זעען זיי ווי לאַילאַ גייט אַוועק פון אים, גייט צו צו די אַקטיאָרען, ערקלערט, אַז מער וועט זי שוין צו פּראָבען ניט קומען. זי וועט איבערהויפּט מער ניט קומען צו דזשוליוס'ען. זי וויל אים מער ניט קענען. ער האָט איר געזידעלט און באַליידיגט. זי זאָגט אַלעמען: „גוד באַי, פריינד, ווער ווייסט ווען מיר וועלען זיך זען, גוד־באַי!"

אַ ווײַלע שפּעטער איז צוגעקומען דזשוליוס און אויסגערופען: „גראַטולירט מיך! איך בין איצט אַ פרייער מענש. איך בין פּטור געוואָרען פון לאַילאַ'ן, אַזאַ משוגענע! זי וויל מיך לערנען שכל. זי זאָגט מיר, אַז די פּיעסע טויג ניט. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וויל מער איר פּנים ניט אָנקוקען. ווער דאַרף זי? זי איז אַ משוגענע. איצט פיל איך ווי אַ פרייער מענש. ווער עס וויל אַ טרונק אויף מיין חשבון קען עס קריגען. איך בין פריי! אויס לאַילאַ! קומט טרינקען אויף מיין חשבון. איך בין פּטור געוואָרען פון לאַילאַ'ן, פון אַ פרוי, פון אַן אומגליק, פון אַ קלאַפּאָט. פאַר דעם גרעסטען סוקסעס פון מיין קאַריערע! נאָך אַ וואָך און עס וועט זיין די פּרעמיערע פון דעם „בלאָנדען מלאך"! די בעסטע מיוזיקעל קאָמעדי! קומט טרינקען אויף מיין חשבון!"

***

די פּרעמיערע פון „בלאָנדען מלאך" איז געקומען.

דאָס טעאַטער איז געפּאַקט. פאַראַן געגנוג בעלנים וואָס קויפען טיקעטס פאַר אַן ערשטער פאַרשטעלונג.

דזשוליוס דרייט זיך אַרום אין דער לאָבי פון טעאַטער מיט אַזוי פיל גדלות. ער האַלט זיך אַזוי גרויס, אַז ער שעמט זיך אפילו צו רעדען מיט זיך אַליין.

— נעם מיין וואָרט! דאָס איז דער גרעסטער סוקסעס! — זאָגט מיר דזשוליוס אַ פּאָר מינוט איידער דער פאָרהאַנג איז אַרויף. — דער גרעסטער סוקסעס!

נאָכ׳ן ערשטען אַקט זאָגט ער מיר: — נו, ווער האָט רעכט? ווער האָט געוואוסט פריער, אַז דאָס איז אַזאַ גרויסער סוקסעס?

— ווי אַזוי זיינט איר שוין אַזוי זיכער, אַז עס איז אַן ערפאָלג? — פרעג איך.

ער איז געוואָרען אויף מיר שרעקליך אין כעס.

— ווי אַזוי — האָט ער געפרעגט — קען אַ מענש נאָך איצט צווייפלען, צי עס איז אַן ערפאָלג, צי ניין? ערשטענס, זעט מען דאָך ווי דער עולם איז אַזוי צופרידען. באַטראַכט דעם עולם וועט איר זען. און היינט די קריטיקער — איך האָב אַליין איינעם געזען לאַכען. אָט דרייען זיי זיך אַרום אין דער לאָבי, רויכערען סיגאַרען. זיי זעען אַלע אויס גוט, פריילי‎ך, גליקליך.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מען געהערט ווי אַ סך פון עולם האָבען אויסגעדריקט ניט קיין גינסטיגע מיינונג. אָבער דזשוליוס האָט מיר ערקלערט: „פייף אויפ׳ן עולם! דער עיקר׳שט איז די קריטיק. אַז דער עולם לייענט, אַז עס איז אַ גוטע פּיעסע, זאָגט ער אויך אַז עס איז גוט. און קריטיקען וועלען מיר האָבען וואונדערבאַרע. איך האָב ערשט געזען דעם קריטיקער פון דער „טאַימס״ אַרויסגיין מיט אַ ברייטען שמייכעל אויפ׳ן פּנים. די פּיעסע האָט אים געמוזט שטאַרק געפעלען.

מר. טראָפּ איז צוגעקומען צו דזשוליוס׳ען און אים געפרעגט:

— נו, וואָס דענקסטו?

— איר האָט געזען אַרויסגיין דעם קריטיקער פון דער „טאַימס״? — האָט דזשוליוס צוריקגעפרעגט.

— ניין.

— ווען איר זעט זיין פּנים וואָלט איר געוואוסט אַז די פּיעסע איז אַ גרויסער סוקסעס. ער איז אַרויסגעגאַנגען גוואַלדיג צופרידען, גליקליך. ער איז שוין איינמאָל אַ מבין אויף אַ פּיעסע. אויף אים קענט איר זיך פאַרלאָזען. ער איז ניט קיין פּיטסבורגער קריטיקער.

אַלע צייטונגען רייסען אַראָפּ מיין פּיעסע

ווען מיר זיינען אַהיים געקומען פון דער פּרעמיערע פון „בלאָנדען מלאך", האָבען אַלע געפילט, אַז די פּיעסע איז דורכגעפאַלען, אַ חוץ דזשוליוס. מיינע באַקאַנטע האָבען מיר כלומרשט גראַטולירט און געזאָגט: „ס'איז אָלראַיט!" אָבער איך האָב פון זייער טאָן אַרויס־געפילט, אַז זיי מיינען, אַז ס'איז גוט אין דער ערד. אָבער קיינער זאָגט ניט צו אַ פּאַרפאַסער אין דער נאַכט פון דער פּרעמיערע, אַז זיין קינד איז אַ מפּיל־קינד. כאָטש מיר וואָלט מען איצט מיט דעם ניט שטאַרק וויי געטאָן, ווייל דאָס קינד איז ניט געווען מיינס. ס'האָט געהאַט עטליכע אַנדערע טאַטעס.

מיין ווייב איז תמיד געווען אָפּטימיסטיש, וועגען דער פּיעסע. זי האָט געהאָפט, אַז מיט דעם „בלאָנדען מלאך" וועל איך אַוועקפליען קיין האָליוואוד און דאָרט וועל איך זיך קויפען אַ הויז אין שכנות פון פּאָול מוני. אַזוי האָב איך זי געהערט זיך אויסדריקען פאַר אַ שכנ'טע. אָבער דאָס מאָל האָט זי גאָר ניט געזאָגט. אין איר שווייגען האָט מען געקענט זען, אַז זי הויבט אָן צווייפלען, אַז דורך דעם „בלאָנדען מלאך" וועט זי האָבען אַ הויז אין האָליוואוד.

מיר האָבען פונדעסטוועגען זיך אַרומגעדרייט אויף בראָדוועי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און געוואַרט אויף די קריטיקען אין די מאָרגען־צייטונגען. אפשר? ווער קען וויסען? דאָס וואָס אונז אידען געפעלט ניט, קען אַ גוי'אישען קריטיקער יאָ געפעלען.

מיר האָבען זיך דערוואַרט. מיר האָבען געקראָגען אַ „טאַימס" און אַ „טריביון". איך האָב גענומען די „טריביון". מיין ווייב האָט

געכאַפּט צוערשט די „טאַימס״, ווייל זי האָט געהערט דזשוליוס׳ען באַ־מערקען, אַז ער ערוואַרט אַ גאָר גוטע קריטיק אין די „טאַימס״.

איך לייען אין דער „טריביון״ אַ זייער ביטערע קריטיק. די „טריביון״ זאָגט, אַז דער „בלאָנדער מלאך״ איז איינע פון די ערגסטע פּיעסען, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרען אויף בראָדוועי אין די לעצטע עטליכע יאָר; אַז אַפילו דער באַרימטער קאָמיקער לאַמבאַרדי האָט די פּיעסע ניט געקענט ראַטעווען. עס איז געבוירען געוואָרען אַ טויט קינד.

אויף מיין ווייב׳ס זויער פּנים האָב איך געלייענט, אַז די קריטיק אין דער „טאַימס״ איז ניט איבעריג גוט.

— אין דער „טאַימס״ איז גאָר שלעכט — זאָגט זי — ווי איז אין דער „טריביון״?

— ערגער ווי אין דער „טריביון״ קען שוין ניט זיין — זאָג איך און גיב איר די „טריביון״.

— ערגער ווי אין דער „טאַימס״ קען שוין ניט זיין — זאָגט מיין ווייב און גיט מיר די „טאַימס״.

איך לייען די „טאַימס״. זי שרייבט:

„ס׳איז שווער צו געפינען אין אורזאַך פאַרוואָס מען האָט אַריינ־געלייגט אַזוי פיל געלט אויפצופירען דעם „בלאָנדען מלאך״. ניטאָ דאָרט קיין מעשה, קיין דיאַלאָג וואָס מען זאָל פאַרשטיין, קיין מוזיק וואָס זאָל זיין אַנגענעם פאַר׳ן אויער, קיין וויץ און קיין איינפאַל״.

מיר זיינען אַהיים געגאַנגען. איך האָב זיך געלייגט שלאָפען און בין באַלד איינגעשלאָפען. איך בין נאָך קיינמאָל אַזוי געשמאַק ניט געשלאָפען. עס איז מיר אַרונטער אַ קלאָפּאָט פון קאָפּ. אויס בראָדוועי! אויס חלומות! אויס בלאָפס! איך בין צוריק אַ מענש גלייך מיט אַלע מענשען. איך וועל ניט האָבען מער אַזוי פיל שונאים און אַזוי פיל פאַלשע פריינד. מען וועט מיך מער ניט האַסען און מער ניט חנפ׳ענען. אַ פּשוט׳ער מענש בין איך איצט אָן אויסזיכטען צו ווערען רייך.

אין דער פרי וועקט מיך מיין ווייב:

— שטיי אויף — זאָגט זי — דזשוליוס וויל דיך צום טעלעפאָן.

— שוין ווידער דזשוליוס. ער קען נאָך וועלען איך זאָל ווידער מיט אים שרייבען אַ פּיעסע — וויצעל איך זיך.

דזשוליוס׳עס שטימע אויפ׳ן טעלעפאָן האָט ניט געקלונגען ווי זיין אייגענע שטימע. ער האָט גערעדט שטיל. וויך, האַרציג, כמעט מיט געוויין. ער האָט מיך געבעטען: „קום מיך באַזוכען. קום מיך טרייסטען.

איך בין אַליין. קיינער קומט ניט, קיינער רופט מיך ניט. אַלע האָבען אָן מיר פאַרגעסען".

איך האָב דאָס מאָל אויף אים געהאַט רחמנות. איך האָב גערעכענט, אַז דער דורכפאַל פון דער פּיעסע וועט פון אים מאַכען גאָר אַן אַנדער מענש. איך האָב זיך געפילט גוט וואָס ער האָט מיך גערופען, מיך אויסגעקליבען אַלס זיין פריינד אין נויט.

ווען איך בין געקומען אין זיין אָפיס, האָב איך דאָרט געטראָפען אַ סך פון זיינע באַקאַנטע. ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט זיי אַלעמען גערופען דורכ'ן טעלעפאָן, זיי אַלעמען ערקלערט ווי מיר, אַז ער איז אַליין און זיי געבעטען צו קומען אים טרייסטען. אַלע האָבען וואַרשיינליך אויך, פּונקט ווי איך, רחמנות געהאַט און זיי זיינען געקומען אים זאָגען אַ גוט וואָרט. אָבער קיינער האָט ניט קיין מעגליכקייט מיט אים איצט צו רעדען. ער איז זייער פאַרנומען. די טעלעפאָנס אין זיין אָפיס קלינגען. ער לויפט ענטפערען פון איין טעלעפאָן צום אַנדערען. מען זעט אים בלויז לויפען, און ער זעט ניט אויס ווי איינער וואָס איז דורכגעפאַלען, נאָר פאַרקערט, ווי אַ העלד וואָס איז צוריקגעקומען פון אַן ערשט געוואונענער שלאַכט. ער שאָקעלט צו אַלעמען שוואַך מיט'ן קאָפּ, געבענדיג אָנצוהערען, אַז ער איז זייער פאַרנומען.

אין זיין פּריוואַט-צימער געפינען זיך די געלט-געבער: טראַפּ, קאַרפּ און לאַקס. דזשוליוס קאָנפערירט מיט זיי. מען הערט ווי דזשוליוס שרייט. מיר אַלע, וועלכע וואַרטען אויף אים, דערקענען פון דעם געשריי, אַז דזשוליוס פילט זיך נאָך ווייט ניט באַזיגט. אַ טייל פון די וואַרטענדע גייען אַ היים. זיי באַמערקען שטילערהייט, אַז זיי זיינען געקומען אים צו טאָן אַ טובה, ווייל זיי האָבען געמיינט, אַז ער ליגט אַ געפאַלענער. אָבער אַז יענער האָט ניט קיין צייט מיט זיי צו רעדען און ער שרייט נאָך אַלץ מיט דיזעלבע קולות ווי אַמאָל, איז ווילען זיי מער ניט וואַרטען. איך בין געווען פון די, וועלכע האָבען געוואַרט. ער האָט מיך אַזוי שטאַרק געבעטען דורכ'ן טעלעפאָן צו קומען, בין איך געווען נייגעריג צו הערען וואָס ער וויל פון מיר.

איך האָב זיך דערוואַרט. ענדליך גייען אַרויס פון דער קאָנפערענץ די געלט-געבער — מר. טראַפּ, מר. קאַרפּ, מר. לאַקס. זיי גייען ווי געוויינליך. מען קען אויף זיי ניט דערקענען צי זיי פילען גוט צי שלעכט. מר. טראַפּ, דער רייכסטער, באַגריסט אונז. די אַנדערע צוויי געלט-געבער קוקען אונז אינגאַנצען ניט אָן. מר. קאַרפּ האָט פּיינט צו

באַגריסען זיך מיט אידען; מר. לאָקס האָט פיינט אָנצוקוקען אָרימע־לייט, סיידען זיי גייען אָנגעטאָן אין קליידלעך.

דער לעצטער איז אַרויסגעקומען דזשוליוס. ער האָט פאַר אונז געמאַכט אַ פייערליכע ערקלערונג.

— דזשענטעלמען! — האָט ער אויסגערופען, — מיר פייפען אויף די קריטיקער. זיי האָבען אָפּגעמאַכט אַלע צוזאַמען מיך צו באַגראָבען. זיי זיינען אין אַ פאַרשווערונג געגען מיר. עס וועט זיי ניט געלינגען. מיר וועלען זיי פּאַיטען און באַזיגען!

אין דעם מאָמענט האָט אַ באַי אַריינגעבראַכט די נאָכמיטאָג־צייטונגען — די „פּאָוסט", „טעלעגראַם", „סאָן". יענע צייטונגען האָבען געהאַט נאָך מער בייסענדיגע קריטיקען ווי די מאָרגען־צייטונגען. ער האָט אַ וואָרף־געטאָן די צייטונגען און געזאָגט גאַנץ פריילי‌ך: „אָט־דאָ זעט מען אָפען די קאָנספּיראַסי". זיי האָבען אין טעאַטער אָפּגעמאַכט צו צופּליקען די פּיעסע. ווען ניט וואָלט דאָך איין צייטונג כאָטש געזאָגט אַ גוט וואָרט. מיר וועלען איצט האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג. ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל ווען אַ מיוזיקעל קאָמעדי איז אַרונטערגעריסען געוואָרען און איז געוואָרען אַ גרויסער סוקסעס. „דער בלאָנדער מלאך" איז איינע פון יענע פּיעסען, וועמען קריטיקער קענען ניט שאַדען! ס'איז אַ צו־שטאַרקע פּיעסע!"

ער האָט אָפּגעזאָגט די ווערטער און מיט גרויס שטאָלץ אַרויס־געשפּאַנט.

מיר האָבען זיך אַלע איבערגעקוקט. איך גלויב, אַז אַלע האָבען מיר געקלערט: „פון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזוי פיל כוח, אַז קיין נידערלאַגע שוואַכט ניט אָפּ זיינע האָפנונגען?

אין אָוונט בין איך געגאַנגען זען די פאָרשטעלונג. איך בין געווען נייגעריג צו זען וויפיל די קריטיק האָט געשעדיגט די איינאַמען פון טעאַטער און צי דזשוליוס איז נאָך אַלץ ניט אַרונטערגעפאַלען ביי זיך און שרייט נאָך אַלץ, אַז עס איז אַ סוקסעס.

אין טעאַטער. פאַראַן אָן אַ שיעור ליידיגע פּלעצער. אויף די פאַר־נומענע פּלעצער זיצען מייסטענס די, וועלכע זיינען אַריין אויף פריי־פּעסעס. מען האָט געקענט קלאָר זען, אַז די שלכטע קריטיקען האָבען געמאַכט אַ חורבן אין טעאַטער.

פאַר מיר איז מער ניט געווען קיין צווייפעל, אַז די פּיעסע וועט אין די נעקסטע פאַר טעג אויסהויכען איר אָטעם און דזשוליוס'עס

שרייען וועט ניט העלפען. אָבער איך האָב געוואָלט טרעפען דזשוליוס׳ען, זען אים ווי ער זעט איצט אויס און הערען וואָס ער זאָגט איצט.

דזשוליוס איז געלאָפען אין באַקס־אָפיס אַריין און אַרויס, האָט גערעדט שנעל מיט עטליכע מענשען. ער האָט אויסגעזען ווי איינער, וואָס איז אין מיטען ברען פון אַ גרויסען ערפאָלג.

איך האָב אים ענדליך געכאַפּט.

— העלאָו, דזשוליוס, — זאָג איך אים, — וואָס הערט זיך?

— לויט די שלעכטע קריטיקען, — זאָגט ער — איז די איינ־נאַמע ניט שלעכט. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל ניט טרעפען אַ מענשען אין טעאַטער. דו קענסט זיין זיכער, אַז מיר זיינען איצט אויפ׳ן שוועל פון דעם גרעסטען סוקסעס, דעם אַבסאָלוט גרעסטען.

מיין פיעסע ווערט פלוצלונג
אַ „דערפאָלג״

איך האָב אַ גאַנצע וואָך ניט געזען די פאָרשטעלונגען פון מיין פּיעסע. איך האָב וועגן דעם מיט קיינעם ניט גערעדט. אַפילו מיין ווייב האָט וועגן דעם געשוויגען. די פּיעסע איז ביי אונז געווען אַזוי ווי אַ טויטע זאַך. איך האָב בלויז יעדען טאָג געקוקט אין די צייטונגען צו זען צי ס'איז שוין דערמאָנט, אַז דער „בלאָנדער מלאך״ האָט פאַרלאָזען די ערד און איז אַוועק אין הימעל אַריין. אָבער דאָרט איז נאָך אַלץ געווען אַדווערטאַיזט, אַז דער „בלאָנדער מלאך״ פליט נאָך אַרום אויף דער ערד. פון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזויפיל כח נאָך צו פליען האָב איך ניט פאַרשטאַנען. אַ פּיעסע, פּונקט ווי אַ מענש, האָב איך געטראַכט, מוטשעט זיך מיט די לעצטע כחות און וויל ניט פאַרלאָזען די ערד.

אויף סעקאָנד עווענין בין איך שוין לאַנג ניט געווען. מיין ווייב האָט מיר פאַרבאָטען זיך דאָרט איצט צו באַווייזען, כדי איך זאָל זיך ניט באַגעגענען מיט מיינע פריינט און שונאים, וועלכע פרייען זיך איצט מיט מיין דורכפאַל און וועלען מיך כלומרשט טרייסטען און שטעכען מיט זייערע בליקען.

זי אַליין האָט אַ וואָך צייט זיך ניט געצייגט אין איר גראָסערי און איר בוטשער־סטאָר, אויך צוליב דיזעלבע אורזאַכען. זי איז געגאַנגען אַ סך בלאָק ווייטער איינצוקויפען, אַבי זיך ניט צו טרעפען מיט קיין אייגענע מענשען.

איך האָב געהאַלטען, אַז דורכפאַלען איז ניט קיין פאַרברעכען, אַז עס איז גאָר נויטיג פאַר אַ מענשען דורכצופאַלען, אַז ער ווערט דורכדעם

מער ערפאַרען, קליגער און מענשליכער. אַחוץ דעם האָב איך זיך אין דעם דורכפאַל ניט געפילט שולדיג. איך האָב דערפאַר אין אַן אָוונט זיך אַריינגעכאַפּט אין קאַפע „ראָיאַל", זאָגענדיג מיין ווייב, אַז איך גיי באַזוכען מיינעם אַ ברודער.

איך האָב ערוואַרט, אַז אין קאַפע „ראָיאַל" וועלען מיינע פריינט אויסדריקען צו מיר זייער סימפּאַטיע און מיטלייד געפילען. אָבער איך וועל זיי זאָגען, אַז איך בין ניט איצט אין טרויער. דער „בלאָנדער מלאך" איז ביי מיר שוין געווען געשטאָרבען גלייך ווי ער איז געבוירען געוואָרען.

אין קאַפע „ראָיאַל". אַלע באַגעגענען מיך מיט זיסע, ליבליכע שמייכלען. מאַנכע קלאַפּען מיר אין פּלייצע. מען נעמט מיך אויף ווי אַ חשוב'ען גאַסט, ווי אַ רייכען מענשען, פון וועלכען מען ערוואַרט טובות. וואָס מיינט דאָס?, פאַרוואָס האָבען די מענשען מיך אַזוי ליב? האָבען זיי מיך ליב, ווייל איך בין דורכגעפאַלען? ניין! אַזוי ווייט ווי איך געדענק, צייגען מענשען קיינמאָל ניט אַרויס קיין אַכטונג און ליבע צו אַ דורכגעפאַלענעם.

מיין פריינד, דער דיכטער יונה, זיצט ביי אַן אַנדער טישעל און מאַכט זיך ניט וויסענדיג צי איך בין דאָ. ער זעט מיך כלומרשט ניט. ער האָט גראָד ליב מענשען וואָס פאַלען דורך. איז פאַרוואָס דערפרייט ער זיך ניט מיט מיר?

— יונה! — רוף איך אויס — יונה, דו זעסט מיך ניט?

— איך זע דיך ניט, — ענטפערט ער, — רייכע און ערפאָלגרייכע מענשען זע איך ניט.

— אָבער איך בין דאָך ניט רייך און ניט ערפאָלגרייך, — ענטפער איך.

— וואָס־זשע, דו ווילסט אין איין וואָך שוין ווערען אַ מיליאָנער? — ענטפערט ער. — עס מעג דיר אָנשטיין צוצוקומען צו מיין טישעל.

איך בין צוגעגאַנגען צו זיין טישעל און זיך אַוועקגעזעצט.

— ביי מיר, — האָט יונה מיך באַגריסט, — איז אַ סוקסעס אויף בראָדוועי גאָר ניט. ביי מיך זיינען צוויי גוטע שורות פון אַ ליד וויכטיגער ווי אַ בראָדוועיער סוקסעס.

איידער איך האָב נאָך געהאַט אַ מעגליכקייט אים צו ענטפערען, זיינען צוגעקומען אַ פּאָר אַקטיאָרען און מיך גראַטולירט.

— איך גראַטוליר אייך מיט אייער ערפאָלג! — האָט איינער געזאָגט.

— אייער ערפאָלג איז געוואַלדיג! — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— די לאַינס נאָך טיקעטס ביי אייער פּיעסע זיינען אומגעהויער־גרויס! — האָט אַ דריטער געזאָגט.

— איר ווייסט וואָס דאָס מיינט? — האָט אַ פּערטער עלטערער אַקטיאָר אויסגערופען — אַזאַ ערפאָלג נאָך אַזעלכע שלעכטע קריטיקען באַווייזט, אַז די קריטיקער ווייסען גאָרנית; באַווייזט, אַז דער עולם פאַרשטייט מער, און דאָס איז אַ באַווייז, אַז די פּיעסע וועט גיין יאָרען. אַז דאָס פאָלק זאָגט גוט אויף אַ פּיעסע, ווערט דאָס דער גרעסטער סוקסעס.

איך האָב פון די אַלע רייד געדרונגען, אַז איך האָב אַ גרויסען פינאַנציעלען ערפאָלג; אַז איך ווער רייך און איך אַליין וויים ניט דערפון, און מיין וויב ווייסט ניט דערפון. ווען זי וואָלט געוואוסט, וואָלט זי איצט שוין געזעסען אין קאַפּע „ראָיאַל". ווען זי וואָלט געהערט די אַלע מיינונגען, וואָלט זי געשעפּט אָהן אַ שיעור נחת. און דזשוליוס? וואָס טוט איצט דזשוליוס? מען קען שוין מסתמא צו אים מער ניט רעדען. ער מוז שרייען אויף אַלעמען. אַפילו ווען אימיצער וויל אים זאָגען, אַז ער איז קלוג און ווייסט אַלעס, לאָזט ער יענעם ניט אויסריידען און שרייט: „איך וויים מער פון אַלע קריטיקער!" און דער רעזולטאַט וועט זיין, אַז פּראָדיוסערס וועלען לויפען צו אים נאָך עצות. זיי וועלען אים אָנבאָטען די בעסטע שטעלעס. מ'וועט אים אַוועקשלעפּען קיין האָליוואוד, מ'וועט אים אַריינזעצען אין אַן אָפיס און ער וועט דאָרט שרייען. ער וועט אָנשטעלען מענשען און אַרויסוואַרפען. מ'וועט דאַרפען נוצען איינפלוס צו רעדען מיט אים אַ פּאָר ווערטער. דזשוליוס וועט ווערען דאָס וואָס ער האָט געשטרעבט צו ווערען — צו זיין אַ „ביג שאָט", צו שרייען אויף וואָס מער מענשען. פרעגט זיך די פראַגע: פאַרוואָס קומט עס אים? ער ווייסט דאָך גאָרנית. ער קען דאָך גאָר־נית. און די פּיעסע — איז דאָך גאָרנית. טאָ וואָס איז דאָ געשען?

מיינע געדאַנקען ווערען איבערגעשלאָגען פון אַן אַקטריסע, וועלכע דערלאַנגט מיר די האַנט און זאָגט: „איך האָב נעכטען געזען אייער פּיעסע. איך האָב געקויפט אַ טיקעט מיט אַ פּאָר טעג צוריק. איצט קען מען ניט קריגען קיין טיקעטס פאַר די נעקסטע פּאָר טעג. דאָס טעאַטער איז געווען איבערגעפּאַקט. קעפּ אויף קעפּ. מ'איז געהאַנגען אויף די ווענט. איך געדענק שוין לאַנג ניט אַזאַ סוקסעס אויף בראָדוויי. און דאָס איז געווען אין אַ פּשוט'ען מאָנטאָג אָוונט. היינט שטעלט זיך פאָר וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן אין די אָוונטען פון ענדע וואָך! עס פרייט מיך זייער וואָס אונזערער אַ מענש האָט אַזאַ סוקסעס!"

עס איז איצט שוין ביי מיר ניט געווען קיין שום צווייפעל, אַז „דער בלאָנדער מלאך" איז גאָר אַ גרויסער ערפאָלג. איך האָב געבעטען ענטשולדיגונג און בין אַוועק אין אַ טעלעפאָן בודקע אָפּצורופען מיין ווייב און איר אָנזאָגען די בשורה, אַז די פּיעסע איז דער גרעסטער ערפאָלג, אַז קאַפּע „ראָיאַל" גייט אויף רעדלאַך, מען גראַטולירט מיך נאָכאַנאַנד. איך האָב באַשלאָסען דאָס איר צו זאָגען ביסלעכווייז, כדי זי זאָל פאַר שמחה חלילה ניט אַוועקפאַלען.

— העלאָו, — האָב איך געזאָגט.

— העלאָו! וואו ביסטו? ביי דיין ברודער? — פרעגט זי.

— איך בין אין קאַפּע „ראָיאַל" — זאָג איך.

— אין „ראָיאַל"? — שרייט זי — איך האָב דיך דאָך געבעטען ניט צו גיין אין „ראָיאַל". וואָס דאַרפסטו, אַז דיינע פריינד זאָלען דיך שטעכען מיט זייערע בליקען?

— קיינער שטעכט מיך ניט — זאָג איך — זיי...

— דו פאַרשטייסט ניט קיין מענשען — זאָגט זי — דו ביסט אַ שרייבער, אָבער מענשען קענסטו ניט. זיי האָבען געבעטען גאָט אויף דיין דורכפאַל.

— לאָז מיך דיר ערקלערען — זאָג איך — „דער בלאָנדער מלאך"...

אָבער זי האָט מיך ניט געלאָזט קומען צום וואָרט.

— דו האָסט ניט געדאַרפט גיין אין „ראָיאַל" — האָט זי געשריען — און איך וויל ניט הערען קיין שום תירוצים, גוד־באַי!

זי האָט אויפגעהאַנגען דעם רעסיוועׂר.

איך האָב זי נאָכאַמאָל אָפּגערופען:

— העלאָו!

— העלאָו! דו ביסט שוין ווידער דאָ? — זאָגט זי — איך וויל ניט קיין תירוצים. דו ביסט אַ שלומיאל און — — —

— דער „בלאָנדער מלאך" איז אַ גוואַלדיגער ערפאָלג — זאָג איך.

— דו ווילסט זיך רייצען מיט מיר, מיך קיבעצען אויפ'ן טעלעפאָן? גוד־באַי! — האָט זי געזאָגט און ווידער אויפגעהאַנגען דעם רעסיוועׂר.

איך האָב זי ווידער גערופען און געשריען:

— העלאָו! איך קיבעץ ניט. עס איז אמת. די פּיעסע איז אַ גרויסער ערפאָלג. קום אין קאַפּע „ראָיאַל" וועסטו הערען — האָב איך געשריען און איר מער ניט געגעבען קיין געלעגענהייט מיר איבערצושלאָגען.

— דו מיינסט עס? — זאָגט זי.

— עס איז ריכטיג — זאָג איך — קום שוין צולויפען! קום! „ראָיאַל״ טומעלט! אַ גרויסער סוקסעס!

— דו ביסט אַ דאַרלינג — זאָגט זי — איך קום שוין.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מיין פרוי איז אַריין אין „ראָיאַל״. זי האָט באַלד דערקענט אין אַלעמענ׳ס פּנים׳ער, אַז איך האָב זי ניט אָפּגענאַרט. זי האָט געשפּילט די ראָלע פון אַזאַ וואָס ווייסט שוין פון לאַנג אַז ס׳איז אַ סוקסעס.

זי האָט באַלד גערעדט מיט אַן אַקטריסע וועגען אַ מינק קאָוט. די אַקטריסע האָט איר געזאָגט, אַז מינק איז דאָס יאָר זייער טייער. נעקסטען יאָר וועט אפשר קאָסטען ביליגער. מיין ווייב האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט ניט וואַרטען. געלט שפּילט ביי איר קיין ראָלע ניט. וואָס איז געלט? מען ווערט עפּעס געבוירען מיט געלט? מען פאַרדינט, דאַרף מען עס אויסגעבען. נאָר אויסגעבען!

איך האָב מיין ווייב גערופען צו גיין אין טעאַטער צו זען מיט די אייגענע אויגען צי איז דער ערפאָלג טאַקע אַזוי גרויס ווי מען זאָגט.

מיר זיינען געגאַנגען.

אין טעאַטער. עס איז טאַקע איבערגעפּאַקט. עס איז שוין געווען ביים שלוס פון צווייטען אַקט. דזשוליוס׳ען האָב איך דאָרט ניט געזען. איך האָב ניט געטראָפען קיינעם וואָס איך קען. דער קעשיר פון באָקס אָפיס איז אויך שוין געווען אַוועק. איך האָב ניט געהאַט מיט וועמען צו רעדען וועגען דער אורזאַך פון ערפאָלג.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דער לעצטער סצענע פון דער פּיעסע. זי האָט געקלונגען אַזוי נאַריש און אַזוי אידיאָטיש ווי אַלע מאָל. קיין באַגייסטערונג ביים עולם האָב איך ניט געזען. וואָס איז דאָ? פאַרוואָס איז די פּיעסע אַן ערפאָלג? וואָס האָט פּאַסירט?

מיינע צוויי הינט

נאָכדעם ווי איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגען געזען, אַז מיין פּיעסע איז אַן ערפאָלג, אַז דאָס טעאַטער, וואו מען שפּילט דעם „בלאָנדען מלאך", איז איבערגעפּאַקט, האָב איך אַ האַלבע נאַכט זיך געוואָרפען אויף מיין בעט און ניט געקענט איינשלאָפען.

ווי איז דאָס מעגליך, האָב איך געקלערט, אַז אַ פּיעסע, וועלכע געפעלט ניט די קריטיקער, ניט די אַקטיאָרען, ניט דעם פּאַרפאַסער, ניט דעם עולם, קיינעם ניט, אַחוץ איינעם, דזשוליוס׳ען, זאָל זיין אַן ערפאָלג? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין בראַדוועי?

איך בין ענדליך איינגעשלאָפען, און מיר חלומ׳ט זיך, אַז מיין פּיעסע, דער „בלאָנדער מלאך", רעגענט אויף מיר מיט געלט. האָליוואוד קויפט דאָס רעכט פאַר מואוויס; לאָנדאָן קויפט דאָס רעכט פאַר בינע און מואוויס. רוסלאַנד, פראַנקרייך, שוועדען, האָלאַנד, בעלגיע — אַלע שיקען זיי פאַרטרעטער מיט דעפּאָזיטס פאַר׳ן רעכט פון מיין פּיעסע. איך ווער מיט יעדען טאָג אַלץ רייכער און רייכער.

אָט וואוין איך אין אַ פּאַלאַץ: ביי מיין טויער שטייען צוויי דינער, מיט צוויי גרויסע הינט. ווער עס וויל אַריינקומען צו מיר מוז פריער דורכגיין די הינט. דערנאָך רעדען מיט אים מיינע צוויי דינער, באַטאַפּען אים צי ער האָט ניט ביי זיך אַ רעוואָלווער. אויב ער האָט אַ שטעקען מוז ער אים געבען זיי צו האַלטען. דערנאָך לאָזט מען אים צו צו מיין סעקרעטאַר, וועלכער אינטערוויוט אים, שטעלט אים פאַרשידענע פראַגען, ווי ווען ער איז געוואָרען אַ סיטיזען, צי ער איז געווען אַרעסטירט, צי ער איז אַמאָל געווען באַנקראָט, צי לעבט ער גוט מיט זיין ווייב, צי שפּילט ער אויף פערדלעך, צי שפּילט ער קאָרטען, צי טרינקט ער שנאַפּס אָדער וויין, צי איז ער אַ וועגעטאַריאַנער. ווען מיין סעקרעטאַר „אָקעיט" אים, לאָזט מען אים אַריין צו מיר.

איז זיץ איך אַזוי אויף אַ ראָקינג־טשער און הוידע זיך. מיין בייכעל (איך האָב שוין געקראָגען אַ היבש בייכעל) שאָקעלט זיך. איך קוק אַרויס דורכ׳ן פענסטער. איך זע ווי עס גייט מיינער אַ לאַנדסמאַן. איך האָב אים שוין יאָרען לאַנג ניט געזען. ער איז מיינער אַ יוגענט פריינד. איך דערקען אים. ער איז אַ פּליכטלינג. ער איז ניט לאַנג אין אַמעריקע. ער האָט מיר געשריבען, אַז ער וועט קומען צו מיר. ער גייט זייער לאַנגזאַם. ער האָט מורא פאַר די הינט. די הינט קוקען אים אָן און ער אַנטלויפט. די הינט לויפען אים נאָך (הינט האָבען פיינט פליכטלינגע). ער שרייט: „גוואַלד!" איך לויף אים ראַטעווען. איך קום אַרויס, ליגט מיין לאַנדסמאַן אַ צוביסענער און די הינט שטייען צופרידענע, וואָס זיי האָבען נאָך זייער מיינונג, אָפּגעטאָן אַ גוט שטיקעל אַר־ בייט.

— צוויי הינט מוזטו עס האָבען! — שרייט צו מיר מיין לאַנדסמאַן — איינער איז דיר ווייניג? ווי קומען צו דיר הינט? אַנדערש ביסטו ניט געוואוינט פון דער היים?!

איך וויל זיך פאַרענטפערען. אָבער מיין צונג איז צוגעקלעפּט צום גומען. איך קען ניט רעדען.

מיין לאַנדסמאַן מוסר׳ט מיך און איך קען ניט ענטפערען. איך רייס מיין צונג, איך וויל שרייען. ענדליך געלינגט מיר און איך שריי אויס: „גוואַלד, איך וויל ניט זיין קיין מיליאָנער מיט הינט! איך וויל ניט!"

מיט דעם געשריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און געזען, אַז איך דאַרף ניט שרייען. איך בין נאָך ווייט פון זיין אַ מיליאָנער. איך ליג אין בעט, אין מיין היים, אָן הינט, און — דערווייל האָט מען מיר נאָך אַפילו ניט באַצאָלט פאַר די ראָיאַלטיס וואָס עס קומט מיר פאַר מיין פּיעסע.

אין דער פרי האָב איך זיך אָוועקגעלאָזען אין דזשוליוס׳עס אָפיס אויסצוגעפינען פאַרוואָס דער „בלאָנדער מלאך" איז אַן ערפאָלג און אין דערזעלבער צייט מאָנען די ראָיאַלטיס.

איך קום צו דזשוליוס׳עס אָפיס. איך טרעף דאָרט רודאָלף׳ן. דזשוליוס איז ניטאָ.

איך פרעג אויף דזשוליוס׳ען. רודאָלף ענטפערט מיר, אַז ס׳איז מעגליך דזשוליוס זאָל באַלד קומען, און ס׳איז מעגליך, אַז ער זאָל אינגאַנצען היינט ניט קומען. ער איז לעצטענס זייער צודרייט און ווייסט ניט וואָס ער טוט.

— פאַרוואָס איז ער אַזוי צורודערט? — פרעג איך אים. — פון דעם ערפּאָלג?

— יאָ, פון דעם גרויסען ערפּאָלג — זאָגט ער און שמייכעלט.

זיין שמייכעל איז מיר ניט געפעלען. אָבער דזשוליוס איז פּלוצלונג אַריינגעקומען, מיך אַפילו ניט באַגריסט, און איז אַריין אין זיין אַנדער צימער.

מיך האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסען. און אַז אַ מענש האָט אַן ערפּאָלג טאָר ער שוין מיט קיינעם ניט ריידען? איך האָב אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. ער האָט געעפענט די טיר און פרעגט מיך, „וואָס ווילט איר?" ער פרעגט מיך אַזוי, ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדער מענש. ער קען מיך גאָרניט. איך באַשליס מער ניט צו שווייגען.

— דזשוליוס — זאָג איך אין אַ זייער שטרענגען טאָן, — איך וויל — איך בין געקומען מאָנען מיינע ראָיאַלטיס. איך גלויב, אַז עס איז שוין צייט מיר צו באַצאָלען. איך האָב געוואַרט. אויפן ראָוד האָט מען ניט געצאָלט. אָבער איצט איז די העכסטע צייט! איצט וויל איך געלט. איצט —

— פאַרוואָס קומט אייך ראָיאַלטיס? — פרעגט ער. — גיב אים געלט!

איך קוק אים אָן פאַרוואונדערט.

— צו אייער פּיעסע האָט מען דערלייגט אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר. מען האָט דער פּיעסע געגעבען די שענסטע מיידלעך, די בעסטע סאָנגס, די פיינסטע טענץ. אַלץ כדי אייך צו מאַכען באַרימט, און איר מאָנט ראָיאַלטיס? — האָט ער גע'טענה'ט.

— איך בין אייך מוחל די באַרימטקייט, דעם כבוד, וואָס מען קריגט פון דער פּיעסע, — זאָג איך. — איך וויל ראָיאַלטיס!

— איצט ווילט איר ניט קיין כבוד — זאָגט ער — איצט, ווען די קריטיקער האָבען פיינט די פּיעסע, דער עולם וויל ניט קומען, ווילט איר ראָיאַלטיס?

— אָבער די פּיעסע איז דאָך אַן ערפּאָלג — זאָג איך.

— וואָס פאַר אַן ערפּאָלג? — זאָגט ער. — מר. טראָפּ האָט אויסגעקויפט אַלע טיקעטס פאַר דער גאַנצער וואָך און זיי צוטיילט אומזיסט צו זיינע קרובים, פריינד און לאַנדסלייט. די לאַינס וואָס מען זעט ביים טעאַטער זיינען מר. טראָפּ'ס פריינד, וועלכע קומען צום באָקס־אָפיס נאָך די פרייע טיקעטס. מען קאָן טאַקע הייַנטיגע וואָך ניט קריגען קיין בילעטען פאַר געלט. אָבער וואָס וועט זיין קומענדע וואָך? נעקסטע

וואָך לאָזט מר. טראַפּ אַראָפּ די פּיעסע אויף אייגענע קעסט. די אויס־גאַבען זיינען אומגעהייער גרויס וואָס וועט זיין?

— נעקסטע וואָך — האָט דזשוליוס ווייטער ערקלערט — וועט די פּיעסע דאַרפען גיין אויף אירע אייגענע שוואַכע פיס. האָט זי דען כח? אויב די איינגאַמען וועלען מיט יעדער פאַרשטעלונג ווערען גרעסער כאָטש מיט איין דאָלאַר, וועט מר. טראַפּ געבען נאָך געלט צו לאָזען די פּיעסע לויפען ווייטער. טאָמער וועלען די איינגאַמעס אַרונטערפאַלען מיט בלויז איין דאָלאַר, פאַרמאַכט ער די פּיעסע. וואָס איר דאַרפט טאָן נעקסטע וואָך איז, ספּענדען געלט און קויפען טיקעטס, וואָס מער טיקעטס, צו צייגען מר. טראַפּ׳ן, אַז די פּיעסע ברענגט געלט. איר דאַרפט נעקסטע וואָך רופען דורכ׳ן טעלעפאָן דאָס טעאַטער, זיך רעזערווירען טיקעטס פאַר אַ וואָך שפּעטער. זאָל מר. טראַפּ זען, אַז ס׳איז דאָ אינטערעס אין דער פּיעסע. זאָלען אייערע פריינד נאָכאַנאַנד רופען דאָס טעאַטער און פרעגען, פרעגען וועגען „בלאָנדען מלאך". זאָלען אייערע פריינד שיקען בריף צום טעאַטער און לויבען די פּיעסע. מיינע פריינד וועלען עס אויך טאָן. דאָס וועט איבערצייגען מר. טראַפּ, אַז די פּיעסע קען ווערען אַן ערפאָלג. און איר מאָנט גאָר ראָיאַלטיס? איר דאַרפט אַרבייטען, שרייבען בריף, קויפען טיקעטס —

— איך זאָל נאָך, הייסט עס, צוצאָלען? — זאָג איך.

— יאָ! — האָט דזשוליוס געשריען — יאָ, צוצאָלען. איר זייט דער שולדיגער! איר זייט שולדיג אין דעם וואָס מענשען האָבען פאַר־לוירען אַזוי פיל געלט אין אייער פּיעסע! איר זייט שולדיג וואָס אַזוי פיל מענשען זיינען איצט אין געפאַר צו פאַרלירען זייער ברויט! ווען אייער פּיעסע וואָלט געווען אַ גוטע פּיעסע, וואָלטען מיר דאָך אַלע רייך געוואָרען! איז זי דאָך אָבער אַ פאַסקודנע פּיעסע. צו וואָס שרייבט איר פּיעסען, אַז איר קענט ניט? פאַרוואָס מאַכט איר אומ־גליקליך מענשען?

ער האָט געשריען אויף די העכסטע קולות. איך האָב געעפענט די טיר, בין אַרויס, איבערלאָזענדיג אים אין מיטען די געשרייען.

אַן אויטאָמאָביל פאָרט מיך איבער

איך בין געגאַנגען שנעל. איך בין געלאָפען איבער די בראָדוועיער גאַסען. דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, ווי אַלע העלדען פון „בלאָנדען מלאך״ צוזאַמען מיט די כאָריסטקעס טאַנצען אַ קאַראַהאָד און שלעפען מיך אַריין אין דער מיט, און שפּרינגען, טאַנצען מיט מיר.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגען אויף אַ בעט אין אַ האָספּיטאַל. איך האָב געפילט אַזוי רוהיג, אַזוי גליקליך. איך האָב ביי מיין לעבען ניט געפילט אַזוי אויסגערוט און אַזוי גוט. עפּעס אַזאַ ליבע רוהיגקייט. וואָס איז דאָס? די אייביגע רו. דער טויט. איך בין, הייסט עס, טויט. עס איז אַזוי גוט צו זיין טויט. פאַרוואָס האָבען מענשען מורא פאַר׳ן טויט? זיי ווייסען ניט ווי גוט דאָס איז. ווען זיי וואָלטען דאָס געוואוסט, וואָלטען זיי אַלע אויף זיך געבעטען דעם טויט. דאָס לעבען איז דאָך אַזוי פאַסקודנע. אַלעס וואָס איך געדענק פון לעבען איז בלויז זאָרג, טומעל אומרוהיגקייט. אַי איז גוט צו זיין טויט! ווען בין איך געשטאָרבען? ווען איז געווען מיין לויה? איך געדענק ניט. ס׳איז גוט וואָס איך געדענק ניט. וואָס דאַרף איך זיך דערמאָנען אָן די אַלע שלעכטע זאַכען? דוכט זיך מיר, אַז איך האָב אַמאָל געהאַט אַ זון, יאָ, אַ זון. ער איז אין דער אַרמיי. ער שלאָגט זיך איצט מיט היטלער׳ן (עס איז דאַמאָלס געווען אין ברען פון דער מלחמה). ווען ער וועט געוואויר ווערען וועגען מיין טויט, וועט אים שטאַרק ווי טאָן. איך האָב מיט מיין טויט געדאַרפט וואַרטען ביז ער וועט צוריקקומען פון דער מלחמה. ווען איך וואָלט אים געקענט שרייבען, ווי גוט ס׳איז מיר איצט, ווי גוט עס איז צו זיין טויט, וואָלט ער געפילט אַ סך לייכטער. אָבער אַזוי ווייט ווי איך געדענק שרייבען טויטע ניט קיין בריף, אָדער אפשר שרייבען זיי, נאָר עס קומט ניט אָן. ניטאָ נאָך קיין פּאָסט־פּאַרקער צווישען דער און יענער וועלט.

אַרום מיר ליגען נאָך מענשען. קיינער פון זיי רירט זיך ניט. מסתמא אויך מתים. מיר פאַלט איין, זיך דורכצורעדען מיט זיי, הערען וואָס זיי האָבען צו זאָגען. זיי זיינען שוין מסתמא לענגער טויט, ווייסען זיי מער פון מיר. איך בין דאָך אַ גרינער מת.

„ליבע מתים", וויל איך צו זיי אַ זאָג טאָן און זעץ זיך אויף. מיין קאָפּ הויבט זיך אָן דרייען און איך נעם ברעכען. פאַרשטיי איך שוין, אַז איך בין ניט טויט, ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז אַ טויטער זאָל ברעכען.

אַ נוירס, אַ שיינע נוירס, קומט צו צו מיר, ערקלערט מיר, אַז איך טאָר ניט זיצען, אַז איך מוז בלייבען ליגען. זי דערציילט מיר, אַז אַן אָטאָמאָביל איז מיך איבערגעפאָרען, אַז דאָס האָט פּאַסירט אויף בראָדוועי, אַז איך בין געווען שעה'ן גאַנצע באַוואוסטלאָז.

***

איך בין געלעגען אַ לענגערע צייט אין האָספּיטאַל. עס איז מיר דאָרט געווען זייער פריילין. די דאָרטיגע פּאַציענטען זיינען לוסטיגע מענשען. זיי זיינען אַלע קרבנות פון אָטאָמאָביל עקסידענטען. ווען מען האָט איינעם אַרונטערגענומען אַ פוס האָט ער געזאָגט: „זאָל זיין אַן אַ פוס, אַבי איך לעב!" ווען מען האָט איינעם אָפּגעשניטען אַ האַנט, האָט ער געזאָגט: „אַ כפרה די האַנט, אַבי איך לעב!" מיר האָט דער אויטאָמאָביל צוהאַקט דעם קאָפּ. איך האָב ניט געקענט זאָגען: „אַ כפרה מיין קאָפּ, אַבי איך לעב!" איך בין דערפאַר געווען דער אומעטיגסטער צווישען זיי. איך האָב זיך געפילט זייער גוט אין זייער געזעלשאַפט. קיינער האָט ניט געוואוסט וועגען מיין פּיעסע „דער בלאָנדער מלאך", קיינער האָט אַפילו ניט געוואוסט צי איך בין אַ שרייבער. מען האָט דאָ קיינעם ניט געפרעגט וועגען זיין פּראָפעסיע אָדער נאָמען. מען האָט יעדען גערופען נאָך זיין עקסידענט. „דער מיט דעם צובראָכענעם פוס", „דער אָן אַ האַנט!" מיך האָט מען גערופען „דער מיט דעם צובראָכענעם שאַרבען!"

איינמאָל איז צוגעקומען צו מיר די נוירס, די שיינע נוירס, מיר געגעבען אַ גלעט און געזאָגט מיט אַ שמייכעל: „איך ווייס ווער איר זייט. איר זייט אַ שרייבער. אייער פּיעסע שפּילט מען אויף בראָדוועי". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט איר דערציילט מיין ווייב. צו וואָס האָט זי דאָס געדאַרפט טאָן?

— יאָ, — האָב איך צוגעגעבען, — איך בין אַ שרייבער.

זי האָט מיר געגעבן נאָך אַ גלעט און געזאָגט: „איך בעט אייך, גיט מיר אַ „פּעס״, צום „בלאָנדען מלאך״. שרייבט אָן אַ פּאָר ווערטער, וועט מען מיר שוין אין באָקס־אָפּיס געבען צוויי בילעטען.

מיר איז געוואָרן שווער אָפּצוזאָגען. זי האָט אַליין אויסגעזען ווי אַ בלאָנדער מלאך.

זי האָט אָנגעשריבען דעם „פּעס״. איך האָב עס אונטערגעשריבען.

איך האָב זיך דערנאָך שטאַרק געזאָרגט. ווער ווייסט צי מען וועט איר געבען טיקעטס אויף מיין „פּעס״. זיכער ניט. אַז דזשוליוס וועט זיין אין באָקס־אָפּיס, וועט ער נאָך זאָגען דער נוירס, אַז איך בין אַ שלומיאל און איך האָב ניט קיין רעכט צו געבען „פּעסעס״.

איך האָב געפילט ווי צו זאָגען דער נוירס, אַז מיין „פּעס״ טויג ניט, אַז מיין פּיעסע טויג ניט. אָבער זי האָט, זייט זי האָט געקראָגען דעם „פּעס״ פון מיר, צו מיר אַזוי זיס געשמייכעלט. יעדעס מאָל ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען האָט זי צו מיר געגעבען אַ שמייכעל, צו מיר מער ווי צו אַלעמען. איך האָב אָט די שמייכלען ניט געוואָלט פאַרלירען.

מאָרגען פרי, מען ברענגט מיר אַריין אַ „טאַימס״. איך טו אַ קוק אין די טעאַטער נייעס. איך לייען: „דער בלאָנדער מלאך״ האָט נעכטען אָוועגט זיך געשלאָסען. די פּראָדיוסערס, וועלכע האָבען געפירט אַ קאַמף געגען די קריטיקער, האָבען דעם קאַמף פאַרלוירען. עס האָט זיי דער לוקסוס געקאָסט אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר״.

איך האָב דאָס דערלאַנגט דער נוירס. זי האָט איבערגעלייענט דעם נאָטיץ און אויסגעדריקט סימפּאַטיע צו מיר. „אַ שאָד!״ האָט זי געזאָגט.

די נוירס האָט צו מיר שוין מער ניט געשמייכעלט אַזוי זיס. אָבער איך האָב געפילט לייכטער. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצען. מען וועט ביי מיר מער ניט בעטען קיין „פּעסעס״ פאַר׳ן „בלאָנדען מלאך״.

קיין תל אָביב פאָר איך

רייזע-איינדרוקען

מיין רייזע קיין מדינת ישראל

איך האָב באַזוכט ישראל צוריק מיט דריי יאָר, אין יאָר 1948, ווען ישראל איז ערשט געוואָרען אַ מדינה, און איז נאָך געווען אין קריג מיט די אַראַבער.

מיינע רייזע איינדרוקען, וועלכע איך האָב געשריבען אין „פאָרווערטס״, און וועלכע ערשיינען אין דעם בוך, זיינען געשריבען געוואָרען אין יענער שווערער און אינטע־רעסאַנטער צייט.

ווען איך בין אָנגעקומען אין ישראל האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מיין גאַנצע רייזע איז אַ חלום, אַז איך בין אין ניו יאָרק און מיר חלומ׳ט זיך אַ מעשה ווי איך פאָר מיט פליטים, אויף אַן אימיגראַנטען שיף, און קום אָן אין מדינת ישראל, און זע אַ וואונדערבאַרע אידישע אַרמיי, מיט אַ פּאַרלאַמענט, מיט טייערע ליבע אידען. בלויז אין חלום קען מען אַזוינס זען. איך האָב פון דעם חלום זיך ניט געוואָלט שיידען.

מיט פופצען יאָר צוריק, אין 1936, האָב איך באַזוכט מיין געבורטס שטעטעל, סקאַלאַ, אין גאַליציע.

אויך דאָרט האָב איך געמיינט, אַז מיין רייזע איז אַ חלום. איך האָב געמיינט, אַז איך בין אין ניו יאָרק און מיר חלומ׳ט זיך, אַז איך בין אַריין אין אַ בלאָטיג שטעטעל, וואו אַלע מיינע לאַנדסלייט טרינקען זיך און שרייען: ראַ־טעוועט!

אין תל אביב האָבען מיינע קרובים און מיינע לאַנדס־לייט פון מיר פאַרלאַנגט בלויז איין זאַך: ליבע צו מיין פאָלק און צו דעם אידישען לאַנד. ניט קיין מתנות, ניט קיין געלד, נאָר ליבע.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין תל אביב פון טבריה, און איך האָב פאַר מיין קוזין געלויבט די שיינקייט פון טבריה, האָט ער געגעבען אַ גליקליכען שמייכעל, און זיין ווייב, מיין קוזינע, האָט געשמייכעלט, און זייערס אַ מיידעלע, פון אַ יאָר צען, האָט אַ זאָג געטאָן אויף העברעאיש: „ער געפעלט מיר". זיי האָבען זיך אַלע געפרייט וואָס מיר גע־פעלט טבריה.

ווען איך האָב אַ זאָג געטאָן צו מיין קוזינע אין ירו־שלים, אַז ירושלים האָט מיך פאַרכאַפּט, אַז איך וואָלט געוואָלט ווידער אַהין קומען, האָט זיך אויף איר פּנים באַוויזען יענער גליקליכער שמייכעל, וואָס איך האָב געזען ביי מיינע קוזינס, ווען איך האָב געלויבט טבריה, און איר מאַן האָט מיר געגעבען אַ לייכטען קלאַפּ אין פּלייצע, ווי ער וואָלט געזאָגט: „אָט דער קרוב געפעלט מיר!".

אין ירושלים האָט מען מיך באַקענט מיט אַ פאַר־וואונדעטען סאָלדאַט, וועלכער האָט פאַרלוירען זיינע פיס אין קריג. מען האָט אים געזאָגט, אַז איך בין פון אַמעריקע,

און בין אַ שרייבער, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ וואַרימע האַנט און געזאָגט: — „שלום! איך בעט אייך, קוקט מיט גוטע אויגען אויף ישראל. טאָמער זעט איר דאָ חסרונות, זיינען דאָס אונזערע חסרונות. אידישע חסרונות. מיר האָבען אויך מעלות, גרויסע מעלות, וואָס פאַרדעקען די חסרונות. מיר האָבען אַ טייערע יוגענט, אַ וואונדערבאַרע אַרמיי וואָס גייט אין פייער אַריין מיט געזאַנג. פיאָנערען, וועלכע האָבען אויפגעבויט דאָס לאַנד און געמאַכט מעגליך, אַז עס זאָל זיין אַ היים פאַר אידען. אַז איר וועט אַזוי קוקען, וועלען די חסרונות אונזערע פאַרשווינדען ווי זייפען־בלאָזען".

אין מיין היים־שטעטעל האָבן מיינע קרובים און פריינד פון מיר געוואָלט צוערשט וויסען ווי רייך איך בין.

ווען איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז איך בין ניט רייך, האָבען זיי אַראָפּגעלאָזען די קעפּ, אויסגעזען אַנטוישט און פאַרצווייפּעלט, ווי איינער רעדט: מיר האָבן ניט קיין מזל. קומט שוין צו אונז אַ קרוב פון אַמעריקע, איז ער ניט קיין מיליאָנער.

— זאָגט זיי דאָרטען, אין אַמעריקע, ווי ביטער עס איז דאָ אונזער לעבען. מילא, איך וועל זיך שוין אָפּמוטשען דאָ די פאָר יאָר — האָט צו מיר דאָרט געזאָגט איינער פון מיינע לאַנדסלייט — אָבער וואָס וועט זיין מיט מיינע קינדער? פאַר זיי איז דאָ נישטאָ קיין צוקונפט, קיין האָפנונג.

ווען מיינע לאַנדסלייט אין תל אביב האָבען זיך געזעגענט מיט מיר, האָבן זיי מיר אָנגעזאָגט: „קום צוריק אַהער און באַזעץ זיך דאָ, און ברענג מיט דיר נאָך אַמערי־קאַנער אידען!"

ווען מיינע לאַנדסלייט אין מיין שטעטעל האָבען זיך געזעגענט מיט מיר, האָבען זיי מיר אָנגעזאָגט: — בעט אונזערע אַמעריקאַנער קרובים, אַז זיי זאָלען אונז שנעל אַרויסראַטעווען פון דאַנען!

וואָס פאַר אַן אונטערשייד!

איך פאָר מיט געראַטעוועטע אידען

מאַרסעי, 28טען סעפטעמבער, 1948.

איך געפין ־זיך איצט אין מאַרסעי, אַ פראַנצויזישע האַפענשטאָט, וואו איך וואַרט אויף אַ שיף קיין ישראל.

איך האָב שוין לאַנג געקענט זיין אין תל אָביב, אָבער איך וויל אַריינפאָרען קיין ישראל צוזאַמען מיט די געראַטעוועטע פון היטלער׳ן, און צוליב דעם האָב איך געמוזט וואַרטען און איך האָב זיך ענדליך דערוואַרט... אין צוויי טעג אַרום, דאָנערשטאָג פרי, פאָרט אָפּ די שיף. עס איז מיר אָנגעקומען ניט לייכט. עס האָט מיך געקאָסט אַ סך מי. איך האָב פאַרלוירען אַ סך צייט. אָבער ס׳איז ווערט. ס׳איז אָן אַ שיעור מער ווערט ווי מיין מי, מיין צייט און געלט.

אויף דער שיף מיט מיר וועלען פאָרען איבער פיר טויזענט אידען, מייסטענס פון פוילען, אָבער אויך פון אַנדערע טיילען פון דער וועלט: פון טוניס, מאַראָקאָ, אַלזשיר, אַנטלאָפענע פון די אַראַבער פאַרפאָל־גונגען. אָבער די מייסטע זיינען היטלער־קרבנות: קינדער, וועמעס עלטערן זיינען אומגעקומען; עלטערן, וועמעס קינדער זיינען אומ־געקומען; אַ סך אידען זיינען געבליבען איינער פון אַ גאַנצער משפחה. אַזעלכע אומגליקליכע מענשען זיינען ניטאָ ביי קיין פאָלק אויף דער וועלט. אָבער איצט זיינען זיי אַלע גליקליך. זיי פאָרען קיין ישראל, אין דעם לאַנד פון זייערע אָבות.

איך האָב זיך באַגעגענט מיט אַ טייל פון זיי. איך האָב דערוויל באַזוכט איינעם פון די לאַגערן, וואו עס געפינען זיך עטליכע הונדערט פליטים. אויף דער שיף וועל איך זיך באַגעגענען מיט אַלע.

ווען איך בין אַריינגעקומען און מען האָט פאַר זיי אָנאָנסירט מיין נאָמען, אַ שרייבער, פון אַמעריקע און פון „פאָרווערטס״, איז געוואָרען צווישען זיי אַן אומגעהייערע שמחה. זיי זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעלאָפען:

אידען פון אַלע עקען פון דער וועלט. מען האָט גערעדט פויליש, דייטש, טשעכיש, אונגאַריש, אַראַביש, העברעאיש און מייסטענס אידיש. צווישען זיי האָט זיך געפונען אַ רב פון טוניס, אידישע קרעפטיגע אינגלעך פון אַלזשיר, מאַראָקאָ, גבורי ישראל.

זיי האָבען מיך אַלע באַגריסט מיט די פריינדליכסטע אידישע אויגען. די קינדערלעך האָבען געגלעט מיין אַמעריקאַנער רעקעל.

עס האָבען זיך געהערט אויסרופען אין פאַרשידענע שפּראַכען:

— אַמעריקע!

— אַ אידישער שרייבער!

— „פאָרווערטס״!

אַזוי פיל ליבליכע פריינדליכע אויגען האָב איך ביי מיין לעבען ניט געזען.

— פון אַמעריקע זיינט איר געקומען אונז זען! — האָט איין פרוי אויסגערופען באַגייסטערט — פון אַמעריקע!

— פון אַמעריקע! — האָט אַ צווייטער איד אויסגערופען — דאָס לאַנד וואָס העלפט אונז אַזוי פיל!

— בלייבט ביי אונז אויף מיטאָג! — האָט איינער פאָרגעשלאָגען.

— אַוודאי — האָב איך געזאָגט — אַוודאי. איך וועל עסען מיט אייך צוזאַמען.

— עס וועט ניט זיין אַזאַ גוטער מיטאָג ווי אין אַמעריקע — האָט איינער געזאָגט — אָבער דאָך.

— עס וועט זיין אַ בעסערער מיטאָג ווי אין אַמעריקע — האָב איך געזאָגט — איך וועל עסען מיט אַזוי פיל אידען וואָס פאָרען קיין ישראל.

ווען זיי זיינען געוואויר געוואָרען, אַז איך פאָר צוזאַמען מיט זיי אויף איין שיף איז זייער שמחה געוואָרען גאָר גרויס.

— לאַנג לעבען זאָלט איר! — האָט אויסגערופען איין פרוי — איר וועט פאָרען מיט אונז צוזאַמען און שרייבען וועגען אונז און אונזערע אַמעריקאַנער קרובים, וועלען לייענען וועגען אונז, און אָפּנעמען אַ גרוס פון אונז.

— יאָ — האָב איך געזאָגט — איך וועל שרייבען וועגן אייך. איך וועל אויך אייערע נעמען דערמאָנען. איך וועל דורכ׳ן „פאָרווערטס״ העלפען אייערע קרובים זיך פאַרבינדען מיט אייך.

ברכות זיינען געפלויגען איבער מיין קאָפּ פון אַלע זייטען.

איך האָב זיך געפילט העכסט גליקליך. איך בין ניט קיין עושר, ניט קיין מעצענאַט, ניט קיין פּאָליטישען. איך בין בלויז אַ שרייבער,

און בלויז אַ אידישער שרייבער, און איך קען גליקליך מאַכען אַזוי פיל מענשען. ווער איז רייכער פון מיר?! איך האָב זיך אין דעם מאָמענט געפילט, אַז איך בין דער רייכסטער מענש אין דער וועלט.

איך האָב זיך געווענדעט צו איין חנ׳עווּדיג אינגעלע, וועלכער איז געשטאַנען און מיט גרויס ליבשאַפט געגלעט דעם עק פון מיין אַמעריקאַנער רעקעל, און אים געפרעגט:

— זאָג מיר, אינגעלע, וואו פאָרסטו?

ער האָט מיר געענטפערט:

— איך פאָר וואו אַלע אידען פאָרען.

ער פאָרט וואו אַלע אידען פאָרען! וואָס פאַר אַ נאַאיווער און וואונדערבאַרער ענטפער פון אַ קינד.

— אוי, וואָלט איך שוין געוואָלט זיין אין ארץ־ישראל! — האָט אַ צווייט קינד אויסגערופען.

אַזעלכע ליבע קינדערלעך און אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען אָן טאַטעס, אָן מאַמעס אָדער אין גאַנצען אָן קרובים. און עס זיינען פאַראַן נאָך אַזוי פיל שונאים, אַזוי פיל שטערונגען ניט אַריינצולאָזען אָט די קינדער קיין ישראל. פאַרוואָס? ווי קען מען דאָס פאַרשטיין?

טייערע, ליבע קינדערלעך! וואָס זאָל איך טאָן פאַר אייך? מער ווי פאָרען מיט אייך אויף איין שיף קען איך ניט.

אַ סך אין אַמעריקע און אויך אין פאַריז האָבען געזאָגט, אַז זיי זיינען מיך מקנא וואָס איך פאָר קיין ישראל. זיי האָבן געהאַט רעכט. עס איז דאָ מיט וואָס מיך מקנא צו זיין. איך פאָר אויף אַ שיף, וואו עס איז ניטאָ קיין באַקוועמליכקייט. אָבער איך וועל עס ניט פילען. איך וועל פילען בעסער ווי אויף דער בעסטער שיף, ווייל איך וועל פאָרען מיט אָט די קינדערלעך און מיט אידען, וועלכע זיינען די אומגליקליכסטע, אָבער אין דער זעלבער צייט די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט, ווייל זיי פאָרען קיין ישראל.

יאָ, פריינד מיינע, קאָלעגען מיינע, איך בין העכסט גליקליך. איר מעגט מיך מקנא זיין!

מיר האָבען זיך געזעצט עסען מיטאָג. דער מיטאָג איז באַשטאַנען פון פשוט׳ע געשמאַקע עסענס, ווי: באָרשט, וועדזשעטעיבעל־זופּ, קאַרטאָפעל, פלייש, טשיקען־זופּ און עפּעל. אַלע האָבען געגעסען געשמאַק מיט אַ געזונטען אַפּעטיט. איך האָב געגעסען צוזאַמען מיט זיי, אויך מיט אַפּעטיט.

— פאַר דעם עסען, פאַר אונזער אויפהאַלטען זיך דאָ, באַצאָלט דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט״! — האָט איינער מיר ערקלערט.

— ווער עס צאָלט דערפאַר זאָל זיין געבענטשט! — האָב איך געזאָגט.

— געבענשט זאָלען זיין די אַמעריקאַנער אידען! — האָט אויס־גערופען איין פרוי — זיי שיקען אונז אַפילו אַמעריקאַנער סיגאַרעטס — זיי זאָלען אַלע זיין געזונט!

— אָמן! — האָב איך נאָכגעזאָגט.

איך האָב זיך געפילט שטאָלץ אַלס אַן אַמעריקאַנער איד. די אַמעריקאַנער אידען האַלטען אויס די געראַטעוועטע פון היטלער׳ן. און איך זע עס. איר מעגט מיך מקנא זיין.

די פלייצע „אַמעריקע״

איך פאָר איצט אויף דער שיף „פאַן יאָרק״, אַ געוועזענע רומענישע פראַכט־שיף, וועלכע איז אָפּגעקויפט געוואָרען פון די אידען און פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין אַ טראַנספּאָרט־שיף.

איך פאָר צוזאַמען מיט איבער פיר טויזענט אידען.

די רייזע איז זייער אַ שווערע. די פירער פון דער אידישער אויסוואַנדערונג, ליבע האַרציגע מענשען, האָבען מיך געראַטען ניט צו פאָרען אויף דער שיף. זיי האָבען מיך געוואָרענט, אַז ס׳וועט זיין צו שווער פאַר מיר. זיי האָבען פאַר מיר געוואָלט אַראַנזשירען, אַז איך זאָל פאָרען מיט אַן אַנדער אידישער שיף, אַ בעסערע, די „קדמה״, וועלכע האָט אויך אַ צווייטען און אַן ערשטען קלאַס. אַנדערע האָבען מיר אָבער געזאָגט, אַז אויב איך וויל זען אַ סך אידען, און אַזעלכע וואָס פאָרען קיין ישראל זיך דאָרט צו באַזעצען, צו אַרבייטען, צו קעמפען, זאָל איך פאָרען מיט דער געוועזענער רומענישער פראַכט־שיף. זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז די רייזע מיט דער דאָזיגער שיף וועט זיין זייער אינטערעסאַנט. איך האָב אָנגענומען די עצה פון די לעצטע.

ביידע צדדים זיינען גערעכט. עס זיינען גערעכט די, וועלכע האָבען מיך געוואָרענט, אַז ס׳וועט זיין אַ שווערע רייזע; עס זיינען אויך גערעכט די, וועלכע האָבען מיר געזאָגט, אַז ס׳וועט זיין אַן אינטערעסאַנטע רייזע.

יאָ, עס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע רייזע.

די שווערקייט פון דער רייזע, די ענגשאַפט, די אומבאַקוועמליכקייט, דאָס האַרטע געלעגער, וועל איך פאַרגעסען, אָבער די אינטערעסאַנטקייט פון דער רייזע וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען. איך וועל דאָס דער־ציילען און דערציילען. איך וועל דאָס דערציילען מיינע קינדער, און מיינע קינדער וועלען עס דערציילען זייערע קינדער. איך וועל דאָס אין

איין טאָג ניט קענען דערציילען. איך וועל דאָס דערציילען ביסלעכווייז, ווען איך וועל האָבען צייט און געפינען מענשען וואָס האָבען צייט צו הערען. איך וועל זיי דערציילען פון דער רייזע, און אַזוי וועלען עס מסתמא טאָן די אַנדערע פּאַסאַזשירען, וועלכע פאָרען אויף דער שיף.

אָט די שיף פאָרט קיין ישראל און צוריק אַלע צוויי וואָכען. זי נעמט אַרויף אַזויפיל אידען וויפיל עס איז מעגליך, און נאָך מער ווי ס'איז מעגליך. ווייל מען ווייסט ניט וואָס דער מאָרגען וועט ברענגען. די צאָל אידען וואָס וואַרטען אין די לאַגערען צו פאָרען קיין ישראל, מיט וועלכער עס איז שיף, איז זייער גרויס.

אויף דער שיף פאָרען אידען פון אַלע טיילען פון דער וועלט: פון אַמעריקע, פון אַזיע, פון אַפריקע. עס איז ניטאָ אַ ווינקעל אויף דער וועלט, וואָס איז דאָ ניט פאַרטראָטען.

די גרעסטע צאָל באַשטייט פון יונגע מענער, פרויען און קינדער. זיי פאָרען אַרבייטען, אויפבויען און פאַרטיידיגען דאָס לאַנד.

אַ טייל אידען פאָרען קיין ישראל צו קרובים, אָבער די מערסטע פאָרען צום לאַנד, צום אידישען לאַנד. זיי פאָרען אָן אַ באַשטימטען אַדרעס. זיי האָבען ניט קיין קרובים אין קיין לאַנד. זיי פאָרען צום לאַנד פון זייערע עלטערען. זיי פאָרען קיין ישראל. עס פאָרען אויך רעקרוטען, סאָלדאַטען, אידישע בחורים פון אַלע לענדער צו קעמפען. מען פירט אויך אַמוניציע.

מען הערט דאָ רעדען פאַרשיידענע שפּראַכען, כמעט אַלע לשונות פון דער וועלט. די הויפּט־שפּראַכען זיינען אָבער אידיש און העברעאיש.

אָט הער איך רעדען ענגליש מיט אַ לאָנדאָנער אַקצענט. דאָס רעדען אַ גרופּע ענגלישע באָיס, וואָס ווילען צולייגען אַ האַנט צו דעם אויפבוי פון דער אידישער מלוכה.

אָט הער איך רעדען ענגליש מיט אַן אַמעריקאַנער אַקצענט. דאָס איז אַ גרופּע אַמעריקאַנער באָיס.

— מיר פאָרען פאַרטיידיגען דאָס לאַנד — זאָגט מיר איין אַמערי־קאַנער באָי.

— היטלער האָט די אידען אויסגעקוילעט ווי די שאָף — זאָגט אַן אַמעריקאַנער סטודענט, אַ געוועזענער לופט־פליער — זעקס מיליאָן אידען האָט ער אויסגעקוילעט, און קיינער האָט זיך פאַר זיי ניט אָנ־גענומען. איצט נעמען מיר, אַמעריקאַנער פליער, זיך אָן פאַר די איבערגעבליבענע.

אָט שטייט אַ גרופּע אינגלעך און מיידלעך און זינגען העברעאישע,

און אַראַבישע לידער. דאָס זיינען בחורים און מיידלעך פון טוניס, אַלזשיר און מאַראָקאָ.

זיי זעען אַלע אויס ווי אַראַבער.

איינער פון זיי, אַ בחור פון מאַראָקאָ, רעדט צו מיר אין ענגליש.

איך זאָג אים, אַז איך בין פון אַמעריקע.

ער גיט דאָס איבער צו די אַנדערע.

אַ טייל פון זיי ענטפערען מיט אַ טשמאָקע מיט די ליפּען, מיט אַ קוש.

— אַמעריקע! — זאָגען זיי מיט אַ קוש — אַמעריקע!

— זיי קושען אַמעריקע — ערקלערט מיר דער בחור פון מאַראָקאָ — ווייל אַמעריקע העלפט אונז, אידען. אָט אַלץ וואָס מיר וועלען עסען אויף דער שיף קומט דאָך פון אַמעריקע.

— וואָס פאַר אַ טייערע אידען עס זיינען די אַמעריקאַנער אידען — זאָגט ווייטער דער בחור פון מאַראָקאָ מיט באַגייסטערונג — די אַמעריקאַנער אידען זיינען אונזער פלייצע, אויף וועלכער מיר שפּאַרען זיך אָן. ווער ווייסט וואָס פון אונז וואָלט געוואָרען ווען מיר האָבען ניט די פלייצע־אַמעריקע?!

יציאת מצרים

איינע פון די פּאַסירונגען, וואָס די פּאַסאַזשירען וועלען דערציילען זייערע קינדער און די קינדער וועלען דערציילען זייערע קינדער, און אַזוי אין דורות און דורות שפּעטער, — איז, ווי אַזוי מען איז געפאָרען אויף דער דאָזיגער שיף.

מען וועט דאָס זאָגען אַזוי ווי מען זאָגט די הגדה אַלע פּסח ביים סדר. און נאָכדעם וועט קומען דער גאָט־געבענשטער דיכטער און דאָס אָנשרייבען, און דאָס וועט בלייבען פאַראייביגט, פּונקט ווי די הגדה וואָס מען זאָגט פּסח. עס וועט אפשר הייסען „הגדה של יציאת הלאַגערען".

אין אַ דאָנערשטאָג אָוועט איז דאָס געווען. מער ווי פיר טויזענט מענשען מיט פּעקלעך, אָנגעפּאַקט אין מער ווי הונדערט טראָקס, זיינען אָפּגעפאָרען פון די לאַגערען אַרום מאַרסעי.

מיר זיינען געפאָרען ווען עס איז שוין געווען גוט פינסטער, כדי ניט אויפצורייסען די אויגען פון דער באַפעלקערונג, אַז עס פאָרען אַזוי פיל אידען, קיין עין־הרע, מען זאָל ניט מיינען אַז עס איז אַן אינוואַזיע. מען איז געפאָרען אַזוי ווי מען איז, וואַרשיינליך, אַמאָל אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. אַלטע און יונגע, מענער און פרויען און קינדער. און עס איז שטיל. די קינדערלעך וויינען ניט. זיי האָבען מסתמא מורא צו וויינען, זיך אויסגעלערנט אין די לאַגערען ניט צו וויינען.

מיר זיינען געפאָרען איבער טאָל און איבער בערג. אַלעמאָל האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט און ווידער געפאָרען, לויט די געגעבענע סיגנאַלען. אַרום דריי שעה צייט זיינען מיר געפאָרען. ענדליך איז געקומען אונזער רייע. מיין טראָק האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען הייסט אונז אויסשטייגען און נעמען די פּעקלעך אין די הענט, און וואַרטען ביז מען וועט אונז הייסען גיין. עס איז שרעקליך פינסטער. מען קען די פינסטערניש

אָנטאָפּען. אַ מצרים־פינסטערניש. איך שטיי מיט מיינע פעקלעך. איך טראַכט: ווי וועל איך זען צו גיין אין דער פינסטערניש מיט די פעקלעך? דער דראַיוווער פון מיין טראָק זאָגט אונז אָן, אַז מיר וועלן דאַרפן גיין אַ צוויי־דריי גאַסען, ביז מיר׳ן קומען צו די פראַנצויזישע גרענעץ־באַאַמטע (קאַסטום אָפישעלס). איך קלער: וואו וועל איך נעמען כח צו טראָגן די פעקלעך אַזאַ לאַנגע שטרעקע און אין אַזאַ פינסטערניש? אָבער איך בין דאָך ניט דער איינציגער. פאַר מיר און נאָך מיר זיינען אַ ים מיט מענשען, צווישען זיי פרויען און קליינע קינדער. און מיט גרעסערע רענצלעך ווי מיינע. אַ טייל טראָגט גאַנצע קופערטס. וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע אידען, וועט אויך זיין מיט מיר — טרייסט איך זיך.

איך וויל זען דאָס בילד פון די מענשען, אָבער ס׳איז פינסטער. מען זעט ניט. און שטיל איז אויך. אָט אַזוי, טראַכט איך זיך, האָט געמוזט אויסזען יציאת מצרים. פונקט אַזוי שטיל און פינסטער, און מיט פעקלעך, און מיט פרויען און מיט קינדער אויף די הענט.

פלוצלונג האָט עמיצער פון אונזער גרופּע אויסגעשריען:

— מאַרשירען! אָבער לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג!

אין דריי שפּראַכען האָט ער דאָס אויסגערופען: אין אידיש, העב־רעאיש און פראַנצויזיש.

איך האָב אָנגעהויבען גיין און זיך אָנגעשלאָגען אין אַ שטיין. איך גיב נאָך אַ שפּאַן: ווידער אַ שטיין! כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט. איך קען ניט גיין אויף שטיינער ווען ס׳איז ליכטיג, טאָ ווי וועל איך גיין אין דער פינסטער? איך האָב אין דער מינוט געטראַכט, אַז אַריבערצוגיין דאָס שטיקעל וועג דאַרף מען גרעסערע ניסים ווי ביים אַרויסגיין פון מצרים. דאָרטען האָט מען פאַר זיי געשפּאָלטען דעם ים־סוף, דאָ דאַרף מען מאַכען פון פינסטערניש ליכט, און מען דאַרף מאַכען מעגליך, אַז ווייבער זאָלען קענען טראָגען פעקלעך, און קליינע קינדער איבער שטיינער. דערצו פאָדערן זיך גרעסערע ניסים.

ס׳האָבען טאַקע מיט אונז פּאַסירט ניסים, נאָך גרעסערע ווי אין מצרים. נאָכדעם ווי איך האָב געפּרואווט מאַכען נאָך אַ שריט און שוין געהאַלטען ביים פאַלען, בין איך אונטערגעכאַפּט געוואָרען פון הענט, וועלכע האָבען געהאַלטען סוירטש־לאַיטס און האָבען מיך גע־טראָגען צוזאַמען מיט מיינע פעקלעך. ענליכעס האָט אויך פּאַסירט מיט די אַנדערע. מענער, פרויען, קינדער און פעקלעך זיינען אַריבער־געטראָגען געוואָרען איבער די שטיינער און געבראַכט געוואָרען צו די גרענעץ־באַאַמטע.

מיר האָט אויסגעזען, אַז מיר זיינען געטראָגען געוואָרען פון מלאכים, וועלכע זיינען אָנגעקומען פונקט אין דער מינוט ווען מען האָט געהאַלטען ביים פאַלען. גאָט — האָב איך געטראַכט — וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געשטראָפט זיין פאָלק אין די לעצטע יאָרען, האָט ענדליך זיך דערבאַרעמט אויף זיי ווען זיי פאָרען אין לאַנד פון זייערע עלטערן.

ווען מיר זיינען שוין צוגעקומען צו די פראַנצויזישע גרענעץ־באַאַמטע האָב איך דערזען אַ ים מיט מענשען און איך האָב געטראַכט: ווען וועלען די באַאַמטע פאַרטיג ווערען מיט אַזויפיל מענשען? ווען זיי זאָלען יעדען איינעם שטעלען בלויז איין פראַגע, דאַרף דאָס נעמען אַ טאָג צייט. און טאָמער שטעלען זיי מער ווי איין פראַגע?

אָבער די פראַנצויזישע באַאַמטע זיינען, ווי עס ווייזט אויס, אויך געווען מלאכים. זיי האָבען ניט געשטעלט קיין פראַגעס. זיי האָבען בליק־שנעל אַלעמען דורכגעלאָזען און אונז באַגלייט מיט ליבע בליקען, ווי זיי וואָלטען זאָגען: „פאָרט, קינדערלעך פון ישראל, אַהיים, איר האָט זיך שוין גענוג אַנגעליטען!"

בלויז מיך האָט מען פאַרהאַלטען צוליב מיין אַמעריקאַנעם פּאַס־פּאָרט. איך בין דאָרט געווען דער איינציגער מיט אַ פּאַספּאָרט. מען האָט דערפאַר מיך אויסגעפרעגט.

אָבער ווער זיינען געווען די מלאכים, וועלכע האָבען געטראָגען אונז מיט אונזערע פעקלעך? ליבע, הייליגע מלאכים, וואו זייט איר?

ווען איך בין אַרויפגעקומען אויף דער שיף האָב איך ניט געקוקט אויף דעם גרויסען מגן־דוד, וואָס האָט געפלאַטערט אויף דער שיף און וועלכען פילע האָבען באַוואונדערט. איך האָב אַפילו ניט באַמערקט די אידישע פּאָליציי, וועלכע האָט אַלעמען אויסגעשטעלט אין אַ רייע און געהאַלטען אָרדנונג. איך האָב געוואָלט זען די מלאכים.

— ווער האָט אונז געטראָגען? — האָב איך אַלעמען געפרעגט.

מען האָט מיר אָנגעוויזען אויף אַ טייל פון זיי:

— דאָס זיינען אידישע בחורים, אידישע קינדער, וועלכע פאָרען פון אַלע טיילען פון דער וועלט קיין ישראל זיין סאָלדאַטען, און זיי האָבען עס געהאָלפען אַרויפברענגען די אידען אויף דער שיף.

— ווער ביסטו, אידיש קינד? — האָב איך זיך געווענדעט צו איין בחור.

— איך בין פון יוגאָסלאַוויע — האָט איינער געענטפערט — איך

האָב ניט קיינעם אויף דער וועלט. איך פאָר קיין ישראל און העלף אידען פאָרען אַהין.

אַ טייל זיינען געקומען פון ישראל צו העלפען אין דער אַרבייט.

דריי פון די אידישע קינדער, פון די מלאכים, האָבען מיר געזאָגט, אַז זיי זיינען אַמעריקאַנער סטודענטען. זיי פאָרען זיין סאָלדאַטען און העלפען אויפבויען דאָס לאַנד. זיי האָבען מיך געבעטען איך זאָל אָפּגעבען גרוסען זייערע עלטערן.

— טייערע אידישע קינדער — האָב איך צו זיי געזאָגט — געוויס וועל איך אָפּגעבען גרוסען אייערע עלטערן, און זיי זאָגען צו זיין שטאָלץ מיט אייך.

אויף דער שיף „פּאַן יאָרק"

מען האָט מיר פריער געזאָגט, אַז קיין באַקוועמליקייט וועל איך אויף דער שיף „פּאַן יאָרק" ניט האָבן. די שיף דינט בלויז פאַר דעם צוועק אַוועקצופירען אידען וואָס שנעלער קיין ישראל, און ניט זיי צו געבען באַקוועמלעכקייטען. אָבער, אַז זי זאָל זיין אַזוי אומבאַקוועם, האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט.

ווען איך בין אַריינגעקומען אינעווייניג האָב איך געזוכט צוויי זאַכען: אַ פּלאַץ וואו אַוועקצולייגען מיין פּעקעל און אַ בעטעל, וואו אַוועקצולייגען מיין קאָפּ. אָבער איך האָב דאָס ניט געפונען. וואָס איך האָב געטראָפען איז, אָנשטאָט בעטען, הילצערנע ברעטער. אַ לאַנג ברעט, און אַ ברעט איבער אַ ברעט, און די פּאָדלאָגע אונטער'ן ערשטען ברעט ווערט אויך גערעכענט פאַר אַ פּלאַץ. די פּעקלעך לייגט מען אַוועק מיט זיך. זיי נוצען אויף אָנצושפּאַרען זיך אויף זיי. איך האָב שוין געפונען מענשען ליגען אויף, און אונטער די ברעטער.

אַ מיידעל מיט אַן אָרעם־באַנד, וואָס ציייגט, אַז זי איז פון דער אידישער פּאָליציי, איז צוגעקומען צו מיר און געזאָגט אין אידיש: „קריכט אַרונטער!" זי האָט מיר אָנגעוויזען אויף אַ פּלאַץ אויף דער ערד, אונטער דעם ערשטען ברעט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם מקום מנוחה און מיר האָט אויסגעזען, ווי זי שיקט מיך אין דער ערד אַריין.

— פריילין — האָב איך צו איר אַפּעלירט — גיט מיר אַ פּלאַץ העכער, אויף אַ ברעט, ניט אויף דער ערד.

— די העכערע פּלעצער — זאָגט זי — זיינען פאַר פרויען און קינדער. איר קריכט אַרונטער וואו איך הייס אייך. קיין אַנדערען פּלאַץ וועט איר ניט קריגען.

איך האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער ערד, וואו זי שיקט מיך און געזאָגט:

— פריילין, דער פלאַץ איז ניט פאַר מיינע כחות.

— אויב איר ווילט מיך ניט פאָלגען — זאָגט זי, — גייט אַרונטער פון דער שיף, פאָרט מיט אַ צווייטער שיף, אַ בעסערע.

— וואָס רעדט איר? — זאָג איך — איך וואַרט שוין צוויי וואָכען צו פאָרען מיט דער שיף.

— אַנדערע וואַרטען שוין יאָרען צו פאָרען מיט דער שיף — זאָגט זי — און איר זייט ניט ביי מיר קיין יחסן.

— פריילין, — אַפּעליר איך צו איר, — איך בין אַן אַמעריקאַנער, מיר זיינען ניט געוואוינט צו שלאָפען אויף דער נאַקעטער ערד.

— אָ, איר זענט אַן אַמעריקאַנער, — זאָגט זי אין ענגליש — העלאָו אַמעריקע! איך בין אויך פון אַמעריקע. און איך וויל אייך זאָגען, אַז אין דער צייט ווען יענע מענשען האָבען זיך געמוטשעט און גע־וואַלגערט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָט איר אין אַמעריקע געפרעסען און געטרונקען; איר זייט נישט קראַנק צו ליגען דאָ, אָ, קריכט אַרונטער.

געגען אַזאַ אַרגומענט האָב איך נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און איך בין אַרונטערגעקראָכען.

— שאַלאָם! — האָט זיך מיט מיר געזעגענט די אַמעריקאַנער אידישע פּאַליציסטקע — שלאָפט געזונט. איך שלאָף אַליין אויך אויף אַזאַ פּלאַץ. אַמעריקאַנער האָבען כוח. שאַלאָם!

אַוועקלייגענדיג זיך הער איך אַ באַגריסונג פון אַ שכן פון רעכטס.

— שאַלאָם! „אני ממאַראָקאָ!" — שאַלאָם!

— ואני מאַלזשיר — האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט מיין שכן פון דער לינקער זייט.

— ואני מאמעריקע! — האָב איך זיך פאָרגעשטעלט.

— מאַמריקע! אַמעריקע! — האָבעןביידע אויסגערופען פאַר־וואונדערט און געטשמאָקעט מיט די ליפּען.

איינער האָט מיר דערלאַנגט זיינס אַ קישעלע. דער צווייטער האָט מיר געגעבען זיינע אַ קאָלדרע.

ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו נעמען, האָבען ביידע מיך געבעטען:

— נעמט. איר מוזט נעמען! אַמעריקע גיט אונז אַזוי פיל, מוזען מיר אויך עפּעס געבען אַמעריקע.

איך האָב זיך אָװעקגעלײגט אױף אַ קישעלע פון מאַראָקאָ און אױף אַ קאָלדרע פון אַלזשיר. איך האָב געפילט װי צו לײענען קריאת שמע און זאָגען: „מימיני מאַראָקאָ, משמאלי אַלזשיר", פון מײן רעכטער זײט באַשיצט מיך מאַראָקאָ, פון דער לינקער זײט אַלזשיר. טאָ פאַר װעמען זאָל איך מורא האָבען?

פילענדיג זיך אַזױ זיכער בין איך אײנגעשלאָפען.

װען איך האָב זיך אױפגעכאַפּט איז שױן געװען טאָג. מײנע צװײ שכנים זײנען געזעסען און געקוקט, װי געװאַרט אױף מיר, ביז איך װעל אױפשטײן. זײ האָבען זיך װאַרשײנליך ניט גערירט, כדי ניט אױפצואװעקען אַמעריקע.

— אַמעריקע איז אױפגעשטאַנען — האָט אײנער געזאָגט צום צװײטען.

איך בין צוזאַמען מיט זײ אַרױס אױף דער לופט, אױפ'ן דעק.

— װאָס פאַר טײערע לופט! — האָב איך אױסגערופען באַגײסטערט.

איך בין ניט געװען דער אײנציגער װאָס האָט שפּאַצירט אױפ'ן דעק, און געזוכט צו כאַפּען אַביסעל פרישע לופט.

די װערט פון דער לופט װערט שטאַרק אָפּגעשאַצט פון אײנעם װאָס שלאָפט אָפּ אַ נאַכט אױף אַזאַ שיף.

צװישען די שפּאַצירענדע האָב איך געטראָפען די אַמעריקאַנער אידישע פּאָליציסטקע.

— גוט מאָרגען, װי זײנט איר געשלאָפען? — האָט זי מיך געפרעגט.

— גוט — האָב איך געענטפערט — איך בין געשלאָפען מיט מאַראָקאָ און אַלזשיר.

זי האָט מיך געבעטען, אַז װען איך װעל צוריקפאָרען קײן אַמעריקע זאָל איך אָפּגעבען אַ גרוס צו אירע עלטערן אין ניו יאָרק.

— מיט פאַרגעניגען — האָב איך געענטפערט.

אַ פוס פון משיח׳ס פערדעל

צווישען די פאַרשידענע, אינטערעסאַנטע, ליבע מענשען אויף דער שיף האָב איך באַגעגענט אַ מאַטראָז, וואָס האָט, ביים שיילען קאַר־טאָפלעס, ציטירט פסוקים פון תנ״ך. ער האָט גערעדט מיט שטאָלץ וואָס ער פאָרט מיט דער שיף, זינט זי האָט אָנגעהויבען פירען אידען קיין ישראל.

— אָט די שיף, האָט ער מיר געזאָגט, האָט אַ גרויסען חלק אין אַריבערברענגען די אידען קיין ישראל. „דאָס איז ווי אַ פוס פון משיח׳ס פערדעל״, האָט ער געזאָגט.

„וואו״, האָט ער מיך געפרעגט, „קען מען זען אַזוי פיל אידען פון אַלע וועלט־טיילען, מיטאַמאָל, אויף איין שטיקעל פּלאַץ, ווי אויף דער שיף?״

„הנני מביא אותם מארץ צפון וקבצתים מירכתי ארץ. גם עור ופסח הרה ויולדת יחדו קהל גדול ישובו הנה״. האָט ער מיר ציטירט פון תנ״ך, און פאַרטייטשט, אַז דאָס האָט דער נביא געמיינט די שיף „פאַן יאָרק״.

ער האָט איבערגעלאָזען דאָס שיילען פון די קאַרטאָפלעס און מיך געפירט צייגען ווי מען האָט איבערגעבויט די שיף צו קענען פירען פאַסאַזשירען.

„די שיף״, האָט ער געזאָגט, „איז ביי מיר ווי מיין היים״, און ער האָט ווייטער ציטירט פסוקים פון תנ״ך.

איך און מיין פלייצע

קיין ישראל בין איך געפאָרען אויף צוויי שיפען: צוערשט פון ניו יאָרק קיין ענגלאַנד מיט דער שיף „קווין עליזאַבעט", די גרעסטע שיף אויף דער וועלט. און דערנאָך פון מאַרסעי, פראַנקרייך, קיין חיפה, מיט „פאַן יאָרק".

אויף דער „קווין עליזאַבעט" איז מיר געווען באַקוועם, אויף דער „פאַן יאָרק" איז געווען זייער ניט באַקוועם.

אויף דער „פאַן יאָרק" בין איך געשלאָפען אויפ'ן דיל. מיין פלייצע האָט פראָטעסטירט. זי האָט געבענקט נאָך דעם בעטעל פון דער „קווין עליזאַבעט". מיין נשמה האָט זיך אָבער מחיה געווען. מיינע שכנים זיינען געווען די אידען פון מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיר, פוילען, רוסלאַנד, עסטרייך, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, דייטשלאַנד און אַלע אַנדערע עקען פון דער וועלט. דאָס אידישע פאָלק פון דער גאַנצער וועלט איז דאָרט געווען פאַרטראָטען.

מיין פלייצע האָט ווי געטאָן. אָבער ווער קען זיך צוהערען צו אַ פלייצע, ווען מען הערט רעדען די שפּראַכען פון אַלע וועלט־טיילען? און די, וועלכע רעדען, זיינען אַלע אידען, און אַלע קוקען זיי אויף מיר מיט די ליבליכסטע אויגען, און אַלע פאָרען זיי מיט מיר צוזאַמען אין אידישען לאַנד?

אויף דער „קווין עליזאַבעט" האָבען די פּאַסאַזשירען זיך געדונגען מיט די וועיטערס. זיי האָבען זיי געגעבען טיפּס און דערפאַר פאַרלאַנגט אַנדערע מאכלים. מען האָט דאָס עסען צוריקגעשיקט צוויי און דריי מאָל. דאָ קען מען זיך מיט די וועיטערס ניט דינגען און ניט קריגען. דאָ זיינען ניטאָ קיין וועיטערס מיט קיין טיפּס. דאָ איז יעדער זיין אייגענער קעלנער. דאָ מוז יעדער זיך אַליין נעמען זיין עסען, יעדער שטייט

אין ריי, מיט אַ טעפּעל, מיט אַ טעלער, מיט אַ גלאָז און ער קריגט זופּ, ברויט, פלייש, טיי, פּרוכט. און מען פּראָטעסטירט ניט. מען איז צופרידען וואָס מען קריגט. דאָ איז דאָס עסען געשמאַק. יעדער האָט אַ גוטען אַפּעטיט, אַן אַפּעטיט פון אַן אָרימאַן.

ווען איך בין געשטאַנען אין ריי מיט אַ טעפּעל און אַ טעלער, האָבען מיר איינציגע געוואָלט אַרויסהעלפען. מען האָט מיר געוואָלט אָפּטרעטען דעם נעקסט, מען האָט מיך געוואָלט באַדינען, אָבער איך האָב ניט געוואָלט זיין קיין אויסנאַם, קיין מיוחס. אַ סך אין, מיין עלטער, און נאָך עלטערע פון מיר, זיינען געשטאַנען אין דער ריי; היינט פאַרוואָס זאָל איך, ווייל איך קום פון אַמעריקע, זיין אַנדערש?

איינער, וואָס איז געקומען פון אַ דייטשען לאַגער, האָט מיר געזאָגט: „איך שטיי שוין יאָרען אין דער ריי נאָך ברויט, בין איך שוין צוגעוואוינט, אָבער איר זייט פון אַמעריקע, וואו ברויט וואַלגערט זיך אונטער די פיס, לאָזט מיך אייך באַדינען".

„ניין", האָב איך אים געענטפערט, „פאַר מיר איז אינטערעסאַנט צו שטיין אין ריי מיט אַזוי פיל אידען, און איך בין צו דעם אויך אַ ביסעל צוגעוואוינט. איך פלעג אַמאָל אין ניו יאָרק שטיין אין ריי נאָך סיגאַרעטס" (ס'איז געווען אַ צייט, ווען אין ניו יאָרק איז געווען אַ מאַנגעל אין סיגאַרעטס).

אין אמת'ן האָב איך זיך זייער גוט געפילט שטייענדיג אין ריי באַוואָפענט מיט טעפּל און טעלער. עס איז מיר געווען זייער פריילעך. אַ סך האָבען געזאָגט וויצען, די פּאָליציי, די אָרדנונג־היטער, האָבען געשריען אויף אידיש: „שטופּט זיך ניט! קיינער וועט ביי אייך ניט אויסכאַפּען! ס'איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען!"

— אַ איד דאַרף זיך שטופּען. ער איז געוואוינט דערצו פון גלות. לאָזט אים זיך שטופּען! — האָט איינער געזאָגט צום פּאָליציי־מאַן.

— ניין, — האָט דער פּאָליציי־מאַן געענטפערט, — איידער איר קומט קיין ישראל, דאַרפט איר זיך אויסלערנען ניט אויסצוכאַפּען ביים צווייטען. דאָ זיינען אַלע ברידער און מען דאַרף ניט כאַפּען.

שטיי איך דריי מאָל אַ טאָג אין ריי נאָך עסען און איך פיל זיך גוט. נאָר מיין פּלייצע איז ניט צופרידען. זי בענקט נאָך אַ בעטעל, זי וויל זיך אָנשפּאַרען אויף אַ בענקעל. איך זאָג צו איר, אַז זי וועט זיך איבערמוטשען זעקס נעכט, וועט זי, קומענדיג אין חיפה, קריגען אַ גוט בעט, אַ טאָפּל־בעט. אָבער אַ פּלייצע קען מען ניט האָדעווען מיט קיין פאַרשפּרעכונגען, מיט קיין צוקונפט. זי האָלט פון עולם הזה.

נאָכדעם ווי איך האָב פאַרבראַכט אויף דער שיף דריי טעג און דריי נעכט, האָב איך זיך באַקענט מיט דעם הויפט־דאָקטאָר פון דער שיף. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט, ווען ער איז געוואויר געוואָרען, אַז איך בין אַ שרייבער. ער איז אויך אַ שרייבער, אַ רומענישער שרייבער. ער האָט איבערזעצט אידישע שרייבער אויף רומעניש. זיין נאָמען איז דר. קליין. ער פרעגט מיך ווי איך פיל, און איך זאָג אים, אַז איך פיל דאָ זייער גוט און פריילעך, בלויז וואָס מיין פלייצע דערקוטשעט מיר. איר געפעלט דאָ ניט. ער פרעגט מיך וואו איך שלאָף. זאָג איך אים: „דאָרט וואו אַלע אידען, אַלע פליטים שלאָפען — אויף דער ערד. ס'איז האַרט, אָבער צוזאַמען מיט אַלע אידען". זאָגט ער: „אייער פלייצע וויל ניט זיין צוזאַמען מיט אַלע אידען, און איר מוזט איר נאָכגעבען. מיט אַ פלייצע טאָר מען זיך צו לאַנג ניט קריגען".

ער האָט מיך געשיקט אין האָספיטאַל.

אין האָספּיטאַל

אין האָספּיטאַל.

איך האָב זיך אויסגעשטרעקט אויף אַ בעטעל. מיין פּלייצע איז געווען זייער צופרידען. זי האָט זיך גפילט ווי אַ זיגערין אין אַ מלחמה. זי האָט געוואונען.

אויף אַ בעטעל, לעבען מיין בעטעל, איז געלעגען אַ איד און שטאַרק געקרעכצט.

— וואָס טוט אייך וויי? — פרעג איך אים.

— פרעגט מיך בעסער וואָס טוט מיר ניט וויי! — האָט דער איד געענטפערט.

— נו, גוט, וואָס טוט אייך ניט וויי? — האָב איך געענדערט מיין פראַגע.

— ניטאָ אַזאַ אבר, וואָס טוט מיר ניט וויי, — זאָגט ער, — איך בין שוין געווען ביי אַ סך ספּעציאַליסטען. אין דייטשען לאַגער, וואו איך האָב זיך געפינען, זיינען געקומען אַלערליי ספּעציאַליסטען, און יעדער ספּעציאַליסט האָט געפונען ביי מיר די קראַנקהייט, אין וועלכער ער ספּעציאַליזירט זיך. אַ מאָגען־דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מיין מאָגען טויג אין דער ערד. אַ האַרץ־ספּעציאַליסט האָט געזאָגט, אַז איך וואָלט געדאַרפט האָבען אַן אַנדער האַרץ. איינער האָט ביי מיר געפונען, אַז די נירען זיינען אויף צרות, אַן אַנדערן איז ניט געפעלען מיין לעבער. אויב איר ווילט רומאַטיזם, האָב איך דאָס אויך. די כירורגען זאָגען, אַז מען דאַרף מיך אָפּערירען. יעדער כירורג לויט זיין ספּעציאַליטעט. מען דאַרף מיך, לויט זייער מיינונג, צושניידען אויף שטיקער. בקיצור, וואָס פאַר אַ קראַנקהייט איר וועט אָנרופען, האָב איך זי.

ווען איך האָב געזען, אַז מיין שכן האָט הנאה צו רעדען פון זיין קראַנקהייט, האָב איך אים געלאָזט רעדען.

צום שלוס האָב איך אים געפרעגט:

— און וואָס וועט איר טאָן אין ישראל?

— קרענקען, — האָט ער געענטפערט. — איך פאָר אַהין קרענקען.

איך בין אַ ווײַלע געבליבן אַ ביסעל צוטומעלט פון זיין ערקלערונג.

— וואָס וואונדערט איר זיך? — רופט זיך אָן אַ פרוי פון אַ צווייט בעטעל, וואָס האָט זיך אײַנגעהערט צו אונזער געשפּרעך, — אַוודאי פאָרט ער קיין ארץ ישראל קרענקען. ס'איז דען דאָ אַן אַנדער לאַנד, וואָס וועט אַרייננעמען אַ קראַנקען אידען?

— איידער מען האָט מיר געגעבן די דערלויבעניש צו פאָרען קיין ארץ ישראל, האָט מען מיר געשטעלט בלויז איין פראַגע, — ערקלערט דער קראַנקער איד, — מען האָט מיך געפרעגט: „צו וואָס פאָרט איר קיין ישראל?" דאָס אַלעס האָט מען מיך געפרעגט.

— איז וואָס האָט איר געענטפערט? — פרעג איך אים.

— איך האָב געענטפערט בלויז עטליכע ווערטער: „איך פאָר אַהין שטאַרבען". און מיין ענטפער איז זיי שטאַרק געפעלען. זיי האָבען מיר גלייך געגעבען אַ קוויטעל, אַז איך קען פאָרען. וואָס זיי אינטערעסירט הויפּטזעכליך איז, אַז מענשען זאָלען דאָרט זיך באַזעצען און דאָרט בלייבען. היינט אַז איך וויל דאָרט שטאַרבען, איז דאָך גאָר גוט.

אין דער פרי האָט דער איד זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ גרויס געשריי: „גוואַלד!" און דאַן אויסגערופען: „ס'איז גוט!"

איך האָב אים געפרעגט וואָס עס איז געשען מיט אים. האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ חלום, אַ גוואַלדיגער חלום, אַ זייער אינטערעסאַנטער חלום.

ער האָט מיך געפרעגט צי איך גלויב אין חלומות. האָב איך געזאָגט, אַז ניין. האָט ער געזאָגט, אַז ווען איך וועל הערען זיין חלום, וועל איך זען, אַז אַ חלום איז ניט אין גאַנצען פוסט.

ער האָט געשוויגען אַ ווײַלע. ער האָט וואַרשײַנליך געוואָלט, אַז איך זאָל אים בעטען ער זאָל מיר דערציילען זיין חלום. אָבער אַזוי ווי איך האָב אים ניט געבעטען, האָט ער מיר אַליין דערציילט.

— מיר האָט זיך גע'חלומ'ט, — האָט ער געזאָגט, — אַז אַזוי ווי איך בין אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, האָט מיך באַגעגענט אַדאָלף היטלער, ימח שמו, און מיך גענומען שלאָגען. „דו האָסט זיך געראַטעוועט",

האָט היטלער אויסגערופּען, „איך האָב אַלעס געטאָן, אַז עס זאָלען ניט בלייבען קיין אידען אויף דער וועלט, און זיי האָבען זיך געראַטעוועט. איך וועל זיי אַלע דער׳הרג׳ענען״.

דאָ איז אָנגעלאָפען אַ אינגעל, אַן ארץ־ישראל אינגעל, אַ דאַר אינגעל, און געזאָגט: „לאָז אָפּ דעם אידען, דאָס איז אַ קראַנקער איד. דו שלאָג זיך בעסער מיט מיר!״ האָט היטלער מיך אָפּגעלאָזען און זיך געלאָזען אויפ׳ן אינגעל. האָב איך מורא געהאַט, אַז היטלער, אַ געזונטער גוי, וועט דער׳הרג׳ענען דאָס דאַרע אינגעל, האָב איך אָנגעהויבען שרייען „גוואַלד!״, זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געזען, אַז ס׳איז, דאַנקען גאָט, אַ חלום. היטלער ליגט שוין אין דער ערד און קען קיינעם ניט שלאָגען. איז מיר געווען גוט.

— נו, — פרעגט ער מיך, — ווי געפעלט אייך דער חלום?

— אַן אינטערעסאַנטער חלום, — זאָג איך.

— און איך קען אייך דעם חלום פּותר זיין, — זאָגט ער. — היטלער, דאָס מיינט די איצטיגע היטלעריסטען, וואָס ווילען דער׳הרג׳ענען די געראַטעוועטע אידען, וואָס יענער היטלער האָט ניט אויספּעיעט צו דער׳הרג׳ענען. אָבער דאָס דאַרע ארץ־ישראל אינגעל לאָזט ניט. ער ראַטעוועט די געראַטעוועטע. ער שלאָגט די היטלעריסטען, ער באַגראָבט זיי — איז דאָס ניט ריכטיג אויסגעטייטשט?

— ריכטיג, — האָב איך צוגעגעבען.

איינער פאָרט קיין וויען און איינער קיין ישראל

פאַרענדיג קיין ישראל האָב איך אויפ׳ן וועג באַגעגענט פאַרשידענע אידען, פאַרשידענע טיפען, וועלכע האָבען זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איך האָב זיך מיט זיי באַקענט אויף דער „קווין עליזאַבעט״, די שיף, וועלכע האָט מיך געפירט קיין ענגלאַנד. איך האָב זיך מיט זיי באַפריינדעט אויף דער אימיגראַנטען־שיף „פאַן יאָרק״, וועלכע איז געפאָרען קיין ישראל.

פונקט ווי פאַרשידען עס זיינען געווען די שיפען, אַזוי אַנדערש זיינען די כאַראַקטערס פון די מענשען.

אויף דער „קווין עליזאַבעט״ איז די גרעסטע צאָל פאַסאַזשירען געווען ניט־אידען. אויף דער „פאַן יאָרק״ זיינען געווען בלויז אידען. אָבער אויך די אידען פוןביידע שיפען זיינען געווען אַנדערש אין כאַראַקטער, כאָטש שטאַרק ענליך אין אויסזען.

*
**

אויף דער „קווין עליזאַבעט״, אויף דעם גרויסען דעק פון דער שיף, דרייט זיך אַרום אַן עלטערער מאַן, איינער אַליין. ער שפּאַנט אַהין און צוריק, און מיידט אויס געזעלשאַפט. ווען ער זעט, אַז מען טאַנצט, דרייט ער אַוועק דעם קאָפּ. ווען ער הערט, אַז מען זינגט, אַנטלויפט ער.

אין אָווענט זיצט ער אין באַר, אין אַ ווינקעל, איינער אַליין. לעבען אים שטייט אַ גלאָז ביר. ער זופּט זייער לאַנגזאַם דאָס ביר, קוקט אין דער לופט, און לאָזט אַרויס אַ זיפץ. אַ זופּ און אַ זיפץ, אַ זיפץ און אַ זופּ.

פון זיין זיפצען האָב איך דערקענט, אַז ער איז אַ איד, האָב איך זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט, אים געזאָגט, אַז איך פאָר קיין ישראל, האָט ער מיר געשענקט אַ דראָבנעם שמייכעל און געזאָגט שטיל אויף דייטש: „איך בין אויך יודע”. אָבער זאָגענדיג די ווערטער האָט ער זיך אַרומגעקוקט צי מען הערט ניט.

איך פרעג אים פאַרוואָס ער האָט מורא, פאַרוואָס ער היט זיך. איך זאָג אים, אַז דאָ איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. עס פאָרען אַמעריקאַנער, עס פאָרען אידען. ער ערקלערט מיר, אַז ער איז פון ווין, אַז ער איז געווען אין ווין ווען היטלער איז דאָרט אַריין, אַז ער האָט זינט דאַן זיך צוגעוואוינט מורא צו האָבען, און עס איז אים שוין שווער ניט מורא צו האָבען.

ער דערציילט מיר, אַז ער פאָרט איצט אַהיים קיין ווין צו זיין אײדעם, אַ קריסט. זיין ווייב, זיין איינציגע טאָכטער, זיינע דריי ברידער, זיין איינציגע שוועסטער, האָט היטלער אומגעבראַכט. געבליבען איז אים אין ווין בלויז אַן אײדעם, אַ קריסט, פאָרט ער צו אים. אין אַמעריקע איז ער געווען בלויז אַ יאָר. ער האָט זיך דאָ געפונען אין אַ שלעכטער לאַגע. ענגליש קען ער ניט, זיין פלימעניק, וואָס האָט אים געבראַכט קיין אַמעריקע, האָט אים, נאָך צוויי וואָכען צייט, ניט געוואָלט קענען. דער „דזשאָינט” האָט אים אויסגעהאַלטען. איצט פאָרט ער אַהיים. דער „דזשאָינט” צאָלט פאַר זיין רייזע.

ער ערקלערט מיר, אַז ער איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, האָט שטאַרק געגלויבט אין דער מענשהייט. מיט אידען האָט ער זיך ניט אינטערעסירט. ווען זיין טאָכטער האָט געהייראָט אַ קריסט האָט ער און זיין ווייב געגעבען זייער צושטימונג. ווען היטלער איז אַריין אין ווין האָבען זיי געמיינט, אַז עס איז אַ גליק, וואָס זיי האָבען אַ קריסטלעכען אײדעם. זיין קריסטלעכער זכות וועט זיי באַשיצען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. זיין ווייב האָט מען אַוועקגעפירט קיין פוילען און דאָרט פאַרברענט. זיין טאָכטער האָט זיך אָנגעגעבען אַלס קריסטין, האָבען אָבער זיינע קריסטליכע „פריינד” זי געמסר׳ט, אַז זי איז אַ אידישע, האָט מען זי אַוועקגענומען און פאַרברענט. דער קריסטליכער מאַן אירער האָט איר ניט געקענט העלפען, איצט וויל ער אים העלפען.

— אָבער ווער ווייסט — זאָגט ער — צי מיין אײדעם איז ניט קיין אַנטיסעמיט ווי די אַנדערע „פריינד” מיינע.

ער האָט פאַרלוירען זיין פאַמיליע, און אין דערזעלבער צייט דעם גלויבען אין מענשען.

— ווען איך וואָלט כאָטש געקענט גיין אויף די קברים פון מיין ווייב און טאָכטער — האָט ער ערקלערט — וואָלט איך זיך געפרייט מיט מיין פאָרען אַהיים. אָבער איך ווייס ניט וואו זייערע קברים זיינען. ס'איז מיר ניט גוט געווען אין אַמעריקע, ווייל ס'איז ניט מיין היים. אָבער וואו וועט מיר יאָ גוט זיין? אין דען וויען איצט מיין היים?

אַלע מאָל, ווען ער האָט מיך באַגעגענט, האָט ער געזאָגט: „יאָ, איך פאָר אַהיים נאָך וויען, אָבער איז דען וויען איצט מיין היים?"

אָט־די ווערטער פלעגט ער באַגלייטען מיט טיפע זיפצען.

***

אויף דער אימיגראַנטען־שיף „פאַן־יאָרק".

אויף דעם דעק, וועלכער איז איבערגעפּאַקט מיט מענשען, זע איך אַן עלטערען מאַן, אין אויסזען זייער ענליך צו יענעם דייטשען איד פון דער „קווין עליזאַבעט". אפשר איז ער פון זיין פאַמיליע. אָבער ער איז אין כאַראַקטער גאַנץ אַנדערש. ער רעדט הויך, טומעלט. ער האָט ניט קיין מורא. ער היט זיך ניט ווען ער רעדט. ער פאָרט ניט קיין וויען, ער פאָרט קיין ישראל.

טאַנצען יונגע, קלאַפּט ער צו מיט די פיס צום טאַקט; זינגען אַלטע, פּליעסקעט ער מיט די הענט און זינגט־מיט. ער באַטייליגט זיך אויך אין געזאַנג פון די יונגע. ער זינגט אויף אַלע שפּראַכען, אַפילו אַראַביש. ער לערנט זיך שנעל אויס אַלע מעלאָדיען. ווען אַנדערע זינגען ניט, זינגט ער אַליין. ער בעט, ער אַפּעלירט, ער פאָדערט מען זאָל זינגען. „אידען וואָס פאָרען קיין ישראל מוזען זינגען, שרייט ער, איך האָב פיינט, אַז מען איז פאַר'מרה־שחורה'ט", טענה'ט ער.

עס איז מיר ניט אָנגעקומען שווער זיך צו באַקענען מיט אים. ער איז באַלד מיט מיר געוואָרען היימיש און מיר דערציילט זיין גאַנצע ביאָגראַפיע. ער קומט פון גאַליציע. ער איז שוין געווען אין אַלע עקען פון אייראָפּע אַנטלויפענדיג פון די נאַצים. אַ חוץ פון די נאַצים האָט ער געליטען פון די פוילישע, אוקראַינישע און רומענישע אַנטיסעמיטען. איצט קומט ער פון אַ דייטשען לאַגער, וואו עס פלעגט אים איינפאַלען

דאָס האַרץ, ווען ער האָט געזען אַ דייטש, ווייל ער האָט אין אים געזען דעם מערדער פון זיין ווייב, דריי זין און צוויי טעכטער און אויך עטליכע אייניקלעך. ער איז איצט איינער אַליין אויף דער וועלט, אָבער ער וויל זינגען און טאַנצען, ווייל ער וועט שוין מער ניט זען קיין דייטשען און ניט זיין אַליין, זאָגט ער. ער פאָרט איצט קיין ישראל צו די אידען.

— אמת, איך האָב אין ישראל ניט קיין קרובים, — פלעגט ער זאָגען — אָבער דאָרט זיינען דאָך אַלע אידען מיינע קרובים.

אָט די ווערטער, „דאָרט זיינען אַלע אידען מיינע קרובים", האָט ער אָפט איבערגעזאָגט, און זיי באַגלייט מיט אַ פריילי‏כען ניגון.

אַ חומש׳ל און אַ תהילימ׳ל

אויף דער „קווין עליזאַבעט״.

אויפ׳ן דעק פון שיף דרייט זיך אַרום אַ אידישער דייטש, מיט אַ גרויסער באָרד, אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ חומש׳ל. וואו ער שטייט און גייט נעמט ער מיט דאָס חומש׳ל און איז תמיד ברוגז. ער רעדט מיט אַ „ירגזון״. מייסטענס רעדט ער פון קייזער ווילהעלמ׳ס צייטען.

— אַך, זיינען דאָס געווען צייטען! — זאָגט ער — דייטשלאַנד איז געווען דאָס בעסטע לאַנד און דער קאַיזער — דער בעסטער מאַנאַרך. ווען מען האָט אַראָפּגעזעצט דעם קאַיזער, האָט זיך די וועלט אומ־גליקליך געמאַכט. די וועלט האָט געמיינט, אַז אָן דעם קאַיזער וועט זיין בעסער. נו־נו, זען זי שוין וואָס פאַר אַ פּנים זי האָט אָן דעם קאַיזער. אַ שיין פּנים האָט זי, די וועלט.

טאָמער איז מען מיט אים נישט מסכים, שלאָגט ער איבער מיט אַ פּסוק פון חומש׳ל:

— אָט האָט איר שוואַרץ אויף ווייס אין חומש — זאָגט ער — און הערט־אויף דרייען אַ קאָפּ. דאָס חומש׳ל ווייסט בעסער.

ווען איך האָב זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט און אים געזאָגט, אַז איך פאָר קיין ישראל, האָט ער מיר געזאָגט אין דייטש: „ניכט גוט, פאָרען זי בעסער צוריק נאָך אַמעריקאַ״.

— סטייטש — האָב איך אים געזאָגט — דאָרט איז אַ אידיש לאַנד. מען נעמט אַריין אַלע היימלאָזע אידען. דאָרט איז פאַראַן אַ אידישע אַרמיי.

האָט ער מיך ניט געלאָזען אויסרעדען און אויסגערופען: „ניכט גוט, דאָס איז געגען חומש׳ל״. ער האָט דאַן אָנגעהויבען פייערען געגען דער אידישער מדינה:

— גאָט וויל ניט, אַז אידען זאָלען זיך אַליין מאַכען אַ מדינה אין ארץ ישראל. דאָס איזט איין אַרבייט פאַר גאָט אַליין. ער וועט שיקען משיח׳ן, אים קרוינען, מאַכען פאַר אַ מלך — דאַמאָלס וועט זיין גוט פאַר די אידען, פאַר די גויים און פאַר דער גאַנצער וועלט. אָן משיח׳ן האָט די אידישע מדינה ניט קיין טעם. אַלעס, וואָס מען טוט אין ארץ־ישראל אָן משיח׳ן, איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט, ווייל דאָס איז געגען חומש׳ל.

געווען איין איד, וואָס האָט געזוכט אַלע מעגליכקייטען זיך אויס־צוטענה׳ן מיט דעם אידישען דייטש, אָבער ער האָט ניט געקענט. דער אידישער דייטש האָט אים תמיד איבערגעשלאָגען די רייד און אויס־געפען: „אַ שאָד אייערע רייד, דאָס חומש׳ל איז געגען אייך!״

***

אויף דער אימיגראַנטען־שיף „פאַן יאָרק״.

דרייט זיך אַרום אַ איד מיט אַ גרויער באָרד, אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ תהילים׳ל. וואו ער שטייט און גייט, נעמט ער מיט דאָס תהילים׳ל.

ער זעט אויס ענליך צו דעם אידישען דייטש, וועלכען איך האָב באַגעגענט אויף דער „קווין עליזאַבעט״ מיט׳ן חומש׳ל. אָבער ער רעדט ניט קיין דייטש, ער רעדט אידיש. ער בייזערט זיך ניט. ער רעדט גוטמוטיג. וואָס פאַר אַן אונטערשיד פון אים ביז צו יענעם אידען! אָבער ער טייטשט אויך אויס פסוקים.

עס פאַרזאַמלען זיך אַרום אים די קליינע צאָל פרומע אידען, וועלכע געפינען זיך דאָרט, און ער באַווייזט זיי, ווי עס ווערט איצט מקוים אַלץ, וואָס עס שטייט אין תהילים.

איינמאָל האָב איך געהערט ווי ער האָט דערציילט ווי אַזוי אין זיין שטעטעל האָבען זיך אָרגאַניזירט די ערשטע ציוניסטען. אַלע זיינען זיי געווען אינגלעך. די טאַטעס זיינען געווען געגען, די מאַמעס זיינען געווען נייטראַל. זיי האָבען געוואָלט, אַז מען זאָל זיך ניט קריגען. אָבער די טאַטעס האָבען געשריען: „גוואַלד, די קינדער בונטעווען זיך, האָבען אויפגעהערט דאַווענען!״ זיי האָבען געהאַלטען, אַז די גאַנצע ציון־אידייע איז אַ פאַרשווערונג געגען דאַווענען, מען וויל ניט דאַווענען זינגט מען די „התקוה״.

„ווען מיין טאַטע וואָלט איצט געלעבט, זאָגט דער איד מיט דער יאַרמולקע, וואָלט ער געזען, אַז די אידייע פון ציון איז ניט געגען דאַווענען. אז פאַרקערט, אַז אַלעס וואָס שטייט אין דאַווענען איז איצט מקוים געוואָרען. אידען ציען זיך פון אַלע עקען וועלט קיין ירושלים, אַזוי ווי אין פסוק שטייט".

רופט זיך אָן איין איד: „אַלעס איז זייער גוט און וואויל און פיין, אָבער וואָס איז מיט משיח'ן? ווען משיח זאָל היינט קומען, וואָלט ער דאָך געבליבען אָן אַ שטאָך אַרבייט".

האָט דער איד מיט'ן תהילים'ל אויף דעם געענטפערט: „ערשטענס קען מען זיך באַגיין אָן משיח'ן. צו וואָס דאַרף מען משיח'ן, כדי צו מאַכען פון ארץ ישראל אַ היים? היינט אַז בן־גוריון האָט עס געמאַכט אָן אים, דאַרף משיח ניט האָבען קיין טענות. מען האָט גענוג געוואַרט אויף אים, ער האָט נישט געדאַרפט זיך פאַרשפּעטיגען".

„אָבער וואָס וואָלט געווען, פרעגט דער פראַגע־שטעלער ווייטער, ווען משיח קומט פלוצלונג אָן. ער פאָרט מיט אונז אויף דער „פּאַן יאָרק". קומט אָן מיט אונז אין חיפה און זאָגט: „אָט בין איך דאָ!" וואָס וואָלט מען מיט אים געטאָן?"

ענטפערט אים דער איד מיט דעם תהילים'ל:

„מען וואָלט אים געגעבען עפּעס אַ פּאָסטען, מען וואָלט אים געמאַכט פאַר אַ מיניסטער, מען וואָלט אים געגעבען אַ וויכטיגען אַמט. אַזוי ווי מען דאַרף איצט האָבען אַ סך וואוינונגען וואָלט מען אים געזאָגט: „ווער מיניסטער פון וואוינונגען און וויז וואָס דו קענסט".

פרעגט אים דער פראַגע־שטעלער ווייטער: „אָבער עס שטייט דאָך ניט אין ערגעץ געשריבען, אַז משיח זאָל בויען הייזער?"

האָט דער איד געעפענט דאָס תהילים'ל, געזוכט אַ ווײַלע און גוטמוטיג ערקלערט, אַז אים דוכט זיך, אַז עס איז יאָ ערגעץ דאָ אַזאַ פסוק וואָס גיט משיח'ן אַ מיניסטער־פּאָסטען. און אויב עס איז ניטאָ, ערקלערט ער, קען מען נעמען אַ פסוק און אים אויסטייטשען, אַז משיח דאַרף בויען הייזער. מען קען דאָס לייכט טאָן. לומדים, וואָס קענען דאָס טאָן, פעלען, ברוך השם, ניט אין ישראל.

אַזוי פאַרענטפערט ער אַלץ מיט פסוקים פאַר דער טובה פון ישראל.

מען פֿאָרט אַריין קיין ישראל

ווען אונזער שיף איז אַריינגעקומען אין די וואַסערען פון ישראל איז אַרויפגעצויגען געוואָרען די אידישע פֿאָן. דער גאַנצער עולם האָט ספּאָנטאַן אָנגעהויבען זינגען די „התקוה״. דאָס געזאַנג איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טאַנץ. פיר טויזענט אידען: פרויען, מענער, קינדער, יונג און אַלט, האָבען געטאַנצט. אידען פון אַלע פיר עקען וועלט האָבען געטאַנצט.

ווען דאָס טאַנצען און זינגען האָט אויפגעהערט, האָבען די אידען פון מאַראָקאָ, טוניס און אַלזשיר אָנגעהויבען זינגען אַן אַראַביש ליד, אַז זיי האָבען ניט מורא פאַר די שונאים. כאָטש אַ זייער גרויסער טייל האָט ניט פאַרשטאַנען די ווערטער, האָט מען פון זייערע הועיות און באַוועגונגען פאַרשטאַנען וואָס זיי מיינען, און מען האָט שטורמיש אַפּלאָדירט.

די שיף דערנענטערט זיך אַלץ מער קיין ישראל. מען זעט לאַנד. מען זעט דעם כרמל. אידען טאַנצען ווידער. מען טאַנצט אין אַלע ווינקלען. עס טאַנצען די, וועלכע קומען פון אַפריקע, און עס טאַנצען די, וועלכע קומען פון די דייטשע לאַגערן. מען זעט און מען הערט די שמחה פון די אידען. מען פילט דאָס ציטערען פון פרייד פון די אידישע הערצער.

איין איד רופט אויס: „ברוך אתה ד׳ שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!״ אַלע ענטפערען אמן.

לעבען מיר שטייט אַ איד און קוקט, און קוקט אויפ׳ן הר הכרמל, צו וועלכע די שיף דערנענטערט זיך. ער קען זיך ניט זאַט אָנקוקען. ער רופט אויס:

— אַך, ווי שיין!

— און ווען עס וואָלט אַפילו ניט געווען אַזוי שיין, — זאָגט אַ צווייטער איד — וואָלט עס ביי מיר אויך געווען שיין, ווייל ס׳איז אונזערס!

— אי ס׳איז אונזערס, אי ס׳איז שיין אויך — זאָגט אים צוריק דער ערשטער איד.

— אונזערס! אונזער ליבע, הייליגע ערד — רופט אויס אַ איד וואָס האָט ערשט אויפגעהערט טאַנצען — דאָרט שלאָגט מען זיך, מען פאַרגיסט בלוט, כדי מ י ך, א י י ך, א ו נ ז, אַריינצונעמען אין לאַנד אַריין. מיין ליב, הייליג לאַנד!

ווען אונזער שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים האַפען פון חיפה זיינען אַריינגעקומען אידישע באַאַמטע. עס זיינען אויך אַריינגעקומען „יו־ען״ באַאָבאַכטער. עס האָט געדויערט עטליכע מינוט ביז מען האָט אָנגעהויבען אַרונטערלאָזען פון שיף. מען האָט אין האַפען געזען אַ גרויסע צאָל נוירסעס אין ווייסע פאַרטוכער, זיי זיינען געקומען באַגריסען די געסט.

איך האָב זיך געאיילט אַרונטערצוגיין. איך בין געווען מיד פון דער רייזע אויפ׳ן ים. איך האָב שוין געוואָלט שטיין אויף דער יבשה. איך האָב איינעם פון די הויפּט־אידישע באַאַמטע געצייגט מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט און אים געזאָגט, אַז איך בין אַ אידישער שרייבער. איך האָב אים דאָס געזאָגט, כדי ער זאָל מיך פריער אַרונטערלאָזען.

— אָ, איר האָט אַן אַמעריקאַנעם פּאַספּאָרט, און איר זייט אַ אידישער שרייבער — האָט ער געזאָגט — זייט איר דאָך אַן אייגענער מענש, קענט איר וואַרטען. צוערשט קומען די איינוואַנדערער וועלכע האָבען ניט קיין פּאַספּאָרטען.

דאָס זאָגענדיג, האָט ער מיר געגעבען אַ גלעט אין פּלייצע, און צוגעגעבען: — איר זייט דאָך ניט ברוגז?

— חלילה — האָב איך געזאָגט — איך פאָלג מיט פאַרגעניגען דעם באַפעל פון אַ אידישען באַאַמטען.

אין חיפה

ווען איך בין אַרונטער פון שיף האָב איך זיך געלאָזען גיין איבער די גאַסען פון שטאָט. כאָטש איך בין געווען מיד, האָב איך געוואָלט גיין, ניט פאָרען מיט אַ טעקסי. די נעמען פון די גאַסען זיינען מיר ליב געווען. איך קען גוט די נעמען. איך גיי: הערצל גאַס, נאָרדוי גאַס, רש״י גאַס, ביאַליק. אין אַזעלכע גאַסען דאַרף איך עמיצען פרעגען וואו איך בין? מיר דוכט זיך, אַז איך קען די גאַסען שוין זייט יאָרען.

מען רעדט העברעאיש, אידיש.

ביידע שפּראַכען זיינען מיר ליב און די מענשען וואָס רעדען זיי זיינען מיר ליב. איך גיי, און גיי. איך בין מער ניט מיד. איך גיי. איך בין אין דער ביאַליק גאַס. איך בין אַ גרויסער אָנהענגער פון ביאַליק׳ן, גיי איך אין זיין גאַס וואָס לענגער. עס גייען אָן שיעור סאָלדאַטען, אידישע קינדער. זיי זיינען מיר אַלע אַזוי באַקאַנט און ליב. איך קען זיי אַלע, דוכט זיך מיר. איך האָב זיי געזען אין אַמעריקע אין צייט פון דער לעצטער וועלט מלחמה. די מונדירען זייערע זיינען ענליך צו די אַמעריקאַנער יוניפאָרמס. און די פּנים׳ער זיינען דיזעלבע ווי פון די אַמעריקאַנער אידישע אינגלעך. איך קוק אויף זיי, איך נעם ניט אַרונטער קיין אויג פון זיי. איך גיי זיי נאָך. זיי גייען מונטער, פריילעך, זיי לאַכען. איך לאַך אויך. איך לאַך מיט זיי. איך הער זיך איין צו זייערע געשפּרעכען. זיי ריידען העברעאיש מיט דעם ספרדישען אַקצענט. איך פאַרשטיי ניט אַלעס. אָבער איך שטויס זיך אָן וואָס זיי מיינען. איך הער אַזעלכע ווערטער ווי נגב, מצרים. אַזעלכע באַקאַנטע ווערטער.

מיט צוועלף יאָר צוריק בין איך געווען אין בערלין ווען היטלער, ימח שמו, האָט דאָרט געקעניגט. עס האָבען דאָרט מאַרשירט דייטשע זעלנער, שטורם־טרופּערס. זייער מאַרש האָט אויף מיר אַנגעוואָרפען

אַ שרעק. איך האָב געפילט, אַז ס׳מאַרשירען מערדער, וועלכע ווילען אומברענגען די וועלט. איך האָב ניט געקאָנט קוקען אויף זיי. און דאָ מאַרשירען אידישע קינדער, ליבע אידישע קינדער, האַרציגע קינדער. זיי ווילען ניט פאַרגיסען קיין בלוט, זיי ווילען בלויז אויפבויען דאָס לאַנד און מען לאָזט זיי נישט. זיי ווילען בלויז אַריינגעמען די, וועלכע האָבען זיך געראַטעוועט פון היטלער׳ס מערדער, און מען לאָזט זיי נישט. ווי ליב מיר זיינען אָט די אידישע סאָלדאַטען! ווי נאָענט זיי זיינען מיר!

איין סאָלדאַט זעט מיר אויס ענליך צו מיין זון, ווען ער איז געווען אַ סאָלדאַט אין אַמעריקע, אין צייט פון דער וועלט־מלחמה. איך גיי אים ספּעציעל נאָך. ער דרייט זיך אויס צו מיר און בעט ביי מיר אַ שוועבעלע.

אויך דאָרטען אין בערלין, מיט צוועלף יאָר צוריק, האָט מיך אַ שטורם־טרופּער געבעטען אַ שוועבעלע. איך האָב יענעם געוואָרפען אַ שוועבעלע און געטראַכט: „ווער פאַרברענט צוזאַמען מיט היטלער׳ן״. אים אָבער, דעם אידישען זעלנער, להבדיל, דאָס ליבע קינד, וואָס זעט אויס ווי מיין זון, האָב איך מיט ליבע געגעבען אַ שוועבעלע צוזאַמען מיט אַ פּעקעל אַמעריקאַנער סיגאַרעטס. אָבער ער האָט די סיגאַרעטס ניט געוואָלט נעמען.

— מעגסט נעמען, מיין זון — האָב איך אים געזאָגט — איך בין פון אַמעריקע. איך האָב אַ סך אַזעלכע סיגאַרעטס.

— פון אַמעריקע! — האָט ער געזאָגט — ברוך הבא! קומט אַלע פון אַמעריקע צו אונז! מיר דאַרפען אייך!

— מיר וועלען קומען — האָב איך אים צוגעזאָגט — מיר וועלען קומען!

— מיר דאַרפען אַריינגעמען אַלע אומגליקליכע אידען און מיר דאַרפען האָבען, אַז די גליקליכע אַמעריקאַנער זאָלען אונז העלפען ראַטעווען די אומגליקליכע — האָט ער געזאָגט.

— ווי אַלט ביסטו? — פרעג איך אים.

— אַכצען יאָר — זאָגט ער.

— פונקט אין דער עלטער איז מיין זון אויך אַוועק אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי — זאָג איך אים. — ער איז געגאַנגען מלחמה האַלטען מיט היטלער׳ן און געזיגט. דו וועסט אויך זיגען.

— אַוודאי וועלען מיר זיגען — האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט, —

אַוודאי. אָבער איר, אַמעריקאַנער, דאַרפט אונז העלפען. מיר גיבען אונזער בלוט, דאַרפט איר געבען אייער הילף.

— מיר וועלען געבען. מיר וועלען געבען, מיין ליב קינד — האָב איך אים פאַרזיכערט. — מיר וועלען געבען. גיי געזונט, מיין זון.

— וואָס האָט איר געזאָגט? „מיין זון"? איך האָב שוין לאַנג די ווערטער נישט געהערט, — האָט ער געזאָגט און אַוועקמאַרשירט.

אַ פּאָליציימאַן אין חיפה

נאָכדעם ווי איך האָב לאַנג שפּאַצירט איבער דער ביאַליק־גאַס פון חיפה, בין איך געוואָרען מיד, און האָב באַשלאָסען צו קריגען אַ טעקסי און צופאָרען אין אַ האָטעל זיך אָפּרוען. אָבער איך האָב ניט געזען קיין טעקסי. איך האָב זיך וועגען דעם געווענדעט צו אַ פּאָליציי־מאַן.

— צו וואָס דאַרפט איר אַ טעקסי? — פרעגט ער.

— איך בין ערשט געקומען פון איראָפּע, פון אַמעריקע. איך וויל צופאָרען צו אַ האָטעל — ערקלער איך אים.

— ברוך הבא! שאָלאָם! — באַגריסט ער מיך, און פרעגט מיך וועלכען האָטעל איך פאַרלאַנג.

איך זאָג אים דעם נאָמען פון אַ האָטעל.

זאָגט ער: — ניט פאַר איך.

— פאַרוואָס? — פרעג איך.

— דאָרט איז צו־טייער — זאָגט ער.

איך ערקלער אים, אַז איך דאַרף דעם האָטעל בלויז אויף איין נאַכט. איך מוז האָבען אַ וואַנע מיט וואַרעם וואַסער. איך האָב אויף זיך דעם שטויב פון זעקס טעג פאָרען מיט אַן עמיגראַנטען־שיף.

— איר וועט קריגען אַ האָטעל מיט וואַרעם וואַסער און מיט אַ וואַנע, און ביליג — זאָגט ער — קומט מיט מיר.

מיר גייען אַ ווײַלע, און ער פרעגט מיך: — איר ווילט גיין צופוס, צי מיר זאָלען נעמען אַן „אָמניבוס״?

— ווי איר ווילט — זאָג איך.

— צופוס, — זאָגט ער — אַ מענש, וואָס קומט קיין ישראל פון אַמעריקע דאַרף גיין צופוס און זען די שטאָט. ווען מען פאָרט זעט מען ניט קיין סך.

מיר גייען.

— קוקט זיך גוט איין אין די גאַסען — זאָגט ער — דאָס איז איצט אונזער חיפה, אין גאַנצען אונזערס. ניטאָ דאָ קיין איין אַראַבער.

איך האָב געשוויגען, געקוקט אויף די העברעאישע שילדען, אויף די מענשען. אַלע פּיין אָנגעטאָן אַזוי ווי אין אַמעריקע. ס'איז וואַרעם. אַ טייל גייט אָנגעטאָן אין ספּאָרט־שווירטס ווי אין אַמעריקע. די גאַסען זיינען זייער שיין, ציכטיג און די אידען זעען אויס ווי די אידען פון ניו־יאָרק. מען גייט דאָ שנעל אַזוי ווי אין ניו יאָרק. די טעמפּאָ איז אַ ניו יאָרקער טעמפּאָ, ניט ווי, למשל, אין פּאַריז, אָדער אין לאָנדאָן, וואו מען׳איילט זיך ניט.

איך גיי, און דער פּאָליציי־מאַן רעדט:

— אין דער געשיכטע פון די אידען בכלל און אין דער געשיכטע פון ישראל בפרט — זאָגט מיר דער פּאָליציימאַן — וועט חיפה פאַרנעמען אַ גרויסען פּלאַץ. מען וועט עס רופען דער „נס פון חיפה״. די גאַנצע שטאָט איז אַריבער אין אונזערע הענט, ניט באַשעדיגט, דורך אַ נס. אין אַמעריקע ווייסט מען עפּעס וועגען דעם?

— יאָ, זאָג איך אים — מען האָט וועגען דעם אַ סך געשריבען.

— איך בין געווען דערביי — זאָגט ער — די ענגלענדער זיינען אַוועק. די אַראַבער זיינען אַנטלאָפען. זיי זיינען געווען פיל מער אין צאָל — צען מאָל אַזוי פיל ווי מיר, זיי האָבען געהאַט וואָפען און מיר ניט. אונזערע קינדער, אונזערע קליינע קינדער האָבען זיי אַרויסגעיאָגט. מיט שטעקענס האָט מען זיי פאַרטריבען.

— עס איז געווען אַ קליינע צאָל קרבנות — זאָגט ער ווייטער — אַפילו דער גאָט פון ניסים טוט ניט קיין זאַך אָן קרבנות.

ער האָט נאָך שווערער מי געקראָגען פאַר מיר אַ האָטעל־צימער. ער האָט מיך דאַן געפרעגט צי איך פאַרלאַנג נאָך עפּעס. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין הונגעריג. אָבער איך האָב ניט קיין געלט אַ חוץ אַמעריקאַנער דאָלאַרען.

— קומט מיט מיר עסען — האָט ער געזאָגט.

מיר זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַן און ער האָט באַשטעלט פאַר אונז עסען.

ביים עסען האָט ער מיך אויסגעפרעגט וועגען אַמעריקע. ער האָט געוואָלט וויסען פון מיר, ווי ווייט עס אינטערעסירען זיך די אַמע־ריקאַנער אידען מיט ישראל. פרייען זיך דאָרט די אידען מיט די זיגען פון דער הגנה? טוט דאָרט ווי דאָס אידישע האַרץ פאַר די

אידישע קרבנות, פאַר אונזערע פאַרלוסטען, אַזוי ווי דאָס האַרץ פון דעם ישראל־איד האָט וויי געטאָן פאַר די היטלער קרבנות?

ער האָט מיר נאָכאַנאַנד געשטעלט אַזעלכע פראַגען און איך האָב געענטפערט אויף אַזוי ווייט ווי איך בין געווען אימשטאַנד צו ענטפערן. איך האָב געקוקט אויף דעם פּאָליציימאַן מיט גרויס באַוואונדערונג, מיט גרויס פאַרערונג, וואָס ער האָט אַזוי פיל וואַרימקייט פאַר דעם לאַנד און פאַר אידען. ער האָט מיר ערקלערט, אַז ער קומט פון פוילען. ער איז 15 יאָר אין לאַנד. אָבער ער פילט, אַז ער איז געבוירען געוואָרען דאָ, ניט אין פוילען.

ווען מיר האָבען אָפּגעגעסען האָט ער באַצאָלט פאַר ביידע מאָלצייטען.

— וואָס הייסט דאָס? — האָב איך פּראָטעסטירט — איר זייט אַ פּאָליציי־מאַן אין חיפה און איך קום פון אַמעריקע, צאָלט איר פאַר מיר?

ער האָט געעפענט זיין טייסטער און מיר דערלאַנגט דריי פּאַלעסטינער פונט, זאָגענדיג צו מיר: — איר האָט דאָך ניט קיין געלט. נאַט אייך דריי פונט. ווען איר וועט אויסבייטען אייער געלט, וועט איר מיר אָפּגעבען.

— וואו וועל איך אייך אָפּגעבען? — האָב איך געפרעגט — איך פאָר דאָך אַוועק קיין תל־אָביב.

— איר וועט קומען צו מיר אויף שבת און מיר אָפּגעבען — האָט ער געזאָגט — איר מוזט קומען צו מיר אויף שבת. איר וועט קומען? — האָט ער געפרעגט.

— איך וועל קומען — האָב איך געזאָגט — אַ ברירה האָב איך?

ער האָט מיך צוגעפירט צום האָטעל און ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר ווידער אָנגעזאָגט: — קומט צו מיר אויף שבת, וועט איר זען ווי אַ פּאָליציי־מאַן פון חיפה פּראַוועט שבת.

דער קאָסטאָם אינספּעקטאָר

ווען איך האָב געבראַכט מיינע רענצלעך פאַר דעם קאָסטאָם־אינספּעקטאָר אין חיפה, האָב איך ניט געהאַט קיין חשק ער זאָל זיי עפענען. איך האָב פיינט צו עפענען און צו פאַרמאַכען רענצלעך. מיינע רענצלעך האָבען אַ טבע ניט צו ווען זיך עפענען און פאַרמאַכען, ווען זיי זעען מיך. איך האָב דערפאַר זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם קאָסטאָם־אינספּעקטאָר, אַז איך קום פון אַמעריקע, איך בין אַ שרייבער, און איך שרייב פאַר׳ן „פאָרווערטס״. איך האָב גערעכענט, אַז אָט די ווערטער וועלען מאַכען אַן איינדרוק אויף אים, אַז ער וועט צו מיר האָבען צוטרוי און ניט עפענען מיינע רענצלעך. אין אַנדערע לענדער האָט אַ פּעקעל אַמעריקאַנער סיגאַרעטס געהאָלפען, און מען האָט מיין געפּעק ניט אָנגערירט. דאָ האָב איך געוואוסט, וועלען אַזעלכע זאַכען ניט העלפען. אָבער איך האָב גערעכענט, אַז אַזעלכע זכות־אָבות ווי אַמעריקע, און דער „פאָרווערטס״, קענען העלפען.

דער קאָסטאָם־באַאַמטער האָט מיר געגעבען די האַנט און מיר געזאָגט, אין אַ שיינעם אידיש: „שלום עליכם! איר זייט ביי אונז אַ חשוב׳ער גאַסט. זייט איר דאָס ערשטע מאָל אין ישראל?״

— יאָ, — זאָג איך.

— איר וועט דאָ גרויס הנאה האָבען — זאָגט ער — אַ אידישער שרייבער צום ערשטען מאָל אין ישראל. איר וועט האָבען גרויס נחת.

און אַזוי ריידענדיג צו מיר זייער וואַרעם, זאָגט ער: זייט אַזוי גוט און עפענט אייערע רענצלעך.

איך האָב געעפענט.

ער רעדט ווייטער: — אַזוי ווי איר שרייבט פאַר׳ן „פאָרווערטס״

ווײל איך אײך בעטען, אַז איר זאָלט דורכ'ן „פאָרווערטס" פאַר מיר אויפזוכען מײנעם אַ ברודער.

איך פאַרשרײב אין מײן ביכעלע.

אַזוי רעדענדיג האָט ער אין דערזעלבער צײט געזוכט אין מײנע רענצלעך. זאָג איך צו אים: „וואו איז יושר? איך זוך פאַר אײך אַ קרוב און איר זוכט אין מײנע רענצלעך"? זאָגט ער: — ערשטענס, מוז איך טאָן מײן פליכט. מען צאָלט מיר פאַר זוכען, דאַרף איך זוכען; צווײטענס, ווען איך וואָלט אײערע רענצלעך דורכגעלאָזען פאַר דעם וואָס איר וועט זוכען מײן ברודער, וואָלט איר געטראַכט פון מיר, אַז איר האָט מיך אונטערגעקויפט.

ער האָט מיר געהאָלפען פאַרמאַכען מײנע רענצלעך און געזאָגט: — נו, וואָס אַרט אײך, אַז איך האָב געזוכט. ס'איז דאָך גאָר ניטאָ.

— און וואָס וואָלט געווען ווען איר געפינט עפּעס? — פרעג איך אים.

— וואָלט איר באַצאָלט אַ פּאָר דאָלאַר. געשאָסען וואָלט מען אײך ניט. — האָט ער ערקלערט.

ער האָט זיך מיט מיר וואַרעם געזעגענט און דאַן גענומען זוכען אין אַנדערע רענצלעך.

— אידען קענען גוט זוכען — האָב איך געהערט ווי אײנער האָט באַמערקט צום צווײטען.

דער צענזאָר פון מדינת ישראל

ווען איך בין אָנגעקומען אין תל־אָביב בין איך געוואויר געוואָרען צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז איך דאַרף ווערען אַ מיטגליד פון די אויס־לענדישע זשורנאַליסטען. דאָס וועט מיר געבען די מעגליכקייט צו גיין און פאָרען אין פלעצער, וואו ציווילע איז ניט דערלויבט. צווייטענס, אַז עס איז פאַראַן אַ צענזאָר, אַז מיינע אַרטיקלען, וועלכע איך שרייב פאַר מיין צייטונג, מוזען איבערגעלייענט ווערען פון אַ צענזאָר.

די צווייטע געשיכטע, אַז מיינע אַרטיקלען וועלען געלייענט ווערען פון אַ צענזאָר, האָט מיר גאָר ניט געשמעקט. ערשטענס, האָב איך שוין געהאַט אַרויסגעשיקט פון חיפה צוויי אַרטיקלען און נישט געגעבן זיי צו אַ צענזאָר, און דאָס מיינט, אַז יענע אַרטיקלען וועלען פאַרהאַלטען ווערען. צווייטענס, האָב איך תמיד פיינט אַ צענזאָר. איך האָב ניט ליב מענשען וואָס זיינען צענזאָרס.

פאַרוואָס, האָב איך געטראַכט, זאָל אַ צענזאָר איבערקוקען מיינע אַרטיקלען? וועל איך אַרויסגעבען מיליטערישע סודות? איך ווייס דען עפּעס וועגען זאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט מיליטער? ווען עמיצער זאָל מיר איבערגעבען אַלע סטראַטעגישע פּלענער פון אידישען גענעראַל־שטאַב וועל איך דען וויסען איין וואָרט וואָס מען רעדט צו מיר? און אַז איך זאָל יאָ וויסען, וועל איך דען אויסזאָגען? וועט אַ אידישער שרייבער שרייבען זאַכען וואָס זאָל שעדיגען דער אידישער מדינה? איז דען דאָ אַזאַ אידישער שרייבער? און ווען איך זאָל וועלען דאָס טאָן, וועט אַ אידישע צייטונג עס דרוקען? איז פאַרוואָס קומט מיר אַ צענזאָר איבער מיין קאָפּ? פאַרוואָס?

איך בין אַוועק אין דעם פּלאַץ, וואו עס קומען זיך צונויף די אויסלענדישע זשורנאַליסטען. דאָס איז אין ריץ־האָטעל. דאָרט

זיצען שרייבער פון די גרעסטע נייעס־אַגענטורען פון דער וועלט, ווי „אַסאָשיאייטעד פרעס״, „יונייטעד פרעס״, און אַנדערע, און שיקען קעיבעלס וועגען ישראל. דאָרט גיט מען אַרויס די נייעס פון פראָנט צו די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען.

מיך האָט פריינטליך אויפגענומען אַ ליב אידיש מיידעל. זי האָט קיין סך פראַגען מיר ניט געשטעלט, הערענדיג אַז איך שרייב פאַר׳ן „פאָרווערטס״. זי האָט מיר געגעבען אַ פּאַפּיר אויסצופילען, אין וועלכען ס׳איז דערמאָנט, אַז איך מוז זיך אונטערוואַרפען צו דער צענזור, און מיר דאַן געגעבען אַ ביכעלע, וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מיט־גליד פון די אויסלענדישע זשורנאַליסטען.

איך האָב זי געפרעגט וואו עס געפינט זיך דאָ דער אידישער צענזאָר. זי האָט מיר אָנגעוויזען אויף אַ צימער און געזאָגט: „איר קענט דאָרט אַריינגיין אפילו ניט אָנקלאַפּען אין טיר, און רעדען מיט אים״.

איך בין צוגעגאַנגען צום צימער, האָב פּאַוואָליע געעפענט די טיר. עס איז געזעסען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרען, פאַרטיפט אין אַ מאַנוסקריפּט. איך האָב זיך געוואָלט פאַר אים פאָרשטעלען, אָבער איך האָב באַלד חרטה געהאַט. איך האָב געטראַכט, אַז איך האָב צייט זיך צו באַקאָנען מיט אַ צענזאָר. אַז איך וועל מוזען וועל איך מיט אים רעדען. דערווייל דאַרף איך אים ניט. איך האָב פּאַוואָליע צוריק פאַרמאַכט די טיר און בין אַוועק.

איך בין אַהיים געגאַנגען, זיך געזעצט שרייבען אַן אַרטיקעל, און די שווערד פון צענזאָר איז געהאַנגען איבער מיין קאָפּ. איך האָב געקלערט צי מעג מען דערמאָנען געוויסע זאַכען, צי ניט. זאָל איך למשל, דערציילען, אַז אין תל־אביב זיינען אַלע נעכט „בלעקאוטס״ און קיינעם אַרט עס נישט? זאָל איך דערציילען, אַז אידישע סאָלדאַטען זאָגען מיר, אַז זיי וואָלטען בעסער געוואָלט אַז די מלחמה זאָל באַנייט ווערען איידער אַ „טרוס״, וואָס ברענגט צו גאָר נישט? זאָל איך דער־ציילען, אַז די אידישע סאָלדאַטען רעדען מיט דער גרעסטער זיכערקייט, אַז אויב עס וועט קומען צו אַ באַנייאונג פון דער מלחמה וועט עס לאַנג ניט געדויערן — די אַראַבער וועלען זיך ווידער צולויפען ווי די מייז? איך ווייס, אַז די אידען אין אַמעריקע ווילען שטאַרק וויסען וואָס עס טראַכט און ווי עס פילט דאָ דער פשוט׳ער אידישער סאָלדאַט. איך וויל זיי דערציילען, אַז אַזעלכע מוטיגע סאָלדאַטען האָב איך אין מיין לעבען ניט געזען. זיי רעדען וועגען די גרעסטע געפאַרען מיט אַ שמייכעל.

זיי האָבען אַזוי ליב דאָס לאַנד, אַז זייער לעבען איז ביי זיי גאָרניט אין פאַרגלייך צום לאַנד. זאָל איך דאָס אַלעס דערציילען, אָדער אפשר וויל ניט דער צענזאָר, אַז איך זאָל דאָס אויסזאָגען? איך קלעק און מעק. עס איז מיר ענג, שווער. איך פיל זיך ווי אַ געבונדענער. די צענזור וואַרגט מיך.

ענדליך באַשליס איך צו שרייבען וואָס איך וויל. אויב דעם צענזאָר וועט ניט געפעלען, זאָל ער עס אויסמעקען. זאָל ער עס אַרויס־וואַרפען.

איך קום אַריין מיט מיין אַרטיקעל צום צענזאָר. איך שטעל זיך אים פאָר. ער בעט מיך זיצען און ער הויבט גלייך אָן לייענען מיין מאַנוסקריפּט. איך זיץ. ער לייענט. איך קוק אויף אים צו זען אין זיינע מינעס צי געפינט ער ניט ביי מיר מיליטערישע סודות. ער לייענט און שמייכעלט. הייסט עס, אַז מיין אַרטיקעל געפעלט אים. איז ער דאָך אַן איידעלער מענש. אַלע מענשען, וועמען עס געפעלען מיינע אַרטיקלען זיינען ביי מיר וואוילע און קלוגע מענשען.

— זייער גוט, — רופט אויס דער צענזאָר — איר שרייבט מיט הומאָר. איך האָב ליב הומאָר.

אַ צענזאָר, און האָט ליב הומאָר?

ער לייענט ווייטער. ער פאַרקנייטשט אַביסעל דעם שטערען און זאָגט צו מיר: — אָט דאָס אָ, וואָלט איך אייך געראָטען אויסצומעקען.

— וואָס? — זאָג איך — איר געפינט אין דעם אַן אָנצוהערעניש וועגען די מיליטערישע פּאָזיציעס. גלויבט מיר, אַז איך האָב דאָס ניט געמיינט.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס פאַר אַ מיליטערישע פּאָזיציעס? — ערקלערט ער. — איך מיין, אַז פון ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט דאַרפט איר ניט דעם זאַץ. עס איז אַ ווידערהאָלונג. איר האָט דאָס שוין געזאָגט אין אָנהויב.

— הייסט עס, — זאָג איך אים — אַז איר זיינט ניט בלויז אַ צענזאָר, נאָר אויך אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

— איך בין עס — זאָגט ער און שטעלט זיך פאַר מיר פאַר אַלס אַ שריפטשטעלער.

— הייסט עס — זאָג איך, — אַז איך וועל מוזען שרייבען גוטע אַרטיקלען, אויב ניט וועט איר זיי ניט דורכלאָזען.

— איר האָט אַ רעכט צו שרייבען שוואַכע אַרטיקלען — זאָגט ער — אָבער איך וועל אייך זאָגען מיין מבינות.

— און איך — זאָג איך אים — האָב ניט געהאַט קיין חשק אייך צו באַגעגענען. איך האָב ניט ליב קיין צענזאָרס.

— איך האָב אויך ניט ליב קיין צענזאָרס, — זאָגט ער — איך האָס אונטערדריקונג. איך בין תמיד געווען אַ קעמפער פאַר פרייהייט. אָבער דאָ, אין די אינטערעסען פון ישראל, האָב איך אָנגענומען מיט ליבע דעם אַמט. טאָמער זיינען דאָ אַזעלכע, וועלכע ווילען אַרויסשמוגלען פון דאַנען סודות וואָס קענען שעדיגען אידען, וועל איך ניט לאָזען. אַז ישראל וועט זיין באַפרייט פון די שונאים וועט דאָ ניט זיין קיין צענזאָר און מיר וועלען אַלע דאָ זיין געגען צענזורען.

— אויב אַזוי — זאָג איך — וואָלט איך געוואָלט שרייבען וועגען מיין געשפרעך מיט אייך פאַר מיין צייטונג. זייט איר געגען?

— ניין — זאָגט ער — אַבי איר וועט ניט דערציילען קיין זאַכען וואָס מען טאָר ניט, און איר וועט עס גוט אָנשרייבען.

— א י ר וועט דאָך דאָס צענזורירען — זאָג איך אים. — איך בין דאָך ביי א י י ך אין די הענט.

אין פּאַרלאַמענט

איך בין געווען אין פּראָוויזאָרישען פּאַרלאַמענט פון ישראל. איך בין דאָרט געזעסען צוזאַמען מיט די זשורנאַליסטען. אַלס גאַסט האָט מען מיר געגעבען אַ חשוב'ן פּלאַץ, לעבען די מיניסטאָרען.

די פּאַרלאַמענט־זיצונג ווערט געעפענט פון יוסף שפּרינצאַק, סעקרע־טאַר פון הסתדרות, דער פּאָרזיצער (ספּיקער) פון פּאַרלאַמענט. ער רעדט רואיג, מיט אַן אָנגענעמען שמייכעל. עס רעדען דעפּוטאַטען, מיניסטאָרען. מען רעדט וועגען בודזשעט, מען רעדט וועגען מיליאָנען. עס פעלט ניט קיין קריטיק. עס רעדט הרב פישמאַן, דער מיניסטער פון רעליגיע. אים פאַרשטיי איך צום בעסטען. ער רעדט לשון־קודש, מיט דער הברה אשכנזית, אָן פּתח'ען. ער באַנוצט זיך מיט אידישע ווערטער ספּעציעל ווען ער זאָגט אַ וויץ. ער האָט למשל אַ זאָג געטאָן: „איר וועט מיר דער־ציילען אַ מעשה". אַלע האָבען האַרציג געלאַכט. דאָס אידישע ווערטעל איז זיי שטאַרק געפעלען.

איך זיץ און קוק אויף די אַלע מענשען, וועלכע זיצען אין פּאַר־לאַמענט. אַ טייל פון זיי קען איך, און די, וועלכע איך קען ניט, זיינען מיר אויך באַקאַנט. זייערע נעמען זיינען מיר באַקאַנט. איך קוק, און מיר הויבט זיך אָן דוכטען, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ חלום. איך בין אין ניו יאָרק און מיר חלומ'ט זיך, אַז איך בין אין תל־אביב, זיץ אין אידישען פּאַרלאַמענט, לעבען די מיניסטאָרען. אָט לעבען מיר זיצט דר. יצחק גרינבוים, דער אינערען־מיניסטער. אָט קוקט ער אויף מיר. מיר געפעלט זייער זיין אויסזען. מיר דוכט זיך, אַז אָט אַזוי דאַרף טאַקע אויסזען אַ אידישער מיניסטער.

איך רייב זיך די אויגען, איז דאָס אַ חלום צי איז דאָס די ווירק־ליכקייט? איז דאָס טאַקע אמת, אַז איך זיץ לעבען די מיניסטאָרען,

אונזערע מיניסטאָרען, וועלכע פירען די אידישע מדינה, וועלכע האָבען זי אין אַזאַ קורצער צייט אַזוי אָרגאַניזירט, אַז זי ווערט באַוואונדערט פון דער גאַנצער וועלט? וועלכע האָט אַן אַרמיי, וואָס האָט געשלאָגען די אַרמייען פון זיבען אַראַבישע לענדער?

איך זע ווי דר. יצחק גרינבוים, דער מיניסטער פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, הויבט זיך אויף פון זיין זיץ און גייט אין דער לאָבי. איך גיי אים נאָך.

דר. גרינבוים זעצט זיך אַוועק. איך גיי צו אים צו און שטעל זיך אַליין פאָר אים פאַר. איך ווייס ניט וואו האָט זיך צו מיר גענומען די חוצפה. איך האָב געקענט אויספירען, אַז איינער פון די זשורנאַליסטען זאָל מיך פאָרשטעלען פאַר אים. אָבער איך האָב ניט געוואָלט וואַרטען. איך בין איצט ניט דער זעלבער מענש וואָס תמיד. איך בין אַנדערש. איך בין איצט אַ חוצפה׳ניק. איך שוועב איצט צווישען חלום אוןווירקליכקייט. איך בין ניט זיכער, אַז דאָס אַלעס איז וואָר. איך זאָג דעם אידישען מיניסטער ווער איך בין און אַז איך וויל מיט אים ריידען. ער בעט מיך זיך צו זעצען. ער באַשטעלט פאַר מיר, און זיך, טיי, און מיר טרינקען און מיר ריידען. איך מיט דעם מיניסטער.

ער רעדט צו מיר האַרציג, ליבליך, אַזוי ווי ער קען מיך שוין פון יאָרען.

איך טרינק טיי און ער שטעלט מיר פראַגען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער רעפּאָרטער און איך דער מיניסטער. ער פרעגט: ווי האַלט עס מיט אידיש און העברעאיש אין אַמעריקע? וואָס איז מיט׳ן אידישען טעאַטער? ווען ער איז געווען אין אַמעריקע, צוריק מיט צוואַנציג יאָר, זאָגט ער, זיינען דעמאָלט געווען וואונדערבאַרע טעאַטערס: דאָס אידישע קונסט־טעאַטער, די ווילנער טרופּע. ער קען דאָס ניט פאַר־געסען.

זיין ריידען צעוואָרימט מיך. איך פיל זיך גוט, וואָס אַ מיניסטער פון ישראל רעדט אַזוי האַרציג וועגען אידישען טעאַטער. איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך בין געווען אין וואַרשע, מיט צוועלף יאָר צוריק, האָב איך געהערט אַ שאַרפע רעדע געגען אים אין דער דאָרטיגער אידישער קהילה. עס האָט אים אַטאַקירט דער באַרימטער בונדישער פירער, ערליך, ע״ה. ערליך האָט אים אַטאַקירט פאַר זיין ציוניסטישער אַגי־טאַציע, אַז אידען זאָלען פאָרען קיין ארץ־ישראל; פאַר׳ן זאָגען, אַז פוילען איז ניט קיין אמת׳ע היים פאַר אידען.

איך דערמאָן זיך אָן יענער רעדע און טראַכט: ווען ערליך וואָלט

איצט געלעבט, וואָלט ער אפשר אַנדערש גערעדט וועגן גרינבוים׳ס באַהויפּטונג, אַז פוילען איז ניט קיין היים פאַר אידען.

די זיצונג פון פּאַרלאַמענט ענדיגט זיך. מען שטעלט מיך פאָר פאַר יוסף שפּרינצאַק, דעם פאָרזיצער פון פּאַרלאַמענט.

ער דערלאַנגט מיר אַ וואַרימע האַנט און זאָגט מיר: „איך ווייס וועגן אייך, איך האַלט זייער פון הומאָריסטען״...

איך רייב זיך די אויגען. איז דאָס אַלעס ניט קיין חלום?

וואָס איך הער און זע אין תל אָביב

אַ פרימאָרגען. ציַיטונגס־פאַרקויפער שריַיען: „באר־שבע גענומען! אונזערע פליער באַהערשען דעם הימעל! מיר זיַינען פינף מייל פון עזה!"

איך שפּאַציר איבער אַלענבי, איינע פון די הויפּט־גאַסען פון תל אָביב. אידען שטייען פאַרטיפט אין די ציַיטונגען. מען כאַפּט די ציַיטונגען פון די הענט ביי די פאַרקויפער. עס שמייכלען אידישע פּנים׳ער. עס שמייכלען עלטערע און אינגערע, מענער, פרויען און קינדער. עס שטייט אַ רעדעל אידען און דיסקוטירט:

„באר־שבע!" רופט אויס אַ איד, „אַ קלייניגקייט, באר־שבע! דאָס איז דאָך אַזוי ווי פּיתום ורעמסס. די גרעסטע פעסטונג!"

„איר שפּילט זיך מיט אונזערע אינגלעך. אַי, זיַינען דאָס אינגלעך! ווען די „יו־ען" לאָזט זיי נאָר, וואָלטען מיר אין נאָך איין וואָך געהאַט גאַנץ פּאַלעסטינע", זאָגט אַ צווייטער איד.

„באר־שבע!" רופט אויס אַ דריטער איד. „אַז איר ווייסט קיינער ניט וואָס באר שבע איז. דאָרט האָט דאָך אַ איד ניט געקענט אריינשטעלען אַ פוס. איז געקומען אַהין אַ איד, האָט מען אים באַראַבעוועט, באַ׳גנב׳עט און גע׳הרג׳עט. באר־שבע!"

„מיין זון האָט אַ גרויסען חלק וואָס מען האָט גענומען באר־שבע", זאָגט אַ פערטער איד, מיט אַ ציַיטונג אין האַנט. „מיין זון איז אַ פליער. מיר האָבען זיי, די עגיפּטער, פריטשמעליעט פון דער לופט. פונ׳ם הימעל האָט מען זיי דערלאַנגט. ריזיגע באָמבעס האָבען אויף זיי אַרונטערגערעגענט פון הימעל, און מיין זיין איז געווען איינער פון די פליער".

„און ניט נאָר אייער זון און מיין זון", רופט אויס אַ איד, „נאָר די זין פון דער גאַנצער וועלט, וואו אידען געפינען זיך, האָבען געהאָלפען נעמען באר־שבע. לעבען זאָלען די אידען פון דער גאַנצער וועלט. זיי העלפען אונז".

„פאַרגעסט ניט אַמעריקע!" רופט אויס אַן אַנדער איד. „אַז דו גיבסט ברכות, לאָז ניט אויס אַמעריקע".

איך האָב ניט קיין מורא

פאַר מיין אַוועקפאָרען קיין ישראל האָבען מיך אייניגע פון מיינע פריינד געפרעגט: „דו האָסט גאָר קיין מורא ניט צו פאָרען אַהין אין אַזאַ אומרואיגער צייט?" איך האָב אויף דעם געענטפערט, אַז איך האָב ניט קיין מורא. אָבער איך האָב ביי זיך געטראַכט: טאָמער, חלילה, וועל איך דאָרט זען, אַז ס'איז געפערליך, וועל איך האַנדלען ווי די, וועלכע האָבען מורא. איך וועל מאַכען „השיבנו נאַזאַד". איך וועל אנטלויפען צוריק.

איך בין שוין צען טעג אין תל אביב, און וועגען אַנטלויפען קלער איך גאָר ניט. איך האָב אין דער קורצער צייט ליב געקראָגען תל אביב. איך בין דאָ זייער היימיש. מיר דוכט זיך, אַז איך קען דאָ אַלעמען. וואָס מען רעדט דאָ אינטערעסירט מיך, און פון די גאַסען איז אָפּ־געריסן. איך שפּאַציר אויף זיי ווי זיי וואָלטען געווען מיינע גאַסען: רש"י גאַס, יהודה הלוי גאַס, דוד פרישמאַן גאַס, שלום עליכם גאַס, מענדעלע מוכר ספרים גאַס, ש. פרוג גאַס. ווען מען זאָגט צו מיר, למשל: „קומט צו מיר אין מענדעלע גאַס. דו דאַרפסט דורכגיין רש"י, יהודה הלוי, י. ל. פרץ און שלום עליכם גאַסען, ביסטו באַלד אין מענדעלע גאַס" — ווייס איך ווי צו גיין אַליין. איך געדענק עס. קען מען דען פאַרגעסען אַזעלכע נעמען ווי רש"י, י. ל. פרץ, אחד העם, שלום עליכם?

זייט איך בין דאָ, זיינען שוין געווען עטליכע „בלעקאַוטס". מען מאַכט זיי אַלס פראָבעס. מען וויל דעם עולם ניט אָפּגעוואוינען פון זיין צוגעגרייט געגען לופט־באַמבאַרדירונגען. טאָמער פאַרגלוסט זיך עגיפּטען צו וואַרפען באָמבעס, זאָל מען זיין גרייט דערפאַר. איז פינסטער אין אָווענט. אָבער איך דאַרף ניט קיין ליכט צו זען ווי צו גיין אין די ליבע גאַסען. איך גיי אין דער פינסטער. איך האָב ניט קיין מורא.

פאַרוואָס האָב איך ניט מורא? דאָס איז ניט דערפאַר ווייל דאָ איז מען זיכער, אַז די מלחמה וועט ניט באַנייט ווערען. פאַרקערט, דאָ ריכט מען זיך, אַז יעדע מינוט קען עפּעס פּאַסירען; אַז די עגיפּטער, וועלכע ברעכען נאָכאַנאַנד דעם „טרוס", זאָלען טאָן אַזוינס, וואָס זאָל מוזען אַרויסרופען קריג. אָבער קיינער דאָ האָט ניט קיין מורא. עס האָט ניט קיין מורא דער סאָלדאַט, וועלכער דאַרף גיין אין פראָנט. עס האָט ניט קיין מורא דער טאַטע, די מאַמע, וועמעס קינדער דאַרפען גיין אין פייער. היינט פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבען?

אויף אַ „באָס״

איך פאָר אויף אַ באָס אין תל־אָביב. עס זיצט לעבען מיר אַ הויכער אָפיציר. לעבען אים זיצט אַ איד מיט אַ גרויסען לולב. דער אָפיציר האַלט אַ ליטעראַרישע ביילאַגע פון „דבר״ און איז פאַרטיפט לייענענדיג אַ ליד.

אויף אַ צווייטער באַנק זיצט אַ אידענע מיט אַ האָן. לעבען איר זיצט אַ איד און זאָגט תהלים.

אויף די אַנדערע בענק זיצען פאַרשיידענע אידען פון פאַרשיידענעם עלטער, אויך סאָלדאַטען.

עס קומט פאָר אַ געשפרעך אין אידיש צווישען אַן עלטערען אידען און אַ סאָלדאַט.

— איך פאַרשטיי דיך ניט, — זאָגט דער עלטערער איד צו אַ יונגען סאָלדאַט, — אַ גאַנץ יאָר דאַווענסטו נישט, און יום־כפור יאָ. ממה נפשך, האַלטסטו פון דאַווענען, דאַרפסטו דאַווענען אַ גאַנץ יאָר, ווען ניט, דאַווען יום־כפור אויך ניט. דו וועסט גאָט מיט איין יום־כפור ניט אונטערקויפען. גאָט נעמט נישט קיין כאַבאַר. דאַווען ניט יום כפור!

דער איד, וואָס האָט געהאַלטען דעם לולב אין האַנט, האָט זיך אויסגעדרייט און געזאָגט צום עלטערען אידען: „וואָס ווילסטו פון אים? דו ווילסט ער זאָל יום־כפור אויך ניט דאַווענען? דו וועסט ביי אים פועל׳ען! דו וועסט ביי אים פועל׳ען!״

די אידענע, וועלכע האָט געפירט דעם האָן, האָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט:

— מילא, צו די סאַבּרעס וואָס דאַווענען ניט, האָב איך גאָרנישט.

אָבער די נייע, וועלכע קומען ערשט פון שיף און דאַוועגען שוין אויך ניט, אויף זיי פאַרדריסט מיך. וואָס איז די איילעניש? איר וועט דאָך צייט האָבען אויפצוהערען דאַוונען.

די אידענע האָט זיך שטאַרק געקאָכט. אָבער דער האָן, וועלכען זי האָט געפירט, האָט איר געשטערט. ער האָט אַלע מאָל אויסגערופען „קוקעריקו!" עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז ניט איינשטימיג מיט איר, אַן ארץ־ישראל׳דיגער האָן, האַלט ער ניט פון דאַוונען.

אין באר שבע

אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי מען האָט גענומען די וויכטיגע שטאָט, באר שבע, בין איך דאָרט געווען.

אַכט אויטאָ־אָבילען מיט קאָרעספּאָנדענטען זיינען אַהין געפאָרען און איך מיט זיי. אין מיין אויטאָמאָביל איז געזעסען יצחקי, דער קאָרעספּאָנ־דענט פון דעם „מאָרגען־זשורנאַל״; עטליכע העברעאישע קאָרעספּאָנ־דענטען, און מאַריאַן זשיד, דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס״. זשיד איז ערשט צוויי טעג געווען אין ישראל און ער פאָרט שוין מיט די קריגס־קאָרעספּאָנדענטען קיין באר־שבע.

ווען מען האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זשיד׳ן, איז מיר אַביסעל אומעטיג געוואָרען. אַזאַ שטאַרקער קאָנקורענט! אויב דער „פאָרווערטס״ וויל שוין שיקען אַ קאָרעספּאָנדענט קיין ישראל, האָט ער ניט געקענט שיקען אַ שוואַכערען שרייבער? פאַראַן גענוג שוואַכע שרייבער. אָבער ניט אים, פון וועלכען איך אַליין האַלט זייער שטאַרק. זיינע קאָרעספּאָנ־דענצען פון בערלין קען איך ניט פאַרגעסען. איך גיב אים „שלום־עליכם״ מיט צוויי פינגער אויף דעם אַמעריקאַנער קאָלטען שטייגער, און איך פרואוו באַהאַלטען מיין פאַרדרוס: וואָס הייסט, ער פאָרט אויך קיין באר־שבע? ער וועט שרייבען וועגען באר־שבע, און איך וועל שרייבען וועגען באר־שבע. ס׳געפעלט מיר עפּעס נישט.

מיר פאָרען. מיר פאָרען פאַרביי די קאָלאָניעס ראשון לציון, רחובות, גדרה. יצחקי, וועלכער איז שוין לאַנג אין ארץ־ישראל, ערקלערט פאַר אונז די באַדייטונג פון די קאָלאָניעס. זשיד ווישט זיך די ברילען (ער טראָגט ברילען). אים דוכט זיך, אַז אַלץ, וואָס ער זעט, חלומ׳ט זיך אים.

— ס׳אַ חלום! — שרייט ער — ס׳איז אַ חלום!

אָט אַזוי האָב איך געשריען, טראַכט איך, די ערשטע צוויי וואָכען. איצט בין איך שוין אויסגעגרינט. איך ווייס, אַז דאָס איז ניט קיין חלום. סאָלדאַטען שטעלען אונז אָפּ אויף דעם וועג, ווילען וויסען ווער

מיר זיינען. אַז מען ציינט זיי, אַז מיר זיינען קאָרעספּאָנדענטען, שרייען זיי: שלום און הידד!

יעדעס מאָל ווען מען שטעלט אונז אָפּ זיינען מיר צופרידען. אונזערע סאָלדאַטען שטעלען אונז אָפּ. איין סאָלדאַט שרייט צו אונז אויס אין אידיש: „זייט געזונט, און פאָרט געזונט!" זשיד ווישט זיך די ברילען.

מיר פאָרען אַריין אין נגב.

יצחקי ערקלערט אונז וועגען פאַרשידענע פלעצער. „אָט דאָ אָ", זאָגט ער, „פלעגט מען ניט קענען דורכפאָרען. די אַראַבער פלעגען שיסען פון באַהאַלטענע פלעצער. איצט זיינען ניטאָ מער קיין אַראַבער. ס׳איז פריי! לויטער אידען. אידישע זעלנער".

און זאָגענדיג דאָס נעמט מיך יצחקי כמעט אַרום און איך נעם אַרום זשידען. אויס קאָנקורענץ! מיך אַרט ניט מער וואָס זשיד וועט אויך שרייבען וועגען באר שבע. דער עיקר איז, אַז די אידען געווינען, געווינען. געווינען מיט אייגענע כוחות, מיט דער אייגענער אידישער אַרמיי.

מיר קומען צו אַ פּלאַץ וואו אַלע אונזערע אויטאָמאָבילען בלייבען שטיין, און מען הייסט אונז פאָרען איין אויטאָמאָביל פון צווייטען, אַרום צוויי הונדערט מעטער, אָפּגעטיילט. פאַרוואָס?

יצחקי ערקלערט אונז, אַז ניט ווייט פון אונז זיינען נאָך פאַראַן עגיפּטישע פּאָזיציעס, אָפּגעשניטענע, און עס קען זיך זיי פאַרגלוסטען צו שיסען, דאַרף מען ניט פאָרען צוזאַמען.

פאָרען מיר אָפּגעטיילט איין מאַשין פון דער אַנדערער און קיינער האָט ניט מורא.

זשיד פרעגט מיך צי איך האָב מורא.

איך ענטפער אים, אַז ניין. „וואָס האָט אַ איד מורא צו האָבען פאַר באַזיגטע עגיפּטער?" זאָג איך.

— איך האָב אויך ניט קיין מורא — זאָגט זשיד — אין ישראל האָט קיינער ניט קיין מורא.

זאָגענדיג דאָס, ווישט ער זיך די ברילען און נעמט מיך כמעט אַרום. איך נעם אַרום יצחקי׳ן. מיר זיינען איצט ניט קיין קאָרעספּאָנדענ־טען, קאָנקורענטען. מיר זיינען אידען וואָס פאָרען קיין באר שבע, אברהם אבינו׳ס שטאָט.

מיר זעען פון ווייטענס די עגיפּטישע פּאָזיציעס. מיר זעען די גרינע פאָן זייערע.

יצחקי ערקלערט אונז, אַז די אַלע עגיפּטישע פּאָזיציעס זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען דורך דעם וואָס מען האָט גענומען באר שבע.

די עגיפּטער דאָ וועלען פריער אָדער שפּעטער זיך מוזען אונטערגעבען.
מיר פאָרען אַריין אין דער מדבר.
— דאָס איז די מדבר סיני — זאָגט יצחקי.
זשיד ווישט זיך די ברילען.

דער מדבר־ווינט איז גאָר ניט קיין געשמאַקער. ער שיט זאַמד אין די אויגען אַריין. מען פאַרמאַכט די פענסטער. עס איז הייס. עס איז מדבר.

איך פרעג זשיד׳ן צי ס׳איז אים הייס. זאָגט ער, אַז ער ווייסט ניט. אַז ער איז נאָך ניט זיכער, אויב די גאַנצע מעשה חלומ׳ט זיך אים ניט, ווייל ווי קומט ער פּלוצים אין דער מדבר?

מיר פאָרען אַריין קיין באר שבע. מיין גייען אַרויס פון די אויטאָמאָבילען. איך קוק אויף דעם שטעטעל און איך טראַכט זיך: „וועגען דעם אָ מאַכט מען אַזאַ צימעס?” וואָס איז דאָס? אַ קליין שטעטעל! אָבער וואָס ווייס איך וועגען מיליטערישער סטראַטעגיק? יצחקי זאָגט, אַז דאָס איז זייער וויכטיג. זשיד האָלט שוין אַ מאָפּע אין דער האַנט. ער נישטערט זיך אין די פּאָזיציעס. איך ווייס גאָר ניט. איך זע ליידיגע הייזער. קיין אַראַבער זיינען ניטאָ, קיין מעבעל אין די הייזער איז אויך ניטאָ, איך זע צושאָסענע הייזער. איך זע עטליכע אַראַבער, געפאַנגענע, וועלכע קערען די גאַסען און איין איד, אַ סאָלדאַט, גיט אויף זיי אַכטונג.

מיר גייען אַריין אין אַן אַראַבישען מעשטשעט. די סדורים זייערע ליגען אויף די בענק. יעדער נעמט אַ סידור׳ל. אַן אָפיציר, וועלכער פירט אונז, לאָזט אונז וויסען, אַז מען דאַרף אַלעס צוריקלייגען. מיר פאָלגען.

מען פירט אונז אַריין אין אַ געוועזענער פּאָליציי־קוואַרטיר, וואו עס הענגט די אידישע פאָן. מען האָלט פאַר אונז אַ לעקציע, אין העברעאיש און אין ענגליש, וועגען דער באַדייטונג פון באר שבע.
זשיד ווישט זיך די ברילען.

אַ סך גאַסען זיינען נאָך געמינעוועט. אומעטום באַגעגענען מיר אונזערע סאָלדאַטען און סאָלדאַטקעס, וועלכע האָבען געקעמפט אין נגב. די צאָל פון די סאָלדאַטקעס איז זייער גרויס.

„אין קיין אַרמיי אין דער וועלט איז ניטאָ אַזוי פיל פרויען ווי ביי אונז. אונזערע בנות־ציון האָבען זיך גוואַלדיג אויסגעצייכענט”, ערקלערט יצחקי.
זשיד ווישט זיך די ברילען.

דער גענעראַל וואָס האָט גענומען באר שבע

אין אָוונט. איך שפּאַציר איבער תל אביב. ס'איז פינסטער. מען איז נאָך ניט זיכער, צי די עגיפּטער וועלן נאָכאַמאָל ניט פּרואוון וואַרפן באָמבעס אויף תל אביב. מיט מיר גייט דער „באַוואוסטער" חנא. ער איז אין תל אביב זייער ניצליך. ער פירט אַמעריקאַנער אין דער פינסטערניש. פּלוצלונג גייט פאַרביי אַ מאַן מיט אַ באָרד. אין דער פינסטער האָט מען געזען בלויז אַ שטיקל פון דער באָרד.

חנא גיט אים אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע, אויסרופנדיג:

„שלום, גענעראַל!"

דער מיט דער באָרד ענטפערט:

„שלום, חנא, איך איל זיך. איך קום ערשט פון באר־שבע!"

„שטייט דיר שוין ניט אָן צו רעדן מיט חנא'ן. ווייל דו האָסט גענומען באר־שבע?" שרייט אויס חנא.

דער איד מיט דער באָרד איז אַוועק און איך האָב געמיינט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ שפּאַס: סתם אַזאַ איד, וועמען חנא רופט גענעראַל. אָבער ווען איך בין דערנאָך געקומען אין קאַפע „כסית", אַ קאַפע־הויז וואו עס קומען ליטעראַטען און שוישפּילער, זאָגט מיר אַ שרייבער: „ווען איר וואָלט אַהער געקומען אַביסל פריער, וואָלט איר דאָ געזען דעם גענעראַל וואָס האָט איינגענומען באר־שבע.

איך האָב דאָן פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן מיט דער באָרד, וועמען חנא האָט געקלאַפּט אויף דער פּלייצע, איז טאַקע געווען דער אמת'ער גענעראַל... מיך האָט פאַרדראָסען פאַרוואָס כ'האָב מיט אים ניט געכאַפּט קיין שמועס. ווי אַזוי לאָזט מען אַזוי לייכט אַרויס פון הענט אַ אידישען גענעראַל, וואָס האָט ערשט דורכגעפירט אַזאַ בריליאַנטענעם זיג!

אין ירושלים

דעם ערשטען טאָג, ווען איך האָב זיך אַריינגעצויגען אין מיין האָטעל, אין תל־אביב, האָט איך דאָרט געהערט איינעם שרייען אין ענגליש: „ירושלים! ירושלים! ווער עס האָט ניט געזען ירושלים האָט גאָר ניט געזען! תל אביב איז גאָר ניט! תל אביב איז אַ קאָני איילענד. ירושלים! ירושלים!"

איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז דער מאַן, וועלכער האָט זיך אַזוי געקאָכט וועגען ירושלים, איז געווען קאָנגרעסמאַן סעלער פון ניו יאָרק, וועלכער איז ערשט אָנגעקומען פון אַ באַזוך אין ירושלים, און אַז ער הערט וועגען דעם ניט אויף צו רעדען.

פאַר מיר איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען נויטיג, אַז קאָנגרעסמאַן סעלער זאָל מיך אָנשטעקען מיט נייגעריגקייט צו זען ירושלים. אידען האָבען געשוואָרען ניט צו פאַרגעסען ירושלים, טאָ ווי איז מעגליך פאַר אַ אידען ניט צו ווילען שטאַרק זען ירושלים? איך האָב געוואָלט אַהין פאָרען באַלד ווען איך בין געקומען. אָבער צוליב פאַרשידענע אורזאַכען האָב איך אַהין ניט געקענט פאָרען אַזוי שנעל ווי איך האָב געוואָלט.

איך האָב אין מיין האָטעל אויך געהערט רעדען מאָרגענטאַו'ן וועגען ירושלים. אויך ער איז געווען זייער באַגייסטערט. אַפילו רוזוועלט'ס אייניקעל, וועלכער האָט געוואוינט אין דעמזעלבען האָטעל, האָט אויך געשריען: „ירושלים! ירושלים! ירושלים!" איך האָב זיך פּשוט געשעמט פאַר מיר אַליין וואָס איך ליג אין תל אביב אַזוי לאַנג און זע ניט ירושלים.

ענדליך איז מיין וואונש ערפילט געוואָרען. אַ דאַנק דער „אינפאָרמעישאָן פּרעס־ביוראָ", האָב איך געקראָגען די מעגליכקייט און די ערלויבעניש אַהין צו פאָרען.

איך בין געפאָרען אין אַ טעקסי צוזאַמען מיט אויסלענדישע זשורנאַ־ליסטען. מיר זיינען געפאָרען מיט דעם בורמאַ־וועג (דער נייער וועג, וועלכען אידען האָבען שנעל אויפגעבויט). מיינע מיטפאָרער, גויים, האָבען אויפ׳ן וועג געזאָגט וויצען. זיי האָבען אויף אַלעס געקוקט פון ציטונגס־שטאַנדפונקט. זיי זוכען אַ „סטאָרי״ פאַר זייער ציטונג, ווייטער אינטערעסירט זיי ניט. איך בין געווען דער איינציקער קאָרעספאָנדענט, וואָס האָט ניט געזוכט קיין „סטאָרי״. איך האָב גאָר ניט געקלערט וועגען שרייבען. איך פאָר זען ירושלים; איך פאָר זען די שטאָט, וועלכע מיינע ליפּען האָבען אַרויסגערעדט ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד. אַ קלייניגקייט ירושלים! איך בין געפאָרען אַהין ווי אַ איד, ניט ווי קיין קאָרעס־פאָנדענט.

איך און דער שאָופער זיינען געווען די איינציגע אידען אין דער טעקסי. אָבער דער שאָופער איז שוין גלייכגילטיג צו ירושלים, ער פאָרט אַהין כמעט יעדען טאָג. איך בין זיכער געווען דער איינציקער וואָס האָט געפילט אַ הייליגען ציטער. אַ קלייניגקייט ירושלים! באַלד וועל איך זען ירושלים!

אין נאָרמאַלע צייטען פלעגט מען פון תל אביב קיין ירושלים פאָרען בלויז אַ שעה צייט. אָבער איצט פאָרט מען דריי שעה.

דער שאָופער ערקלערט אונז וועגען די פּלעצער וואָס מיר פאָרען פאַרביי. דאָ, זאָגט ער, האָבען אידען ניט געקענט דורכפאָרען — די אַראַבער פלעגען באַפאַלען, באַרויבען, הרג׳ענען; איצט איז דער וועג פריי. דאָ בויט מען נייע קאָלאָניעס. ווען דאָס איז געווען ביי די אַראַבער אין די הענט, האָט עס געפּוסטעוועט, געשימעלט. אָבער די גוי׳אישע קאָרעספאָנדענטען הערען דעם שאָופער׳ס מעשיות, דורך איין אויער אַריין, און דורכ׳ן אַנדערען אַרויס. זיי ווילען אַ „סטאָרי״ וועגען שיסען, וועגען אַ צאָל טויטע. אָבער דער שאָופער רעדט בלויז וועגען דעם וואָס אים אינטערעסירט, וואָס אים איז צום האַרצען. ער רעדט וועגען אידישער ענערגיע, אידישער פעהיגקייט צו בויען און אויך צו שיסען ווען מ׳דאַרף. די קאָרעספאָנדענטען אינטערעסירט עס ניט. אָבער דער שאָופער ווערט ניט ענטמוטיגט ווען ער זעט, אַז ער האָט אַ גוטען צוהערער אין מיר. ער רעדט דאָן צו מיר דעם גאַנצען וועג.

ווען מיר זיינען געקומען נאָענט צום לאַטרון וועג, און דער שאָופער האָט ערקלערט, אַז דאָרט, ניט ווייט, געפינט זיך דער אַראַבישער לעגיאָן, און אַז אַמאָל טרעפט, אַז די אַראַבער שיסען אַביסעל אויף פאַרביי־פאָרער, זיינען די קאָרעספאָנדענטען געוואָרען ערנסט. זיי האָבען אויפ־

געהערט זאָגן וויצן און אָנגעהויבן הערן וואָס דער שאָופער דערציילט.

— אַ סך מענשען זיינען דאָ דערשאָסען געוואָרען? — פרעגט איינער, אַ יונגער קאָרעספּאָנדענט, און נעמט אַרויס זיין נאָטיץ־ביכעל.

דער שאָופער ערקלערט, אַז ער ווייסט ניט דעם חשבון.

עס איז אונז אַנטקעגענגעקומען אַ צאָל אידישע סאָלדאָטען. די קאָרעספּאָנדענטען האָבען פריער אָפּגעאָטעמט.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים האָב איך זיך צושיידט פון די קאָרעספּאָנדענטען און בין אַוועק זען מיינע אַ קוזינע, וועלכע וואוינט שוין דאָרט יאָרען, און איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען. איך בין געגאַנגען און געקוקט אויף די גאַסען, אויף די הייזער. די מייסטע הייזער האָבען לעכער פון קוילען אין די ווענט. איך בין פאַרבייגעגאַנגען בן־יהודה גאַס. דאָרט זיינען פילע הייזער איינגעפאַלענע צושטערט. איך זע אָבער פלעצער, וואו עס זיינען געשטאַנען אַמאָל הייזער, אָדער הייזער מיט לעכער. די שטאָט זעט ביי מיר אויס ווי אַ שלאַכטפעלד. עס גייען פאַרביי אידען מיט בערד און אָן בערד. אַלע פיין און ריין געקליידעט, אַזוי ווי אין תל אביב. איך הער פלוצלונג אַ שאָס. איך האָב שוין געוואוסט פון פריער, אַז אין ירושלים הערט מען שיסערייען. איך פרעג איינעם אויף דעם אַדרעס פון מיין קוזינע. אַ איד פירט מיך צו צו דער וואוינונג. איך הער ווידער אַ שאָס.

— ווער שיסט דאָס? — פרעג איך.

— מען ווייסט ניט — זאָגט ער — צי ס׳זיינען אונזערע אָדער זייערע.

ער זאָגט דאָס גלייכגילטיג. ביי אים איז דאָס גאָר ניט.

— איר שרעקט זיך גאָר ניט ווען מען שיסט? — פרעג איך.

— ירושלים׳ער אידען האָבען ניט מורא פאַר שיסען — זאָגט ער.

ער האָט מיר צוגעפירט צו דער וואוינונג פון מיין קוזינע. איך האָב זי ניט געטראָפען אין דער היים. איך האָב דאַן ווייטער שפּאַצירט איבער די גאַסען, געקוקט אויף די אידען, וועלכע האָבען ניט קיין מורא פאַר שיסען, און אויף די הייזער מיט לעכער, וועלכע האָבען אויסגעהאַלטען די באָמבעס פון ענגלענדער און אַראַבער.

איך בין געגאַנגען, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַ וואַך פון עטליכע יונגע סאָלדאַטען. זיי האָבען מיך אָפּגעשטעלט און איינער האָט מיר ערקלערט, אויף אַ פריינדליכען אופן אין העברעאיש, אַז ווייטער טאָר מען ניט גיין, אַז איך מוז גיין צוריק.

— ווער פון אייך קען רעדען אידיש? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַלע, אַחוץ איינער — האָט ער געענטפערט, — און אויך ער וועט זיך אויסלערנען אידיש. ער איז דאָ געבוירען, אָבער מיר לערנען אים אידיש.

דער וואָס קען ניט קיין אידיש האָט, אין אַ צובראָכענעם אידיש, געמישט מיט העברעאיש, געזאָגט:

— אַ איד דאַרף קענען אַ סך לשונות און אידיש אַוודאי.

— ער לערענט אונז העברעאיש און מיר לערנען אים אידיש — האָט אַ צווייטער, גאָר יונגער בחור, געזאָגט.

— שיסען קענסטו? — פרעג איך דעם יונגען בחור.

— ווען איך וואָלט ניט געקענט שיסען וואָלט מען מיך דאָ ניט אַוועקגעשטעלט. — ערקלערט דער יונגער בחור.

— ווי לאַנג ביסטו אין ישראל! — פרעג איך אים.

— זעקס וואָכען — זאָגט ער.

— איז פון וואַנען קענסטו שוין שיסען? — פרעג איך אים.

— איך בין געקומען אַהער אַ שיסער — זאָגט ער.

— ווען מען זאָל פרעגען די אַראַבער — זאָגט ער ווייטער — וועלען זיי אייך זאָגען, אַז מיר קענען שיסען. איר זעט דעם בחור — ווייזט ער מיר אָן אויף איינעם — אָט דער־אָ איז געווען אַ ישיבה בחור. ער האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס אַ ביקס איז. איצט איז ער דער בעסטער שיסער.

איך האָב זיך מיט זיי געזעגענט, און איינער פון זיי, דער געבוירענער אין ישראל, האָט מיר געזאָגט אין אַ צובראָכענעם אידיש:

— זייט פאַרזיכטיג ווי איר שטייט. אָט דאָרט־אָ זיינען די אַראַבער, און זיי האָבען ליב צו צילען זיך אויף פאַרבייגייער.

מען האָט געהערט אַ שאָס.

— אָט דאָס איז עס. גייט אַוועק! — האָט ער געזאָגט.

איך בין אָפּגעגאַנגען און זיך געטראַכט: איך גיי אַוועק. איך בין פאַרזיכטיג. אָבער זיי, די ליבע אידישע אינגלעך? זיי שטייען און היטען אַנדערע ניט צו גיין אויף די געפערליכע פלעצער. וואָס איז מיט זיי? ווער היט זייערע יונגע לעבענס? זיי האָבען דאָך נאָך אַ סך מער צו לעבען ווי איך. פאַרוואָס שטייען זיי דאָ אין די געפערליכסטע פלעצער צו היטען מיין לעבען?

מיין קוזינע

אין ירושלים וואוינט מיינע אַ קוזינע, וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט געזען. זי איז פון אַן אַנדער שטאָט אין גאַליציע ווי איך. ווען זי איז אַוועקגעפאָרען קיין ארץ ישראל איז זי נאָך געווען זייער יונג. זי איז געפאָרען אַלס אַ ציוניסטקע, אַן אידעאַליסטקע. איצט וואוינט זי אין ירושלים וואָס באַווייזט, אַז זי איז נאָך אַלץ אַן אידעאַליסטקע.

זי האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. ווען זי איז אָבער געוואויר געוואָרען, אַז איך בין געקומען אַהער בלויז אויף אַ באַזוך, איז זי געוואָרען אַנטוישט. זי קען ניט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענש, וועלכער קומט קיין ישראל, זאָל וועלען פון דאָרט אַוועקפאָרען. איך מיין, אַז זי איז גערעכט. איך האָב טאַקע ניט קיין גרויס חשק אַוועקצופאָרען פון ישראל.

וועגען איר שוועסטער, וועלכע וואוינט אין וויען, און ס׳גייט איר דאָרט גוט, האָט זי גערעדט מיט דער גרעסטער פאַרביטערונג. „זי איז אַ בלאָפערקע“, האָט זי געזאָגט, „וואָס הייסט זי קומט זיך ניט באַזעצן אין ישראל?“

אין מיטען איר געשפרעך האָט מען געהערט אַ שיסעריי.

„דאָ שיסט מען“, זאָג איך, „און דו ווילסט אַז דיין שוועסטער זאָל איבערלאָזען אַ גוטע פּרנסה און קומען אַהער, וואו מען שיסט“?

זי האָט אויף דעם געענטפערט אַביסעל בייז: „מילא וועגען דיר, וואָס דו טראַכסט דאָ ניט צו בלייבען, קען איך דיר גאָרניט זאָגען. דו ביסט בלויז מיינער אַ קוזין. אָבער זי איז אַ שוועסטער. וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט געלט מיט פּרנסה, מיט באַקוועמליכקייט געגען העלפען בויען דאָס אידישע לאַנד?“

„איך“, האָט זי ווייטער ערקלערט, „האָב געהאָלפען אַרויסטרייבען

די ענגלענדער פון דאַנען. איך גלויב, אַז דאָס איז מער ווערט ווי געלט. איך האָב געזען ווי עס האָט געקעמפט יונג און אַלט פאַר׳ן לאַנד. איך און מיין מאַן האָבען זיך באַטייליגט אין דעם קאַמף. איז דאָס ניט מער ווי געלט און באַקוועמליכקייט, און פּרנסה?״

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט איר מאַן און געזאָגט:

„ניטאָ קיין מאַכט אין דער וועלט וואָס קען באַזיגען אָט דאָס קליינע פאָלק אידען אין ארץ ישראל, און די עקשנים אין ירושלים.

„מיר קענען זיך איצט שלאָגען. מיר האָבען זיך אויסגעלערענט״, — העלפט אַרויס מיין קוזינע — „מיר ווילען, אַז פון ציון זאָל אַרויסגיין די תורה פון יושר און גערעכטיגקייט, און ווען ס׳איז נויטיג, אויך די תורה פון מאַכען טענקס און ווי צו פירען מלחמה״.

„אין אָנפאַנג האָבען מיר געהאַט בלויז עטליכע „דוד׳לאַך״ (אַזעלכע קליינע רעוואָלווערען), ערקלערט מיין קוזין. די דוד׳לאַך האָבען געמאַכט אַ גרויסען טומעל, אַזוי ווי עס זאָלען שיסען האַרמאַטען. מיר האָבען מיט דעם אָפּגענאַרט די אַראַבער, אַז מיר האָבען טאַקע האַרמאַטען. מיר דאַרפען מער ניט אָפּנאַרען. און עראָפּלאַנען האָבען מיר אויך, און סאָלדאַטען מיט אָפיצירען האָבען מיר די בעסטע, און די געוואַגסטע. זיי שטאַרבען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען״.

אָט אַזוי האָבען מיין קוזין און קוזינע פאַר מיר ערקלערט די מיליטערישע לאַגע פון די אידען.

אין מיטען דעם געשפּרעך האָט זיך ווידער געהערט אַ שאָס.

„אַן אַראַבישער סנאַיפּער קען אויסשיסען״, ערקלערט מיר מיין קוזין, „אָבער שלאָגען זיך מיט די אידען קענען זיי ניט. זיי ווייסען עס. ענגלאַנד ווייסט עס. און אפשר ווייסט עס שוין אויך די וועלט. אָבער מען האַלט אונז צוגעבונדען מיט דעם „טרוס״. מען דענקט, אַז די מיליטערישע אויסגאָבען וועלען אונז עקאָנאָמיש דער־שטיקען. זיי האָבען ווידער אַ טעות. אונז קען מען מיט עקאָנאָמישע וואָפען אויך ניט שלאָגען. מיר קענען אויך פאַסטען ווען מען דאַרף״.

ביים באַרבער

ניט בלויז מיין קוזין און קוזינע רעדען אַזוי פּאַטריאָטיש, נאָר אַלע. יעדער, וועמען איך באַגעגען, פאַרשטייט ניט פאַרוואָס איך באַזעץ זיך ניט אין ישראל.

איך זיץ ביים באַרבער אויפ׳ן שטול אין ירושלים און, ווי געוויינליך אַ באַרבער, רעדט ער. אויף דער גאַנצער וועלט האָבען באַרבערס אַ טבע צו רעדען.

ער געפינט ביי מיר אויס, אַז איך בין פון אַמעריקע, און ער איז אין אָנפאַנג זייער צופרידען. מען דאַרף דאָ האָבען די אַמעריקאַנער, זאָגט ער, זיי זיינען אַפילו בלאָפערס, אָבער פּראַקטיש און דערפאַרען. ווען איך זאָג אים אָבער, אַז איך בין געקומען אַהער אַלס גאַסט און פאַר באַלד צוריק, איז ער גאָר ניט צופרידען. זיין שמייכעל פאַר־שווינדט, און ער פרעגט:

— פאַרוואָס ווילט איר זיך דאָ ניט באַזעצען?

— איך האָב אין דער היים אַ גוטע שטעלע — זאָג איך — און אין ישראל האָב איך ניט.

— וועט איר דאָ קריגען אַ שטעלע — זאָגט ער — און ווען איר זאָלט אַפילו דאָ ווייניגער פאַרדינען, איז דאָס ניט ווערט צו וואוינען אין ישראל?

— אין דער היים האָב איך אַ שיינע דירה — זאָג איך אים — און דאָ וועט מען ערשט דאַרפען פאַר מיר זוכען אַ דירה.

— וועט איר וואוינען אין אַ „בית עולים" (אימיגראַנטען הויז) ביז מען וועט אייך געפינען אַ דירה — זאָגט ער.

— איך בין שוין צו אַלט אָנצוהויבען מיין לעבען אויפסניי, — זאָג איך אים.

— קינדער האָט איר? — פרעגט ער.

— יאָ, איך האָב אַ זון — זאָג איך אים.

— וועט אייער זון אַרבייטען — זאָגט ער — צוליב אייער זון דאַרפט איר וואוינען אין ישראל. אייער זון וועט ווערען דאָ אַ איד, און אַ גוטער איד, און דאָרט, וואָס?

איך האָב אים געגעבען אין אורזאַך נאָך דער צווייטער, פאַרוואָס איך דאַרף צוריקפאָרען קיין אַמעריקע. אָבער ער האָט אַלע מיינע תירוצים צוריקגעשליידערט.

מיר איז געווען אָנגענעם צו הערען ווי ער אַגיטירט מיך צו בלייבען אין ישראל, פונקט ווי עס איז מיר געווען אָנגענעם צו הערען די טענות פון מיין קוזינע וועגען איר שוועסטער, פאַרוואָס זי קומט ניט אַהער זיך צו באַזעצען. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט אין אַמעריקע, אַז מענשען זאָלען אַזוי שטאַרק וועלען זייערע קרובים פון איראָפּע זאָלען קומען צו זיי. אין ארץ ישראל איז דער מאַנגעל אין דירות זייער גרויס, אַ סך גרעסער ווי אין ניו יאָרק, און אידען, קיין עין הרע, קומען אַריין יעדע וואָך אין די טויזענטער און מען האָט ניט מורא וואָס ס׳וועט ווערען ענג, אַז מען וועט דאַרפען זיך טיילען מיט די וואוינונגען מיט די אָנגעקומענע. דער יקרות איז דאָ גרויס, גרעסער ווי אין ניו יאָרק. און דאָך וויל מען אַז וואָס מער אידען זאָלען אַהער קומען. מען קעמפט דערפאַר. מען פאַרגיסט בלוט דערפאַר.

מיר איז געווען ליב צו הערען דעם באַרבער׳ס אַרגומענטען, האָב איך דערפאַר שטאַרק גערעדט געגען זיינע מיינונגען כדי ער זאָל זיך מער קאָכען.

— אַן עברה אייערע אַרגומענטען, — האָב איך אים געזאָגט שאַרף — איך וועל זיך אין ישראל ניט באַזעצען.

— זענט איר ניט קיין גוטער איד, — זאָגט ער — אַמעריקע האָט אייך פאַרדאָרבען. דאָס געלט, דאָס רייכקייט, האָט אייך קאַליע געמאַכט. איך בין אייך ניט מקנא.

— הערט — האָב איך אים געזאָגט — איך קום זיך צו אייך ראַזירען, דאַרפט איר וועלען איך זאָל ווידער צו אייך קומען, דאַרפט איר מיר אַלעס נאָכגעבען. אַ קונה גיט מען נאָך — פרנסה!

— אַ ירושלים׳ער איד גיט ניט נאָך — זאָגט ער. — ביי אייך אין אַמעריקע איז פרנסה די גרעסטע זאַך. ביי אונז איז דאָס גאָרנישט. ביי אונז איז דער עיקר דאָס פאָלק, דאָס לאַנד. אויב ביי אייך שטייט

פּרנסה העכער ווי דאָס פֿאָלק און דאָס לאַנד, מעגט איר זיך ראַזירען ביי אַן אַנדערען. איך האָב ניט ליב אַזעלכע אידען.

— און איך האָב דוקא ליב אַזעלכע אידען ווי איר — האָב איך אים געזאָגט. — שאַלאָם! איך פאָר איצט אַוועק קיין תל־אביב. אַז איך וועל צוריקקומען קיין ירושלים וועל איך ווידער קומען צו אייך זיך ראַזירען. איר מעגט מיר זאָגען וואָס איר ווילט, פאַר ניט באַזעצען זיך דאָ, איר מעגט, איר קעמפּט, און איך פאָר צוריק קיין אַמעריקע. איר האָט אַ רעכט מיר אַלץ צו זאָגען — שאַלאָם!

אין האָטעל עדן

איך האָב געוואוינט אין האָטעל עדן, אַ באַרימטער האָטעל אין ירושלים. (דער האָטעל „קינג דייוויד" איז דעמאָלט געווען צעשטערט.)

אַזוי שנעל ווי איך האָב זיך אַהין אַריינגעקליבען האָט זיך מיט מיר באַקענט דער אייגנטימער פון האָטעל און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס.

— אַמעריקע — האָט צו מיר געזאָגט דער אייגענטימער — איז אונזער גרויסע האָפענונג. מיר ווילען און מיר האָפען, אַז וואָס מער אַמעריקאַנער וועלען קומען אַהער. מיר דאָ האָבען דעם אידעאַליזם. זיי האָבען די פראַקטישקייט. די ערפאַרונג, צוזאַמען, וועט עס זיין אַ גרויסע מאַכט.

ער האָט מיר שטאַרק אַגיטירט צו ווירקען אויף אַמעריקאַנער אידען זיי זאָלען קומען אַהער.

זיין פרוי האָט אים אַרויסגעהאָלפען.

— מיר האָבען דאָ — האָט זי געזאָגט — די שענסטע יוגענט. די פיינסטע קינדער אַלס אידען און אַלס מענשען. זיי זיינען אינטעליגענט און זיי זיינען האַרציג.

— איר דאַרפט זען ווי זיי זיינען זיך מקריב פאַר זייער לאַנד. די פאַרוואונדעטע באַקלאָגען זיך ניט. זיי האָבען זייער האַנט אָדער פוס אַוועקגעגעבען מיט ליבע פאַר זייער לאַנד. מיר בלוטיגט דאָס האַרץ וואָס אַזעלכע קינדער דאַרפען פאַלען, — האָט זי געזאָגט מיט טרערען אין די אויגען. — איר אַמעריקאַנער מעגט אונז מקנא זיין מיט אונזער יוגענט, אונזערע אינגלעך און מיידלעך. איר האָט אפשר דאָרט געלט, אָבער מיר האָבען דאָ קינדער, גוטע אידישע קינדער. וואָס איז בעסער?

***

ביינאַכט, איידער איך בין איינגעשלאָפען אין מיין האָטעל־צימער, האָב איך געהערט אַ שיסעריי פון האַרמאַטען, אָבער איך האָב זיך ניט גע־שראָקען. מען האָט מיר פריער געזאָגט, אַז אַלע נאַכט שיסט מען שטאַרק. פאַרקערט, איך בין ניט איינגעשלאָפען ביז איך האָב פריער ניט געהערט די שיסעריי. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך זאָל דאָס ניט פאַרשלאָפען. אָבער מען שיסט געוויינלעך הויך, אַז אַפילו אַזאַ פּעפער ווי איך, זאָל הערען. ס'דוכט זיך, אַז מ'שיסט לעבען אייך. אָבער מען האָט ניט מורא. אין ירושלים האָט קיינער ניט מורא. אויב מ'האָט מורא, ציט מען זיך אַרויס פון דאָרטען.

ווען איך בין אַוועקגעפאָרען פון ירושלים האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן. אמת, איך האָב דאָרט מער ניט געזען ווי צולעכערטע הייזער, חרוב־געוואָרענע גאַסען. אָבער מענשען האָב איך געזען. אידען האָב איך געזען. טייערע, ליבע מענשען; טייערע, גוטע, וואַרימע אידען. איך וועל יענע אידען, יענע מענשען, קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

ס'איז גוט צו זיין אַ שרייבער אין ישראל

איך האָב זיך אין ערגיץ ניט געפילט אַזוי גוט, ווי איך פיל זיך אין ישראל. פון כבוד איז אָפּגערעדט. מען טראָגט מיר אָקעגען דעם כבוד אויף שריט און טריט. איך גיי, למשל, אין גאַס. טרעפט מיך אַ איד. זאָגט ער: „שאַלאָם! איך האָב אייך געהערט האַלטען אַ רעדע!"

איך האָב איין מאָל גערעדט, טוט זיך חושך. אין ניו יאָרק קען איך האַלטען רעדעס אַ גאַנץ לעבען און — קיינער ווייסט ניט. אין ניו יאָרק איז מען מיך איין מאָל איבערגעפאָרען, האָט קיינער גאָר ניט געוואוסט. ווען מען פאָרט מיך איבער אין תל־אביב, וואָלט קינד־און־קייט געוואוסט.

אָבער וויכטיגער פון אַלעס, וואָס איך פיל זיך גוט, איז וואָס מיר פעלען קיינמאָל ניט קיין טעמעס, און דאָס איז געוואַלדיג וויכטיג פאַר אַ שרייבער. ניט איין מאָל פלעגט מיר אין ניו יאָרק אויסטריקענען דער קאָפּ צו קריגען אַ טעמע. דאָ איז קיין זאָרג ניט. איך האָב צו־פיל טעמעס.

אָבער דאָ האָב איך ניט קיין צייט צו שרייבען. וואו נעמט מען צייט? איך האָב צו־פיל באַקאַנטע און פריינד. אַזוי שנעל ווי איך זעץ זיך שרייבען, קומט אַריין אַ באַקאַנטער און זאָגט: „קומט מיט מיר, וועט איר זען זאַכען, וואָס איר וועט געדענקען אייער גאַנץ לעבען!" ווייל איך דאַרף זען, גיי איך. דעם אַרטיקעל שרייב איך ניט.

אָט זיץ איך איצט אין אַ קאַפע־הויז. הויב־אָן שרייבען. (דאָ שרייבט מען אין די קאַפע־הייזער). אָבער איך האָב מורא, אַז דאָס אַרטיקעל וועט ניט געשריבען ווערען, ווייל עס וועלען קומען באַקאַנטע. עס דאַרף

איינער קומען מיך נעמען קיין טבריה. עס דאַרף אויך קומען איינער, וואָס זאָל פאַר מיר באַשטימען די צייט צו זען פּרעמיער בן־גוריון׳עו. איך אַרבייט שוין וואָכען אים צו באַגעגענען, און ער האָט וויכטיגערע געשעפטען ווי מיך צו זען... ער האָט אין דער צייט גענומען באר־שבע, באַפרייט דעם גליל. אָדער עס קען קומען גלאָט אַ פריינד און מיר פאַר־לייענען אַ ליד. מען שרייבט דאָ זייער אַ סך לידער.

באַשליס איך צו שרייבען שנעל, איידער מען קומט אָן מיר שטערען. מיין איצטיגע טעמע איז: „מיינע לאַנדסלייט״. איך האָב זיך נעכטען מיט זיי באַגעגענט. זיי האָבען אַראַנזשירט אַ באַנקעט פאַר מיר. אַרום הונדערט אין צאָל האָבען זיך פאַרזאַמעלט. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געהאַלטען רעדעס. איך האָב אויך גערעדט. מיין רעדע איז געווען די ערגסטע. איך האָב שוין געהאַלטען גענוג נאַרישע רעדעס אין מיין לעבען. אָבער אַזוי נאַריש האָב איך נאָך קיינמאָל נישט גערעדט. פאַרוואָס? ווייל איך האָב זיך ניט צוגעגרייט. איך האָב געמיינט, אַז פאַר לאַנדסלייט דאַרף מען זיך ניט צוגרייטען: וואָס איך וועל רעדען, וועט זיין גוט. אָבער ווען איך האָב געהערט זייערע רעדעס האָב איך זיך פאַרלוירען. איך האָב זיך מיט זיי ניט געקענט פאַרמעסטען. האָב איך געבעבעט.

איך האָב באַוואונדערט מיינע לאַנדסלייט. וואָס ישראל האָט געמאַכט פון זיי! די מייסטע זיינען אַרבייטער. אין דער היים איז יעדער פון זיי געווען אַ סוחר, געלעבט פון לופט.

„איך אַרבייט שווער״, האָט איינער געזאָגט, „אָבער איך פיל זיך זיכער. איך זאָרג ניט פאַר׳ן מאָרגען״.

אויך אַמעריקע האָט איבערגעאַנדערשט די מענשען פון דער אַלטער היים. אָבער ישראל האָט זיי געמאַכט אינטעליגענטער. אַלע לייענען העב־רעאיש. אַלע ווייסען אַפילו וועגען אַמעריקע מער, ווי אַ סך פון זייערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע.

זיצענדיג צווישען מיינע לאַנדסלייט, האָב איך געפילט, אַז עס איז אמת וואָס מען זאָגט, אַז די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט קלוג.

פון זייערע רעדעס האָב איך אויסגעפונען, אַז אַלע פון מיין שטעטעל, וועמען עס האָט געצויגען קיין ישראל, האָבען זיך געראַטעוועט. זיי זיינען אין ישראל. די, וועלכע האָבען ניט געהאַלטען פון ישראל, זיינען דאָרט פאַרבליבען און זיינען אומגעקומען.

— דאָס איז צו אַ גרויסע שטראָף פאַר זיין געגען ארץ־ישראל — האָט געזאָגט איין רעדנער, וועלכער איז געבליבען איינער פון אַ גאַנצער משפחה.

כמעט אַלע קענען רעדען העברעאיש. אָבער דער פּאָרזיצער האָט קיינעם ניט געלאָזען רעדען קיין העברעאיש. „היינט רעדט מען אידיש צוליב דעם גאַסט", האָט ער געזאָגט.

זיי האָבען אַלע גערעדט וועגען כלל, ניט וועגען זיך. זיי האָבען פאַרלאַנגט פון די לאַנדסלייט צו האָבען אין זינען דעם כלל, ניט זיך און ניט זיי. מען זאָל העלפען אויפבויען ישראל.

דערמאָן איך זיך אין די אַלע רעדעס און וויל וועגען דעם שרייבען. אָבער עס קומט פּלוצלונג אָן מיינער אַ פריינד, און ער רופט־אויס: „קומט מיט מיר!"

— איך האַלט אין מיטען שרייבען אַן אַרטיקעל — זאָג איך אים — לאָזט מיר ענדיגען.

— איר דאַרפט דאָ ניט שרייבען. איר וועט שרייבען, ווען איר וועט קומען קיין ניו יאָרק. פון דער ווייטענס שרייבט זיך בעסער — זאָגט ער.

ניט צו שרייבען פּועל'ט מען ביי מיר שנעל. לייג איך אַוועק די פעדער און לאָז זיך גיין מיט אים.

ער פירט מיך אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער לופט־פלאָטע. עס איז ניט לייכט אַהין אַריינצוקומען. אויף אַלע טירען איז אויפגעשריבען: „אַינטריט פאַרבאָטען!" אינעווייניג איז דאָ אַ שילד אין העברעאיש: „מפה לאוזן" („פון מויל צו די אויערען"). דאָס מיינט, אַז מען זאָל בעסער שווייגען. אָבער דער קאָלעגע קען אַלעמען, און ער רעדט. מיר זיינען אינעווייניג. ער שטעלט מיך פאַר פאַר דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער לופט־פלאָטע. יענער איז אָנגעטאָן ווי אַ פּשוט'ער סאָלדאַט. ער האַלט ניט פון קיין אָפיצירסקע מונדירען. פאַראַן אַ סך הויכע אָפיצירען, וועלכע ווילען ניט גיין אין אָפיצירסקע קליידער.

ער שטעלט מיך פאַר פאַר די פליער פון פאַרשידענע לענדער, אַריינגערעכענט אַמעריקע.

איך פרעג איינעם, ווי ער פילט וועגען די זיגען פון דער אידישער לופט־פלאָטע.

„ווען מען גיט אונז נאָך צען טעג צייט", זאָגט ער, „וואָלטען מיר געענדיגט די מלחמה מיט אַלע זיבען אַראַבישע לענדער. זיי וואָלטען אַלע געשטאַנען אויף די קני".

„אַראַבער", האָט אַ צווייטער פליער געזאָגט, „האַלטען ניט פון פאַרהאַנדלונגען. זיי האָבען ליב צו שטיין אויף די קני און בעטען שלום. מיר קענען זיי אַלע אַוועקשטעלען אויף די קני".

לאַנג רעדען האָט מען אונז דאָרט ניט געלאָזט. מיר זיינען אַוועק־געגאַנגען. איך האָב זיך געלאָזען אַהיים שרייבען מיין אַרטיקעל. אָבער אויפ'ן וועג האָב איך באַגעגענט אַ באַקאַנטען רייכען בחור פון אַמעריקע.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעג איך אים.

— איך בין געקומען אַהער זיין אַ סאָלדאַט. איך וויל פאַרטיידיגען דאָס אידישע לאַנד.

איך האָב ביי אים נאָך שווערער מי גע'פועל'ט, ער זאָל מיט מיר עסען צוזאַמען מיטאָג. ער האָט מיר ביים עסען נאָכאַנאַנד דערציילט וועגען די אַמעריקאַנער אינגלעך, וואָס קומען אַהער טאָן די שווערסטע אַרבייט צו בויען דאָס לאַנד. ער האָט מיך געמאַכט פילען שטאָלץ אויף די אַמעריקאַנער בחורים.

איך האָב זיך האַרציג געזעגענט מיט דעם אַמעריקאַנער בחור. איך בין אַהיימגעקומען צו שרייבען מיין אַרטיקעל. אָבער מען איז געקומען מיך רופען פאַר מיין אינטערוויו מיט בן־גוריונ'ען.

טעמעס, ברוך השם, פעלען דאָ ניט. אָבער — צייט? וואו נעמט מען צייט?

נחמיה, בן גוריונ׳ס סעקרעטאַר

ווען איך בין געקומען אין ישראל איז דאָס ערשטע אין מיין פּראָגראַם געווען צו זען פּרעמיער בן־גוריון און האָבען מיט אים אַ געשפּרעך פאַר׳ן „פאָרווערטס״. איך האָב אָבער דאָס אָפּגעלייגט אויף אביסעל שפּעטער. איך האָב געוואָלט פריער זיך באַקענען מיט׳ן לאַנד איידער איך רעד מיט׳ן פּרעמיער פון לאַנד.

נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען צוויי וואָכען אין ישראל האָב איך אויסגעפונען, אַז איצט איז ניט לייכט צו קריגען אַ ספּעציעלען אינטערוויו מיט דעם פּרעמיער, ווייל ער איז שטאַרק פאַרנומען. דאָס העכסטע וואָס איך קען ערוואַרטען איז, אַז ער זאָל מיך אויפנעמען צוזאַמען מיט די אַנדערע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען. ער וועט פאַר אַלעמען געבען אַן ערקלערונג וועגען דער לאַגע, ענטפערען אויף עטליכע פראַגען און דאָס אַלעס. איך האָב אָבער געוואָלט אַ ספּעציעלען אינטערוויו, ער זאָל רעדען מיט מיר אַליין. ער זאָל מיט מיר רעדען וועגען זאַכען, וועלכע ער וועט ניט קענען רעדען אין דער אַנוועזענהייט למשל, פון די קאָרעספּאָנדענטען פון דער ניו יאָרק „טאַימס״, אָדער „טריביון״. איך האָב אים געוואָלט, למשל, פרעגען וועגען זיין שטעלונג צו אידיש. נו, קען מען דאָס פרעגען אין דער אַנוועזענהייט פון ניט־אידישע קאָרעספּאָנדענטען? אַחוץ דעם האָב איך געוואָלט אַז בן־גוריון זאָל רעדען צו מיר ניט אָפיציעל, ווי אַ פּרעמיער, נאָר ווי אַ איד צו אַ אידען.

פאַר מיר האָבען זיך באַמיט קוירנעל פּערלמאַן, דער הויפּט פון דער אינפאָרמאַציע ביוראָ פאַר דער אויסלענדישער פּרעסע, די סעקרעטאַרין פון „הסתדרות״, און אויך דער זשורנאַליסט סאַמעט פון „הארץ״.

צו קריגען אַזאַ אינטערוויו דאַרף מען גיין דורך בן־גוריון׳ס אַדיו־טאַנט נחמיה.

אַזוי רופט ער זיך: נחמיה. און ווי איך האָב שפּעטער אַליין געהערט, האָט בן־גוריון זיך אויסגעדריקט, אַז ער איז ביי אים אין גלות. ער קען אָן אים גאָר ניט טאָן.

מען האָט מיר געלאָזען וויסען אין נאָמען פון נחמיה׳ן, אַז אויב איך וויל אַ ספּעציעלען אינטערוויו מוז איך וואַרטען. עס זיינען אָנגע־גאַנגען שלאַכטען אין נגב. שפּעטער אין גליל, און ווי עס איז באַקאַנט, איז בן־גוריון אויך דער פאַרטיידיגונס־מיניסטער, און ער גיט אָוועק זיין מייסטע צייט פאַר פירען די מלחמה. איז ער געווען פאַרנומען מיט וויכטיגערע זאַכען ווי זיך טרעפען מיט מיר. האָב איך געוואַרט. די אידישע אַרמיי האָט פריער צוקלאַפּט די עגיפּטער אין נגב, האָט גענומען באר שבע, דערנאָך האָט זי באַזיגט די אַראַבער אין גליל, און דאַן ערשט האָט מען מיר געלאָזען וויסען, אַז איך האָב די מעגליכקייט זיך צו טרעפען מיט בן־גוריון׳ען. מען האָט מיר געגעבען נחמיה׳ס פּריוואַטען טעלעפאָן נומער, איך האָב אים טעלעפאָנירט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט פאַר מיר אַראַנזשירען דעם אינטערוויו, אָבער איך מוז פריער קומען צו אים, און אים ברענגען אויפגעשריבען מיינע פראַגען צו בן־גוריון׳ען. אַזוי פירט זיך. ער האָט מיר געגעבען דעם נאָמען פון פּלאַץ וואו איך דאַרף צוקומען. דאָרט זאָל איך זאָגען וואָס איך וויל, און מען וועט מיך שוין ברענגען צו אים.

איך בין צוגעפאָרען צו דעם פּלאַץ. דער שאָפער פון מיין טעקסי האָט מיר אויפ׳ן וועג געזאָגט, אַז דאָרט לאָזט מען קיינעם ניט צו, סיידען מען איז אַ מיליטערישער מענש. ער האָט זיך געזאָרגט פאַר מיר, אַז איך פאָר אומזיסט. דאָס פּלאַץ איז ווייט פון תל אביב.

ווען איך בין אַהין צוגעקומען, און געזאָגט ווער איך בין, און וואָס איך וויל, האָט מען מיך, מיט אַ מיליטערישען וואָגען, אַרויפגעפירט אויף אַ בערגעל. דאָרט בין איך צוגעקומען צו אַ שמאָלען וועג מיט אַ קליין צימערעל. אויפ׳ן וועג איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט. אין צימערל איז געזעסען אַ סאָלדאַטקע. איך האָב אים געזאָגט וואָס איך וויל. ער האָט דאָס געזאָגט צו דער סאָלדאַטקע. זי האָט טעלעפאָנירט וועגען מיין קומען. נאָכדעם ווי זי האָט געקראָגען אָן ענטפער, אַז איך בין „אָ־קעי״, האָט זי מיר געזאָגט וואו צו גיין. זי האָט מיר געגעבען דעם נומער פון אַ הויז און געזאָגט, אַז איך זאָל גיין אַהין.

מען האָט מיר מער קיין פראַגען ניט געשטעלט. איך בין דורכ־

געגאַנגען אַ סך סאָלדאַטען און סאָלדאַטקעס, ביז איך בין צוגעקומען צו דעם הויז, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שוץ־קעלער. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ מיידעל מיט אַ ביקס. איך האָב איר געזאָגט וואָס איך וויל. זי האָט מיך אַריינגעלאָזען.

אינעווייניג האָט איך געטראָפען סאָלדאַטען. גיכער זיינען דאָס געווען אָפיצירען. אַ סך אָפיצירען גייען אָנגעטאָן ווי פּשוט'ע סאָלדאַטען. זיי זיינען געזעסען און געלייענט העברעאישע צייטונגען. עטליכע מיידלעך זיינען געזעסען ביי טאַיפּראַיטערס. אין אָנפאַנג האָט דאָס מיר אויסגעקוקט ווי אַ ביבליאָטעק. שפּעטער האָב איך באַמערקט אַ סך טירען צו צימערען. איך האָב ניט געקאָנט וויסען אין וועלכען צימער מען וועט מיך אַריינרופען. אין וועלכען צימער געפינט זיך בן־גוריון? אין וועלכען צימער געפינט זיך דער נחמיה? עס האָט אויסגעזען ווי אַ געהיימניספולער פּלאַץ. ווען ניט דאָס, וואָס איך זע די סאָלדאַטען לייענען העברעאישע צייטונגען, וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז איך בין דאָ אונטער אַרעסט. אָבער פאַר סאָלדאַטען וואָס לייענען העברעאישע צייטונגען האָב איך ניט קיין מורא. זיי, פּיל איך, וועלען מיך נישט אַרעסטירען. אָבער דאָס פּלאַץ זעט מיר אויס מיסטעריעז. איך בין נייגעריג, איך וויל וויסען: ווער זיינען די, וועלכע זיצען דאָ, און וואָס פאַר אַ מין פּלאַץ איז דאָ?

מען הייסט זיך מיר זעצען. זיי רעדען צו מיר אידיש און ענגליש. ווען זיי ווערען געוואויר, אַז איך בין דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָר־ווערטס" אין ניו יאָרק, ווערען זיי שטאַרק פאַראינטערעסירט. איינער זאָגט מיר, אַז זיין טאַטע אין תל־אביב לייענט דעם „פאָרווערטס". ער קויפט אים יעדע וואָך. אָבער ער קריגט צו קויפען בלויז דעם זונטאָג־נומער. זיין טאַטע באַקלאָגט זיך, זאָגט ער, אַז דער „פאָרווערטס" קומט אָן אָהער שטאַרק פאַרשפּעטיגט, און צי קען איך עפּעס ניט טאָן וועגען דעם, אַז זיין טאַטע זאָל קריגען דעם „פאָרווערטס" אין צייט, און אויך אַלע נומערען, ניט בלויז דעם זונטאָג־נומער.

איין מיידעל האָט זיך געווענדעט צו מיר אין ענגליש מיט אַ פראַגע, צי מען רעדט אין אַמעריקע העברעאיש.

— נאָך ניט — האָב איך געענטפערט.

אייניגע האָבען זיך צעלאַכט פון מיין ענטפער. זיי האָבען פאַר־שטאַנען אַז איך מיין, אַז עס האַלט ווייט דערפון, אַז אין אַמעריקע זאָל מען ריידען העברעאיש. אָבער דאָס מיידעל, אַ געבוירענע

אין ארץ ישראל, רעדט העברעאיש זייט זי איז געבוירען, קען זי זיך ניט פאָרשטעלען, אַז אין אַמעריקע זאָל מען ניט רעדען העברעאיש. אַמעריקע טוט אַזוי פיל פאַר ארץ ישראל, רעדט מען מסתמא דאָרט העברעאיש, האָט זי ערקלערט.

— זאָגט מיר וואָס איז דאָ פאַר אַ פּלאַץ? — האָב איך זיך געווענדעט צו איינע פון די מיידלעך.

די אַרמיי הויפּט־קוואַרטיר — האָט זי מיר געזאָגט שטיל, אויפ׳ן אויער — דאָ ווערען אָפּגעהאַלטען די זיצונגען פון גענעראַל שטאַב. דאָ ווערען באַשלאָסען אַלע מלחמה פּלענער. דאָ קומט דער פּרעמיער אָפּט. איר זענט אויף אַ וויכטיגען פּלאַץ.

אײדער זי האָט געענדיגט מיר צו ערקלערען די וויכטיגקייט פון דעם פּלאַץ, האָט מען אויסגערופען מיין נאָמען. איך בין אַריינגערופען געוואָרען אין איינעם פון די צימערלעך, וואו כ׳האָב געטראָפען נחמיה׳ן, בן־גוריונ׳ס אַדיוטאַנט.

— שלום עליכם! — האָט ער מיך באַגריסט און מיך געבעטען זיצען.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און אים געגעבען מיינע שריפטליכע פראַגען צו בן־גוריון.

נחמיה האָט איבערגעלייענט די פראַגען און געזאָגט, אַז אַ טייל פון די פראַגען האָבען אים שוין אַנדערע קאָרעספּאָנדענטען געפרעגט און ער קען מיר איבערגעבען זיין ענטפער צו יענע, אַזוי אַז מיר קענען פון אַ פּאָר פראַגען פּטור ווערען אויפ׳ן פּלאַץ.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — האָב איך אים געזאָגט — איך וויל אים גאָרניט שטעלען קיין פראַגען. איך וויל מיט אים רעדען, אַזוי ווי מען רעדט צו אַ אידען וואָס איז געוואָרען אַ פּרעמיער ביי אידען. איך וויל מיט אים רעדען ווי אַ איד, ניט ווי אַ קאָרעספּאָנדענט. איך בין ניט קיין רעפּאָרטער. איך טויג זיך גאָר ניט אויס פאַר שרייבען רעפּאָרטס.

— וואָס שרייבט איר? — פרעגט ער.

— פעליעטאָנען, הומאָר — זאָג איך.

— הומאָר — זאָגט ער — פאַר הומאָר האָבען מיר מורא. איר וועט דאָך אונז אויסלאַכען. אין ארץ ישראל איז מען זייער ערנסט. דאָ האָט מען אַפילו ליב אַ וויץ, נאָר קיינער זאָגט אים ניט.

— איר וויצעלט זיך גאָר אַליין — זאָג איך.

— אַ סך האַלטען טאַקע ניט פון מיר, ווייל איך זאָג אַמאָל אַ

וויץ — זאָגט ער — מען זאָגט, אַז ס׳פּאַסט ניט פֿאַר אַ פּאַרטרויענס־מאַן פֿון אַ פּרעמיער צו זאָגען וויצען.

— און דער פּרעמיער אַליין? ווי האַלט ער פֿון אייך? — פֿרעג איך.

— הערט — זאָגט ער — איר זיינט געקומען אינטערוויוּאירען דעם פּרעמיער און איר אינטערוויוּאירט מיך. דאָס וועל איך ניט דערלאָזען. איך וועל אייך בעסער פֿרעגען עפּעס.

ער האָט מיר געצייגט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע.

— זאָגט מיר, וואָס איז דאָס?

איך האָב דאָס באַטראַכט און געזאָגט: — איך ווייס ניט.

— איז גוט — זאָגט ער — מיר ווילען, אַז ווער עס וועט דאָס זען, זאָל ניִשט וויסען וואָס דאָס איז.

— וואָס זשע איז דאָס? — פֿרעג איך — איך וועל קיינעם ניט אויסזאָגען אויב מען טאָר נישט.

— דאָס זיינען געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילען — ערקלערט ער.

ער האָט מיר געצייגט נאָך אַ פּאָר בילדער. איך האָב ווידער ניט געוואוסט וואָס דאָס איז.

מיר פּרוּוען אויף אייך אויס אונזערע מאַשינען — זאָגט ער — מיר קענען אייך דאָ צייגען אַלעס. איר וועט סאַי ווי ניט וויסען וואָס דאָס איז.

נאָכדעם ווי ער האָט מיר נאָך געשטעלט אַ פּאָר פֿראַגען, האָט ער מיר ערקלערט, אַז אויב בן־גוריון קומט אַהער שפּעטער וועט ער אים אַ כאַפּ טאָן, מיך אַריינגעמען צו אים און מיך לאָזען האָבען דעם אינטערוויו מיט אים גלייך.

— דער פּרעמיער — האָט ער ווייטער ערקלערט — וועט זיין צופֿרידען פֿאַר אַ נאָווינע צו רעדען מיט אַ הומאָריסט. מיט טויט־ערנסטע מענשען רעדט ער שוין צופֿיל.

ער האָט זיך דאַן ביי זיין סעקרעטאַרין נאָכגעפֿרעגט וועגען דעם פּרעמיער׳ס אַפּויאָנטמענטס, און מיר געזאָגט אַזוי: „ניין, איר וועט היינט מיט׳ן פּרעמיער ניט קענען רעדען. ער וועט ניט האָבען גענוג צייט״.

ער האָט דאָס באַשטימט אויף אַ פּאָר טעג שפּעטער, אויף זיבען אַזייגער אין אָוונט.

— אָבער איר מוזט זיין אין צייט — האָט ער געזאָגט — ווייל יעדע מינוט איז דאָ אויסגערעכענט.

ער האָט זיך מיט מיר פֿריינטליך געזעגענט.

מיין אינטערוויו מיט פרעמיער בן גוריון

מיין אינטערוויו מיט פרעמיער בן־גוריון איז געווען באַשטימט אויף מאָנטאָג, זיבען אַזייגער אין אָווענט. איך בין שוין אָבער געווען אויף דעם באַשטימטען פּלאַץ אַרום זעקס אַזייגער. איך בין געקומען פרי, כדי צו זיין זיכער אַז איך וועל ניט פאַרשפּעטיגען און אויך צוליב דעם וואָס איך האָב געוואָלט אויף דעם פּלאַץ, — די אַרמיי הויפּט־קוואַרטיר — זיין אַביסעל לענגער. ווען וועל איך דען נאָך אַמאָל זיין אין אַ אידישער אַרמיי הויפּט־קוואַרטיר, וואו אַלע, די סאָלדאַטען, אָפיצירען און גענע־ראַלען, זיינען אידען?

זיץ איך אין דער אַרמיי הויפּט־קוואַרטיר און קוק דאָרט אויף די אידישע אינגלעך און די מיידלעך, אַלע אַרמיי־מענשען, אָפיצירען, נאָר זיי ווילען ניט טראָגען די אָפיצירסקע יוניפאָרמען.

ווענדע איך זיך צו איין אידיש אינגעל, וועלכער געפעלט מיר שטאַרק. ער זעט אויס אַזוי אידיש, מיט אַ סך אידישען חן. און ער שאָקעלט זיך ווען ער רעדט, ווי ער וואָלט ערשט איצט אַרויס פון דער ישיבה.

— אידיש אינגעל — זאָג איך אים — איך וויל וויסען דיין ראַנג. וואָס ביזטו, אַ קעפּטען, אַ ליוטענאַנט?

— אַ קעפּטען — זאָגט ער — אָבער דאָס איז נישט וויכטיג. אָט איז דער בחור אַ מאַיאָר.

— איז פאַרוואָס ווילט איר ניט גיין אין די אָפיצירסקע קליידער? — פרעג איך — איך וויל האָבען פאַר אייך דרך ארץ. אַז איך זע אייך, ווי פּשוט׳ע סאָלדאַטען, האָב איך ניט קיין רעספּעקט.

— איך וועל אייך זאָגען פאַרוואָס מיר ווילען ניט צייגען אונזער ראַנג — האָט מיר געענטפערט דער בחור אויף וועמען מען האָט מיר אָנגעוויזען, אַז ער איז אַ מאַיאָר. — די מייסטע פון אונז זיינען סטודענ־

טען, פּראָפעסאָרען, ישיבה בחורים. אין דער מינוט ווען די מלחמה ענדיגט זיך, וועלען מיר אַלע זיין צוריק אין די אוניווערזיטעטען. איז וואָס איז צו אונז אַ מיליטערישער ראַנג? קיינער פון אונז האָט נישט קיין מיליטערישע אַמביציעס און מיר האַסען קריג. די עפּאָלעטען זיינען אַ מציאה ביי מיליטערישע מענשען, ניט ביי אונז.

בשעת איך האָב גערעדט מיט זיי, זיינען אַריינגעקומען עטלעכע גענעראַלען.

— דאָס זיינען אונזערע גרעסטע מיליטערישע עקספּערטען — האָט מיר ערקלערט דער זעלבער אָפיציר — זיי האָבען איצט אַ זיצונג מיט׳ן פּרעמיער.

הייסט עס, אַז נאָך דער זיצונג מיט די גענעראַלען וועט פּרעמיער בן־גוריון מיך אויפנעמען. איך בין געוואָרען ביי זיך גרויס אין די אויגען. איך האָב זיך כמעט אָנגעהויבען שעמען מיט זיך. נאָך די גענעראַלען קום איך? בין איך דאָך ניט קיין פּראָסטער מענש. נאָר איך אַליין קען זיך ניט, וויס נישט ווער איך בין. אָבער אַזאַ געפיל האָב איך געהאַט בלויז אין דער ערשטער מינוט. נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבען כאַפּען אַ ציטער. ווער בין איך צו אינטערוויואירען פּרעמיער בן־גוריון, וועלכער ווערט איצט באַוואונדערט פון דער גאַנצער וועלט? איצט קריגט דער פּרעמיער אַ באַריכט פון זיינע גענעראַלען וועגען דער מיליטערישע לאַגע. נאָכדעם קום איך. וואָס וועל איך אים באַריכטען, וואָס וועל איך אים זאָגען, וואָס וועל איך אים פרעגען?

איך האָב זיך געטרייסט, אַז איך האָב אים צוגעשיקט אויסגע־שטעלטע פראַגען אויף פּאַפּיר. איך האָב אַ קאָפּיע פון זיי. די פראַגען זיינען טאַקע נאַרישע פראַגען. ער וועט אַרונטערלייענען פון פּאַפּיר און ער וועט ענטפערען. ער וועט מיר זאָגען דאָס, וואָס ער זאָגט אַלעמען. שלום עליכם, עליכם שלום, מיט אַ פּאָר ווערטער, און ער וועט פון מיר פּטור ווערען. וואָס זאָל ער נעבאַך טאָן? ער איז דאָך אַ פּרעמיער. ער מוז ענטפערען אויף נאַרישע פראַגען, פּונקט ווי איך האָב אים געהערט זאָגען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער, ווען ער איז געקומען פון אַ רוסישען באַנקעט אין פראַק און אין צילינדער, אַז ער איז געקומען אין זיינע אַרבייטס־קליידער. דאָס איז אַ טייל פון זיין אַרבייט, זיך אָנטאָן אין אַ פראַק און ענטפערען אויף פראַגען פון קאָרעספּאָנדענטען.

אַזוי בין איך געזעסען און געטראַכט, זיך גרייטענדיג פאַר דעם אינטערוויו מיט דעם פּרעמיער.

ווען מיין זייגערעל האָט געצייגט פינף מינוט צו זיבען, האָבען די גענעראַלען אָנגעהויבען אַרויסצוגיין. איינער נאָך דעם צווייטען האָבען זיי מאַרשירט. נאָך זיי איז אָנגעקומען נחמיה, דער אַדיוטאַנט פון פּרעמיער און געזאָגט: איצט קומט איר!

— טאַקע שוין? — זאָג איך — גלייך נאָך די גענעראַלען?

— גלייך נאָך די גענעראַלען, — ענטפערט נחמיה. און ער נעמט מיך אָןביים אָרעם און פירט מיך אַריין, גלייך צו בן־גוריונ׳ען אין צימער. ער האָט דאָס געמאַכט אַזוי שנעל, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין צייט צו זיין איבערראַשט.

איך שטיי פאַר דעם פּרעמיער פון די אידען, און ווייס ניט וואָס צו זאָגען. אַלעס איז צו שנעל. ער גיט מיר די האַנט, זאָגענדיג שלום עליכם, און הייסט זיך מיר זעצען.

איך זעץ זיך אַוועק. ער נעמט מיין פּאַפּיר מיט פראַגען און לייענט די ערשטע פראַגע:

„איז מעגליך שלום אין 1948?"

— מערקווירדיג — זאָגט ער — די פראַגע האָט מיר קיינער נאָך ניט געשטעלט, און דאָס גלויב איך איז אַ וויכטיגע פראַגע. מיט אַ צוויי וואָכען צוריק וואָלט מען אויף דער פראַגע געמוזט ענטפערען: ניין! ניט מעגליך! אָבער איצט קען מען ענטפערען: „יאָ, ס׳איז מעגליך". איך קען ניט זאָגען, אַז ס׳איז העכסט וואַרשיינליך, אָבער מעגליך איז דאָס. עס זיינען פאַראַן גרויסע מעגליכקייטען פאַר שלום. אונזער מיליטערישע לאַגע איז אַזעלכע, אַז מען קען אונז גאָר ניט טאָן. מען קען מיט גוטען ביי אונז מער פּועל׳ן ווי מיט שלעכטען, ווי מיט קריג.

ער האָט מיך אַביסעל באַטראַכט און געזאָגט, אַז איך האָב די פראַגע געשטעלט צו אים אין ריכטיגען מאָמענט און האָט אַרונטערגעלייענט די צווייטע פראַגע:

„מיט וואָס ערקלערט זיך דער כח פון דער אידישער אַרמיי?"

— ווייל זיי ווייסען פאַרוואָס זיי קעמפען — האָט ער געענטפערט.

ווען ער האָט געוואָלט לייענען די דריטע פראַגע, האָב איך אים אונטערבראָכען און אים געזאָגט אַזוי:

— אַנטשולדיגט מיר פאַר מיין חוצפּה אייך צו אונטערברעכען. די אַלע פראַגען וואָס איך האָב אייך געגעבען, האָב איך אייך גאָרניט געוואָלט פרעגען. איך וויל אייך גאָרנישט פרעגען. איך וויל מיט אייך

רעדען. איך וויל רעדען מיט דעם פּרעמיער פון אידען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז שטעלען שריפטליכע פראַגען, האָב איך געשטעלט פראַגען.

אין דער מינוט איז אַריינגעקומען נחמיה, זיין אַדיוטאַנט.

— דאָס האָט ער אייך געזאָגט, אַז איר מוזט שטעלען שריפטלעכע פראַגען? — פרעגט דער פרעמיער.

— יאָ, — זאָג איך.

— איך בין ביי אים אין גלות — זאָגט בן־גוריון — אַז ער זאָגט מוז מען פאָלגען. נאָר פונדעסטוועגען וועל איך אים דאָס מאָל ניט פאָלגען. — ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּאַפּירעל מיט פראַגען און געזאָגט אַזוי:

— אַז איר ווילט רעדען אָן פראַגען דאַרף איך אייך נאָכגעבען, ווייל איר פאַרטרעט דעם „פאָרווערטס", אַ צייטונג וואָס טוט זייער אַ סך פאַר ארץ ישראל, און אַ צייטונג מיט אַ פּרינציפּ. איך האַלט זייער פון „פאָרווערטס". איר קענט רעדען מיט מיר ווי לאַנג איר ווילט.

— נאָר מיט יושר, — מישט זיך אַריין נחמיה.

— איר זעט ווי ער היט מיך, — זאָגט בן־גוריון, — אָבער דאָס מאָל הער איך אים ניט, און פרעגט מיך וואָס איר ווילט.

— איך דאַנק אייך, — זאָג איך — איר טוט מיר אַ טובה וואָס איר לייענט ניט מיינע וויטערע פראַגען. די ערשטע צוויי פראַגען זיינען געווען עפּעס ווי צו דערליידען, אָבער די אַנדערע טויגען ניט. איר זייט טאַקע אַן אמת'ער פרעמיער, אָבער איך בין ניט קיין אמת'ער קאָרעספּאָנדענט. איך האָב אין מיין לעבען נאָך ניט גערעדט מיט קיין פּרעמיער.

בן־גוריון האָט געזען, אַז איך בין ווי פאַרלוירען, האָט ער זיך ווידער גענומען דאָס וואָרט און מיך געפרעגט:

— וואָס האָט אויף אייך געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק אין ישראל?

איך האָב אים געענטפערט:

— דעם ערשטען טאָג וואָס איך בין געקומען אין תל אביב האָב איך, שפּעט ביינאַכט, געזען גיין אַ שיכור'ן סאָלדאַט און ער האָט געשאָלטען בן גוריונ'ען, דעם פרעמיער פון ישראל. קיינער האָט אים דערפאַר ניט אַרעסטירט. מען האָט אים אַפילו גאָר ניט געזאָגט. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק.

— אַזוי לאַנג ווי איך וועל זיין אין דער ישראל־רעגירונג וועט

מען מעגען שילטען דעם פּרעמיער פון ישראל — האָט בן־גוריון גע־זאָגט.

ער איז, ריידענדיג מיט מיר, געוואָרען אַזוי אינטים, אַז איך האָב אים געוואָגט צו שטעלען אַ פראַגע, וואָס אַ סך האָבען מיך געראָטען אים ניט צו פרעגען. דאָס איז די פראַגע וועגען אידיש.

— צו וואָס דאַרפט איר אים שטעלען אַ פראַגע, אויף וועלכער זיין ענטפער זאָל אייך ניט צופרידען שטעלען? — האָט מען מיר געזאָגט. עס איז באַקאַנט, אַז אַמאָל האָט בן־גוריון גענוצט שאַרפע אויסדרוקען געגען אידיש.

איך האָב ווידער געטראַכט, אַז אויב אַפילו בן־גוריון איז נאָך איצט שטאַרק געגען אידיש, קען מען אים מוחל זיין, ווייל ער האָט אַזויפיל פאַרדינסטען פאַר אידען, אַז ער מעג אויך האָבען אויף זיין קאָפּ איין גרויסע עבירה...

איך האָב אים געפרעגט: „אַ סך האָבען געענדערט זייער שטעלונג צו ארץ־ישראל; האָט איר אויך געענדערט אייער שטעלונג צו אידיש?”

ער האָט אויף דעם געענטפערט זייער קלאָר:

„איצט, נאָכדעם ווי העברעאיש איז טיף איינגעוואָרצעלט, קען מען זיך ערלויבען צו סימפּאַטיזירען מיט אידיש”.

דאָס זיינען זיינע אייגענע ווערטער.

ער האָט דאַן ערקלערט, אַז זיינע געגנער האָבען זיין אַמאָליגען קאַמף געגען אידיש אויסגעטייטשט אַלס אַ שנאה צו אידיש.

ער האָט ערקלערט, אַז אין זיין קאַמף פאַר העברעאיש האָט ער אַמאָל געברויכט אַ שאַרפען אויסדרוק געגען אידיש, אָבער דאָס איז ווי מען קריגט זיך מיט אַ שוועסטער און מען זאָגט איר „איך האָב דיך אין דער ערד”, מיינט מען דען דאָס? אין קריג זאָגט מען שאַרפע ווערטער, ספּעציעל ווען מען איז ניט קיין פּרעמיער, מעג מען זאָגען.

— „איצט — האָט ער געזאָגט, ווייזענדיג אויף נחמיה'ן — טאָר איך ניט זאָגען. איך בין אין גלות”.

„זרובבל, — האָט ער געזאָגט, — האָט אַמאָל געוואָלט, אַז אַלעס זאָל געפירט ווערען אין אידיש אין אַ צייט ווען העברעאיש איז נאָך געווען שוואַך, האָב איך געקעמפט געגען אים”.

איך האָב פאַר'ן אַוועקגיין אים געזאָגט, אַז איך גיי אַרום אין

ארץ ישראל ווי אין אַ הינער־פּלעט. מיר דוכט זיך אויס, אַז אַלעס איז אַ חלום.

— אויך אייער געשפּרעך מיט מיר דוכט זיך מיר איז אַ חלום — האָב איך אים געזאָגט.

— וואָס איז דאָס אַזוי אויסערגעווייגליך ? — האָט ער גע־פרעגט.

— ביי אייך איז דאָס גאָר ניט — האָב איך אים געזאָגט — איר זייט שוין צו אַלעס צוגעוואוינט. אָבער איך ?... עס זיצט לעבען מיר אַ פרעמיער און רעדט צו מיר אין אַ זאַפטיגען אידיש. איז דאָס ניט אַ חלום ?

דעבאַטע וועגן „גרינע" און „געלע" אין א שוץ־קעלער אין תל אָביב

ווען איך בין געקומען אין תל־אביב האָט מען מיר געצייגט די שוץ־קעלערס און מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אין די קעלערס פלעגט אין צייט פון די באָמבאַרדירונגען זיך אָפּשפּילען אַ שטיק אינטערעסאַנט לעבען. דאָרט זיינען ליבעס געבוירען געוואָרען, שידוכים געשלאָסען געוואָרען, נייע פּאַרטייען אָרגאַניזירט געוואָרען. דאָרט זיינען פאָרגעקומען אַ סך דעבאַטעס, מען האָט געהערט פאַרשידענע מיינונגען, מען האָט געפּראַוועט שמחות, ברית'ן, חתונות. אָבער איצט, ווען די עגיפּטער האָבען אויפגעהערט צו באָמבאַרדירען די שטאָט, זיינען די שוץ־קעלערס געבליבען בלויז ווי עדות פון די אַמאָליגע צייטען. ווען מען גייט פאַרביי דאָרט דערמאָנט מען זיך אָן די צייטען פון גרויס געפאַר.

אין איין וואָך, נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען דריי וואָכען אין ישראל, זיינען אין תל אביב פאָרגעקומען צוויי לופט־אַלאַרמס. מען איז געלאָפען אין די שוץ־קעלערס. אָבער דאָס האָט פּאַסירט פאַרטאָג. איך האָב פאַרשלאָפען ביידע אַלאַרמס. מיך האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסען.

גיי איך איינמאָל מיט קאָלעגע גאל, קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס" אין ישראל, שפּאַצירען איבער די גאַסען פון תל אביב און באַקלאָג זיך פאַר אים, אַז איך האָב פאַרשלאָפען צוויי אַלאַרמס. איך וואָלט אַמאָל געוואָלט זיין אין אַ שוץ־קעלער אין צייט פון אַ לופט־אַלאַרם, זאָג איך אים. איך וואָלט געוואָלט זען ווי מענשען פילען זיך אין אַזאַ צייט און וואָס זיי רעדען. זאָגט ער מיר, אַז עס איז מעגליך,

אַז ס׳וועלען שוין מער ניט זיין קיין לופט־אַלאַרמס, ווייל די עגיפּטער וועלען ניט וואַגען איצט צו פליען איבער ישראל: זיי וויסען, אַז די אידען האָבען אַ סך עראָפּלאַנען מיט גוטע פליער, מיט אַ גוטער פאַר־טיידיגונג, און זיי האָבען מורא.

אין מיטען קאָלעגע גאַל׳ס ערקלערונג, אַז תל אביב וועט מער ניט באָמבאַרדירט ווערען, האָט זיך דערהערט אַ פייפעריי.

— דאָס איז אַ לופט־אַלאַרס, — זאָגט מיר קאָלעגע גאַל.

— וועלען מיר, הייסט עס, גיין אין אַ שוץ־קעלער — זאָג איך מיט שמחה.

— אַוודאי, — זאָגט ער — קום.

מיר גייען. איך זע אַ סך מענשען גיין. זיי גייען אַביסעל שנעלער ווי געוויינליך.

— מען לויפט דאָך טאַקע, — זאָג איך.

— דאָס הייסט געלאָפען? — זאָגט ער — אַמאָל אין אַזאַ פאַל פלעגען מענשען לויפען איינער איבער׳ן צווייטען. איצט איילט מען זיך ניט. מען האָט מער ניט מורא.

— וואָס גייט איר אַזוי פּאַוואָליע? — האָט אויסגערופען אַ איד צו אונז לויפענדיג — גזלנים, פאַרוואָס באַשיצט איר ניט אייערע לעבענס?!

— גייט שנעלער! — האָט דער זעלבער איד זיך צוריקגעקערט און געשריען צו אַנדערע — היט אָפּ אייערע אידישע לעבענס!

מיר, גייענדיג ניט אַזוי שנעל, זיינען אָבער אָנגעקומען אין שוץ־קעלער פריער פון דעם אידען, וואָס איז געלאָפען. ער האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט און געשריען אויף אַנדערע פאַרוואָס זיי לויפען ניט.

דער איד, וועלכער איז געלאָפען, איז אַריינגעקומען אין קעלער ווען דאָרט איז שוין געווען פול, און האָט אויסגערופען: „אונזערע אידען היטען ניט זייערע לעבענס! זיי שטייען און קוקען אויפ׳ן הימעל. זיי מיינען, אַז אַ מלאך שפילט זיך מיט זיי. זיי האָבען שוין פאַרגעסען וואָס אַמאָל איז געווען!״

— ווער איז דער איד? — פרעג איך קאָלעגע גאַל׳ן, וועלכער איז אַ תושב אין תל־אביב.

— איך קען אים ניט, — זאָגט מיר קאָלעגע גאַל — אָבער עס זעט אויס, אַז ער איז אַ איד וואָס האָט שטאַרק ליב אידען. ער וויל ניט, אַז זיי זאָל געשען שלעכטס.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער׳ן שוץ־קעלער. אַ פרוי איז

געזעסען און געשטריקט אַ זאָק. אַ איד האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר׳ל. אַ סאָלדאַט האָט געפּלירט אויף העברעאיש מיט אַ סאָלדאַטקע. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אַ פרוי האָט אָבער אונטערגעבראָכען די שטיל־קייט. זי האָט געמאָלדען הויך אויף אַ קול, און אין אידיש, אַז זי האָט געפונען אַן אוירינגעל, וואָס זי האָט דאָ פאַרלוירען אין אַ פריערדיגען לופט־אַלאַרם. זי האָט דערפון געדרונגען, אַז אין ארץ־ישראל זיינען ניטאָ קיין גנבים; אַז אַן אוירינגעל קען זיך ליגען צען טעג צייט און מען זאָל עס ניט טשעפּען, איז דאָס דער בעסטער באַווייז, אַז דאָ זיינען לויטער ערליכע מענשען.

הייסט אַ איד זיך צייגען דאָס אוירינגעל. די פרוי גיט אים דאָס אוירינגעל. ער באַטראַכט עס ווי אַ מבין און זאָגט: „שאַט, אידען, פון דעם וואָס קיינער האָט ניט געטשעפּעט דאָס אוירינגעל איז נאָך ניט קיין ראיה, אַז דאָ זיינען ניטאָ קיין גנבים, עס איז מעגליך, אַז אַ גנב זאָל האָבען גענומען דאָס אוירינגעל אין האַנט און זאָל עס צוריקלייגען. ס׳איז זייער אַ ביליג אוירינגעל”. די פרוי האָט אים געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין מבין אויף אוירינגלעך און איז גלאַט אַ לץ. פון דעם האָט זיך ענטוויקעלט אַ דעבאַטע צי ארץ ישראל האָט גנבים, צי ניט.

האָט איין פרוי ערקלערט, אַז אַמאָל האָט מען אין תל־אביב ניט געקענט געפינען קיין גנב אויף אַ רפואה. מען פלעגט האַלטען אָפען די טירען און די פענסטער. היינט, אָבער, ווען ס׳קומען אַזוי פיל גרינע אין לאַנד אריין, איז מען ניט אַזוי זיכער. מען פאַרמאַכט שוין די פענסטער.

— באַליידיגט ניט די גרינע! — האָט אויסגעשריען דער איד, וועלכער האָט פריער געשריען פאַרוואָס מען לופט ניט אין שוק־קעלער — זיי זיינען פונקט אַזעלכע צדיקים ווי די „סאַברעס” (די היגע גע־בוירענע). מיר אַליין זיינען אויך געווען גרינע.

— מיר זיינען געווען אַנדערע גרינע — רופט אויס די אידענע, וועלכע האָט געשטריקט אַ זאָק — מיר האָבען אום שבת ניט גערויכערט קיין סיגאַרעטלעך ווי די היינטיגע גרינע.

— דאָס איז אמת — זאָגט די פרוי, וואָס האָט געפונען דאָס אוירינגעל, — זיי דאַווענען ניט, זיי רויכערען אום שבת, זיי זיינען כל־בו... אָבער קיין גנבים זיינען זיי ניט.

— אַ גליק האָט מיר געטראָפען אַז זיי זיינען ניט קיין גנבים — רופט זיך אָפּ די פרוי, וועלכע האָט געשטריקט אַ זאָק. — אָבער זיי

זיינען דאָך מיוחסים, אַריסטאָקראַטען, זיי מיינען אַז ס׳קומט זיי אַלעס. קיין זאַך געפעלט זיי ניט. ווען מיר זיינען געקומען אַהער, איז וואָס פאַר אַן אַרבייט מען האָט אונז געגעבען, זיינען מיר געווען צופרידען, מיר האָבען אַוועקגעגעבען דאָס געזונט און זיינען געווען גליקליך, ווייל מיר האָבען געהאָלפען בויען ארץ ישראל. און זיי? די היינטיגע גרינע, מען נעמט זיי אויף בכבוד, מען זאָרגט זיך פאַר זיי. זיי קומען ווען אַלעס איז פאַר זיי שוין גרייט, אויפגעבויט, און זיי געפעלט גאָר ניט!

— אמת! — רופט זיך אָפּ די פרוי, וועלכע האָט געפונען דאָס אוירינגעל — צו מיר איז געקומען אַ קוזינע, געפעלט איר ניט ווי איך גיי אָנגעטאָן. איך גיי צו־פּראָסט אָנגעטאָן, זאָגט זי, איך האָב ניט קיין געשמאַק ווי זיך אָנצוטאָן, טענה׳ט זי, און זי האָט טאַקע געבראַכט מיט זיך שענערע קליידער ווי איך האָב ווען געזען.

— דרך ארץ פאַר די גרינע! — האָט אויסגעשריען דער איד, וועלכער האָט געטריבען אַלעמען צו גיין אין שוץ־קעלער. — ווען מיר זיינען געקומען אַהער, זיינען מיר געקומען זאַטע, אָנגעגעסענע, קינדער פון טאַטע־מאַמעס, וועלכע האָבען געזאָרגט פאַר אונז. אָבער זיי? זיי זיינען געבליבען איינער פון אַ משפחה; אַ סך זיינען געווען ניט ווייט פון היטלער׳ס קאַלך־אויוועס. זיי מעגען זיך איבערנעמען, זיי מעגען זיך פּיעשטשען, זיי מעג גאָר ניט געפעלען, זיי מעגען האָבען אַ סך חסרונות, זיי זיינען מיוחסים. איך וויל ניט הערען אַ וואָרט געגען זיי!

— איך זאָל שוין אַזאַ יאָר האָבען ווי איר זיינט גערעכט! — זאָגט איין פרוי, וועלכע האָט פריער געהאַט טענות צו די גרינע — אויב איך וועל אַמאָל זאָגען אַ וואָרט געגען די גרינע, זאָל מיר אָפּגעדאַרט ווערען די צונג!

— וואָס? איר גיט גערעכט די גרינע? — רופט אויס דער איד, וועמען דאָס אוירינגעל איז ניט געפעלען — זיי וועלען אייך שוין אַראָפּ־דרייען דעם קאָפּ. מ׳דאַרף נאָר לאָזען וויסען, אַז מיר גיבען זיי גע־רעכט.

— אַזוי! — רופט אויס די פרוי, וועלכע האָט געפונען דאָס אוירינ־געל — די גרינע וועלען אונז אַראָפּדרייען די קעפּ! מיר דערלייגען צו זיי די באָבע׳ס ירושה. דאָס געלט, וואָס מיר האָבען געבראַכט קיין ארץ ישראל פאַרמאָגען מיר נאָך אין אַלע צייטען.

— הערט אויס — זאָגט דער איד, וועמען דאָס געפונענע אוירינגעל איז ניט געפעלען — מיר מוזען טאַקע טאָן אַלעס פאַר די גרינע, אָבער

מיר דאַרפֿען זיי זאָגען, אַז זיי זאָלען זיך ניט האַלטען גרעסער פון אונז. גלייך מיט אונז זאָלען זיי זיין, ניט גרעסער!

— געפינט ניט קיין חסרונות אויף די גרינע — האָט דער פאַר־טיידיגער פון די גרינע אויסגערופען, — ווען איר וואָלט געוועזן מיט היטלער׳ן איין יאָר צייט, וואָלט איר —

זיינע רייד זיינען איבערגעשלאָגען געוואָרען פון דעם „קליר־סיגנאַל״, דער צייכען, אַז די געפאַר איז שוין אַריבער.

אַלע זיינען אַרויס פון די שוץ־קעלערס. זאָג איך צו קאָלעגע גאָל, אַז איך וואָלט וועלען כאַפּען אַ שמועס מיט דעם אידען, וועלכער פאַר־טיידיגט די גרינע. יענער איד איז אָבער געגאַנגען שנעל, זיינען מיר אים שנעל נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ, וואו מען וואַרט אויף אַ באַס. מיר האָבען זיך דאָרט אויך אָפּגעשטעלט.

— דער מאַן איז פון אַמעריקע, איז אַ שרייבער פון פאָרווערטס״, און וויל מיט אייך רעדען — שטעלט מיך קאָלעגע גאָל פאָר פאַר דעם אידען.

— שלום עליכם, — זאָגט מיר דער איד — איך האָף אַז אייך געפעלט ארץ ישראל, און איר זעט אונזער לאַנד ווי אַ איד דאַרף דאָס זען, מיט אידישע אויגען.

— מיר געפעלט זייער ווי איר האָט פאַרטיידיגט די גרינע — זאָג איך אים — איך בין דאָך אויך אַ גרינער. איך וויל מיט אייך אַביסעל ריידען. אפשר וואָלטען מיר אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפע.

— איך בין אַ פאַרנומענער מענש. איך גיי ניט אין קיין קאַפע־הייזער — זאָגט ער — אויב איר ווילט מיך עפּעס פרעגען, אויב איך קען פאַר אייך עפּעס טאָן, זאָגט מיר גלייך, איידער דער אָמניבוס קומט אָן.

— איר געפעלט מיר — זאָג איך אים — וויל איך הערען אייער מיינונג, די מיינונג פון אַ פּשוט׳ען אידען אין תל־אביב.

— צוליב דעם — זאָגט ער — דאַרף מען זיכער ניט גיין אין אַ קאַפע־הויז. וואָס איך דענק קען איך אייך זאָגען אָט דאָ, וואַרטענדיג אויף אַן אָמניבוס. איך וויל, אַז די אידען פון דער גאַנצער וועלט זאָלען זיך ליב האָבען אהבת נפש. זיי זאָלען אַוועקגעבען דאָס לעבען איינער פאַר׳ן צווייטען. זיי זאָלען ניט לאָזען זאָגען אַ שלעכט וואָרט איינער אויפ׳ן אַנדערען. מיר האָבען גענוג שונאים. אויב מיר וועלען זיך אַליין ניט ליב האָבען, זיינען מיר פאַרלוירען.

— ווי איז אייער נאָמען? — פרעג איך אים.

— מיין נאָמען איז, אַ איד פון תל אביב — האָט ער געענטפערט, — איך בין ניט דער איינציגער איד וואָס טראַכט אַזוי. ווען מיר וואָלטען אַזוי ניט געטראַכט וואָלטען מיר ניט געקענט זיך שלאָגען מיט די אַראַבער און זיי אַזוי צוקלאַפּען.

דער אָמניבוס איז אָנגעקומען. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפ׳ן אָמניבוס, און ווען ער איז אָפּגעפאָרען, האָט ער אויסגעשריען: „זייט געזונט! גריסט די אַמעריקאַנער אידען, און זאָגט זיי, אַז זיי זאָלען זיך ליב האָבען, און ליב האָבען די אידען פון דער גאַנצער וועלט. שאַלאָם!״

איך קען ניט אַוועקפאָרען פון טבריה.

אַ פּאָר טעג איידער איך האָב פאַרלאָזען ישראל, האָב איך באַזוכט די באַרימטע שטאָט טבריה.

געפאָרען אַהין בין איך מיט אַ טעקסי פון חיפה, צוזאַמען מיט מיר איז געפאָרען מיינער אַ קוזין און זיינער אַ פריינד. מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרשידענע פלעצער אויפ׳ן וועג, אין עמק און אין גליל.

די גאַנצע רייזע און דאָס אַריינפאָרען קיין טבריה, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, איז ניט פאַר מיינע כוחות צו באַשרייבען. דאָס איז אַן אַרבייט פאַר גרויסע פּאָעטען.

ווען איך בין אָריינגעקומען קיין טבריה בין איך געבליבען שטום. איך בין פון איבעררראַשונג געבליבען ווי געפּלעפט. איך האָב ניט געהאַט קיין ווערטער אויסצודריקען מיינע געפילען.

מיין קוזין פרעגט מיך:

— ווי געפעלט דיר טבריה? ווי געפעלט דיר דער כנרת?

איך ענטפער ניט.

— ער האָט מורא צו רעדען — זאָגט דער פריינד פון מיין קוזין.

— ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען טבריה, האָב איר אויך פאַרלוירען דאָס לשון — פאַרענטפערט מיך מיין קוזין — מיר האָבען געזען טבריה אַ סך מאָל, איז דאָס שוין ביי אונז גאָרניט.

— יאָ, — גיט־צו מיין קוזינ׳ס פריינד — ווען מען זעט צום ערשטען מאָל טבריה!

איך בין געווען פאַרטיפט קוקענדיג אויף דעם ים כנרת. עס איז ביי מיר געווען אַ שאָד צו פאַרלירען אַ רגע צייט דורך רעדען.

איך האָב געקלערט, אַז דאָס וואָס איך איך זע איצט, איז דאָס שענסטע וואָס איך האָב ווען געזען אין מיין לעבען, און איך דאַרף אויף דעם ניט אויפהערען צו קוקען.

מיין קוזין און זיין פריינד האָבען אַ לענגערע ווילע געשוויגען. זיי האָבען מיר ניט געוואָלט שטערען. ענדליך אונטערברעכט מיין קוזין די שטילקייט, זאָגענדיג צו מיר:

— וועגען טבריה מיט'ן ים כנרת וועסטו שוין מסתמא שרייבען און שרייבען.

— ניין — האָט איך געענטפערט — איך וועל ניט וואָגען צו שרייבען וועגען דער שיינקייט פון טבריה. איך פאַרמאָג ניט די ווערטער און דעם טאַלאַנט דערפאַר, איך וועל בעסער וועגען דעם זיך אָפּט דערמאָנען. אַז איך וועל קומען צוריק קיין אַמעריקע, וועל איך אָפּט פאַרמאַכען מיינע אויגען און זיך פאָרשטעלען, ווי עס זעט אויס טבריה און פילען גוט. אָבער שרייבען וועגען דעם — ניין. איך וועל מיט דעם בלויז קאַליע מאַכען דאָס שענסטע בילד, וואָס איך האָב ווען געזען אין מיין לעבען.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַזעצט אין אַ האָטעל, האָט מיין קוזין מיך באַקענט מיט איינעם, וועלכער וואוינט אין טבריה, כדי ער זאָל מיר צייגען טבריה, ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר דעם העברעאישען שרייבער י. ימיני, וועלכער איז אויך דער פאַרפאַסער פון אַ ביכעל „מדריך לטבריה", אַ ביכעל, וואָס גיט אינפאָרמאַציע וועגען טבריה.

מר. ימיני איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און מיר ערקלערט, וואָס דאָ געפינט זיך. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען זאָגט, אַז דאָ געפינט זיך דער קבר פון רבי מאיר בעל הנס, דאָ האָבען געוואוינט די תנאים, האָט ער מיר געזאָגט: רבי עקיבא, ריש לקיש, ר' יוחנן, רבי יהודה הנשיא.

— זיי האָבען געוואוסט וואו צו וואוינען. זיי זיינען געווען מבינים אויף אַ שיין פלאַץ — זאָג איך.

— די גמרא זאָגט טאַקע — ערקלערט מיר ימיני — אַז גאָט האָט באַשאַפען זיבען ימים, אָבער ער האָט פון אַלע פאַר זיך אויסגעקליבען דעם ים כנרת.

— ער האָט גוט אויסגעקליבען! — זאָג איך.

— יוסף בן מתתיהו (פלאַוויוס) — ערקלערט מיר ימיני ווייטער — האָט געזאָגט, אַז די נאַטור האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות צו באַשאַפען די שיינקייט פון טבריה.

— זעט אויס, אַז איך בין אויך אַ מבין — זאָג איך אים — מיר דוכט זיך, אַז קיין שענערער פּלאַץ ווי די שטאָט טבריה אין ניטאָ.

— אַ סך האָבען דיזעלבע מיינונג — ערקלערט מר. ימיני.

ער האָט מיך צוגעפירט צו די חמי טבריה. צו די וואַרימע וואַסערען.

— אָט די וואַרימע קוואַלען — ערקלערט מיר ימיני — קענען זיך פאַרגלייכען מיט די בעסטע אין דער וועלט, ווי: באַדען־באַדען, אַאַכען־קייזער קוועלע און אַנדערע.

— איך פאַרשטיי ניט — זאָג איך אים — פאַרוואָס מען פאָרט ניט פון דער גאַנצער וועלט אַהער זיך באָדען. פון אָנקוקען די נאַטור אַליין קען מען דאָך געזונט ווערען.

— מען פלעגט טאַקע פאָרען אַהער — זאָגט מיר ימיני — אָבער איצט איז מלחמה־צייט. נאָך דער מלחמה וועט מען ווידער פאָרען אַהער פון אַלע עקען וועלט.

איך זאָג אים, אַז ווען אין אַמעריקע וואָלט מען געוואוסט, וואָס טבריה איז, וואָלט מען ווינטער זיכער אַהין געפאָרען אַנשטאָט קיין פלאָרידאַ, אָדער אַנדערע וואַרימע געגענטען.

— אַמעריקע וועט זיך דערוויסען דערפון — זאָגט ימיני — איצט, ווען מיר האָבען אַ אידישע מדינה, וועלען מיר שוין דאָרט לאָזען וויסען און זיי וועלען אַהער קומען אין גאַר אַ גרויסער צאָל. זאָל נאָר ווערען שלום!

ער דערציילט מיר וועגען די וואונדער, וואָס מען דערציילט וועגען די טבריה־קוואַלען, ווי קראַנקע ווערען דאָ אויסגעהיילט.

איך האָב אַ גאַנצען נאָכמיטאָג מיט אים אַרומשפּאַצירט. ער האָט מיר דערציילט פון די טבריה וואונדער און איך האָב געקוקט אויפ׳ן כנרת. איך האָב זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען.

אין אָוונט האָבען מיר פאַרבראַכט אין אַ קאַפע־הויז. צו מיין איבערראַשונג, האָב איך דאָרט באַגעגענט אַ שיפס־ברודער און אַ שיפס־שוועסטער. ווען איך בין געפאָרען אויף דער אימיגראַנטען־שיף קיין ארץ ישראל, האָב איך זיך דאָרט באַקענט מיט אַ הויך־אינטעליגענט פאָר־פאָלק אין די מיטעלע יאָרען. זיי זיינען פון מילניצע, גאַליציע, אַ שטעטל ניט ווייט פון מיין געבורטסשטעטעל. זיי האָבען לעצטענס געוואוינט צוערשט אין רוסלאַנד און דאַן אין פוילען. ער איז אַן אינזשעניר און זי — אַ לערערין פון אַ גימנאַזיע. זיי קענען ביידע גוט העברעאיש. זיי זיינען אמאָל געווען קאָמוניסטען. די יאָרען וואָס

זיי האָבען געוואוינט אין דעם קאָמוניסטישען גן־עדן, האָבען זייער קאָמוניזם אָפּגעקילט. זיי האָבען ניט געוואָלט פיל רעדען וועגען רוס־לאַנד און פוילען, ווייל זיי האָבען דאָרט פאַמיליע. זיי פאָרען איצט קיין ארץ ישראל, האָבען זיי געזאָגט, וואו זיי גלויבען, אַז דאָרט זיינען נאָך דאָ אידעאַליסטען, דאָרט איז נאָך פאַראַן בטחון. זיי בענקען נאָך דעם און צוליב דעם פאָרען זיי אַהין.

איך האָב זיך דערפרייט, וואָס איך האָב זיי דאָ באַגעגענט. איך האָב ביים אַרונטערגיין פון שיף זיי פאַרלוירען און מער ניט געזען. איצט, נאָך זיבען וואָכען צייט, באַגעגען איך זיי ענדליך אין אַ קאַפע־הויז, אין טבריה. דאָס ערשטע וואָס איך האָב געוואָלט וויסען איז, וואָס זיי טוען, און ווי זיי קומען קיין טבריה.

זיי ערקלערען מיר, אַז ביידע האָבען זיי געקראָגען דאָ שטעלעס. זיי געפינען זיך שוין דאָ פיר וואָכען צייט. ער איז אָנגעשטעלט אַלס אַ באַאַמטער און זי אַלס אַ לערערין פון אַ פאָלקס־שולע.

איך פרעג זיי צי זיי זיינען צופרידען. ער ערקלערט מיר באַ־גייסטערט: „מיר זיינען ביידע גליקליך, וואָס מיר געפינען זיך אין ארץ ישראל. מיר געפינען זיך צווישען ליבע מענשען, צווישען ערליכע, צווישען אידעאַליסטען. דערצו האָבען מיר געשטרעבט און מיר האָבען דאָס דערגרייכט״.

— און וואָס איז וועגען אייערע שטעלעס? — האָב איך געפרעגט.

— איך בין פון מיין שטעלע צופרידען — האָט ער געזאָגט — איך פאַרדין גענוג וואָס איך דאַרף, מען האָט אונז געגעבען אַ גוטע וואוינונג. וואָס נאָך קען אַ גרינער פאַרלאַנגען? אָבער מיין ווייב איז פון איר שטעלע ניט צופרידען.

זי האָט מיר ערקלערט פאַרוואָס זי איז ניט צופרידען. מען האָט איר געגעבען אַ שטעלע אַלס אַ לערערין, אַ שטעלע, צו וועלכער זי איז גוט צוגעפּאַסט. אָבער מען האָט איר געגעבען צו לערנען מיט קינדער פון איראַק און דאָס איז אַ שווערע אַרבייט, ס׳איז שווער זיי צו דיס־ציפּלינירען. מען קען ניט אויספירען, אַז זיי זאָלען זיין שטיל; פּלוצלינג שטעלט זיך אויף אַ אינגעלע און מאַכט אַ גוואַלד: וואָס איז? „הוא מקלל״ (ער שילט). ערקלערט ער. שילטען איז ביי זיי דאָס ערגסטע. זיי גלויבען, אַז אַ קללה קען מקוים ווערען. זי ערקלערט זיי נאָכאַנאַנד, אַז שילטען מיינט גאָר ניט, אַז דאָס זיינען בלויז ווערטער, אַז דאָס ווערט ניט מקוים, אָבער קינדער פון איראַק איז שווער אויפצוקלערען, זאָגט זי. דער אַבערגלויבען איז אין זיי טיף איינגעוואָרצעלט. זי האָפט, אַז

זי וועט שפּעטער קריגען אַן אַנדער שול מיט אַן אַנדער סאָרט קינדער. מיט די קינדער פון תימן, זאָגט זי, איז פיל בעסער צו לערנען. זיי זיינען פאַרשטענדיגער. נאַטירליך, זיינען די קינדער פון אייראָפּע די בעסטע קינדער, און זי רעכענט נאָך אַמאָל צו קריגען יענע קינדער.

— אָבער מיט קינדער פון איראַק דאַרף מען דאָך אויך לערנען, מען קען דאָך זיי ניט לאָזען אויף הפקר! — ערקלערט איר מאַן.

— דאָס איז אמת, — גיט צו זיין פרוי — אָבער איך האָב ניט קיין געדולד פאַר זיי.

— איז ווי געפעלט אייך טבריה? — פרעג איך.

— עס איז ווערט אַלעס, אַבי דאָ צו וואוינען — ערקלערט די לערערין — איך און מיין מאַן האָבען שוין געזען אַ סך שיינע פלעצער אויף דער וועלט, אַזוינס האָבען מיר נאָך ניט געזען. צו וואוינען ווינטער אין טבריה איז ווערט אַפילו זיך צו מוטשען מיט תלמידים פון איראַק.

— ס'איז בעסער צו האָבען צו טאָן מיט שלעכטע אידישע תלמידים פון איראַק, איידער מיט אַנטיסעמיטען פון פוילען — זאָגט איר מאַן.

— וועגען דעם איז אָפּגערעדט — זאָגט די לערערין — אָבער אַ מענש פאַרגעסט. מיר וואוינען אין דער שענסטער געגענט פון דער וועלט, אין אַן אייגען לאַנד, ווילען מיר, אַז אַלעס זאָל זיין נאָר גוט.

— געקומען אַהער זיינען מיר — זאָגט איר מאַן — ווייל מיר זיינען אידעאַליסטען; וואוינען מיר ווינטער אין טבריה, איז אונז גוט ווי דעם גוי'אישען גאָט. פאַר'ן זומער וויל מיין פרוי קריגען אַ שטעלע אין ירושלים, ווייל דאָרט איז זומער קיל. און ווי עס זעט אויס, קענען מיר קריגען דאָרט שטעלעס; וועט אונז ווייטער גיין גוט. מיר האָבען זיך געוואָלט אַביסעל מוטשען, אָבער ס'גייט ניט. מיר מוטשען זיך ניט.

— און וואָס איז דאָס, וואָס איך דאַרף לערנען מיט די קינדער פון איראַק? — פרעגט זיין פרוי.

— דאָס איז אויך ביי דיר מוטשען? — זאָגט איר מאַן.

איך האָב געוואָלט ביי זיי עפּעס אַרויסקריגען וועגען זייער אַמאָליגען לעבען אין סאָוועטען־פאַרבאַנד, אין פוילען.

— מיר האָבען ניט ליב וועגען דעם צו רעדען — האָט ער ערקלערט.

— לאָמיר בעסער רעדען וועגען ארץ־ישראל — האָט זי געזאָגט — ווי געפעלט אייך תל־אביב, חיפה?

— מיר געפעלט תל־אביב, מיר געפעלט חיפה — זאָג איך —

אָבער איך האָב מורא, אַז נאָכדעם ווי איך זע טבריה, וועל איך שוין יענע שטעט פאַרגעסען.

— ניין, איר וועט ניט פאַרגעסען — האָט זי געזאָגט — די שטעט פון ארץ ישראל פאַרגעסט מען ניט, יעדע שטאָט האָט זיך איר באַזונ־דערען חן.

זי איז געווען גערעכט, איך האָב ניט פאַרגעסען תל־אביב, איך האָב ניט פאַרגעסען חיפה, איך קען ניט פאַרגעסען ירושלים און אַוודאי ניט טבריה.

דעם צווייטען טאָג אינדערפרי בין איך אַוועקגעפאָרען פון טבריה. עס איז מיר געווען זייער שווער אַוועקצופאָרען, עס איז מיר ניט געווען לייכט אַוועקצופאָרען פון ארץ ישראל אין אַלגעמיין, אָבער צום שווער־סטען פון טבריה.

דער זיגער

אויף דעם דעק פון דער אימיגראַנטען שיף „פּאַן יאָרק" פלעגט זיך אַרומדרייען אַ בלאַסער מאַן פון אַ יאָר זעכציג, שטענדיג אַ פּאַרטראַכטער, געקוקט אויף ים און ניט אויף די מענשען. אָפט פלעגט ער זיך אַוועקזעצען מיט זיינע אויגען איינגעגראָבען אין אַ בוך און לייענען. מען האָט אויף דער שיף געמעגט הוליען, טאַנצען, זיך שלאָגען. אים האָט דאָס ניט אינטערעסירט.

איינמאָל בין איך געשטאַנען לעבען אים, ווען בחורים פון מאַראָקאָ און טוניס האָבען זיך געשלאָגען מיט מעסערס. מיר איז דאָס האַרץ שיער ניט אַרויסגעפלויגען פון שרעק. איך האָב געמיינט: אָט אָט שטעכט איינער דעם צווייטען אַריין אַ מעסער. ער האָט געקוקט אויפ׳ן ים אַזוי ווי ער וואָלט געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט׳ן ים. איך האָב אים געפרעגט:

— אַנטשולדיגט, אייך אינטערעסירט גאָר ניט דער געשלעג? אידישע בחורים ווילען שטעכען איינער דעם צווייטען!...

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטאָן אויף די מעסערס פון די בחורים, וואָס פלאַטערען אין דער לופט, און געזאָגט:

— האָט ניט מורא. זיי וועלען זיך ניט דער׳הרגע׳נען. און אויב איינער וועט פאַרוואונדעט ווערען איז אויך ניט געפערליך. אַבי אַ דייטש שלאָגט זיי ניט.

איך האָב מיט אים, זייט דאַן, פאַרפירט עטליכע שמועסען, ביז איך האָב געוואונען זיין צוטרויען, און ער האָט פאַר מיר גערעדט וועגען זיין לאַגע. ער איז געווען פול מיט האַס געגען די דייטשען. ער איז איינער פון די, וועלכע האָבען זיך דורך אַ נס געראַטעוועט פון היטלער׳ס אַ גאַז־קאַמער. ער האָט ניט קיינעם אויף דער וועלט. זיין ווייב, קינדער,

קרובים און פריינד, זיינען אַלע אומגעקומען. פון זיין גאַנץ שטעטעל איז קיינער ניט געבליבען.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער פאָרט אין ישראל. ער האָט דאָרט, אַזוי ווייט ווי ער ווייסט, קיינעם ניט. ער פאָרט איצט אין דעם אידישען לאַנד, אין דעם לאַנד פון זיינע אָבות, וואָס ער פלעגט תמיד אויסלאַכען. ווען עמיצער פלעגט פאָרען קיין ארץ ישראל פלעגט ער זאָגען: „גייט דאָרט צו דער מערת המכפלה און גיט אַ גרוס אברהם אָבינו׳ן". ער איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. ער פלעגט האַלטען רעדעס און דעבאַטירען מיט ציוניסטישע רעדנער און זיי אַלע באַזיגען. ער איז געווען אַ גוטער רעדנער און ער פלעגט תמיד געווינען אויף זיין זייט די צוהערער.

— איך פלעג אַ זאָג טאָן, — האָט ער דערציילט, — מיין היים איז די גאַנצע וועלט, ניט ציון מיט ירושלים, מיט די פושקעס פון ר׳ מאיר בעל הנס. ווען עמיצער וועט מיך וועלען שלאָגען, וועט מיך פאַר־טיידיגען דער פּראָלעטאַריאַט פון דער וועלט, ניט די אידען וואָס גייען וויינען אויף רחל׳ס קבר, אָדער די אָרעמע שומרים פון די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל!

— מיינע ווערטער פלעגען אַרויסרופען די גרעסטע אַפּלאָדיסמענ־טען מיט די ציוניסטען. אָבער איך האָב פאַרלוירען אין לעבען. אַלץ וואָס איך האָב פאָראויסגעזאָגט איז ניט מקוים געוואָרען. און דאָס, אין וועלכען איך האָב ניט געגלויבט און אויסגעלאַכט, איז גרויס, מעכטיג, שיין און הייליג.

— ווען די נאַציס האָבען מיר נאָכגעיאָגט — האָט ער געזאָגט — האָבען אויפ׳ן וועג מיך באַראַבעוועט און געשלאָגען די אוקרייאינער, פּאָליאַקען און רומענער. די פּאָליאַקען האָבען איבערגעגעבען מיין מאַמען צו די דייטשען, די אוקרייאינער האָבען איבערגעגעבען מיין ווייב און קינ־דער צו די נאַציס. מיך אַליין האָבען געמאַטערט די רומענער נאָכדעם ווי עס האָבען מיך געשלאָגען די דייטשען, פּאָליאַקען און אוקרייאינער. דער פּראָלעטאַריאַט פון דער וועלט האָט מיך געהאַט אין דער ערד.

„איצט פאָר איך אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אויסגעלאַכט, צו די אָרימע שומרים אין די קאָלאָניעס פון ישראל. דאָרט וועט מען מיך אַריינלאָזען. מען וועט מיך ניט פרעגען אויף קיין פּאַספּאָרט. איך וועל דאָרט זאָגען צו די שומרים: „מאַכט מיך פאַר אַ שומר. איך וויל עפּעס טאָן פאַר דעם איינציגען לאַנד וואָס לאָזט אַריין קראַנקע אידען, אָן קרובים, אָן פריינד און אָן אַ פּאַספּאָרט". אָבער די שומרים וועלען

מיט רעכט מיר זאָגען: „פאַרוואָס ביזטו צו אונז ניט געקומען ווען דו ביזט געווען יונג, ניט ווען דו ביזט שוין אַן כח און אַן בלוט אין פנים?"

אין די לעצטע טעג פאַר מיין אַוועקפאָרען פון ישראל האָב איך אים באַגעגענט אויף דער אלענבי־גאַס אין תל אביב.

ער האָט מיך באַלד דערקענט און אויסגערופען מיט שמחה: „שלום!"

איך האָב אים אין די ערשטע פאַר מינוטען ניט דערקענט, ווייל ער האָט אויסגעזען פריילינכער, לעבעדיג, און מיט בלוט אין פנים. די תל־אָביב׳ער זון האָט אים צוגעברענט.

איך האָב זיך מיט אים דערפרייט. איך בין געווען אויך נייגעריג צו וויסען ווי עס באַהאַנדעלט אים ישראל.

— איז וואָס מאַכט איר? וואָס טוט איר? וואו זיינט איר? — האָב איך געפרעגט.

— איך וואוין ביי מיינעם אַ געגנער, וועלכען איך פלעג באַזיגען אין די דעבאַטעס וועגען ציוניזם, — האָט ער געענטפערט — איך האָב אים צופעליג געטראָפען אין גאַס און אים דערקענט. ער מיך האָט ניט דערקענט. איך זע דאָך ניט אויס מער ווי אַמאָל. אַז איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין, און אים דערמאָנט אָן די דעבאַטעס, אין וועלכע איך האָב אים באַזיגט, האָט ער זיך מיט מיר צוקושט, און מיך גענומען צו זיך. ער פאַרזאָרגט מיך. ער וויל, אַז צוערשט זאָל איך קומען צו זיך פון די אַלע קלעפּ וואָס מיר האָט געגעבען דער פּראָלע־טאַריאַט פון דער וועלט. דאַן וועט ער מיר פאַרשאַפען אַרבייט.

ישראל האָט אים איינגעלאַדען

אויף דער שיף „פּאַן יאָרק" האָב איך באַגעגענט אַ יונגענמאַן, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ צובראָכענער שאַרבען. ער האָט מיר ערקלערט, אַז ער פאָרט קיין ישראל שאַפען אַ ווערק. ער וועט באַשרייבען זיין אייגענעם אומגליק און דעם גרויסען אידישען אומגליק. צו שרייבען דאָס בוך וועט אים געדויערען אַ דריי יאָר צייט.

— און פון וואָס וועט איר לעבען? — האָב איך אים געפרעגט.

— זאָל זיך ישראל זאָרגען — האָט ער געענטפערט — ישראל האָט דאָך מיך איינגעלאַדען אַהער צו קומען, דאַרף זי זיך זאָרגען וועגען מיר.

— וואָס מיינט איר ישראל האָט אייך איינגעלאַדען — פרעג איך אים — זי האָט אייך פערזענלעך איינגעלאַדען?

— נאָך מער ווי איינגעלאַדען — האָט ער געענטפערט — צו וואָס שלאָגט זיך ישראל מיט די אַראַבער? צוליב מיר. כדי עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע מענשען ווי איך. איז דאָך דאָס נאָך מער ווי איינגע־לאַדען. מען שלאָגט זיך פאַר מיר.

איינמאָל, ווען איך בין געגאַנגען אין תל אביב מיט אַ פרוי, אַן אָנגעשטעלטע פון הסתדרות, וועלכע האָט מיר געצייגט אנשטאַלטען פון הסתדרות, איז מיר אַקעגען געקומען מיין שיף־ברודער, דער יונגער־מאַן, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ישראל האָט אים איינגעלאַדען.

— שלום — האָב איך אים באַגריסט — וואָס מאַכט איר?

— אַ דירה האָב איך שוין, אין יפו — האָט ער געענטפערט.

— און וואָס איז מכח פרנסה? — האָב איך אים געפרעגט.

— זאָל זיך ישראל זאָרגען — האָט ער געענטפערט — איך האָב זיי געזאָגט אַזוי: איך בין אַהער געקומען כדי צו שרייבען אַ בוך. איז די ערשטע דריי יאָר זאָל מען מיר ניט שטערען, ווייל איך דאַרף

אָנשרייבען דאָס בוך. נאָך די דריי יאָר זאָלען זיי מיר געבען אַ לייכטע אַרבייט, ווייל צו שווערער אַרבייט האָב איך ניט קיין כח, און עס מוזען זיין קורצע שטונדען, ווייל איך מוז האָבען צייט צו שרייבען אַ צווייט בוך.

— איז וואָס האָבען זיי געזאָגט? — פרעג איך.

— זיי האָבען געשוויגען. וואָס קענען זיי זאָגען? זיי ווייסען דאָך אַז איך בין גערעכט. זיי האָבען מיך איינגעלאַדען אַהער, דאַרפען זיי מיר אַלעס נאָכגעבען.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, פרעג איך איראָניש מיין באַגלייטערין:

— נו, ווי געפעלט אייך דער שווערער אַרבעטער וואָס ישראל האָט צוגעקראָגען?

זי האָט ליבליך געענטפערט: — מיר וועלען אים צופּאַסען אַן אַרבעט. מיר זיינען צו די רייד פון די מענשען שוין געוואוינט. זאָלען זיי נאָר פריער קומען צו זיך, וועלען זיי ווערען אַנדערש. מען מוז צו זיי האָבען געדולד. לאַכען פון זיי טאָר מען ניט.

פאַרענדיג אַהיים פון ישראל

קיין ישראל בין איך געפאָרען אויף אַ שיף, אַן אומבאַקוועמע שיף, פול מיט פליטים. איך בין געשלאָפען אויף דער קאַלטער ערד, אָבער די לופט איז געווען וואַרעם. וואָס ווייטער איך בין געפאָרען אַלץ וואַרעמער איז געוואָרען, און די מענשען זיינען געווען באַגייסטערט, האַרציג, וואַרעם. איך בין געפאָרען מיט מענשען אָן פּאַספּאָרטען, אָן אַדרעס, אומגליקליכע, היימלאָזע מענשען. אָבער זיי זיינען אַלע געווען גליקליך, פול מיט האָפנונג, ווייל זיי זיינען געפאָרען אַהיים, קיין ישראל.

קיין אַמעריקע, צוריק פון ישראל, בין איך געפאָרען אויף אַן עראָפּלאַן מיט רייכע מענשען. דאָרט איז געווען באַקוועם. מען איז געזעסען אויף ווייכע שטולען, איינגעדעקט מיט קאָלדרעס, אָבער די לופט איז געווען קאַלט, און וואָס ווייטער מען איז געפאָרען אַלץ קעלטער איז געוואָרען. און די מענשען זיינען אויך געווען קאַלטע, אומצופרידענע. עס האָט געבלאָזען פון זיי אַ קעלט. בררר!

אויף דער שיף מיט די פליטים איז מען געשטאַנען אין ריי נאָך אַביסעל וואַסער. וואַרעמע טיי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. מען האָט אַליין זיך געדאַרפט באַדינען. דאָס עסען איז געווען פּראָסט און צוגעציילט.

אויף דעם עראָפּלאַן האָט אַ שיין מיידעל סערווירט. מען האָט געגעבען פאַרשיידענע שפּייזען. מען האָט געגעבען וויין און שאַמפּאַניער. מען האָט קיין זאַך ניט געזשאַלעוועט, און דאָך וואָס פאַר אַן אונטערשיד!

דאָרט איז געווען פרייליך, דאָרט האָט מען געזונגען, און אויפ׳ן עראָפּלאַן האָט מען געבורטשעט.

דאָרט האָבען אינגלעך פון מאַראָקאָ, טוניס און אַלזשיר געזונגען אַן

אַראַביש ליד. די אַנדערע, וועלכע זיינען געקומען פון די דייטשע לאַגערען, האָבען אונטערגעברומט, און עס איז געווען פריילין.

דאָ, אויף דעם עראָפּלאַן, זיינען געזעסען אַ פּאָר רייכע מענשען און געדרעמעלט, אַ טייל האָט אַרויסגעקוקט צו די וואָלקענס מיט זויערע פּנים׳ער.

אין פראָנט פון מיר איז געזעסען אַ רייכער איד, וועלכער איז געפאָרען אַלס אַ סאָרט שליח. ער האָט באַצאָלט מען זאָל אים מאַכען פאַר אַ דעלעגאַט. ער פאָרט מיט אַ סעקרעטאַר. ער איז געווען עטליכע טעג אין ארץ ישראל. מען האָט אים ארומגעפירט און שנעל געצייגט דעם הר הכרמל, דעם עמק, ירושלים, צפת, טבריה. דער קאָפּ איז אים פאַרטשאַדעט, פון דעם וואָס ער האָט געזען אַזוי שנעל, אַזויפיל שיינע זאַכען. ער האַלט זיך ביים קאָפּ און ער גיט אַנצוהערען, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזען, און וואָס מען האָט אים געזאָגט. דער אידיש איז ניט געווען קיין אידיש, נאָך זיין מיינונג, און דער ענגליש איז נאָך זיין מיינונג ניט געווען דער ענגליש צו וועלכען ער איז צוגעוואוינט. ער האָט ליב אַ אידיש וואָס זאָל זיין פאַרבראָקט מיט ענגליש, און אַן ענגליש, וואָס זאָל זיין פאַרבראָקט מיט אידיש. ער חזר׳ט זיין רעדע, וואָס ער וועט דאַרפען האַלטען אין ניו יאָרק, און איך הער זיך איין.

— ארץ ישראל איז זייער גוט פאַר די „די־פּיס״, אויסגעצייכענט פאַר די „דיספּלעיסד פּוירסאָנס״.

ער פרעגט זיין סעקרעטאַר צי איז דאָס גוט געזאָגט, צי וועלען אַזעלכע ווערטער מאַכען אַ „היט״ אין זיין ספּיטש.

— וואָס דאַרפט איר זיך דרייען אַ קאָפּ וואָס צו זאָגען אין אייער רעדע — זאָגט אים דער סעקרעטאַר, — איך וועל אייך שוין אויס־שטעלען אַ גוטע רעדע.

— אָבער וואָס טו איך ווען זיי וועלען מיר שטעלען פראַגען? — פרעגט ער. — וואָס וועל איך זיי זאָגען? ס׳איז דען דאָ וואָס צו זאָגען?

— די פראַגען וועל איך ענטפערען — ערקלערט דער סעקרעטאַר. — לאָזט אַלעס צו מיר.

— איר ווייסט, — זאָגט ווידער דער דעלעגאַט, — דער טלית וואָס איך האָב געקויפט אין ירושלים קאָסט צו־טייער. איך האָב אין ניו יאָרק געקענט קריגען אַ בעסערען טלית, און ביליגער.

— איר האָט געמוזט אַהיים ברענגען אַ טלית פון ירושלים, — ערקלערט אים דער סעקרעטאַר, — איר האָט געמוזט.

— אַלץ האָב איך געמוזט קויפן — זאָגט ער, — אָבער איך האָב דאָך ניט געדאַרפט פאַרען קיין ישראל. פאַר דעם געלט האָב איך דאָך געקענט מאַכן אַ רייזע אין אַ לאַנד, וואו מען רעדט ניט קיין העברעאיש, און איך זאָל פאַרשטיין וואָס מען רעדט, און איך זאָל קויפן זאַכן וואָס איך זאָל וויסן וואָס דאָס איז. אָבער, אַז איך האָב אַ סעקרעטאַר וואָס וויל פאַרען קיין ישראל, פאַרפירט ער מיך קיין ישראל. דו זאָלסט מיר כאַטש מאַכן אַ גוטען ספּיטש.

— ס'וועט שוין זיין איינמאָל אַ ספּיטש — פאַרזיכערט אים דער סעקרעטאַר.

— איך וויל — ערקלערט אים דער „דעלעגאַט״ — ס'זאָל זיין אַזאַ ספּיטש ווי דער, וועלכען איך האָב געהערט אין ישראל. ער האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי: „מיט צוויי טויזענט יאָר צוריק״... איך וויל אויך אָנהויבען „מיט צוויי טויזענט יאָר צוריק״.

— ניט געזאָרגט — זאָגט אים דער סעקרעטאַר, — איר וועט ביי מיר אָנהויבען „מיט צוויי טויזענט יאָר צוריק״.

— און איך וויל אַ סך פּובליסיטי — זאָגט דער „דעלעגאַט״ — פאַר'ן טלית, פאַר די בצלאל זאַכען און גלאָט די גרויסע עקספּענסעס. ס'איז דאָך אַזאַ יקרות. איך וויל זען מיין נאָמען דערמאָנט אַ סך מאָל.

— ניט בלויז דער נאָמען — זאָגט דער סעקרעטאַר, — נאָר אויך אייער פּיקטשור וועט זיין אין די צייטונגען.

— גיב זיי ניט מיין לעצטע פּיקטשור — זאָגט דער „דעלעגאַט״, — דער פאָטאָגראַפער אין אַ קאַליקע, ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ זקן.

— ניט געזאָרגט — זאָגט דער סעקרעטאַר, — איך וועל זיי געבען אייער פּיקטשור פון צוריק מיט צוואַנציג יאָר.

***

לעבען מיר זיצט אַ פרוי אויסגעפּוצט אין דימענטען, גרויסע אויררינגלעך. די דימענטענע רינגלעך פון די פינגער בלישטשען.

זי ווענדט זיך צו מיר, און פרעגט מיך:

— ווי לאַנג זייט איר געווען אין ישראל?

— אַכט וואָכען — זאָג איך.

— אַכט וואָכען? — רופט זי אויס, זיך טאַפּנדיג ביי אַן אויר־

רינגעל. — אַכט וואָכען! איך בין געווען צוויי וואָכען און בין אַנטלאָפען. מסתמא האָט איר געמוזט דאָרט זיין צוליב געשעפט.

איך ענטפער ניט. איך וויל זי זאָל רעדען. זי רעדט ווייטער:

— איך בין דאָרט געווען צוויי וואָכען און בין אַנטלאָפען.

— צוליב וואָס זייט איר געפאָרען קיין ישראל? — פרעג איך איר.

— צוליב מיין ברודער — זאָגט זי, — איך בין געפאָרען נעמען מיין ברודער קיין אַמעריקע. איך בין זייער רייך און ער איז אַ קבצן, אין אַ קיבוץ. איך האָב אים געשריבען בריף, האָט ער ניט געענטפערט. איך האָב אים געשריבען, אַז איך בין זייער רייך און אַז איך וויל אים מאַכען רייך. האָט ער מיר איינמאָל געענטפערט, אַז „מיין אַמעריקע" געפעלט אים ניט. ער האָט פיינט רייכע מענשען. מער האָט ער מיר ניט געוואָלט שרייבען. ער איז איינער וואָס איז איבערגעבליבען פון מיין גאַנצער פאַמיליע אין פוילען, וויל איך אים נעמען צו מיר. איך וויל ער זאָל זיין רייך. בין איך געפאָרען צו אים. איך האָב געדענקט, אַז ער וועט מיך אָנקוקען מיט מיינע דאַימאָנדס, מיט מיין רייכקייט, וועט ער קריגען דרך ארץ.

— נו? — פרעג איך איר, — וואָס איז געשען?

— פרעגט שוין ניט — זאָגט זי, — אַזעלכע נאַראָנים ווי אין ישראל איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. ביי זיי איז אַ גביר גאָרנישט. ביי זיי זיינען דאַימאָנדס גאָר ניט. זיי שעמען זיך מיט דאַימאָנדס. האָט איר שוין אַזוינס געהערט? די גאַנצע וועלט האָט דרך ארץ פאַר דאַימאָנדס, און ביי מיין ברודער איז גאָלד מיט דימענטען אַ שאַנדע.

זי האָט מיר געשילדערט ווי אַזוי זי האָט זיך באַגעגענט מיט איר ברודער אין דעם קיבוץ, וואו ער געפינט זיך.

— איך בין אַריינגעקומען צו אים אויף דער פאַרם, וואו ער געפינט זיך. איך האָב אים באַגעגענט אין אַ פאַר פאַרבלאָטיגטע הויזען, און אַ צוריסען העמד. געזונט זעט ער גראָד אויס. די באַקען רויט, אָפגעבערענט פון דער זון. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ער איז אַ קבצן? איך בין אַריינגעקומען צו אים פאַרפוצט מיט מיינע בעסטע אוירינג־לעך — גרויסע דימענטענע אוירינגלעך. און רינגלעך אויף די פינגער, און אַ גרויסער בראַסלעט וואָס נעמט אַרויס די אויגען. זאָל ער זען וואָס פאַר אַ רייכע שוועסטער ער פאַרמאָגט.

— נו? — פרעג איך איר. — וואָס איז געווען?

— דאָס ערשטע — ערקלערט זי מיר — האָט ער געזאָגט:

„שוועסטער מיינע, טו אויס די חזירײַ, די אוירענגלעך מיט די רינג־לעך! איך שעם זיך פאַר מענשען זיי זאָלען זען מיין שוועסטער אָנגעטאָן אין דער פאַסקודסטווע״. האָב איך אים געזאָגט: „וואָס רעדסטו, דאָס קאָסט דאָך טויזענטער!״ זאָגט ער: „אונזערע מענשען דאָ האָבען ניט קיין דרך ארץ פאַר קיין טויזענטער״. בקיצור, איך האָב זיך מיט אים ניט געקענט דורכרעדען. ניט איך האָב אים פאַרשטאַנען, ניט ער האָט מיך פאַר־שטאַנען. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל ער זאָל פאָרען קיין אַמעריקע, איך וועל אים מאַכען פאַר אַן עושר, ער וועט ניט דאַרפען אַרבייטען, ער וועט זיך אַרומדרייען מיט אַ סיגאַר אין מויל און אַנדערע וועלען אַרבייטען פאַר אים, — האָט ער זיך צושריען אויף מיר, אַז איך וויל פון אים מאַכען אַ פּוסט־און־פּאַסניק, אַז ער קען ניט הערען אַזעלכע ווערטער. פּע! האָט ער געשריען, פּע!

זי האָט ווייטער ערקלערט, אַז זי פאַרט אַוועק מיט די ביטערסטע געפילען געגען ישראל, ווייל דאָס לאַנד האָט געמאַכט פון איר ברודער אַ מענש מיט אַ קבצנ׳ישער נשמה, וואָס שעמט זיך פאַר אַנדערע וואָס זיין שוועסטער איז רייך און טראָגט דימענטענע אוירינג־לעך. זי באַשולדיגט אין דעם ישראל. ווען ער וואָלט געווען אין אַן אַנדער לאַנד, וואָלט ער געווען אַ „בעסערער״ מענש, נאָך איר מיינונג.

***

דער עראָפּלאַן רוקט זיך אַלץ נענטער צו אַמעריקע, און מיר ווערט אַלץ קעלטער און קעלטער, און איך בענק נאָך דער וואַרעמקייט פון די מענשען אויף יענער קאַלטער שיף, וואָס איז געפאָרען קיין ישראל.

ג ל אַ ט אַ ז ו י

הומאָרעסקעס

די היינטיגע גרינע

אויב איר ווילט הערען אַ קלוג וואָרט, אָדער קריגען אַ גוטע עצה, ווענדעט זיך צו די נייע, היינטיגע גרינע. ביי די געלע, די אַמאָליגע גרינע, פרעגט גאָר ניט. טשעפעט זיי ניט. זיי האָבען ניט קיין שכל. זיי האָבען קיינמאָל גאָרניט געוואוסט, און וועלען קיינמאָל ניט וויסען. זיי לעבען און דענקען אַזוי ווי זיי האָבען געלעבט אין כעלעם, בוטשאַטש, פינטשעוו און אין די אַנדערע אַמאָליגע שטעט און שטעטלעך. גאַנץ אַנדערש איז אַ היינטיגער גרינער. עס איז אַ פאַרגעניגען צו רעדען מיט אים. ער ווייסט, ער קען, און איר קענט פון אים אַ סך לערנען.

אָט נעמט למשל, מיך. איך בין דאָ ווייניגער ווי אַ יאָר אין לאַנד. איך קען ניו יאָרק און ברוקלין ווי מיינע פינף פינגער. אויב איר ווילט ערגעץ פאָרען, ערגעץ פאַרברענגען, פרעגט מיך, און איך וועל אייך געבען אַלע אינפאָרמאַציעס.

ווען איך בין אָנגעקומען אין ניו יאָרק, בין איך פאַרפאָרען צו מיינעם אַ לאַנדסמאַן. ער האָט מיך אַרונטערגענומען פון דער שיף, אָבער ער האָט ניט געוואוסט ווי צו פאָרען אַהיים. ער האָט געמוזט פרעגען אַ פּאָליסמאַן וואו ס'איז די אַכטע עוועניו סאָבוועי. האָט ער גערעדט צום פּאָליסמאַן אַן ענגליש — איז דאָס געווען אַ שאַנדע פאַר אַמעריקע. ער האָט געוואָלט פאַר מיר באַווייזען, אַז ער איז ניט קיין גרינער און רעדט ענגליש. האָט ער גערעדט אַ סך, און פול מיט גרייזען, און מיט אַ כעלמער אַקצענט, זיך געשאָקעלט און געמאַכט מיט די הענט. דער פּאָליסמאַן האָט ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט וואָס ער רעדט. איך האָב געוואָלט פאַר אים רעדען צום פּאָליסמאַן, אָבער איך האָב אים ניט געוואָלט פאַרשעמען. ער איז שוין דרייסיג יאָר אין לאַנד און איך קום ערשט פון שיף — זאָל איך רעדען בעסער ענגליש פון אים? עס וואָלט געווען ניט טאַקטיש.

נאָכדעם ווי איך בין איבערגעשלאָפֿען אין ניו יאָרק אַ נאַכט, האָב איך זיך געקויפֿט אַ מאַפּע און שטודירט די לאַנדקאַרטע פֿון ניו יאָרק: אַלע סאָבוועיס, טונעלען און בריקען. איך האָב זיך געקויפֿט אַן ענגלישען מעגעזין, וואו איך האָב אויסגעפֿונען וועגען אַלע ענטערטעינמענט־פּלעצער, מואוויס, רעסטאָראַנס, נאַיט־קלאַבס. ווען איך האָב וועגען דעם גערעדט צו מיין לאַנדסמאַן האָט ער געעפֿענט מויל און אויערען. ער האָט קיינמאָל די אַלע נעמען ניט געהערט.

נאָכדעם ווי איך בין געווען צוויי טעג אין לאַנד בין איך אַרומגעפֿאָרען אין ניו יאָרק אין אַלע פֿאַרשידענע סאָבוועיס: „אַי־אַר־טי", „בי־עם־טי" און „אינדעפּענדענט". איך האָב געוואוסט ווי צו פֿאָרען אויף אַלע סאָבוועיס פֿאַר דער זעלבער פֿעיר. איך האָב זיך אויך באַקענט מיט די לאָקאַלע באַסעס. איך האָב דאַן מיין לאַנדסמאַן געגעבען אַן עצה ווי צו פֿאָרן אין זיין שאָפּ אַריין אויף אַ קורצען וועג און שפּאָרען צייט.

נאָכדעם ווי איך בין געווען דריי טעג אין לאַנד, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט זוכען פֿאַר זיך אַ דזשאָב און געפֿונען. איך האָב אַ וואָך צייט געאַרבייט יעדען טאָג אויף אַן אַנדער פּלאַץ, כדי צו זען וועלכע אַרבייט ס'איז מער פּאַסענד פֿאַר מיר. ענדליך האָב איך אָנגענומען אַ דזשאָב אַלס סעילסמאַן, און די שטעלע האַלט איך ביז איצט. דער באָס האַלט פֿון מיר. ער קריגט פֿון מיר עצות ווי צו באַהאַנדלען קאַסטימער. איך געפֿעל אים אַזוי שטאַרק, אַז ער פּלאַנט מיך צו מאַכען פֿאַר אַ שותף צו זיין געשעפֿט.

נאָכדעם ווי איך בין געווען אין לאַנד דריי חדשים, האָב איך זיך באַגעגענט מיט מיינעם אַ יוגענט־חבר. יענער האָט אויסגעזען געגען מיר ווי אַ שנאָרער. ער האָט אָבער געוואָלט זיין גאַסט־פֿריינדליך, מיך גוט אויפֿנעמען, האָט ער מיך גענומען אין אַן אויטאָמאַט צו עסען לאַנטש. ער האָט געמיינט, אַז עס וועט זיין ביי מיר אַ גרויסע מציאה צו עסען אין אַזאַ פּלאַץ. איך האָב אים דערפֿאַר דעם צווייטען טאָג גענומען אין לינדי'ס רעסטאָראַן צו עסען סאַפּער, און אים דאָרט געצייגט אַלע בראָדוועיער אַקטיאָרען און מואווי־סטאַרס.

נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען זעקס חדשים אין לאַנד, האָב איך ענדליך אויסגעפֿונען מיינעם אַן אָנקעל, וועלכער איז שוין פֿערציג יאָר אין אַמעריקע. יענער אָנקעל איז מיין מאַמע'ס אַ ברודער. מיין מאַמע פֿלעגט וועגען אים רעדען אַלס איר ליבסטען ברודער. זי האָט געהאַלטען, אַז ער איז אַ גוטע, טייערע נשמה. ער קען יענעם אַוועק־

געבען דאָס העמד. מען האָט וועגען אים געזאָגט, אַז ער איז אַ מיליאָנער, וואוינט אין אַ פּאַלאַץ, און צו אים אַריינצוקומען איז זייער שווער. עס שטייען ביי דער טיר פון זיין וואוינונג צוויי שוואַרצע באַדינער, און מען מוז זיך לעגיטימירען איידער מען גייט אַריין. די באַדינער זוכען אין די קעשענעס, צי מען טראָגט ניט קיין רעוואָלווער, און שטעלען פאַר־שידענע פראַגען ביז זיי לאָזען דורך.

אַזוי שנעל ווי איך בין געקומען אין אַמעריקע האָב איך אַנאָנסירט אין די צייטונגען, אַז איך זוך דעם דאָזיגען אָנקעל, דעם מיליאָנער. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגערופען. איך האָב שטענדיג גע׳חלומט וועגען דעם גוטען רייכען אָנקעל, וועלכער וועט מיך אויפנעמען ווי מען נעמט אויף דעם זון פון זיין שוועסטער; ער האָט געהאַט בלויז איין שוועס־טער.

נאָכדעם ווי איך האָב אַדווערטייזט זעקס חדשים נאָכאַנאַנד און שוין געהאַט אויפגעגעבען די האָפנונג אים צו געפינען, האָט מען אָנ־געקלאַפּט אין מיין טיר, און אַ בלאַסער מאַן, מיט אָפּגעטראָגענע מלבושים, איז אַריינגעקומען. ער האָט מיך געפרעגט צי איך בין יונה,ביילע לאה׳ס זון. ווען איך האָב אים געזאָגט יאָ, האָט ער זיך געכאַפּט קושען און געזאָגט, אַז ער איז מיין אָנקעל סעם.

אין אָנפאַנג איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איז דאָס מעגליך, אַז ער איז דאָס דער מיליאָנער ביי וועמעס טויער עס שטייען צוויי שוואַרצע באַדינער? אָבער נאָכדעם ווי ער האָט גערעדט צו מיר און ערקלערט, אַז ער איז אַ גרויסער שלומיאל, אַז וואָס לענגער ער איז אין אַמעריקע גייט אים אַלץ ערגער, אַז ער האָט זיך צו גאָרניט גע־קענט צושלאָגען, אַז אַמעריקע געפעלט אים ניט, האָב איך אויף אים געקראָגען רחמנות — ס׳איז דאָך פאָרט מיין מאַמע׳ס אַ ברודער — און איך האָב אים ערקלערט, אַז איך בין גרייט אים צו העלפען מיט ראַט און טאַט.

צוערשט האָב איך אים געקויפט אַ סוט מיט שיך, ס׳זאָל אים ניט אַריינרינען. איך האָב אים געגעבען מיינעם אַ נעקטאַי. איך האָב אים אויסגעפוצט, געליען אַ פּאָר דאָלער, ער זאָל זיך פילען גוט, און דאַן בין איך געגאַנגען מיט אים און אים געקראָגען אַ דזשאַב.

מיין אָנקעל איז דאַן געוואָרען אַן אַנדער מענש. ער האָט אָנגעהויבען שמייכלען. ער האָט אויפגעלעבט און אויפגעהערט רעדען געגען אַמע־ריקע.

איך האָב אים דאַן גענומען אין ראַדיאָ סיטי צו זען אַ גוטע מואווי.

איך האָב אים אַרויסגעפירט אויף דער עמפּאַיר סטעיט בילדינג און ער האָט אַרונטערגעקוקט אויף ניו יאָרק פון אויבען אַראָפּ, און ס׳איז אים שטאַרק געפעלען געוואָרען.

איך האָב אים אַריינגעפירט אין מעיסי׳ס דעפּאַרטמענט סטאָר. ער האָט באַוואונדערט ווי מען קען אין אַ סטאָר קויפען אַלעס וואָס די וועלט פּראָדוצירט; ער האָט זיך אַזוינס ניט פאָרגעשטעלט.

אַ שטאַרקען איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט טשאַינאַטאַון. ווען איך האָב מיט אים אַרומגעשפּאַצירט אין טשאַינאַטאַון האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז אין ניו יאָרק איז דאָ אַ פּלאַץ, וואו מען רעדט בלויז כינעזיש. ער האָט ניט געוואוסט, אַז אין ניו יאָרק זיינען דאָ כינעזער.

אים איז שטאַרק געפעלען געוואָרען דער קאָני־איילענדער „באָרד־וואָק״ אין ווינטער. ער איז דאָרט אימער געוועזן בלויז זומער, ווען עס איז ענג און דושנע, און עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ וואו זיך אַוועקצוזעצען. אָבער אין ווינטער איז ער קיינמאָל דאָרט ניט געווען. און דערפאַר, ווען ער האָט זיך מיט מיר דאָרט אַוועקגעזעצט אין אַ שיינעם זוניגען טאָג אויף אַ באַנק און געקוקט אויפ׳ן ים אומגעשטערט, איז ער גע־וואָרען פול מיט התפעלות.

— ווי שיין עס איז דער ים אין ווינטער! — האָט ער געזאָגט. ווי שיין און באַקוועם עס איז דער באָרדוואָק! אַמעריקע, דו ביזט שיין!

איך האָב אים איינמאָל אַריינגעפירט אין דער יו־ען. עס איז דע־מאָלט געווען אַ זיצונג פון דער דזשענעראַל אַסעמבלי און ער האָט געהערט ווי מען האָט געהאַלטען רעדעס וועגען דער מלחמה אין קאָרעא און דער איצטיגער געשפּאַנטער לאַגע. איך האָב אים אָנגעוויזען, אַז דאָס איז סענאַטאָר אָסטין, דער פאַרטרעטער פון אַמעריקע; אַז דאָס איז ווישינסקי, רוסלאַנד׳ס אויסלאַנדס־מיניסטער; אַז אָט איז דזשעב, דער פאַרטרעטער פון ענגלאַנד; אָט איז דער פאַרטרעטער פון בעלגיע, פון פראַנקרייך, פון עגיפּטען, און אָט איז אַמבאַסאַדאָר אבא איבען, דער פאַרטרעטער פון ישראל.

— און אָט דאָס אַלעס זעט מען אין ניו יאָרק! — האָט מיין אָנקעל אויסגערופען. — מערקווירדיג! און איך האָב דאָס ניט געוואוסט!

— וואָס איז דען דאָ ניטאָ! — האָב איך אים ערקלערט. — דאָ זיינען דאָך פאַראַן די בעסטע טעאַטערס, די בעסטע קאָנצערטען און נאַיט־קלאָבס, און וואָס ניט? איך וועל דיך אומעטום מיטנעמען.

מײַן אָנקעל איז זייער באַגייסטערט פון מיר. ער זאָגט, אַז אַ דאַנק מיר איז ער אינגער געוואָרן. איך האָב אין אים אויפגעוועקט די לוסט צום לעבן. ער איז דורך מיר געוואָר געוואָרן, אַז אַמעריקע איז אַ וואונדערבאַר לאַנד.

איך לערען מיט אים איצט ענגליש. ער לערענט פלייסיג. אַמע־ריקע וועט נאָך פון אים האָבען אַ סך נחת.

אַ נאַרישע כפּרה

אַ פּאָר וואָכען פאַר יום כיפּור האָט מען שוין אין אונזער הויז געהאָדעוועט די הינער, וואָס מיין מאַמע האָט איינגעקויפט אויף צו שלאָגען כפּרות. איינע, אַ פעטע הון, איז געווען באַשטימט אַלס כפּרה פאַר מיין מאַמען. אַ גרויסער האָן, וואָס האָט געקרייט מיט גרויס גדלות, איז געווען באַשטימט אַלס כפּרה פאַר מיין טאַטען. אַ קליינער ווייסער האָן, וועלכער האָט נאָך ניט געקענט קרייען, איז געווען באַשטימט אַלס כפּרה פאַר מיר.

איך האָב זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט מיט מיין כפּרה. איך האָב אים אַליין געהאָדעוועט. איך האָב הנאה געהאַט צו קוקען ווי ער וויל נאָכמאַכען דעם גרויסען האָן, זיך אַ שטעל־טאָן אויף די פּיסלעך און געבען אַ קריי ווי אַ גרויסער, און קען ניט. איך פלעג זיך שפּילען מיט אים. ער פלעגט אויף מיר קוקען נאַאיוו און ליבליך, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען צו מיר: „איך בין גרייט צו שטאַרבען פאַר דיינע זינד״. איך בין געווען זיינער אַ גוטער פריינט. וואָס נענטער ס׳איז געקומען צו יום כיפּור אַלץ מער האָב איך זיך געזאָרגט פאַר אים. פאַרוואָס, האָב איך געקלערט, דאַרף ער זיין אַ כפּרה פאַר מיינע זינד? וואָס איז ער שולדיג?

קוקענדיג אויף מיין כפּרה פלעג איך זיך אָפּגעבען אַ חשבון וועגען מיינע זינד פון אַ גאַנץ יאָר. פאַר מיינע זינד פון פאַראַיאָרען האָט מען געקוילעט אַן אַנדערען האָן. מיט אַ יאָר צוריק האָב איך ניט געהאַט קיין סך זינד. כמעט גאָרניט. אַ חוץ וואָס איך האָב איינמאָל ניט געוואָלט פאָלגען דער מאַמע׳ן, ווען זי האָט געוואָלט איך זאָל אויפעסען אַלעס וואָס איז געווען אויפ׳ן טעלער. היינטיגס יאָר ווייס איך, אַז איך האָב אַ סך זינד. איך האָב איינמאָל געגעסען ניט־געדאַוונט. מיין מאַמע

האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב שוין געדאַוונט, האָב איך געזאָגט יאָ, ווייל איך האָב זיך געפוילט צו דאַוונען. זי האָט מיר דאַן געגעבען עסען און איך האָב געטאָן צוויי גרויסע עבירות: אי איך האָב געגעסען ניט־געדאַוונט, אי איך האָב אָפּגענאַרט מיין מאַמען. איך האָב אויך אָפּ־גענאַרט מיין מאַמען, ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז מיין בויך טוט מיר וויי. זי האָט מיר צוגעלייגט וואַרימע קאָמפּרעסען און גאַרשיצע. מיר האָט דערנאָך געברענט דער בויך פון דער גאַרשיצע. איך האָב דאָס געטאָן כדי ניט צו גיין אין חדר. אַ האָב איך פיינט געהאַט דעם חדר צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן און מיט דער רבי׳צין! דריי טעג האָב איך זיך געלאָזט אויסשמירען מיט גאַרשיצע, כדי ניט צו גיין אין חדר. דער טאָג, אין וועלכען איך בין ניט געגאַנגען אין חדר, איז ביי מיר געווען אַן אמת׳ער יום־טוב. אָבער עס איז זיכער געווען אַ גרויסע זינד צו מאַכען פאַר זיך יום־טוב אין אַ וואָכען־טאָג.

איך פלעג יעדען שבת ביים דאַוונען אויסלאָזען שטיקער פון דאַוונען, און דעמאָלט געקלערט וועגען פוסטע זאַכען, ווי שפּילען זיך אין פערדלעך. אַז איך האָב געהאַט אַ פריי שטיקעל צייט, פלעג איך אַ כאַפּ־טאָן דעם עק פון רעקעל פון מיין חבר הירשעלע, דעם בירגער־מייסטער׳ס אַ זונדעל, אַ געשריי־טאָן „וויאָ!" און ער איז מיט מיר גע־פלויגען איבער׳ן שטאָט. איך פלעג דערפון גרויס הנאה האָבען. אָבער מיין טאַטע האָט מיר פאַרבאָטען צו שפּילען אין פערדלעך. „דו ביזט שוין אַ חתן־בחור און דו שפּילסט זיך אין פערדלעך", האָט ער מיר געזאָגט. איך בין דעמאָלט אַלט געווען צען יאָר און ער האָט שוין פאַר מיר געזוכט אַ כלה. איך האָב בעסער געוואָלט זיך שפּילען אין פערדלעך ווי ווערען אַ חתן. אָבער איך האָב געפילט, אַז איך בין שטאַרק זינדיג. און פאַר די אַלע זינד דאַרף זיין אַ כפרה אָט דער ליבער, אומשולדיגער, קליינער ווייסער האָן.

פאַרוואָס?

עס איז געקומען דער אָוונט פון פאַר ערב יום כיפור. אַלע — מיין טאַטע, מיין מאַמע, מיינע עלטערע ברידער — האָבען אָפּגעזאָגט דעם „זה חליפתי" און אַ וואַרף־געטאָן די געבונדענע הינער אינטער׳ן טיש. איך האָב געזאָגט טרויעריג דעם „בני אדם" און געקוקט אויף מיין קליינעם האָן מיט גרויס מיטלייד. ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם „בני אדם" און עס האָט אויסגעזען, אַז ער פאַרשטייט וואָס דאָ האַנ־דעלט זיך. ער האָט אַ קוק־געטאָן אויף מיר, ווי ער זאָל זאָגען: „מיר

וועט זיין שווער זיך צו שיידען פון דיר. איך האָב אים, אַ געבונדענעם, מיט גרויס צערטלעכקייט, אַוועקגעלייגט אונטער׳ן טיש.

איך האָב ניט געקענט איינשלאָפען. מיין פריינד, דער קליינער האָן, ליגט אַ געבונדענער. מאָרגען פרי וועט די מאַמע אים אַוועקטראָגען צום שוחט, און פאַרנאַכט וועט מיר מיין מאַמע געבען אַ שטיקעל פון דעם האָן צו פאַרפאַסטען.

— נאַ, עס פון דיין כפרה — וועט זי מיר זאָגען.

מיך האָט אָנגעכאַפּט אַ געפּיל פון גרויס ווייטאָג און פאַרדרוס. עס איז געווען פינסטער. אַלע זיינען געשמאַק געשלאָפען. איך האָב זיך געוואָרפען אויפ׳ן געלעגער. איך האָב ניט געקענט איינשלאָפען. פאַר מיינע אויגען איז געשטאַנען דער שוחט, אַ איד מיט אַ רויטער באָרד, מיט אַ גרויסען חלף און ער מאַכט כיק צו דעם קליינעם האָן, וועלכער פאַרוואָרפט דאָס קעפעל און איז טויט. און דערנאָך וועל איך אים עסען — בררר!

איך בין שטיל אַרונטער פון בעט, אויפגעבונדען דעם קליינעם האָן, מיין כפרה, געעפענט די טיר און אים אַרויסגעלאָזען.

ער האָט אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ געראַטעוועטער פון אַ תליה, און איז אַוועק.

— גיי געזונטערהייט, מיין ליבער האָן — האָב איך אים געזאָגט. — בלייב לעבען, און באַווייז זיך ניט ביז נאָך יום כיפור!

איך בין צוריקגעגאַנגען אין בעט, און בין, מיט אַ לייכטען געמיט איינגעשלאָפען.

גאַנץ פרי בין איך אויפגעשטאַנען. איך האָב געדאַרפט גיין אין חדר.

איך זע: מיין מאַמע ציילט איבער די הינער און מאַכט אַ געוואַלד.

— געוואַלד, ס׳פעלט אַ האָן! — זאָגט זי.

זי קוקט זיי איבער. זי קען זיי אַלע.

— דיין כפרה פעלט — זאָגט זי צו מיר. — וואָס טוט מען? גיי אים זוכען.

איך האָב געעפענט די טיר, כלומר׳שט צו גיין זוכען דעם האָן, און מיין האָן איז אַריינגעקומען. מיין מאַמע האָט אים אַ כאַפּ־געטאָן מיט שמחה.

די נאַרישע כפרה איז אַליין אַריינגעקומען צו גיין צו דער שחיטה.

מען שטעלט אונז פאַר

אין אַ האָטעל, אין לעיקוואוד, שטעלט מען מיך פאָר פאַר אַן אַל־רייטניק.

מען זאָגט אים וועגען מיר, אַז איך בין אַ שרייבער, און מען זאָגט מיר וועגען אים, אַז ער איז זייער רייך.

דאָס איז מר. עפּעלמאַן — זאָגט מען מיר.

ער זעט אַז איך בין ניט איבערראַשט פון הערען זיין נאָמען, זאָגט ער צו מיר: — און איר האָט גאָרניט געהערט פון מיר?

— ניין — זאָג איך — איך קען זיך ניט מיט קיין רייכע. איך קען זיך בלויז מיט שרייבער.

— אָ, איר קענט זיך בלויז מיט אָרימע לייט — זאָגט ער — וועל איך אייך זאָגען ווער איך בין. איך האָב צוויי ברידער. איינער קען גוט רעכענען, איז ער אין אַמעריקע געוואָרען אַ בוכהאַלטער, רעכענט וואָס אַנדערע פאַרמאָגן. דער צווייטער האָט ליב שווער צו אַרבייטען, איז ער אין אַמעריקע געוואָרען אַן אַרבייטער. איך קען ניט רעכענען און האָב פיינט צו אַרבייטען, בין איך אין אַמעריקע געוואָרען אַ רייכער מאַן, און אַנדערע רעכענען און אַרבייטען פאַר מיר. נו, איצט קענט איר מיך שוין?

— ניין — זאָג איך.

— אויב אַזוי — זאָגט ער — וועל איך אייך עפּעס נאָך דערציילען וועגען מיר. לעצטען ווינטער שטעלט מען מיך פאָר פאַר איינעם און מען זאָגט אים, אַז איך בין רייך. זע איך דאָך, אַז יענער קוקט אויף מיר פון אויבען אַראָפּ. ער האַלט זיך פאַר אַ גרעסערען עושר. פרעג איך אים: „ווי רייך זיינט איר!" זאָגט ער: אָט די אַלע הייזער וואָס איר זעט מיט'ן אויג קען איך זיי אָפּקויפען און עס וועט מיר נאָך

בלייבען אַ היבש ביסעל טויזענטער. זאָג איך אים: — „און איך קען אָפּקויפען אָט די אַלע הייזער, מיט אייך צוזאַמען, און נאָך מיט אַ סמי־טשיק.״

איז ער שוין געוואָרען אין כעס און זאָגט: „לאָמיר זיך וועטען צו פינף טויזענט דאָלאר אויף טשאַריטי, אַז איך בין רייכער פון אייך. זאָג איך: „לאָמיר זיך גלייך וועטען. ווער עס האָט חרטה, זאָל האָבען אַ מכה״. מיר האָבען זיך געהאַלטען אין וועטען; איז צוגעקומען דער האָטעל קיפּער און זאָגט צו יענעם: „וועט זיך ניט, ווייל איר וועט פאַרלירען״. האָט יענער געקראָגען קאַלטע פיס, און זיך ניט געוואָלט וועטען. איצט ווייסט איר שוין ווער איך בין?

— ניין — זאָג איך.

— איר קענט מיך נאָך אַלץ ניט — זאָגט ער — איר קענט בלויז שרייבער וואָס שרייבען ביכער, ווייל איך אייך זאָגען, אַז איך האָס ביכער, ווייל ביכער מאַכען מענשען אומגליקליך. ווער עס לייענט בי־כער איז אַן אָרימאַן. איר וועט אויף קיין פאַל ביי מיר ניט אויספּי־רען, אַז איך זאָל קויפען אַ בוך. אין דעם האָטעל קומען אַ מאָל מענשען פאַרקויפען ביכער. מיך טשעפּען זיי ניט. זיי קענען מיך שוין. איך האָב אַ מאָל איינעם וואָס האָט מיר געוואָלט פאַרקויפען אַ בוך גע־וואָרפען אַ טעלעפאָן־בוך אין קאָפּ אַריין. איך וועל געבען געלט אויף אַלדי שוואַרץ־יאָר, אָבער ניט אויף ביכער.

איצט קענט איר מיך שוין?

— ניין — זאָג איך.

— אויב אַזוי, זאָגט ער, מוז איך אייך דערציילען נאָך אַ מעשה. איינמאָל, קלאַפּט ביי מיר עמיצער אין טיר און עס קומט אַריין צו מיר אַ מאַן מיט אַ לעדערנעם טאַש און זאָגט, אַז ער וויל מיר פאַרקוי־פען אַן אַנטיק. זאָג איך: „לאָזט מיך זען״. ער עפענט אויף זיין טאַש און נעמט אַרויס אַ פּאָר ביכער, דערקלערט, אַז ער איז דער פאַר־פאַרסער פון די ביכער, און ער וויל מיר פאַרקויפען אַ בוך מיט זיין אויטאָגראַפיע.

— גייט שוין אַרויס! — האָב איך אויסגערופען און געעפענט די טיר. אַזאַ חוצפה! מיר צו ברייגגען ביכער אין הויז אַריין!

מיין פרוי האָט מיך אָנגעהויבען בעטען, אַז איך זאָל אים ניט אַרויסוואַרפען, אַז עס איז אַ רחמנות אויף אַ מענשען, כאָטש ער שרייבט ביכער, און מיך געבעטען מיט טרערען אין די אויגען איך זאָל ביי אים קויפען אַ בוך. קורץ, זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז זי האָט מיך

איבערגערעדט. איך האָב אים געגעבן אַ פינפערעל און ביי אים גע־
נומען אַ בוך. איך האָב זיך דאַן געשעמט פאַר זיך אַליין. סטייטש
איך זאָל טאָן אַזאַ זאַך!? ווען דער דיכטער האָט שוין געהאַלטן ביים
אַוועקגיין האָב איך אים געזאָגט: „מיסטער דיכטער, וואַרט אויס איין
מינוט. איך וויל אייך עפּעס ווייזן“. איך האָב געעפענט דאָס פענסטער
און אַרויסגעוואָרפען זיין בוך. ער האָט געזען ווי דאָס בוך פליט פון
צוועלפטען שטאָק, און מיר איז געוואָרען לייכטער אויפ׳ן האַרץ.
— נו, איצט קענט איר מיך שוין?
— יאָ. איצט קען איך אייך שוין, — האָב איך אים געענטפערט.

איך האָב אַן אַפּאַרטמענט
און זוך אַ רום

איך האָב באַקומען אַן אַפּאַרטמענט, אַ שיינעם אַפּאַרטמענט, אַ גרויסען אַפּאַרטמענט, און דאָך דאַרף איך אַ צימער, אַ מעבלירט צימער. איך לויף אַרום זוכען אַ „פוירנישד רום".

ווילט איר דאָך וויסען ווי אַזוי איך האָב היינטיגע צייטען געקראָגען אַן אַפּאַרטמענט? דאָס איז אַ גאַנצע געשיכטע. איך האָב אַ גוטען פריינד, וועלכער איז זייער באַפריינדעט מיט איינעם, וואָס האָט געהאַט אַן אַפּאַרטמענט אין אַ ניי הויז, און איך האָב עס געקראָגען. ווילט איר דאָך וויסען וויפיל עס קאָסט מיך? ס'קאָסט מיך גענוג. הלואי האָב איך איצט דאָס געלט, וואָס ס'קאָסט מיך. דאָרט איז שוין געווען מעבעל, חזיר'שע מעבעל, האָב איך געמוזט באַצאָלען פאַר די מעבעל, וועלכע מיין ווייב האָט באַלד אַרויסגעוואָרפען און געקויפט נייע זאַכען, האָב איך אַ שיינעם אַפּאַרטמענט און בין אַ גרויסער בעל־חוב. ווילט איר דאָך וויסען די נעמען פון אָט־די אַלע פריינט מיינע? איר ווילט אויך באַצאָלען פאַר אַלטע מעבעל, אַבי קריגען אַן אַפּאַרטמענט. איז אַ שאָד אייער מי. מער ווי איין אַפּאַרטמענט איז ניט געווען, און דעם האָב איך, און איר וועט עס ניט קריגען.

בקיצור, איך האָב אַ גרויסען אַפּאַרטמענט פון פיר רומס. איך דאַרף בלויז דריי. אָבער, אַז מ'קריגט היינטיגע צייטען אַן אַפּאַרטמענט, נעמט מען אים ווי ער שטייט און גייט. איז וואָס טוט מען מיט דעם איבעריגען צימער? איז אַזוי ווי אַ בעל־חוב בין איך, איז געבליבען, אַז מיר זאָלען פאַרדינגען דאָס צימער. אָבער די פראַגע איז געווען וועמען פאַרדינגט מען עס?

איך האָב ביי זיך באַשלאָסען, אַז אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט שיינע אויגען און קען גוט מאַכען קאָמפּלימענטען צו ווייבער, וועט ביי מיר אונטער קיינע אומשטענדען דעם צימער ניט קריגען. פאַרוואָס? איך האָב זייער אַ געטריי ווייב. זי האָט מיך זייער ליב. זי קען אָן מיר ניט זיין אַ מינוט, איז אַ שאָד צו פאַרלירען אַזאַ געטרייע פרוי. איך האָב אויסגערעכענט, אַז פונקט ווי זי האָט מיך שטאַרק ליב, קען זי דעם קוואַרטיראַנט מיינעם אויך זייער ליב באַקומען, און אויך אָן אים ניט קענען זיין אַ מינוט. אַז אַ פרוי קען שטאַרק ליבען, דאַרף מען אויף איר אַכטונג געבען.

האָב איך דערפאַר פאָרגעשלאָגען מיין ווייב, אַז זי זאָל פאַרדינגען דאָס צימער צו אַ מיידעל. האָט מיין ווייב געזאָגט, אַז זי וויל ניט קיין מיידעל ביי זיך אין הויז, ווייל אַ מיידעל פאַרנעמט אַ סך פּלאַץ, נוצט אַ סך עלעקטריק צו פּרעסען אירע צוויי און דרייסיג ווייסטלעך. האָב איך איר געראָטען אַריינצונעמען אַ מיטעל־יעריגע אָדער אָן עלטערע פרוי, האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל ניט האָבען קיין פרוי, ווייל אַ פרוי ווערט באַלד אַ שותפ׳טע אין קיך, און צוויי פרויען אין איין קיך צו־קריגען זיך באַלד.

איז איין מאָל געקומען אַן עלטערער מאַן דינגען דאָס צימער, האָט זי אים ניט געוואָלט פאַרדינגען. זי האָט ערקלערט, אַז דער עלטערער מאַן הוסט. ער קען פּלוצלונג קראַנק ווערען, וועט זי אים, אויס רחמנות, דאַרפען באַדינען. זי האָט זייער אַ גוט האַרץ. איז בעסער, אַז זי זאָל אים ניט אַריינגעמען צו זיך.

מיר האָבען ענדליך באַשלאָסען, אַז מיר זאָלען דאָס צימער פאַר־דינגען צו אַ יונגענמאַן, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז איך זאָל אויס־קלייבען דעם יונגענמאַן וואָס וועט וועלען צו מיר זיך אַריינציען. אָן מיין צושטימונג טאָר מען אים דאָס צימער ניט פאַרדינגען.

דער ערשטער, וועלכער איז געקומען דינגען מיין צימער, איז גע־ווען אַ יונגערמאַן מיט ברילען, מיט אַ פאַרטפעל אונטער׳ן אָרעם, האָט גערעדט פאַוואָליע און מיט די אויגען שנעל געשלונגען מיין ווייבעל. איך האָב אים געזאָגט אַ זייער הויכען פּרייז, כדי ער זאָל עס ניט וועלען. אָבער ער האָט זיך ניט געדונגען. ער איז גרייט צו באַצאָלען יעדען פּרייז. האָב איך אים דאַן געזאָגט, אַז מיר טוט לייד, דאָס צימער איז שוין פאַרדונגען.

מיין ווייב האָט מיך אָנגעקוקט ברוגז. „סטייטש", האָט זי געזאָגט, „אַזאַ פיינער יונגערמאַן, זעט־אויס זייער אינטעליגענט און וויל צאָלען

אַ הויכען פּרייז״. איך האָב איר ערקלערט, אַז דאָס וואָס ער רעדט פּאַוואָליע, איז מיר ניט געפעלען. מענשען, וואָס רעדען פּאַוואָליע, ער־קלערען זיך שנעל אין ליבע; און דאָס וואָס ער האָט זיך ניט געדונגען וועגען דעם פּרייז, איז ווידער געווען אַ באַווייז, אַז מיין ווייב געפעלט אים.

איינמאָל, האָט מיין פרוי געבראַכט אירען אַ לאַנדסמאַן, וועלכען זי קען פון דער היים. איך האָב אים צוריקגעוויזען. איך האָב ערקלערט מיין ווייב, אַז אַזוי ווי ער איז אירער אַ לאַנדסמאַן, וועט ער ווערען דער גאַנצער באַלעבאָס ביי מיר אין הויז. ער וועט זיך איינהערען צו אונזערע געשפּרעכען, ער וועט זיך אַריינמישען און האַלטען מיט מיר אָדער מיט איר, וויל איך ניט.

איך האָב אַזוי צוריקגעוויזען איין מאַן נאָכ׳ן צווייטען.

ווען מיין ווייב האָט געזען, אַז דאָס איז אַ מעשה אָן אַן עק, האָט זי, ניט־פרעגענדיג ביי מיר, פאַרדונגען דאָס צימער צו אַ יונגענמאַן, וועלכער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז אַ סעילסמאַן. איך בין ניט געווען צופרידען. אָבער פאַרפאַלען. מיין ווייב האָט שוין ביי אים געהאַט גע־נומען געלט און עס אויסגעגעבען. מיין קוואַרטיראַנט, דער סעילס־מאַן, האָט מיר ערקלערט, אַז ער פאָרט יעדע וואָך אַוועק אויף אַ פּאָר טעג און איז אין דער היים בלויז די טעג פון ענדע וואָך.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז טאַקע דער סעילסמאַן אַוועקגעפאָרען, מיטגענומען מיט זיך מיינס אַ זייגערעל און מיין ווייב׳ס אַ רינגעל. מיר האָבען דערפון געדרונגען, אַז דער סעילסמאַן וועט שוין מער ניט צו־ריקקומען און דאָס צימער וועט ווידער בלייבען ליידיג.

מיין ווייב האָט, צוליב איר דורכפאַל מיט׳ן סעילסמאַן, באַשלאָסען, אַז מער מישט זי זיך ניט וועגען פאַרדינגען דאָס צימער. זי לאָזט עס איבער צו מיר, איך קען דאָס פאַרדינגען צו וועמען איך וויל — אַ מאַן, אַ פרוי, אַ מיידעל — אַבי פאַרדינגען.

איז מיר איינגעפאַלען: צו וואָס פאַרדינגען דאָס צימער צו אַ פרעמדען מענשען? איך האָב אַ געליבטע, אַ שיין ווייבעל, אַן אַלמנה, פּעני, הייסט זי. זי וואוינט וויים. אַז איך דאַרף צו איר פאָרען, מוז איך פאַר מיין ווייב אויסטראַכטען עפּעס אַ תירוץ, אַז איך פאַר צוליב געשעפט. איך האָב שוין ניט אַזוי פיל תירוצים. פאַרוואָס ניט פאַר־דינגען דאָס צימער צו פּעני׳ן? וועל איך זי האָבען ביי מיר אין הויז. איך וועל ניט דאַרפען פאָרען וויים, און וועל ניט דאַרפען אויסקלערען

תירוצים פאַר מיין ווייב. אַ געליבטע אין דער היים — וואָס קען זיין בעסער?

געזאָגט און געטאָן. איך בין אַוועק צו פעני׳ן, איר ערקלערט די גאַנצע געשיכטע. זי איז געווען גליקליך. זי וויל זיין, האָט זי געזאָגט, ניט ווייט פון מיר, לעבען מיר. זי האָט מיך זייער ליב.

בקיצור, פעני איז געקומען צו מיר אין הויז דינגען דאָס צימער. זי איז געקומען ניט־פאַרפּוצט, כמעט אָן ליפּסטיק, כדי ניט צו מאַכען קיין איינדרוק, אַז זי איז אַ שיינע. אַזוי האָבען מיר פריער אָפּגעמאַכט. איך האָב איר פאַרדונגען דאָס צימער מיט דער צושטימונג פון מיין פרוי.

פעני האָט ווי געשפּילט טעאַטער ביי מיר אין הויז. זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי קען מיך ניט און אינטערעסירט זיך ניט מיט מיר. אָבער מיין ווייב האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עפּעס איז פעני׳ס גלייכגילטיקייט צו מיר ניט גלאַט. זי האָט מיך געהיט ווי אַ גנב. טאָמער האָב איך געוואָלט אויף פעני׳ן אַ קוק טאָן, האָב איך זיך באַגעגענט מיט מיין ווייב׳ס בליקען.

בקיצור, זינט פעני וואוינט ביי מיר, איז מיין ווייב נאָך ניט אַוועק פון הויז. טאָמער גייט זי ערגעץ, נעמט זי מיט פעני׳ן. איך האָב מיט מיין געליבטער קיין געלעגענהייט ניט צו רעדען אַ וואָרט.

איך האָב באַשלאָסען, אַז פעני זאָל זיך אַרויסציען פון מיר. איך זוך פאַר איר אַ מעבלירטע רום. אַז זי וועט ניט וואוינען ביי מיר, וועל איך קענען קומען צו איר, מיט איר פאַרברענגען ווי אַמאָל. איך בענק נאָך פעני׳ס אַ קוש. ביי מיר אין הויז זיינען מיר ווי געפאַנגענע. אָבער וואו קריגט מען אַ „מעבלירטע־רום" פאַר פעני׳ן?

פריינט, גוטע מענשען, האָט רחמנות אויף אַ פאַרליבטען און אַ פאַרליבטע, קריגט מיר אַ צימער פאַר איר. עס מעג זיין ווייט, עס מעג אַפילו זיין אין אַן אַנדער שטאָט, איך וועל פאָרען צו איר ווי ווייט עס זאָל ניט זיין.

איך האָב אַ גרויסען אַפּאַרטמענט, אָבער איך זוך אַ מעבלירטע רום.

עקס־פרעזידענט מענדעל

מיין נאָמען איז מענדעל קיסלאָוויטש, עקס־פרעזידענט פון דער טשיפּיוּקער לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי.

וואָס איז, משטיינס געזאָגט, אַן עקס־פרעזידענט? אַ פאַרגעסענער מענטש, אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא. אָבער ניט לאַנג צוריק בין איך גע־ווען אַ פרעזידענט, אַ רעגולער פרעזידענט, וועלכער האָט רעגירט מיט אַן אומבאַשרענקטער מאַכט, און געפירט דעם טשער מיט שכל, יושר, גערעכטיגקייט און רחמים.

איך בין שוין געווען איינמאָל אַ פרעזידענט. איך האָב געגעבן דאָס וואָרט בלויז צו די, וועלכע איך האָב געוואוסט פון פריער, אַז זיי רעדן צום פונקט, אַז זיי האַלטן מיט מיר. אויב איינער האָט גע־רעדט זאַכן וואָס זיינען מיר ניט געפעלן, האָב איך ביי אים צו־גענומען דאָס וואָרט אין מיטן רעדן. איך האָב אים געזאָגט: „סיט דאַון"!

אַזאַ פרעזידענט ווי איך בין געווען איז אַ זעלטנהייט. איך בין געווען גוט צו די קראַנקע ברידער. איך האָב געהייסן שנעל אויסצאָלן דעם קראַנקן בענעפיט צו זיי, און געטריבן קאָמיטעס צו גיין באַזוכן די קראַנקע. „איר זיינט ניט קראַנק צו גיין באַזוכן די קראַנקע", האָב איך געזאָגט — „מאָרגן וועט איר אַליין קראַנק ווערן, וועלן אַנדערע אייך ניט וועלן באַזוכן. גייט צו זיי איידער איר ווערט אַליין קראַנק"!

ווען אַ ברודער האָט זיך געמעלדעט אין נויט, בין איך געווען דער ערשטער דערפאַר, אַז מען זאָל אים שטיצן, און ניט געוואָלט געבן דאָס וואָרט קיינעם, וואָס האָט געוואָלט רעדן דאַגעגן.

איך האָב קיינמאָל ניט דערלאָזן צו לאַנגע דעבאַטעס און דערפאַר

דורכגעפירט, אַז די מיטינגען זאָלען זיך שנעל ענדיגען, כדי די ברידער זאָלען האָבען צייט צו שפּילען פּינאָקעל.

מיין מאַכט איז דערפאַר געוואָרען גרויס און פּאָפּולער ביי די מי־טינגען פון דער סאָסייעטי. אָבער אין דער היים האָב איך ביז היינטיגען טאָג גאָרניט וואָס צו זאָגען. אין דער היים איז מיין ווייב פּרעזידענט. זי פירט דעם טשער שטרענג, אָן רחמנות. ניט איך קריג ווען דאָס וואָרט און ניט איך האָב דאָס רעכט איר אונטערצוברעכען, און איר שטעלען אַ פראַגע. אָפּט וויל איך זי גאָר ניט פרעגען. איך דאַנק גאָט, אַז זי טשעפּעט מיך ניט.

ווען איך קום אַהיים פון דער אַרבייט, און עפען בלויז אַ האַלבע טיר, שטעלט זי מיך אָפּ און פאַרקלאָגט זיך פאַר מיר. ווי, למשל, פאַרוואָס האָט מיינע אַ שוועגערין ניט גערעדט פריינדליך צו איר? וויל איך פאַרטיידיגען מיין שוועגערין, אַז זי האָט גאָר ניט געמיינט. זי האָט אַזאַ נאַטירליכען ניט פריינדליכען טאָן, דאָן איז ווי צו מיר. דאָן זאָגט זי, אַז מיין שוועגערין איז געראָטען אין מיר און איך אין איר. אַז מיין גאַנצע פאַמיליע איז ניט פריינדליך. וויל איך איינשטימען מיט איר און זאָגען, אַז מיין שוועגערין איז אַ פּאַסקודסטווע, האָט זי צו מיר טענות פאַרוואָס איך האָב זיך אויסגעקליבען אַזאַ שוועגערין, און פאַרוואָס האָב איך געלאָזען מיין ברודער מיט איר חתונה האָבען. קורץ, זי עפענט אויף מיר אַ פּייער־באַראַזש, און איך בין הילפלאָז. יע־דע אַטאַקע אַזאַ ענדיגט זיך מיט דעם, וואָס זי שיקט מיך אין גראָ־סערי קויפען אויף סאַפּער זאַכען, וואָס זי האָט פאַרגעסען צו קויפען, און זי באַשולדיגט מיך, וואָס זי האָט אַ שוואַכען זכרון, ווייל צוליב דעם וואָס זי האָט אַ שלומיאל פאַר אַ מאַן, איז איר זכרון שוואַך.

אָט אַזוי רעגירט מיין ווייב אין דער היים און איך בין איינער פון אירע גרעסטע אונטערטאַנען. אָבער עס זיינען אויך געווען אין דער היים מאָמענטען ווען זי האָט מיך אַנערקענט אַלס פּרעזידענט. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען איך האָב געהאַט אַ קאָמיטע־מיטינג אין מיין הויז. דעמאָלט האָט מיין ווייב געגעבען טיי מיט צובייס פאַר אַלע מיטגלידער און מיך גערופען מיט'ן טיטעל פּרעזידענט. „זאָל דער פּרעזידענט זיין אַזוי גוט און ניט עסען קיין קעיק, ווייל ער איז אָווערוועיט", האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיג קעיק. אָדער, „נו, וואָס הערט זיך, איר האָט עפּעס אַ גוטען פּרעזידענט?", האָט זי געפרעגט די קאָמיטע־מיטגלידער. האָבען די מעמבערס, ווי געווענליך, געענטפערט העפליך, אַז דער פּרע־זידענט איז דער בעסטער וואָס די סאָסייעטי האָט ווען געהאַט, האָט זי

געזאָגט: „איך שטים איין מיט אייך, ער איז דער בעסטער פּרעזידענט און דער בעסטער מאַן״.

אָט אַזוי שיין און פיין האָט זי גערעדט וועגן מיר אין דער אָנ־וועזנהייט פון אַנדערע. אָבער אַזוי שנעל ווי די קאָמיטע־מיטגלידער זיינען אַוועק האָט זיך איר שטימע אויפגעהויבן צוריק העכער און העכער, און זי האָט מיך ערקלערט פאַר אַ גאַרניט.

„ס'איז אַ שאַנדע צו האָבן אַזאַ מאַן״, האָט זי געזאָגט, „מיר האָט געפלאַמט דאָס פּנים הערנדיג ווי דו רעדסט. דו זאַיקעסט זיך ווען דו רעדסט, דו שאָקעלסט זיך, און מאַכסט מיט די הענט. דו זעסט אויס ווי אַ ווילדער מענש. איך ווייס ניט ווי אַזוי זיי האַלטען אַזוינס פאַר אַ פּרעזידענט. דיינע לאַנדסלייט זיינען גרויסע בהמות. ביי אַנדערע לאַנדסלייט וואָלסטו אפילו ניט געקענט פאַרנעמען קיין אַמט פון זיצען ביי דער טיר״ (אינערוואַך).

אָט אַזוי איז זי מיך מכבד ווען איך בלייב מיט איר אַליין, און דערפאַר האָב איך ליב געהאַט צו האָבן מיטינגען ביי מיר אין הויז, ווייל דעמאָלט בין איך אַ פּרעזידענט אויך ביי מיר אין דער היים.

אָבער איצט בין איך שוין מער ניט קיין פּרעזידענט. איך בין אַן עקס־פּרעזידענט. וואָס איז אַן עקס־פּרעזידענט? מען רעכענט זיך ניט מיט זיינע אַמאָליגע פאַרדינסטען, מיט זיינע ערפאַרונגען. זיצט אויף זיין פּלאַץ אַ גרינער, אַ ניט־ערפאַרענער אויפ'ן טשער, און גיט דאָס וואָרט צו מענשען, וועלכע קענען ניט רעדען און ווילען רעדען, און ווייסען ניט ווען צו ענדיגען, און דער פּרעזידענט איז פאַרצווייפעלט. ער ווייסט נעבאַך ניט וואָס צו טאָן. זאָל ער ביי זיי צונעמען דאָס וואָרט אינמיטען, וועט מען דאָך זאָגען, אַז ער איז אַ דעספּאָט ווי דער פריער־דיגער פּרעזידענט. וויל ער זיין אַ דעמאָקראַט, לאָזט ער זיי רעדען און ער איז אויף גרויסע צרות. דער מיטינג ענדיגט זיך שפּעט און קיין צייט אויף צו שפּילען פּינאָקעל בלייבט ניט, אַלע זיינען אומצופרידען. אָבער קיינער וואָגט ניט צו זאָגען: „אַי, אַמאָליגע צייטען! האָבען מיר אַמאָל געהאַט אַ פּרעזידענט מיט שכל, מיט טאַקט״. קיינער זאָגט דאָס ניט, מען טראַכט עס, אָבער מען שווייגט.

ווילט איר דאָך אָבער וויסען פאַרוואָס איך בין געוואָרען אויס פּרעזידענט. איר מיינט דאָך מסתמא, אַז דאָס פאָלק האָט ניט פאַרטראָגען מיין שטרענגקייט, מיין דעספּאָטיזם, ווי אַ סך האָבען דאָס אַנגערופען. זיי האָבען געוואָלט דעמאָקראַטיע. ניין, קיינער האָט וועגען דעם אפילו ניט געטראַכט. פאַרקערט, אַ גרויסע צאָל איז געווען צופרידען וואָס

איך גיב ניט קיין ווערטער צו מעמבערס, און דער מיטינג פּאַרציט זיך ניט. אָבער עס האָט עפּעס פּאַסירט וואָס דער עולם האָט געשטימט פּאַר אַן אַנדערען אַלס פּרעזידענט און מיך נידערגעשטימט. אָט וואָס עס האָט פּאַסירט:

פינף און דרייסיג יאָר צייט בין איך געווען פּרעזידענט און קיינער האָט ביי די וואַלען ניט געוואַגט צו לויפען געגען מיר. מען האָט פּשוט מורא געהאַט. מען האָט ניט געוואָלט דורכפאַלען.

מיט אַ האַלב יאָר צוריק, ביי די נאָמינעישאָנס, האָט מען נאָמינירט פּאַר פּרעזידענט איינעם אַ פּנחס, דעם איצטיגען פּרעזידענט, אַ נאָבאַדי. ער ווייס גאָר ניט וואָס אַ פּרעזידענט איז, האָט ער אָנגענומען. האָב איך זיך צולאַכט וואָס אַזאַ גאָרניט נעמט אָן געגען מיר. רופט זיך אָן צו מיר ברודער יאַנקעל, דער סעקרעטאַר, אַז ס׳איז זייער גוט וואָס יענער האָט אָנגענומען געגען מיר. יענער וועט דאָך דורכפאַלען מיט אַ קנאַק, וועט מיין פּאָפּולאַריטעט נאָך ווערען גרעסער. איך האָב צו־געגעבען, אַז ער איז גערעכט, אָבער פונדעסטוועגען האָט עס מיך אַביסעל געבאַדערט. די חוצפּה פון אַ מענשען אָנצונעמען פּאַר פּרעזי־דענט געגען מיר! נאָך דעם מיטינג זאָג איך צו ברודער יאַנקעל: „קומט אַהיים צו מיר אויף אַ גלעזעל טיי. איך וויל מיט אייך איבער־רעדען וועגען די קומענדיגע וואַלען”. האָט ער אָנגענומען מיין פּאָר־שלאַג און מיר גייען אַהיים.

מיר קומען צו מיין היים. איך עפען אויף די טיר. לעבען מיר שטייט דער סעקרעטאַר יאַנקעל, טוט מיין ווייב אַ געשריי: „ביזט שוין דאָ, שלומיאל מיינער, אָט האָסטו דעם גאַרבעדזש און טראָג אים שוין אַרונטער!”.

ווען קיינער וואָלט ניט געזען, וואָלט איך גענומען דעם גאַרבעדזש און אַרונטערגעטראָגען און שאַ שטיל. אָבער עס שטייט לעבען מיר מיין סעקרעטאַר יאַנקעל, בין איך דאָך אַ פּרעזידענט און אַ פּרעזידענט וועט קיין גאַרבעדזש ניט טראָגען. האָב איך אַ זאָג געטאָן: „דרך ארץ! אַ פּרעזידענט טראָגט ניט קיין גאַרבעדזש!”, האָט זי געזאָגט: „אַזאַ פּרעזידענט ווי דו דאַרף זיין גליקליך, אַז מען גיט אים צו טראָגען גאַרבעדזש. אַזאַ זאַאיקע! אַזאַ נאָבאַדי!”. האָב איך אַ געשריי געטאָן: „חצופה, פאַרמאַך דעם פּיסק”! האָט זי געהאַלטען אַ טעלער, האָט זי דערלאַנגט אַ וואָרף דעם טעלער און אַ שטיק פון טעלער איז אַריינגע־שפּרונגען אין יאַנקעל׳ס אויג. איך מוז צוגעבען, אַז מיין ווייב האָט יאַנקלען גאָרניט געזען. זי איז קורצזיכטיג.

מיט אַ חודש שפּעטער — עס קומען־פאָר די וואַלן און יאַנקעל קומט אַריין צום מיטינג מיט אַ פאַרבונדען אויג. פרעגט מען אים: „וואָס איז דאָס״? דערציילט ער, ווי ער האָט דאָס געקראָגען דורך אַ טעלער, וואָס מיין ווייב האָט געוואָרפען. פרעגט מען אים: פאַרוואָס? דערציילט ער וואָס מיין ווייב האָט מיר געזאָגט, און וואָס איך האָב איר געזאָגט, ביז ס'איז געפלויגען דער טעלער. די מיינונגען זיינען געווען צעטיילטע. מאַנכע האָבען געהאַלטען מיט מיין ווייב, מאַנכע האָבען גע־האַלטען מיט מיר. איך אַליין האָב געשוויגען. איך האָב געזאָגט, אַז נאָך די עלעקשאָנס וועל איך מאַכען וועגען דעם אַן ערקלערונג. דער־וויל האָט מען גענומען שטימען און איך בין דורכגעפאַלען מיט צוויי שטימען. צוליב דעם טעלער, וואָס מיין ווייב האָט געוואָרפען, האָט מיין געגנער, דער גאָרנישט, געקראָגען אַ מאַיאָריטעט.

איצט בין איך אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא, אַן עקס־פּרעזידענט, אַ בראָך איז צו מיר!

ער איז נישט קיין לייט

ווען איר קוקט מיך אָן, קענט איר מיינען, אַז איך בין אַן עלטע־רער מענש ווי אַלע אַלטע. ניין, איך בין אַנדערש. איך בין ניט קיין לייט. ווען איך בין נאָך גאָר יונג האָט מען אויף מיר געזאָגט, אַז איך וואַקס ניט קיין לייט און זיי האָבען געטראָפען. איך בין ניט קיין לייט.

איך בין שוין איצט אַ איד פון פינף און זעכציג יאָר, דאַרף איך דאָך שוין זיין אַ לייטישער מענש. ניין! איר קענט מיר טרעפען זיצען און זינגען לידער פון ליבע. ווען מיינע פיס וואָלטען ניט געווען געגען מיר, וואָלט איר מיך געזען אויך גיין אַ טענצעל. איך האָב ליב צו טאַנצען. אָבער מיינע פיס האַלטען ניט פון מיר. זיי ווילען מיך אַפילו ניט טראָגען. דוכט זיך, אַז פיס זיינען באַשאַפען געוואָרען אויף צו גיין. מיינע פיס ווילען אָבער ניט טאָן זייער פליכט. זיי האָבען ליב, אַז איך זיץ. טאָמער הויב איך זיך אויף און שטעל זיך אויף די פיס, פּראָ־טעסטירען זיי און גיבען מיר די גרעסטע ווייטאָגען.

זיץ איך, און זינג פון ליבע, און וויל זיך דערמאָנען אָן מיינע אַמאָ־ליגע גוטע צייטען, און קען זיך אַזעלכע צייטען ניט דערמאָנען.

אָט דערמאָן איך זיך אין די חדר יאָרען. איך שטיי ביי אַ פענסטער און קוק אין דרויסען אַרויס. איך האָב שטאַרק ליב געהאַט דעם דרוי־סען. מיין רבי, ווידער, האָט שרעקליך געהאַסט דעם דרויסען. ער האָט געזאָגט, אַז דער דרויסען פירט אַרונטער פון וועג. מען קוקט אַרויס, לערענט מען ניט. ווען ער האָט געזען ווי איך קוק אַרויס אין דרויסען, איז ער צוגעלאָפען צו מיר און געפרעגט:

— וואָס קוקסטו?

— איך קוק ווי די פייגעלעך פליען — האָב איך געענטפערט — איך האָב ליב פייגעלעך.

— דו האָסט ליב פייגעלעך — האָט ער אויסגערופען און מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש — פון דיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין.

אַ חזן איז געקומען אין שטעטעל, בין איך געלאָפען צו אים זיך לערנען זינגען און פאַרבראַכט מיט די משוררים.

מיין טאַטע איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָט ער מיך אויס־געפרעגט:

— דו ביזט געווען ביים חזן?

— איך בין דאָרט געווען — האָב איך געענטפערט.

— וואָס טוסטו דאָרט?

— איך לערען זיך זינגען — האָב איך געענטפערט.

— וואָס ווּעסטו האָבען דערפון, אַז דו וועסט קענען זינגען? — האָט ער געפרעגט.

— איך וויל ווערען אַ משורר — האָט איך געענטפערט.

— וואָס ווּעסטו האָבען דערפון אַז דו וועסט זיין אַ משורר? — האָט ער געפרעגט.

— איך וועל אַרומפאָרען מיט'ן חזן איבער די שטעטלעך און זינ־גען — האָב איך אים ערקלערט.

ער האָט מיר געגעבען צוויי פּעטש און אויסגעשריען:

— באַרעכען וואָס דו ווילסט טאָן! אַרומפאָרען עסען שבת ביי אידען ווי אַן אורח! ווילסט ווערען אַ שנאָרער? דאָס איז גוט פאַר אַ יתום וואָס האָט ניט קיין עלטערן. אָבער אַ טאַטענ'ס אַ קינד?! פון דיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין!

ער האָט זיינע ווערטער געענדיגט און מיר דערלאַנגט נאָך אַ פּאַטש.

אַ קונצען־מאַכען איז געקומען אין שטעטעל, בין איך אים נאָכ־געגאַנגען, אים געהאָלפען פאַרבינדען שטריק, אויפשטעלען אַ געצעלט פון לייווענט. דערפאַר האָט ער מיך אַריינגעלאָזען אומזיסט אינעווייניג צו זען ווי ער מאַכט די קונצען.

דער קונצען־מאַכער איז געוואָרען מיט מיר באַפריינדעט און מיך געלערענט מאַכען אַ פּאָר קונצען.

מען האָט מיין טאַטען דערציילט, אַז מען האָט מיך געזען גיין אין גאַס צוזאַמען מיט'ן קונצען־מאַכער, רעדענדיג מיט אים ווי מיט אַן אייגענעם מענשען.

דער טאַטע מיינער האָט מיך גענומען אויף אַ שטרענגען קרייץ־פאַרהער און מיך געפרעגט:

— ווי קומסטו צום קונצען־מאַכער?

— איך בין מיט אים באַפריינדעט — האָב איך אים ערקלערט.
— וואָס האָט ער מיט דיר צו רעדען? וועגען וואָס רעדט איר? — האָט ער געפרעגט.
— ער רעדט צו מיר וועגען די קונצען — האָב איך געזאָגט. — ער לערענט מיך ווי צו מאַכען קונצען. איך קען שוין שלינגען פייער.
מיין טאַטע האָט אַ ווײַלע געשוויגען. ער האָט מיך בלויז באַטראַכט. איך האָב ערוואַרט עטליכע פעטש, אָבער ער האָט דאָס מאָל מיך ניט געפּאַטשט.
אָבער יעדעס מאָל ווען מיר זיינען געזעסען ביים טיש האָט ער אַ זאָג געטאָן: — היט זיך פאַר דעם יונג, ער וואַקסט ניט קיין לייט, ער וואַקסט אַ קונצען־מאַכער, ער קען שוין שלינגען פייער.
מיין טאַטע האָט מיך זייט דאַן מער ניט געשלאָגען, נאָר פאַראַכטעט. ווען ער וואָלט מיך געשלאָגען, וואָלט מיר געווען לייכטער.
ווען איך בין אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקע האָט ער מיך געגעבען אַ שפּיץ פינגער און געזאָגט: „פאַר געזונטערהייט. ביזט ניט קיין לייט, אָבער אין אַמעריקע, זאָגט מען, ווערט פון ניט־לייט אַ לייט. טאָ ווער אַ לייט"!
איך בין אין אַמעריקע אויך קיין לייט ניט געוואָרען. ביי וואָס איך האָב געאַרבייט האָב איך זיך אַרויסגעצייגט אַלס ניט־פייאיג. מיינע קרובים און לאַנדסלייט האָבען אויף מיר געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין לייט. מיך האָט געצויגען צו זאַכען וואָס ברענגען ניט קיין פּרנסה. מיר האָט געצויגען צו טעאַטער. מיר איז דאָ קיין זאַך ניט געפעלען אַ חוץ טעאַטער. דעם לעצטען סענט האָב איך אַוועקגעגעבען פאַר אַ טיקעט אין טעאַטער. איך פלעג יעדען אַקטיאָר און אַקטריסע באַוואונדערען. אַט דאָס, האָב איך געטראַכט, זיינען וויכטיגע מענשען. איך פלעג זיי נאָכקוקען, נאָכרעדען. איך האָב נאָכגעשפּילט אַלע זייערע ראָלען.
מיין טאַנטע, ביי וועמען איך האָב געוואוינט, האָט געזען ווי איך גיי אַרום איבער׳ן צימער און שפּיל און זינג. האָט זי געזאָגט: „אַי ביזטו ניט קיין לייט! ווי קענסטו מאַכען אַ לעבען, אַז דו האָסט אין זינען אַזעלכע פוסטע זאַכען?" און זי האָט געהאַט רעכט. דער טעאַטער איז מיר אַריין אין די ביינער. איך בין איבערגעלעגען אין טעאַטער. איך האָב זיך געדרייט אַרום די, וועלכע באַדינען די אַקטיאָרען, און זיי באַדינט. אַז אַ סטאַר האָט געשיקט איינעם עפּעס קויפען, בין איך פאַר אים געגאַנגען. איך בין געגאַנגען, געקויפט און געבראַכט

דאָס צו יענעם, און ער האָט עס איבערגעגעבן צום סטאַר. איינמאָל האָב איך געהאַט די זכיה אַליין צו קויפען סיגאַרען פאַר דעם סטאַר. ווען דער סטאַר האָט מיר געזאָגט: „בערל, ברענג מיר צוויי סיגאַרען!" — בין איך געווען אַזוי איבערראַשט פון שמחה, אַז איך האָב ניט דערהערט דעם נאָמען פון די סיגאַרען, און איך האָב אים געבראַכט די ניט־ריכטיגע.

— דו טויגסט צו גאָר ניט. דו ביזט ניט קיין לייט! — האָט דער סטאַר געזאָגט.

איך האָב געפילט ווי אים צו זאָגען: „איר זיינט גערעכט. מיין טאַטע האָט אויך וועגען מיר געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין לייט".

איך האָב זיך אַזוי לאַנג געוואַלגערט אין טעאַטער, ביז מען האָט מיר געגעבן צו שפּילען ראָלען אָן ווערטער, ווי, למשל, אַ וועיטער, וועלכער ברענגט אַריין אַ גלאָז ביר און גייט גלייך אַוועק; אַ בריוו־טרעגער וועלכער ברענגט אַ בריוו און אַנטלויפט, נישט זאָגענדיג אַ וואָרט! אָדער אַ פּאָליסמאַן, וועלכער דרייט זיך אַרום מיט אַ קלאָב. ער פּאַ־כעט מיט'ן קלאָב און זאָגט גאָרניט. איך האָב אָבער געקענט אַלע אַנדערע ראָלען בעסער ווי די, וועלכע האָבען זיי געשפּילט.

איינמאָל, איז אַן אַקטיאָר, וועלכער האָט געשפּילט דעם אינטריגאַנט, פּלוצלינג קראַנק געוואָרען. מען האָט געזוכט עמיצען, וואָס זאָל פאַר־נעמען זיין פּלאַץ. קיינער האָט דאָס ניט געוואָלט אָננעמען. האָב איך זיך אָנגעבאָטען צו שפּילען די ראָלע. מען האָט מיר געגעבן די מעג־ליכקייט און איך האָב זיך אויסגעצייכענט. איך האָב געשפּילט דעם אינטריגאַנט, מיט פייער, מיט אַ סך טעמפּעראַמענט, מיט איבערצייי־גונג. דער עולם האָט געפייפט, געשריען. זיי זיינען אַלע געווען אין כעס אויף מיר. איך האָב געגעבען דעם עולם דעם אמת'ן אינטריגאַנט.

פון דעמאָלט אָן, ווען עס איז געווען אין אַ פּיעסע אַ ראָלע פון אַ שלעכטען, אַ בייזען איד, האָט מען דאָס מיר געגעבען שפּילען.

איך האָב זיך דערפילט שטאַרקער, מוטיגער. ענדליך בין איך עפּעס. איך שפּיל טעאַטער. איך האָב געוואָלט, אַז מיינע קרובים, מיינע לאַנדסלייט זאָלען מיך זען שפּילען. ביי מיר זיינען די לויב־געזאַנגען פון פרעמדע ניט געווען וויכטיג. איך האָב געוואָלט, אַז מיינער אַ קרוב, מיינער אַ לאַנדסמאַן זאָל זאָגען וועגען מיר אַ גוט וואָרט. זיי זאָלען זען, אַז איך בין געוואָרען אַ שטיקעל לייט. אָבער מיינע לאַנדסלייט זיינען ניט געגאַנגען אין טעאַטער. זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט פּינאָקעל, פּאָוקער. זיי האָבען ניט געהאַלטען פון טעאַטער.

איך האָב צוליב דעם אָפּגעקויפט אַ פאָרשטעלונג פון טעאַטער. אַלס בענעפיט פאַר מיר — אַ מין עהרן־אָוונט. איך האָב געבאָרגט געלט צו באַצאָלן פאַר דעם אָוונט, וועלכער האָט זייער ווייניג אַריינגע־בראַכט. איך האָב צושיקט פרייע בילעטען צו מיינע קרובים און לאַנדס־לייט. איך האָב געוואָלט, אַז זיי זאָלען זען, אַז אַמעריקע האָט מיך גע־מאַכט פאַר אַ שטיקעל לייט.

דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט מיט לאַנדסלייט. איך האָב, ווי שטענדיג, געשפּילט אַן אינטריגאַנט. איך האָב פריער געבעטען די אַשערס, זיי זאָלען זיך איינהערען וואָס מיינע קרובים און לאַנדסלייט זאָגען וועגען מיין שפּילען. איך האָב געשפּילט דעם אינטריגאַנט מיט אַ סך טעמפּעראַמענט, נאָך בעסער ווי אַלע מאָל.

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיגט האָבען מיר די אַשערס איבערגעגעבען די באַמערקונגען פון מיינע לאַנדסלייט און קרובים:

— נו, ווי געפעלט דיר, בערעלע?

— בע, מע!

— אַז ער שפּילט שוין טעאַטער, האָט ער זיך אויסגעקליבען צו שפּילען דעם גרעסטען פּאַסקודניאַק אין דער פּיעסע. קיין אַנדערע ראָלע האָט ער זיך ניט געקענט אויסקלייבען.

— ער איז אין דער היים ניט געווען קיין לייט, און איז דאָ ניט קיין לייט.

אַ לעזער גיט מיר אַ קאָמפּלימענט

איך האָב זייער ליב ווען מען מאַכט מיר אַ קאָמפּלימענט, ספּעציעל ווען מען לויבט מיך פאַר מיין שרייבען.

ווען אימיצער וואָלט מיר געזאָגט: „איך האָב אָנגעשריבען זייער אַ גוטען אַרטיקעל", וואָלט איך זיך מחיה געווען. איך וואָלט אַפילו יענעם כלומרשט געזאָגט, אַז איך בין ניט איינשטימיג מיט אים, אַז דער דערמאָנטער אַרטיקעל איז זייער אַ שוואַכער. אָבער איך וואָלט דאָס בלויז געזאָגט; טיף אין מיין האַרצען וואָלט איך אים געלויבט, אים געהאַלטען פאַר אַ גרויסען מבין און פאַר אַ גוטען, ליבען און וואוילען מענש.

איך וואָלט פאַר דעם מענשען, וועלכער לויבט מיך, געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. אָבער ווי קריגט מען אַזאַ מענשען?

ווען איך בין נאָך געווען גאַר יונג, האָט זיך געפונען אַ מיידעל, וועלכע האָט שטאַרק געהאַלטען פון מיין שרייבען. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דערפאַר זיך אין איר שרעקליך פאַרליבט און געוואָלט מיט איר חתונה האָבען. אָבער זי האָט שוין געהאַט אַ חתן, וועלכער איז געווען אַ קאַטער ביי דרעסעס, און זי איז ניט געווען קיין נאַר, כאָטש זי האָט געהאַלטען פון מיין שרייבען. זי האָט בעסער אויסגעקליבען צו זיין דאָס ווייב פון אַ קאַטער איידער פון אַ שרייבער, און איך גלויב ניט, אַז זי האָט חרטה.

אַנדערע, וואָס זאָלען האָבען געלויבט מיין שרייבען, געדענק איך ניט. איך האָב תמיד געהאַט אַ סך פריינט און באַקאַנטע, נאָר צוליב אַנדערע מעלות (איך האָב נאָך אַנדערע מעלות אַ חוץ מיין שרייבען). בלויז איין פריינט מיינער לויבט תמיד מיין שרייבען. דאָס איז מיין אייגענער זון. ער שטודירט פּסיכאָלאָגיע. ווייסט ער ווי שטאַרק איך נויטיג זיך אין קאָמפּלימענטען. גיט ער זיי מיר.

„אײ, טאַטע, שרײַבסטו!" זאָגט ער. „לײען מיר פֿאָר דײַן לעצטע זאַך", בעט ער מיך אָפּט. איך טו אים צוליב. איך לײען און ער קװעלט. „טאַטע", זאָגט ער, „מאַרק טװעין האָט אַזױ ניט געקענט שרײַבן, גלױב מיר". גלױב איך אים, און זײַנע רײד דערקװיקן מיך. אָבער איך װאָלט געװאָלט הערען אַזעלכע לױב־געזאַנגען פֿון פֿרעמדע, ניט בלױז פֿון מײַן אײגענעם זון. אַ חוץ דעם, איז מײַן זון זעלטען אין דער הײם. ער שטודירט װײַט פֿון ניו יאָרק, און איך דאַרף װאַרטען ביז ער װעט אַהײם קומען אױף װאַקאַציע, און װען ער קומט אַפֿילו שױן אַ הײם אױף װאַקאַציע, איז ער ביזי מיט מײדלעך, מיט „דעיטס". איך דאַרף װאַרטען װען ער צוקריגט זיך מיט אַ מײדעל, ער זאָל האָבען צײַט פֿאַר מיר.

מיט יאָרען צוריק, װען מײַן זון איז נאָך געװען אַ קינד און איז נאָך ניט געװען קײן מבין אױפ'ן טאַטענ'ס שרײַבען, איז װאו ער האָט דערטאַפּט מײנעם אַ מאַנוסקריפּט, פֿלעגט ער אים צורײַסען. אין יענער צײַט האָב איך זיך אַרומגעדרײט אױף סעקאָנד עװעניו אַן עלענדער, אַ פֿאַרצװײפֿעלטער. איך האָב שפּאַצירענדיג באַגעגענט פֿרײנט, באַקאַנטע, זײ האָבען מיך געפֿרעגט װאָס איך מאַך, װי איך פֿיל אין געזונט, װאָס ס'מאַכט מײַן װײַב, מײַן קינד. קײן אײנער האָט ניט דערמאָנט אַ װאָרט װעגען מײַן שרײַבען. איך האָב אין יענער צײַט אַ סך געשריבען. און יעדע װאָך פֿאַרעפֿענטליכט אין אַ צײַטונג. איך האָב געהאַלטען אַז דאָס זײַנען זײער גוטע זאַכען, מײסטערװערק. מענשען קװיקען זיך מיט דעם. מענשען װילען זיך באַקענען מיט דעם שרײַבער, װאָס האָט דאָס געשריבען. אָבער אַלע װאָס באַגעגענען מיך רעדען װעגען דעם ניט אַ װאָרט. איז װי קען מײַן שרײַבען זײַן גוט, אַז זײ האָבען אױף קײנעם ניט איבערגעלאָזען קײן אײַנדרוק, אַז קײן אַנדערער, אַ חוץ מיר, דענקט ניט װעגען דעם? איז אפשר בין איך אַ קרענק? איך האָב זיך אײַנגערעדט, אַז איך בין אַ שרײַבער. איך האָב זיך אַרײַנגעריסען אין דער שרײַבער פּראָפֿעסיע דורך פֿאַרשידענע דרײדלעך. איך פֿאַרנעם אַ פּלאַץ פֿון אַן אַנדערען, װעלכער װאָלט אפשר געװען פֿיל ניצלעכער פֿון מיר, װעלכער האָט טאַקע טאַלאַנט. איך טראַכט, אַז דאָס מײדעל, װעלכע האָט מיך אױסגעביטען פֿאַר אַ קאַטער פֿון דרעסעס, איז געװען גערעכט. יענער איז אַ גוטער קאַטער און איך בין אַ שמירער.

אַט מיט אַזעלכע פֿאַרצװײפֿעלטע געדאַנקען האָב איך זיך אַרומ־געדרײט אױף סעקאָנד עװעניו, װען אַ איד האָט מיך פּלוצלונג אָפּגע־שטעלט און געזאָגט: „העלאָ, איך קען אײַך. דאָס זענט איר דער

פיינער, טייערער שרייבער. איך לייען אייך אַלע וואָך. אַי, שרייבט איר! איר זאָלט לאַנג לעבען און זיין געזונט און שטאַרק פאַר אייער שרייבען, פאַר דעם וואָס איר דערקוויקט מיך יעדע וואָך מיט אייערע לוסטיגע זאַכען. ווען איך לייען אייך, בענש איך אייך".

איך האָב געוואָלט נעמען דעם אידען און קושען. אָבער ווי פּאַסט עס פאַר אַ שרייבער צו קושען אַ אידען אין מיטען גאַס? האָב איך זיך קאָנטראָלירט און געזאָגט: „איר זעט אויס צו זיין זייער אַ ליבער איד. איך דאַנק אייך האַרציג פאַר די ליבע, גוטע ווערטער. אָבער איך מוז אייך זאָגען, אַז איר איבערטרייבט. עס טרעפט אַמאָל ווען איך שרייב אָן ניט קיין שלעכטע זאַך. אָבער מייסטענס שרייב איך שוואַכע זאַכען. אַ שרייבער קען ניט שרייבען קיין סך גוטע זאַכען. אַ פּראָפעסיאָ־נעלער שרייבער מוז שרייבען יעדע וואָך. דער רוח הקודש רוט ניט אויף אַ שרייבער יעדע וואָך.

„ניין!", האָט ער אויסגעשריען, „אויף אייך רוט דער רוח הקודש אַלע טאָג. וואָס איר שרייבט איז גוואַלדיג, און דאָס איז ניט בלויז מיין אייגענע מיינונג. מיט וועמען פון מיינע באַקאַנטע איך רעד, איז ער וועגען דעם מיט מיר איינשטימיג. איר זיינט דער גרעסטער שרייבער פון דער היינטיגער צייט, און איר ווייסט דאָס אַליין נישט".

„הערט אויס, ליבער איד", האָב איך אויסגערופען, ניט קענענדיג זיך מער קאָנטראָלירען. „איר מוזט מיט מיר אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן טרינקען אַ קאַווע, און אפשר ווילט איר אַ שנאַפּס? אפשר ווילט איר טרינקען ווין? איך מוז אייך טריטען!"

דער איד האָט ערקלערט, אַז ער האָט ניט קיין צייט. ער איז ניט קיין שרייבער, ער איז אַ ביזנעסמאַן. אָבער אַזוי ווי עס איז אַ גרויסער כבוד צו פאַרברענגען אַ פּאָר מינוט מיט אַזאַ גרויסען שרייבער ווי איך בין, גייט ער מיט מיר אַריין טרינקען קאַווע, אָבער בלויז אויף אַ פּאָר מינוט.

מיר זיינען אַריין אין אַ קאַפע־הויז און דער איד האָט געזאָגט, אַז איך זאָל באַשטעלען וואָס איך וויל אויף זיין חשבון. איך האָב אים ערקלערט, אַז איך האָב אים געלאַדען און עס וואָלט געווען פאַר מיר אַ גרויסע באַליידיגונג ווען ער צאָלט.

דער איד האָט מיר נאָכגעגעבען. ער האָט געטרונקען אַ קאַווע, געגעסען שטרודעל, און איך האָב באַצאָלט. ביים אַרויסגיין האָב איך געקויפט אַ גוטען סיגאַר און אים געצוואונגען עס צונעמען.

ער האָט, פאַררויכערענדיג מיין סיגאַר, מיר געגעבען זיין קאַרד

און געזאָגט: „איך וויל אייך האָבען מיט אייער פאַמיליע ביי מיר אויף מיטאָג נעקסטען זונטאָג. דאָס וועט זיין דער גרעסטער פאַרגעניגען אין מיין לעבען!"

ער האָט מיר געגעבען זיין האַנט צום אָפשייד און געזאָגט:

„גוד באַי, מר. וואָלפסאָן, אייערע לוסטיגע לידער זיינען גוואַלדיג!"

ער איז אַוועק, און איך בין געבליבען שטיין אַ פריטשמעליעטער. מיין וויסטע מזל! האָט מיר שוין אַ לעזער געמאַכט אַ גוטען קאָמפּלימענט, האָט ער מיט דעם געמיינט גאָר אַן אַנדערען שרייבער.

ליבע אין אַ האָספּיטאַל

איך בין אַ מענש וואָס האָב תמיד געהאַלטען פון ליבע, אָבער אַליין האָב איך ניט געוואָסען פון דעם.

ווען איך בין געווען אַ יונגער בחור אין מיין שטעטעל, פלעג איך מיט די בחורים רעדען באַגייסטערט וועגען מיידלעך, נאָר ווען אַ מיידעל האָט מיט מיר געוואָלט רעדען, האָב איך זיך פאַרשעמט און בין אנטלאָפען.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, בין איך געווען אויף גרויסע צרות, איז מיר ליבע ניט געלעגען אין קאָפּ.

מיין ווייב האָב איך געקראָגען דורך אַ שדכן, וועלכער האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַ גוטע בעל־הבית׳טע, קען גוט קאָכען און וועט אויף מיר אויפפּאַסען, און זי איז דאָס.

איך האָב מיט מיין ווייב געלעבט אַ סך יאָרען בשלום, געהאַט קינדער, אָבער אָן ליבע. איך האָב איר קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז איך האָב זי ליב. זי האָט מיר ניט געזאָגט, אַז זי האָט מיך ליב. מיר האָבען גערעדט בלויז וועגען די ליבעס פון אַנדערע, פון דער ליבע פון אונזערע קינדער, און פון אונזערע פריינט.

מיר פלעגען אָבער לייענען אַ סך ראָמאַנען און זיך געקוויקט. מיר האָבען געלייענט די זעלבע ראָמאַנען און גערעדט וועגען די העלדען, מיר האָבעןביידע סימפּאַטיזירט מיט די אומגליקליכע, געווען אין כעס אויף די אינטריגאַנטען, אויף די פאַרפירער. אַ מאָל האָט געטראָפען, אַז מיר זיינען ניט געווען איינשטימיג וועגען דער אויפפירונג פון אַ פאַרפירער. מיין ווייב האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן. איך האָב באַשולדיגט די לאַגע, די אומשטענדען. אַ מאָל איז מיר ניט געפעלען אַ העלדין פון אַ ראָמאַן. איך האָב געזאָגט, אַז זי איז צופיל פלוירט,

אָבער מיין ווייב האָט געהאַלטען מיט איר. אָבער אַזעלכע מחלוקת'ן האָבען געטראָפען זעלטען, און ניט אָנגעהאַלטען לאַנג. אין אַלגעמיין זיינען מירביידע געווען גלייך פאַראינטערעסירט אין שיקזאַל פון די ראָמאַנען־העלדען און זיי געוואונשען אַלדאָס גוטס. מיר זיינען געווען גליקליך מיט דער ליבע פון די פאַרליבטע. אַליין האָבען מיר ניט געפירט קיין ליבעס, מיר האָבען פשוט ניט געהאַט קיין צייט פאַר דעם. איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין אַרבייט, בין אַהיים געקומען אַ מידער, זיך גענומען לייענען אַ ראָמאַן, ביז איך בין איינגעשלאָפען. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט מיין ווייב. זי האָט אָפּגעאַרבייט אין הויז אַ גאַנצען טאָג. זי איז געווען מיד, זיך גענומען לייענען אַ ראָמאַן און איז איינגעשלאָפען.

אַ מאָל פלעגען מיר זיך אַריינכאַפּען אין אַ מואווי און אויך דאָרט סימפּאַטיזירט מיט די צדיקים, און פאַרדאַמט די רשעים, די אינטרי־גאַנטען.

מיר האָבען זיך צוגעוואוינט איינע צו די אַנדערע און געדענקט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין און אַזוי וועט עס אימער זיין. אונזער ליבע ליגט אין די ראָמאַנען פון אַנדערע.

איך בין עלטער געוואָרען, שוואַכער געוואָרען, און עס האָט אויסגעזען, אַז איך וועל שוין שטאַרבען אָן ליבע, ווייל ליבע איז אַן עסק בלויז פאַר יונגע מענשען. אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות.

אַנומעלט קריג איך אַ האַרץ־אַטאַקע (איך האָב אַ שוואַך האַרץ). נעמט מען מיך אין האָספּיטאַל, און גראַד דאָ, אין האָספּיטאַל, האָב איך אָנגעהויבען געניסען פון ליבע. איך בין געוואָרען פאַרליבט, און איך ליב מיט מיין גאַנצען שוואַכען האַרץ.

מען האָט שוין געהערט וועגען ליבעס, וועלכע ענטוויקלען זיך אין קאָונטרי, אויף די בערג, ביים ים, אין אַ פּאַרק. אָבער ווער האָט געהערט וועגען אַ ליבע אין האָספּיטאַל, און נאָכדעם ווי מען האָט געהאַט אַ שווערע האַרץ אַטאַקע? איר האָט קיינמאָל אַזאַ זאַך מסתמא ניט געהערט. דערפאַר דערצייל איך אייך דאָס, און הערט מיט קאָפּ.

מען האָט מיך אַנומעלט געבראַכט אין אַ האָספּיטאַל אַ שווער קראַנקען. מען האָט מיך געהאַלטען עטליכע טעג אין אַן אָקסידזשען־טענק. דערנאָך בין איך געלעגען אַ וואָך צייט אין בעט, זיך ניט גערירט, גערוט. ענדליך האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז איך מעג שוין אַונטערגיין אין דעם לייען־צימער פון האָספּיטאַל אויף אַ שעה־צווי, און דערנאָך זיך צוריקלייגען אין בעט. איך טאָר זיך צופיל ניט אויפרעגען.

איך האָב געפאָלגט דעם באַפעל פון דאָקטאָר, בין אַרונטער פון

בעט און אַריין אין דעם לייען־צימער. איך האָב דאָרט געטראָפען אַ ווייבעל, וועלכע האָט אויך געליטען פון אַ האַרץ־אַטאַקע, איז אויך געווען אונטער אַקסידזשען, און איז אויך ערשט איצט אַרונטער פון בעט. מיר האָבען ביידע גערעדט וועגען אונזערע שוואַכער הערצער. מיר האָבען ביידע סימפּאַטיזירט איינער מיט׳ן צווייטען און אַזוי רעדענדיג האָבען מיר זיך געכאַפּט, אַז מיר האָבען איבערגעטראַטען די באַפעלען פון דאָקטאָר, גערעדט אַ ביסעל צו פיל, און צוריקגעגאַנגען, יעדער אין זיין צימער, יעדער צו זיין בעט.

דעם צווייטען טאָג האָבען מיר זיך ווידער געטראָפען און אָנגעהויבען אויסגעפינען איינער וועגען צווייטען. איך האָב איר דערציילט וועגען מיין ווייב, וואָס איז מיר זייער געטריי, און זי האָט מיר דערציילט וועגען איר מאַן, וואָס איז איר זייער געטריי. ווען ער גיט איר ניט אַזוי פיל נאַך, וואָלט זי מיט איר שוואַך האַרץ לאַנג ניט געקענט לעבען, האָט זי געזאָגט.

דעם דריטען טאָג האָבען מיר ביידע שוין געפילט אַ סך בעסער, און מיר האָבען זיך צערעדט וועגען דעם וואָס מיט אונז האָבען אין לעבען פּאַסירט אַ סך ענליכע זאַכען. איך האָב איר דערציילט, אַז איך האָב חתונה געהאַט דורך אַ שדכן, און זי האָט זיך אויך באַקלאָגט, אַז זי איז שנעל אַ כלה געוואָרען און שנעל חתונה געהאַט, און ניט געוואוסט פון די צרות און פון די פרייד פון ליבע. דאָס זאָגענדיג, האָט זי אָנגערירט מיין האַנט, און אַן עלעקטרישער שטראָם איז מיר אַריבער דעם גאַנצען קערפּער. איך האָב געפילט, אַז זי האָט מיך עלעקטריזירט. איך האָב אַזוי רעדענדיג צוגערוקט מיין האַנט נענטער צו אירער און זי האָט זי ווידער אָנגערירט. איך האָב ניט געוואוסט צי האָט זי דאָס געטאָן אומיסנע, צי דאָס איז געווען אַ צופאַל. זי האָט ליב אָנצורירען הענט ווען זי רעדט. פרעגען אַזאַ זאַך אָבער קען מען ניט. וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס, ווען אַ מענש וואָס איז ערשט געווען אונטער אַקסידזשען פרעגט אַ פרוי וואָס איז אויך געווען אונטער אַקסידזשען, צי זי האָט ליב אָנצורירען אַ מענערשע האַנט?

צום שלוס האָב איך איר געזאָגט, אַז עס איז צייט פאַר דינער און זי געגעבען אַ נעם אָן ביי דער האַנט בלומר׳שט צופעליג. איך האָב געוואָלט די האַנט אַוועקנעמען, אָבער זי האָט זי געהאַלטען און ניט אָפּגעלאָזען.

— איר האָט אַ ווייכע האַנט, — האָט זי געזאָגט — און זי געדריקט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען אונזער ליבע.

דעם פערטען טאָג האָבען מיר זיך אין לייען־צימער געהאַלטען ביי די הענט און זיך געהיט מ׳זאָל אונז ניט זען. וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס צו זען ווי צוויי עלטערע, קראַנקע מענשען האַלטען זיך ביי די הענט? אָבער צי עס האָט יאָ אַ פּנים, צי ניט קיין פּנים, איך בין פאַרליבט, און זי אויך. זי האָט מיר געזאָגט, אַז ווען מיר וועלען אַרויס פון האָספּיטאַל זאָלען מיר זיך טעלעפאָנירען איינער דעם צווייטען און מאַכען אַן אַפּאָינטמענט, מיר האָבען שוין אָפּגעמאַכט ווי אַזוי צו טעלע־פאָנירען איינער צום צווייטען. איך וועל טעלעפאָנירען — ענטפערט זי, רעד איך. ענטפערט אַ מענער שטימע, איר מאַן, הייסט עס, רעד איך ניט. איך הענג אויף דער רעסיווער. און אַזוי וועט זי אויך האַנדלען מיט מיר. ווען מיין ווייב וועט ענטפערען וועט זי אויפהענגען דעם רעסיווער. דער איינפאַל וועגען דעם טעלעפאָן איז אירער. דאָס האָט זי מיר געזאָגט. דאָס מיינט, אַז זי האָט אַ ביסעל ערפאַרונג אין די זאַכען. אָבער וועמען אַרט עס? איך ליב זי און איך בין גרייט אויף די גרעסטע קרבנות. איך בעט גאָט בלויז איין זאַך, אַז אונזערע הערצער, מיינע און אירע, זאָלען ניט אונטערפאַנפען, זאָלען ניט ווערען צו אויפגערעגט פון דער ליבע. אָבער לויט ווי זי זאָגט, איז פאַרקערט, אַז די ליבע וועט אויסהיילען די וואונדען פון אונזערע שוואַכע הערצער. קען זיין, אַז אונזערע הערצער זיינען שוואַך געוואָרען ווייל עס האָט אין זיי ניט געקלאַפּט קיין ליבע, זאָגט זי.

מאָרגען גייען מיר אַרויס פון האָספּיטאַל. אַ טאָג שפּעטער רופען מיר זיך ביידע דורך די טעלעפאָנען און עס זאָל זיין מיט מזל. עס איז מיין ערשטע ליבע און לאַכט ניט פון מיר. איך שפּיל אַ ליבע פונקט אַזוי גוט ווי די יונגע און אפשר נאָך בעסער. דאָס איז צום ערשטען מאָל ווען איך בין באַגייסטערט פאַר אַ ליבע ניט פון אַ ראָמאַן, נאָר פון מיין אייגענעם לעבען. ווינשט מיר גליק!

צוליב רוסלאַנד האָב איך זיך אויסגעלערנט שווימען

איך בין אַ גוטער שווימער. איך שווים ווייט, איך שווים שנעל. פרעגט מען מיך אָפט צי איך האָב זיך געלערנט אין אַ שווים־שולע, צי איך האָב געהאַט אַ שווים־לערער? און איך ענטפער: „ניין". וויל מען וויסן: ווי אַזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט אַזוי גוט שווימען, ערקלער איך, אַז איך האָב זיך אויסגעלערנט שווימען צוליב רוסלאַנד. וויל מען שוין וויסן אַלע איינצעלהייטן, וועל איך דערפאַר איצט דאָ דערציילן די גאַנצע געשיכטע און אַלע, וועלכע ווילן וויסן, וועלן דאַרפן לייענען אָט די מעשה:

אין מיין גאַליציאַנעם געבורטס־שטעטעל געפינט זיך דער טייך זברוטש. אויף דער אַנדערער זייט טייך איז געווען רוסלאַנד. ווען מען איז אַריבערגעשוואומען דעם טייך האָט מען געקענט אָננעמען רוסלאַנד מיט דער האַנט. די גרויסע בחורים, וועלכע האָבן געקענט שווימען, פלעגן אַריבערשווימען דעם טייך, אַ געשריי טאָן צו די דאָרטיגע רוסישע זעלנער „פּאַניע חזיר", און אַנטלויפן צוריק אין וואַסער און שווימען צוריק קיין גאַליציע, צו קירע׳ן, צו עסטרייך. צי די רוסישע זעלנער האָבן דאָרט געהערט דאָס געשריי: „פּאַניע חזיר", ווייס איך ניט. אָבער מיר, אויף דער זייט וואַסער, האָבן דאָס געהערט און שטאַרק הנאה געהאַט.

מיין גרעסטע אַמביציע אַלס קינד איז געווען אויסצולערנען זיך שווימען, אַריבערשווימען דעם טייך און שרייען „פּאַניע חזיר!", ווייל איך און אַלע אידישע קינדער האָבן דעמאָלט געהאַסט פּאַניע׳ן, דעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי! מיר האָבן דעמאָלט געדענקט, אַז ער מוז

זיין דער ערגסטער המן וואָס האָט ווען געלעבט, און מיר האָבן זיך געוואָלט נוקם זיין פאַר די אידען אין רוסלאַנד. מיט יאָרען שפּעטער, אין די צייטען פון היטלער׳ן, וואָלטען מיר ניקאָלאַי׳ען געהאַלטען פאַר אַ צדיק. ער האָט אָבער געלעבט פאַר די היטלער־רציחות און מיר האָבען אים דאַן געהאַלטען פאַר דעם שרעקליכסטען רוצח.

ווי איך האָב דעמאָלט געוואָלט שטיין אויף רוסישער ערד און שרייען „פּאָניע חזיר!״ אָבער ווי אַזוי דערגרייכט מען דאָס? גרויסע בחורים האָבען מיר געזאָגט, אַז אויב איך וויל קענען שווימען, מוז איך זיך יעדען טאָג באָדען אין טייך און איינשטעלען דאָס לעבען, זיך טרינקען, אָננעמען אַ פול מויל מיט וואַסער, ביז איך וועל זיך אויסלערנען שווימען, און דאָס וואַסער וועט פאַר מיר מורא קריגען, און וועט מיך טראָגען אויף זיך.

אָבער ווי אַזוי האָט אַ אידיש קינד די מעגליכקייט זיך צו באָדען אַלע טאָג אין טייך? ווי אַזוי?

מיין טאַטע האָט מיר פאַרבאָטען זיך צו באָדען אַליין, סיידען מיט אים, אָדער מיט׳ן רבי׳ן. דער טאַטע אַליין פלעגט אַרומפאָרען אויף ירידים און ניט געהאַט קיין צייט צו גיין זיך באָדען. און ווען ער האָט שוין אַמאָל יאָ געהאַט צייט, איז דאָס געווען אין די טעג פון ספירה, דריי וואָכען, ניין טעג, תשעה באב, און אין טעג ווען מען טאָר זיך ניט באָדען.

מיין מאַמע פלעגט מיר דערציילען שרעקליכע מעשיות וועגען דעם טייך, אין וועלכע איך האָב געוואָלט זיך באָדען. דער טייך זברוטש, האָט זי געזאָגט, מוז יעדען זומער אויפעסען אַ מענש און ווינטער וואַרפט זי אים אַרויס. מיט דעם האָט זי געוואָלט אַנוואַרפען אויף מיר אַ שרעק, איך זאָל ניט האָבען קיין חשק צו גיין זיך באָדען.

מיין רבי פלעגט זאָגען, אַז באָדען זיך אין טייך איז אַ נאַרישע זאַך. „וואָס״, האָט ער געזאָגט, „קומט אַרויס פון באָדען זיך, אַז נאָכ׳ן באָדען ווערט צוריק הייס?!״ ער האָט אָבער צוגעגעבען, אַז אין תמוז, ווען די היץ איז אומערטרעגלעך, מעג מען זיך יאָ אַ באַד טאָן.

איז גיי וואַרט אויף אַזאַ טאָג, אַז איך וויל זיך באָדען יעדען טאָג!

איינמאָל, אין אַ טאָג, אין תמוז, איז געווען אַזוי הייס, אַז דעם רבינ׳ס יאַרמעלקע האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיין שטערן און מען האָט זי ניט געקענט רירען פון אָרט. זי איז געוואָרען אַ טייל פון שטערן.

„קינדער״, האָט דער רבי אויסגערופען, „קינדער, מיר גייען זיך באָדען!״

די שמחה פון די תלמידים איז שווער צו באַשרייבען. אַלע גמרות זיינען מיטאַמאָל פאַרמאַכט געוואָרען. מען האָט פאַרגעסען צו קושען די גמרות ביים פאַרמאַכען. מיר זיינען געשטאַנען גרייט צו לויפען און זיך וואַרפען אין טייך אַריין.

— ניט געאיילט זיך! — האָט דער רבי פּלוצלונג אויסגערופען, — מען דאַרף וועגען דעם נאָך קריגען די הסכמה פון דער רביצין.

ווען מיר האָבען דערהערט, אַז די רביצין דאַרף נאָך געבען איר צושטימונג, איז אונז געוואָרען ביטער אויפ׳ן האַרצען. מיר האָבען געקענט די רביצין אַלס אַ גרויסען שונא פון באָדען זיך.

— טויבע, טויבעניו! — האָט דער רבי גערופען די רביצין פון אַלקער און איר געזאָגט: — די קינדער ווילען זיך גיין באָדען. ס׳איז היינט זייער אַ הייסער טאָג.

— דו לייגסט אַרויף אויף די קינדער — זאָגט די רביצין, — דו בעל־תאוה׳ניק. דיר אַליין האָט זיך פאַרגלוסט צו באָדען זיך.

— ס׳איז אונז זייער הייס, רביצין — האָט אַפּעלירט איינער פון די תלמידים.

דער רבי האָט געשמייכעלט אין דער באָרד אַריין, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ בקשה, אַז זי זאָל זיין גנעדיג און ערלויבען צו גיין זיך באָדען.

די רביצין האָט אַביסעל נאָכגעקלערט און געזאָגט: — איך גיי אַרויס אין גאַס און איך וועל זען דעם הימעל; אויב ער איז ניט פאַרוואָלקענט, וועט איר קענען גיין.

די רביצין איז אַרויס אין גאַס און מיר האָבען גאָט געבעטען, אַז ער זאָל איר ניט צייגען קיין וואָלקענדעל, אַז ער זאָל ווייך מאַכען איר האַרץ, און זי זאָל זיין גוט און געבען די ערלויבעניש צו אידישע קינדער זיך צו גיין באָדען.

גאָט האָט אונזער תפילה ניט געהערט. ער האָט זיך מסתמא צוגעהערט צו וויכטיגערע זאַכען, און די רביצין איז אַריינגעקומען אַ פאַרוואָלקענטע און געזאָגט: — דער הימעל איז שרעקליך פאַר־כמורעט, עס וועט באַלד גיסען.

מיר האָבען געמוזט צוריק עפענען אונזערע גמרות. אונזער צער איז דאַמאָלט געווען זייער גרויס.

איך האָב דאַסמאָל באַשלאָסען, אַז מער וועל איך ניט וואַרטען ביז דער רבי וועט זיך מיט מיר גיין באָדען. אַליין וועל איך זיך גיין באָדען. יעדען טאָג, ווען מיר גייען אַהיים אויף מיטאָג, וועל איך שנעל אָפּעסען

אין דער היים און לויפֿען צום טייך און זיך אָפּבאָדען. און אַזוי איז דאָס געווען. יעדן טאָג בין איך אַרונטערגעלאָפֿען צום טייך, זיך שנעל אָפּגעבאָדען, געכאַפּט אַ שווים, אַנגענומען אַ פֿול מויל מיט וואַסער, בין אַרויס פֿון טייך און זיך באַשמירט מיט פּאַרעך און בלאָטע, איך זאָל זיך שנעל אויסטריקענען, און מען זאָל ניט דערקענען אַז איך האָב זיך געבאָדען.

איך האָב זיך יעדן טאָג געבאָדען, און אין דער זעלבער צייט בין איך געווען מער אויסגעשמירט ווי אַלע קינדער.

איינמאָל, ווען איך בין געשוואומען און זיך געטרונקען, האָט אַ בעל־עגלה, וועלכער האָט געבאָדען זיינע פֿערד, מיך אַרויסגעשלעפּט פֿון וואַסער, און ער האָט דערפֿון דערציילט מיין טאַטען.

מיין טאַטע איז אַוועק צום רבי'ן און אים געזאָגט: „איך וויל איר זאָלט אויף אים אַכטונג געבן — ער באָדט זיך!"

דער רבי האָט זייט דאַן אויף מיר געהאַלטען אַן אויג. ער האָט מיך אַלע טאָג באַטראַכט. אַזוי ווי איך בין אַלע טאָג געווען גוט אויסגעשמירט פֿון באָדען זיך, איז ער געווען זיכער, אַז איך האָב זיך ניט געבאָדען. איינמאָל, אָבער, ווען עס האָט שטאַרק גערעגענט און איך האָב זיך ניט געקענט באָדען, בין איך ניט געווען אויסגעשמירט, האָט ער אויף מיר אַ קוק־געטאָן, און אַז ער האָט דערזען, אַז איך בין ריין, האָט ער געגעבען אַ געשריי: „דו האָסט זיך געבאָדען, דו גנב!" און ער האָט מיך אַריבערגעלייגט און מיר געגעבען שמיץ.

איך האָב נאָכדעם זיך שוין געבאָדען אויך אין רעגענדיגע טעג. איך האָב מיינס אויסגעפֿירט. איך בין אַריבערגעשווימען דעם טייך זברוטש און געשריען: „פּאַניע חזיר!"

אַ העלד אויף אַ פּאָר מינוט

ווען איך קומט איצט אַריין צו מיר אין הויז, און זעט ווי איך שטיי אין קיך אָנגעטאָן אין אַ פאַרטוך און וואַש טעלער, זאָלט איר וויסען, אַז דאָס איז ניט בלויז היינט. אַלע אָוונט אין דער צייט, נאָך נאַכטמאָל, ווען איר מיך זען אַרבייטען אין קיך, ווייל מיין ווייב איז ניטאָ אין דער היים. אַזוי ווי זי עסט אָפּ לאָזט זי אַלץ איבער אויפ׳ן טיש און לויפט שפּילען אַ פּאָוקער. זי טאָר ניט קומען שפּעט, ווייל אויב זי קומט שפּעט האָט אַן אַנדער פרוי אויסגעכאַפּט איר פּלאַץ. אויב זי פאַרשפּעטיגט זיך, קומט זי צוריק אַ פאַרביטערטע און לאָזט אויס איר ביטער האַרץ צו מיר. זי זאָגט אַז ס׳איז מיין שולד וואָס איך האָב זי ניט אונטערגעאיילט. איז דערפאַר זע איך, אַז זי זאָל ניט פאַרשפּעטיגען.

גאַנץ פרי ווער איר מיך טרעפען אין גראָסערי איינקויפען שפּייז. ווען איך זאָל וואַרטען ביז זי וועט גיין איינקויפען, וועט ניט זיין וואָס צו עסען. זי קומט אַהיים שפּעט ביינאַכט פון אַ פּאָוקער־געים מוז זי שלאָפען שפּעט. אויב זי שטייט אַ מאָל אויף פריער איז זי ניט אויס־געשלאָפען, איז זי אין כעס און באַשולדיגט מיך, אַז צוליב מיר איז זי נערוועז און קען ניט שלאָפען. איך גיב דערפאַר אַכטונג, אַז מען זאָל זי ניט שטערען, אַז זי זאָל זיך גוט אויסשלאָפען.

אָט אַזוי לעב איך בשלום מיט מיין ווייב זייט יאָרען. איך אַרבעט אין אַ פעקטאָרי און זי שפּילט פּאָוקער. איך ראַם אויף אין הויז און זי שלאָפט שפּעט. איך רוף זי מיט די צערטליכסטע נעמען, ווי: „גוטע נשמה״, „קוצעניו״, „מוצעניו״, כדי זי זאָל ניט שרייען אויף מיר. איך קען ניט הערען ווען מען שרייט.

קענט איר דאָך מיינען אַז איך בין אַ שלומיאל, אַ גאָר־ניט, האָב

ניט קיין ברעקעל שטאָלץ, בין אַ משרת ביי מיין ווייב — האָט איר אַ טעות. עס זיינען געווען מאָמענטען אין מיין לעבען ווען איך בין געווען אַ גרויסער העלד, און אָט וועגען יענע העלדישע מאָמענטען וויל איך אייך איצט דערציילען.

דאָס איז געווען אין אַ דאָנערשטאָג. איך קום פון דער אַרבעט. מיין ווייב איז ניטאָ אין שטוב, אַלץ איז אַנגעוואָרפען. די בעטען זיינען ניט געמאַכט. פאַרקאַטשע איך די אַרבעל, מאַך די בעטען, רוים אויף, כדי ווען מיין ווייב וועט קומען זאָל אַלץ זיין אין אָרדנונג; ווייל ווען זי קומט און זעט, אַז אין הויז איז ניט אויפגערוימט, שרייט זי.

ס׳גייט אַוועק אַ שעה, צוויי שעה — מיין ווייב איז ניטאָ. איך בין גוט הונגעריג. בין איך זיך משער אַז מיין ווייב האָט היינט געהאַט אַ שלעכטען טאָג אין פּאָוקער, שפּילט זי לענגער, כדי אָפּצוגעווינען. ווען זי קומט אהיים נאָך דעם ווי זי האָט פאַרלאָרען איז זי אין אַ גאָר שלעכטער שטימונג, און שרייט. באַשליס איך אַליין צו מאַכען נאַכטמאָל כדי אַז ווען מיין ווייב וועט אַהיים קומען זאָל זי טרעפען דאָס עסען אויפ׳ן טיש און ניט האָבען קיין אורזאַך אויף צו שרייען.

קאָכען קען איך. שטעל איך זיך אַוועק און קאָך. דאָס איינציגע וואָס איך קען ניט גוט קאָכען איז זופּ. פאַלט מיר איין אַ געדאַנק אַז איך זאָל אַריינגיין צו מיין שכנ׳טע מירעל, און זי פרעגען ווי אַזוי מען קאָכט זופּ. איך בין צו דער מירעל ניט גלייכגילטיג. צו וואָס לייקענען? מיין ווייב הערט דאָך ניט. אָט די מירעל איז אי שיין, אי גוט און אַ בריה. איר מאַן קומט זעלטען אַהיים. ווען ער קומט אַהיים שרייט ער אויף איר. ווען איך הער דאָס דורך דער וואַנט טוט מיר וויי דאָס האַרץ.

קורץ, איך גיי אַריין צו מיין שכנ׳טע, מירעל.

— אַ גוטען אָוונט!

— אַ גוט יאָר! זיצט, — זאָגט זי.

— אַ דאַנק, — זאָג איך. — איך האָב ניט קיין צייט צו זיצען. איך קאָך נאַכטמאָל.

איך ערקלער איר די גאַנצע לאַגע, אַז איך בין איצט אַ קעכין און איך בין געקומען ביי איר פרעגען אַן עצה ווי מען קאָכט זופּ.

זי זאָגט מיר, אַז זי האָט צוגעגרייט פאַר איר מאַן קניידלאַך־זופּ. איז ער ניט אַהיים געקומען עסען. וועט זי מיר געבען די קניידלאַך. זאָג איך איר, אַז איך וויל ניט צונעמען איר מאַנ׳ס עסען. טאָמער וועט ער אָנקומען. זאָגט זי, אַז ווען איר מאַן קומט ניט אין צייט קומט ער שוין

גאָר ניט אַהיים. זי גיט מיר אַ טעלער זופּ איבערגעדעקט מיט אַ טישטוך און זאָגט מיר: „עסט דאָס געזונטערהייט".

איך דאַנק איר האַרציג און ברייננג אַהיים די קניידלעך. איך רעכען צו זאָגען מיין ווייב, אַז איך אַליין האָב דאָס געקאָכט — זאָל זי עסען גוטע זופּ און זען אַז איך קען גוט קאָכען.

איך האָב געוואַרט נאָך אַ שעה און זעענדיג אַז מיין ווייב איז אַלץ ניטאָ, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז מיין ווייב שפּילט שוין אַ צווייטע סעשאָן פּאָוקער און וועט אַהיים אַזוי גיך ניט קומען. האָב איך זיך אַליין געזעצט עסען און אויפגעגעסען די קניידלעך, וועלכע האָבען געהאַט אַלע טעמ׳ען. איך האָב ניט און וועל ניט ביי מיין ווייב עסען אַזעלכע קניידלעך.

נאָכ׳ן עסען האָב איך איבערגעוואַשען די טעלער, אָפּגעראַמט פון טיש, און געטראַכט וועגען דעם אונטערשיד פון מירעל׳ס קניידלעך צו מיין ווייב׳ס עסען. מיין ווייב ברייננגט פאַרטיגע זופּ פון גראָסערי און מירעלע לייגט אַריין איר נשמה אין געקעכץ. מיין ווייב שרייט און מירעל איז שטיל ווי אַ טויב. מיין ווייב שפּילט פּאָוקער און מירעל אַרבעט אין הויז. מיין ווייב איז תמיד אין כעס און מירעל שמייכעלט אַזוי אַנגענעם, אַזוי ליבליך.

מיינע געדאַנקען ווערען איבערגעשלאָגען פון אַ קלאַפּ אין טיר. איך עפען און מירעל קומט אַריין.

— גוטען אָוונט!

— גוט יאָר! זיצט.

— ווי האָבען אייך געשמעקט די קניידלעך? — פרעגט זי.

— בלויז אין גן־עדן קען מען עסען אַזעלכע קניידלעך, — ערקלער איך. — איך דאַנק אייך זייער. וואויל איז דעם מאַן וואָס עסט אייער געקעכץ. זיצט!

— וואו איז אייער ווייב? — פרעגט מירעל. — איך האָב געהערט דורך דער וואַנט, אַז עס איז ביי אייך שטיל, האָב איך פאַרשטאַנען אַז זי איז נאָך ניטאָ.

— ווען איך הער דורך דער וואַנט ווי אייער ווייב שרייט אויף אייך, — זאָגט מירעל, — פאַרדריסט מיך אי אויף אייער ווייב און אי אויף אייך. מילא, איך לאָז מיין מאַן שרייען אויף מיר, איז ער מיין פּרנסה־געבער. אָבער פאַרוואָס לאָזט איר אייער ווייב שרייען אויף אייך?

— מירעל, — האָב איך אויסגערופען, — טייערע מירעל. איר זיינט

גערעכט. בין איך ניט קיין מענטש, הייס איך ניט יונה (מיין נאָמען איז יונה), אויב פון היינט אָן און ווייטער וועל איך לאָזען מיין ווייב אויף מיר שרייען. זייט איך האָב געגעסען אייערע טייערע קניידלעך בין איך אַן אַנדערער. איך פיל אַז איך בין אַ העלד. יונה גייט מער ניט אין גראָסערי. יונה מאַכט מער ניט די בעטען. יונה וואַשט מער ניט קיין טעלער. יונה לאָזט אויף זיך מער ניט שרייען. איר וועט הערען דורך דער וואַנט ווי יונה שרייט צוריק העכער פון איר. אויב איר, מירעל, וועט הערען ווי יונה לאָזט אויף זיך שרייען, זאָלט איר אויפהערען ריידען צו מיר.

— און וואָס וועט זיין, — פרעגט מירעל, — אויב אייער ווייב זאָל איצט אָנקומען אין מיך טרעפען זיצען לעבען אייך, און מיך באַליידיגען?

— איך וואָלט דאַן אויסגעשריען: „שטיל! שוויג! עפען ניט דעם פיסק, זי איז אַ טייערע פרוי. זי אַרבייט. זי שפילט ניט קיין פּאָוקער!“

איך האָב זיך אין דעם מאָמענט דערפילט ווי אַ גרויסער העלד. איך האָב אַרומגענומען מירעלע׳ן און איר געגעבען אַ קוש.

— מירעלע, — האָב איך געזאָגט. — דאָס קושט איך אַ העלד, וועלכער האָט פאַר קיינעם ניט קיין מורא, אַפילו ניט פאַר זיין אייגען ווייב.

— אויב אַזוי, — האָט מירעל געזאָגט, — וויל איך נאָכאַמאָל הערען וואָס איר וועט זאָגען ווען אייער ווייב וועט אָנקומען און מיר באַליידיגען.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט, גערעדט מיט אַ פויסט אין דער לופט, און איך האָב אויסגערופען: „שאַ! שטיל! עפען ניט דעם פיסק! זי אַרבעט, זי שפּילט ניט קיין פּאָוקער!“

איך האָב אויף זיך אַ קוק געטאָן אין שפיגעל און זיך אַליין באַוואונדערט ווי העלדיש איך זע אויס. איך האָב ווידערהאָלט, קוקענדיג אין שפיגעל, מיינע העלדישע ווערטער: „שאַ! שטיל! עפען ניט דעם פיסק!“

אין מיטען פון אָט די דערמאָנטע ווערטער איז אַריינגעקומען מיין ווייב און אויסגערופען: „זע נאָר ווי ער רעדט ווי אַ משוגענער צום שפיגעל!“ זי האָט דערזען מירעל׳ען און זי האָט צו איר אויסגערופען: „ברוך הבא, סקאָצל קומט! ווער האָט נאָך אייך געשיקט? איר זייט געקומען פאַרפירען מיין מאַן! אַרויס פון דאַנען!“

איך האָב גאָרניט געזאָגט. ווען איך וואָלט זיך אַריינגעמישט וואָלט מיין ווייב געשריען נאָך העכער. מירעל איז אַנטלאָפען.

זייט דעמאָלט קומט מירעל מער ניט צו מיר און איך קום ניט צו איר. איך טרעף זי יעדען אין דער פרי אין דער גראָסערי. איך רעד ניט צו איר, וויל מיין ווייב האָט מיר פאַרבאָטען מיט איר צו ריידען. אָבער ווען איך זע זי דערמאָן איך זיך אין יענע העלדישע מאָמענטען ווען איך האָב גערעדט ווי אַ העלד, געקוקט אויף מירעל׳ען און געקוקט אויף זיך אין שפיגעל. איך וועל יענע העלדישע מאָמענטען קיינמאָל ניט פאַרגעסען!